STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04926

LEBENSBESHRAYBUNGEN FUN BERIHMTE MENER

Permanent preservation of this book was made possible
by Andrew & Francine Katz
in memory of
the lost members of the Kotz & Zelasko families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבענסבעשרייבונגען

פון

בעריהמטע מענער

א גרויסע זאמלונג ביאגראפיעס פון די גרעסטע מענער פון אלע פעלקער אין אלע צייטען.

באנד II

דענקער

ליטעראַרישער פערלאג
256 איסט בראדוויי, ניו־יארק.
1916

א י נ ה א ל ט:

ד ר. ק. פ א ר נ ב ע ר ג. סאקראטעס.
זיין לעבען, זיין פילאזאפיע, זיין צייט.

פ י ל י פ ק ר א נ ץ. אריסטאטאל.
דאס לעבען און די לעהרען פון גרעסטען פילאזאף פון אלטען גריכענלאנד.

פ י ל י פ ק ר א נ ץ. ברוך ספינאזא.
זיין לעבען און פילאזאפיע.

י ע ק ב ג א ר ד י ן. וואלטער.
אלס מענש און דענקער.

פ ר ץ װ י ע ר נ י ק. רב סעדיה גאון
דער ערשטער אידישער רעליגיאנס-פילאזאף.

פ ר ץ װ י ע ר נ י ק. דער ווילנער גאון.
דער גייסטיגער פיהרער פון די מתנגדים.

ח. א ל ע ק ס א נ ד ר א װ. ליעוו טאלסטאי.
זיין לעבען און ליטערארישע טהעטיגקייט.

סאקראטעס

זיין לעבען, זיין פילאָזאָפיע און זיין צייט.

— פון —

דר. ק. פארנבערג.

ליטעראַרישער פערלאַג
Yiddish Literary Publishing Company
256 East Broadway, New York.
1914

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

איינלייטונג.

סאָקראַטעס, — זיין לעבען, זיין פילאָזאָפיע אין זיין צייט.

סאָקראַטעס! מיט דער גרויקייט פון 23 יאהרהונדערטע איז בעדעקט דער נאָמען, און דאָך ווי יונג, ווי פריש ער איז, ווי העל ער לייכט נאָך היינט אויף אויף דעם הימעל פון דער מענשהייט!

אין א גאַנץ אלטער וועלט, צווישען גאַנץ פרעמדע מענשען, אונטער גאַנץ אנדערע אומשטענדען האָט סאָקראַטעס געלעבט, געווירקט, געליטען און געשטאָרבען, — און דאָך, ווי נאָהענט, ווי טייער, ווי ליעב ער איז נאָך היינט אונז!

אין דעם ספר־היחוס פון דער מענשהייט, צווישען די בע־ליעבטע, מיט אונשטערבליכקייט געקרוינטע, גייסטיגע העלדען איז סאקראטעס'עס בלאט פערשריעבען מיט די שענסטע בוכשטאבען אין דער ערהאבענסטער שפראך.

סאקראטעס'עס גרויסקייט, סאקראטעס'עס אונשטערבליכקייט און סאקראטעס'עס בעליעבטקייט זיינען ניט געשאפען פון איין סאָרט מאטעריאל און האלטען זיך ניט אויף איין גרונדשטיין. סאָק־ראַטעס שטעהט פאר דער וועלט אין דער דרייפאכיגער פרעכטיגער געשטאלט: אלס פילאָזאָף, אלס מענש און אלס מארטירער.

אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאנק איז ער בע־וואוסט אלס דער בענייער פון דער פילאָזאָפיע. אין דער צייט, ווען א גייסטיגער תהו־ובהו און א מאָראַלישער חורבן האָבען גע־הערשט אין דער פילאָזאָפיע; ווען מען האָט אויפגעהערט צו האָ־בען פעסטע איבערצייגונגען און אָנגעהויבען צו צווייפלען אין די געטער ווי אין די מענשען, אין שכל, ווי אין געפיהל, דאן איז געקומען סאקראטעס און האָט — ווי דער בעריהמטער רוימער

ציצערא דריקט זיך אויס — „אראפגעבראכט די פילאזאפיע פון הימעל אויף דער ערד און פערפלאנצט זי אין די שטעדט און אין די הייזער און געצוואונגען די מענשען צו פארשען, וואס איז דאס לעבען און וואס איז די מאראל, וואס איז גוט און וואס איז שלעכט".

און דאס וואס סאקראטעס האט געבראכט און געשיינקט דער מענשהייט, דאס האט די מענשהייט צוגענומען און טייער געהאל־טען און געהיט. די ווייטערדיגע געשיכטע פון דער פילאזאפיע ציהט זיך אין דירעקטער ליניע פון סאקראטעסען. ניט נור די „ריינע סאקראטיקער", די 4 שולען, וועלכע זיינען געגרינדעט גע־ווארען דורך 4 שילער (אוקלידעס, פעדא, אנטיסטהענעס און אריס־טיפפוס) האבען זיך בעמיהט פארטצוזעצען יעדע אויף איהר ארט דאס, וואס זיי האבען געפונען פאר דעם וויכטיגסטען טייל פון סאקראטעס'עס לעהרע, נאר אויך די גרויסע פילאזאפישע סיסטע־מען פלאטא'ס און אריסטאטעל'עס שטאמען פון סאקראטעס'ען. און דאס איז נאך מערקווירדיגער, ווייל סאקראטעס אליין האט קיין איינציגע שורה פון זיין פילאזאפיע ניט אויפגעשריעבען אויף זיין לעבען און קיין מאל ניט אויסגעארבייט קיין פאלשטענדיג פילא־זאפיש סיסטעם.

אבער נאך גרעסער פיעלייכט איז דער איינפלוס און די צו־ציהונגס־קראפט פון זיין פערזאן. סאקראטעס'עס פילאזאפיע איז פאר דער מענשהייט היינט נישט מעהר ווי אן ערינערונג פון די קינדער־יאהרען. סאקראטעס'עס פערזאן אבער איז פאר אונז נאך היינט פול מיט אינטערעס און א בעזונדערען צויבער.

„יעדער יאהרהונדערט האט זיין חלק אין דער שאפונג פון שטארקע, קלארע און קאלטע קעפ. און עס האט געוויס קיין מאל ניט געפעהלט קיין ווארמע הערצער. אבער זעלטען טרעפט דאסביידע מעלות זאלען זיין פערבונדען צוזאמען, און עס איז איינע פון די זעלטענסטע ערשיינונגען צו זעהן, ווי א הארץ, פול מיט מעכטיגער קראפט, זאל ארבייטען כדי צו האלטען דעם קאפ אוי־בען קאלט. אזא פערבינדונג טרעפט איין מאל אין טויזענדע יאה־רען. דערפאר, ווען אזא זאך טרעפט, האלט אן דער איינפלוס און די מעכטיגע ווירקונג פון אזא פערזאן פאר א לאנגער רייהע יאהר־

הונדערטע“. דערמיט ערקלערט דער פּערפאסער פון „די גריעכישע דענקער“, פּראָפעסאָר גאָמפּערץ דעם פאקט, וואָס דער גלאנץ פון סאָקראטעס'עס וואונדערבארער פּערזאָן איז עד היום ניט דונקעלער געווארען און ניט בלאסער.

עס איז דאָ א דריטע אורזאכע, פאר וואָס די מענשהייט קאָן קיין מאָל סאָקראטעס'ען ניט פערגעסען. „דאָס בעסטע, וואָס איז געוועזען אין סאָקראטעס'עס פילאָזאָפיע, איז געוועזען זיין לעבען, און דאָס בעסטע פון זיין לעבען איז זיין טויט“, בעמערקט גאנץ וויציג פּראָפעסאָר לודוויג שטיין. די געשיכטע פון דעם מענשליכען פּראָגרעס איז, צום אונגליק, אויסגעוועייקט אין דעם בלוט, דורכגענומען פון די צרות און ענוים פון איהרע בעסטע, איידעלסטע קינדער, פון די אלע גרויסע און קליינע, סיי בעריהמטע און סיי אין גאנצען אונבעקאנטע און פערגעסענע קעמפּפער און מארטירער פאר רעכט, פרייהייט און וואהרהייט. סאָקראטעס'עס גרויסקייט ווערט פאָלשטענדיג דורך דעם, וואָס, אָבלעבענדיג זיין לעבען אין דיענסט פון דער וואהרהייט, האָט ער געענדיגט זיין לעבען אלס איינער פון די ערהאבענסטע מארטירער פאר וואהרהייט. — —

אין פערלויף פון די 2300 יאָהר, וואָס זיינען אוועק נאָך סאָקראטעס'עס טויט, איז א גאנצע ביבליאָטעק אָנגעשריעבען געווארען וועגען איהם. מען קאָן אָבער ניט זאגען, אז דאָס טעמא איז שוין אויסגעשעפּט, אז אלץ אין זיין לעבען איז שוין בעלויכטען און פעסטגעשטעלט געווארען, און אז עס איז גאָר ניט געבליעבען קיין נייעס וואָס צו זאגען וועגען איהם. גראָד פערקעהרט, די נייעסטע גרעסערע פאָרשונגען וועגען סאָקראטעס, האָבען געשאפען אָריגינעלע בילדער פון סאָקראטעס'ען און אויסגעפונען נייע שטריכען.

אין אלגעמיין ווערט סאָקראטעס'עס פּערזאָן געשילדערט פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע שטאנדפּונקטען. „פריהער, אין 18-טען יאהרהונדערט — דערצעהלט עדמאונד פּפליידער — האָט מען געהאלטען סאָקראטעס'ען פאר א פאָלקס-פילאָזאָף, פאר א מאראלפּרעדיגער, וועלכער האָט ניט געהאט קיין אייגען סיסטעם און ניט געשאפען קיין נייע געדאנקען. מען פלעגט סאָקראטעס'ען שילדערן,

ווי א הייליגען, ווי א נזיר, אָהן בלוט און אָהן לעבען, אבגעריסען פון זיין פאָלק און פון זיין צייט, א פערקערפערונג פון „אייביגער מאָראל."

נעגען אָט דער אויבערפלעכליכער מיינונג איז ארויסגעטראָטען זעהר שטארק אין דער ערשטער העלפט פון 19־טען יאהרהונדערט דער דייטשער פילאָזאָף שלייערמאכער. ער האָט גענומען בעווייזען, אז סאָקראטעס איז געווען איין עכטער און גערעכטער פילאָזאָף, א גרויסער זעלבסטשטענדיגער דענקער, א מאן, וועלכער האָט געשאפען א ניי סיסטעם. און די דאָזיגע מיינונג איז אָנגענומען געווארען עד היום.

אָבער פון שלייערמאכער אָן האָט די היסטאָרישע וויסענשאפט געמאכט גרויסע פארטשריטע, און די היסטאָרישע פאָרשונגען — גרויסע ענטדעקונגען. מען האָט זיך דערוואוסט א סך סודות פון דער פערגאנגענהייט. מען האָט אויך גענומען פערשטעהן בעסער ווי צו קוקען אויף די געגענווארט און די פערגאנגענהייט, אויף דאָס היינט און דאָס אמאָל. „ווען דו ווילסט דעם דיכטער קענען, מוזטו אין דיכטער'ס לאנד געהן". דעם גרעסטען מענשען קאָן מען ניט ריכטיג בעגרייפען, ווען מען זאָל ניט וויסען די צושטענדע פון דער צייט און פון דעם לאנד, וואו ער האָט געלעבט. און די צושטענדע פון לאנד — אפילו די ריין גייסטיגע — קאָן מען ניט ריכטיג פערשטעהן, ווען מען זאָל ניט וויסען די בעדינגונגען, אונטער וועלכע עס קומט דאָרטען אוים צו לעבען און צו ליידען די גרויסע פאָלקס־מאסען. מיט אנדערע ווערטער: כל זמן מען פערשטעהט ניט ריכטיג, פון וואָס און ווי עס בעשטעהט דער פונדאמענט פון דער געזעלשאפט — די עקאָנאָמישע און סאָציאלע פערהעלטניסע — קאָן מען ניט ריכטיג פערשטעהן און אָבשאצען די העכערע שטאָקען פון דעם געביידע — די גייסטיגע צושטענדע. און כל זמן מען ווייס נישט דעם עקאָנאָמישען און סאָציאלען אונטערבוי, קאָן מען נישט בעגרייפען די איינצעלנע פערזאָנען, ווארום יעדער איינצעלנער מענש, ווי גרויס און געניאל ער זאָל ניט זיין, איז א קינד פון זיין פאָלק, און דער כאראקטער פון זיין וועלט־

אנשויאונג הייננט זעהר שטארק אָב פון דעם כאראקטער פון דער צייט און פון די בעדינגונגען פון דער ארומיגער וועלט.

בעזונדערס וויכטיג איז צו וויסען און קענען די ארומיגע וועלט, ווען עס האנדעלט זיך וועגען סאָקראטעס'ען, ביי וועמען דאָס לע־בען איז, ווי געזאָגט, „דאָס בעסטע פון זיין פילאָזאָפיע און דער טויט דאָס בעסטע פון זיין לעבען". און אין סאָקראטעס'עס טויט שפּיעלט דאָך דאָס פאָלק אליין שוין די הויפּטראָלע.

סאָקראטעס'עס בעציהונגען צום פאָלק פון אטהען איז אליין איינע פון די אינטערעסאנטעסטע פראגען וועלכע בעטען זיך גע־דרש'נט צו ווערען. זייענדיג אליין — ווי מיר וועלען זעהן — איין עכטער אטהענער, און צוציהענדיג צו זיך אזוי פיעל הערצער, האָט ער דאָך צו דערזעלבער צייט אזוי שטארק דערוויטערט פון זיך און פערביזערט דאָס אטהענער פאָלק, אז ער האָט געמוזט ענדיגען זיין לעבען אלס מארטירער פון גיפט־בעכער.

סאָקראטעס'עס ביאָגראפיע צו שרייבען איז ניט געוועזען קיין לייכטע און איינפאכע זאך. די קוועלען פון וועלכע מיר וויסען עפּעס איבער סאָקראטעס'עס לעבען, זיינען ערשטענס ניט פאָלשטענדיג און צווייטענס זיך סותר איינע די אנדערע. נאָר צוויי פון זיי פאר־דיענען צוטרויען (אויסער איינינע קורצע בעמערקונגען פון ארים־טאָטעלעסען). יעדע פון זיי האָט איהרע מעלות, אָבער אויך איהרע חסרונות, און יעדע פון זיי גיט א בעזונדער בילד פון סאָקראַ־טעס'עס לעבען און פילאָזאָפיע. די צוויי קוועלען זיינען: קסענאָ־פאָנ'ס ערינערונגען וועגען סאָקראטעס'ן („מעמאראביליען") און פּלאטא'ס „געשפּרעכען" („דיאלאָגען").

קסענאָפאָן איז געוועזען א שילער פון סאָקראטעס און א גריע־כישער היסטאָריקער. ער דערצעהלט אין זיינע זכרונות וועגען סאָק־ראטעס'ען קאלט, גלאט וואָכעדיג אלץ, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט פון איהם. אָבער די צרה איז, וואָס קסענאָפאָן אליין איז א מענש מיט א פלאכען קאָפּ, און עס איז א גרויסער ספק, צו איז ער געוועזען פעהיג טיעף געגוג און ריכטיג געגוג צו פערשטעהן סאָק־ראטעס'עס לעהרע. אויסערדעם איז זיין ווערק געשריעבען געווא־רען מיט דעם צוועק צו פערטיידיגען סאָקראטעס'ען געגען די אנ־

קלאגען פון זיינע שונאים. און עס פאלט ארײן א ספק: צו האט ער ניט בעהאלטען פאקטען, וועלכע זיינען געוועזען געגען סאקראטעס׳ען?

פון א גאנץ אנדער סארט איז די צווייטע קוועלע — פלאטא׳ס ווערק. אז פלאטא האט שוין גוט פערשטאנען דעם רבי׳ן איז קיין ספק ניט. אבער די צרה איז, וואס ער האט שוין צופיעל פערשטאנען, וואס ער איז אוועק פיעל ווייטער פאר׳ן רבי׳ן; וואס אויס בעגייסטערונג פאר דעם רבי׳ן לעגט ער אין יענעמ׳ס מויל ארײן אפילו זיינע אייגענע נייע געדאנקען. זיינע געדאנקען זיינען אבער אפט אזוי ווייט פון סאקראטעס׳עס געדאנקען ווי דער הימעל פון דער ערד. פון פלאטאס שריפטען אויפבויען סאקראטעס׳עס סיסטעם איז יעדענפאלס א שווערע זאך.

עס איז דערפאר אנגענומען געווארען צו שרייבען סאקראטעס׳עס ביאגראפיע אויף איינעם פון די פאלגענדע 2 אופנים: אדער מען נעהמט קסענאפאן פאר די הויפטקוועלע און מען פרובירט אויס אלץ, וואס ער רעדט אין סאקראטעס׳עס נאמען, אויף דעם פרוביר־שטיין פון פלאטא׳ס שריפטען, אדער מען בענוצט אלס פונדאמענט פלאטא׳ס שריפטען און מען געברויכט קסענאפאנ׳ס ערינערונגען אלס א זיפ אום אבצוזונדערן סאקראטעס׳עס אלטע געדאנקען פון פלאטא׳ס נייע.

דער אונטערשיעד קומט ארויס ניט קיין גאנץ גרויסער, ווארום — ווי עס בעמערקט דער בעוואוסטער פארשער עדוואַרד צעלער — „עס ווייזט זיך ארויס, אז קסענאפאנ׳ס ערצעהלונגען פון איין זייט און די היסטארישע פאקטען, וועלכע מיר געפינען ביי פלאטא פון דער צווייטער, שטימען אין דער הויפטזאך איינס מיט דאס אנדערע“. אדער — ווי פפלאדער מיינט — „מען דארף נעהמען קסענאפאנ׳ס ניט־בעארבייט מאטעריאל און דאס לאזען פערגייסטיגען דורך פלאטא“. אויף אזא אופן בעקומען מיר א ריכטיג בילד פון סאקראטעס׳עס לעבען און לעהרע.

ערשטער קאפיטעל.

דאָס אטהאנער פאָלק און סאָקראַטעס'עס יוגענד.

סאָקראַטעס איז געבאָרען געוואָרען אין אטהען, דער הויפּט־שטאָדט פון דער גריעכישער פּראָווינץ אטטיקא, אין יאָהר 471, אָדער 470 פאר קריסטוס' געבורט. זיינע עלטערן זיינען געוועזען ארימע בעלי־מלאכות: דער פאטער סאפראניסקאס א סקולפּטאר, די מוטער — א הייבאם.ביידע עלטערן האָבען געשטאמט פון אטהענער בירגער, אָבער ביידע זיינען ניט געווען קיין גרויסע מיוחסים.

די שפּעטערדיגע שרייבער האָבען אפילו געוואָלט מאכען פון סאפראניסקאס'ן א שטיקעל נגיד. זיי האָבען געזאָגט, אז ער האָט געהאט א גוט הויז מיט א רעכטען שטיקעל ערד, פון וועלכע סאָק־ראטעס האָט דערנאָך געצויגען זיין חיונה. אָבער סאָקראַטעס אליין לייקענט עס אָב. ער גיט אָן זיין גאנץ פערמעגען אין פינף מינען (אן ערך פון 80 דאָלאר), א סומא, וואָס איז געווען גאנץ קליין אפילו פאר יענער צייט. אויך קסענאפאן בעשטעטיגט, אז דאָס פער־מעגען איז געווען א זעהר קליינס.

געבאָרען צו ווערען פון א פּראָסטע פאמיליע אין ארימע אומשטענדען איז זיכער ניט קיין גרויסע ערבות פאר א העכערער צוקונפט. פאר סאָקראַטעס'ען איז די זאך געווען נאָך שווערער, ווייל זיין פאטער אליין האָט, ווי עס ווייזט אויס, נאָר ניט גע־טראכט וועגען דעם, ווי צו שאפען פאר זיין זוהן אן אנדערע, בע־סערע צוקונפט. ער האָט געהאלטען, אז פאר זיין זוהן איז גוט גענוג צו זיין א סקולפּטאר.

סאָקראַטעס איז געוואָרען א בעל־מלאכה, און האָט געארבייט צוזאמען מיט'ן פאָטער א סך יאָהרען. ער איז פערבליעבען ביי זיין

מלאכה, ביז ער איז אלט געווארען 35 יאהר. דאס איז כמעט אלץ, וואס מיר ווייסען וועגען סאקראטעס'עס יוגענד.

סאקראטעס איז אלזא געווען א קינד פון פאלק, און די ערשטע העלפט פון זיין לעבען האט ער פערבראכט אין שווערער ארבייט. ווי זשע קומט עס, אז ער האט געקאנט ווערען דאס, וואס ער איז שפעטער געווארען? ווי אזוי האט ער געקאנט זיך אויף אזוי ווייט אויסבילדען און ענטוויקלען, צו ווערען דער לעהרער און אויפקלע־רער פון פאלק?

אויף די פראגען איז דא איין תשובה: סאקראטעס איז גע־ווען איין אטהאנער בירגער, זאגאר א בירגער מיט פולע רעכט, א פאלבירגער (דאס הייסט, אז זיינע ביידע עלטערן זיינען געווען גע־בארענע אטהענער), און ער איז געבארען געווארען אין יאהר 71—470 פאר קריסטוס. אין די צוויי אויסערליכע פאקטען ליעגט דער גאנצער שליסעל צו פערשטעהן סאקראטעס'עס פערזאן, זיין ענט־וויקלונג און זיין פילאזאפיע.

* * *

„א גאנץ קליינעם שטח ערד האט פערנומען די גריעכישע שטאדט אטהען צוזאמען מיט דער פראווינץ אטיקא. ניט גרויס איז אויך געווען איהר מאכט אלס שטאט. אבער ניט אויסצומעסטען איז די ווירקונג, וועלכע אטהען האט געהאט אויף דאס לעבען פון דער ציוויליזירטער וועלט. די כחות, וועלכע אטהען האט געשיינקט דער וועלט, קומען פון אונשטערבליכע אידעען: פילאזאפיע, וועלט־פארשונג, וויסענשאפטען, שפראך, ליטעראטור, קונסט, פעראיי־דעלונג און פערפיינערונג פון דער מענשהייט. דאס אלץ זיינען די אונשטערבליכע מתנות, וועלכע אטהען האט איבערגעלאזען דער מענשהייט בירושה.

„אין דער צייט, ווען אטהען האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון איהר ענטוויקלונג, האט איהר גרעסטער שטאטסמאן גערופען זי די שול פון גריעכענלאנד... דער גייסט, דורך וועלכען די גריעכען צייכנען זיך אויס, דער גייסט פון דער אטהענישער בילדונג, פעראייניגט אלע גריעכען אין איין נאציאן פון העלענען, מעהר ווי די אבשטאמונג פון איין פאלק... אזוי האט ארויסגע־

שטעלט זיין נאציאָנאַלעס פּראָגראַם איין אנדער גרויסער גריעכע, איזאקראַטעס.

ווען איזאקראַטעס איז ארויסגעטראָטען מיט דעם פּראָגראַם, דאַן זיינען די גרויסקייט און שטאַרקייט פון דער גריעכישער נאַציאָן שוין געוועזען צושטערט, אַלע פּאָליטישע בענדער זיינען שוין געווען צוריסען. די פערשיעדענע גריעכישע שבטים און מלוכות האָבען געהאַלטען אין איין אויסקיילענען און אויפפרעסען איינע די אנדערע. אַלץ איז שוין געווען פערניכטעט. נאָר די נאַציאָנאַלע גריעכישע בילדונג איז געבליעבען. די נאַציאָנאַלע גריעכישע בילדונג איז געווען די אַטהענער בילדונג. און זי אליין איז געווען גענוג צו פעראייניגען און פעסטצוהאַלטען די נאַציאָן. דיזעלבע בילדונג איז געוואָרען שפּעטער די בילדונג פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט און זאָגאַר אונזער נייעסטע קולטור שטעהט מיטביידע פיס פעסט אויף דעם אַטהענישען באָדען.

די אמת'ע שאַפּונגס-קראַפט פון אַטהען האָט געדויערט אַ גאַנץ קורצע צייט. זי העבט זיך אָן נאָך די גרויסע זיעגען איבער די פּערסער, וועלכע האָבען דאַמאָלס בעהערשט די גריעכען אין אזיען און געוואָלט הערשען אויף זיי אויך אין אייראָפּא. זי ענדיגט זיך מיט די גרויסע מפּלות און קלעפּ, וועלכע אַטהען האָט בעקומען אין מערדערישען ברודער קריעג, וועלכער איז בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער פּעלאָפּאָנעזישער קריעג“. אין יאָהר 479 פאַר קריסטוס האָבען די פעראייניגטע בירגער פון אַטהען און פון דער אַנדער גרויסער גריעכישער שטאָדט ספּאַרטאַ, דער הויפּטשטאָדט פון דער פּראָווינץ לאַקאָניען ארויסגעטריעבען די לעצטע שפּורען פון די פּערסער פון דער באַלקאַנישער האַלב-אינזעל. אין יאָהר 431 האָט אַ ספּאַרטאַנישער חיל שוין געמאַכט דעם ערשטען אָנפאַל אויף אַטהענ'ס לאַנד, אויף אַטיקאַ.

קיין אנדער פאָלק האָט קיינמאָל אין דער געשיכטע ניט ארויסגעוויזען אַזאַ גלייכמעסיגע פערבינדונג פון העלדענמוט אין דער צייט פון מלחמה און פון גייסטיגער בילדונג אין די צייטען פון שלום. קיין אנדער פאָלק האָט זיך ניט איינגעגעבען אַזוי שנעל און אַזוי גלענצענד אויפצובליהען. אָבער אויך קיין אנדער פאָלק

איז אזוי גיך ניט אריבער זיין העכסטע שטופע און אזוי מורא׳דיג גענומען פאלען ווי דאָס גריעכישע, דערהויפט ווי דאָס פאָלק פון אטהען. א פראָצעס, וואָס דויערט אנדערטהאלב הונדערטער יאָה־רען, איז דאָרט אָבגעלאָפען אין עטליכע צעהנדליג יאָהרען״. (עדוארד צעללער. „דיא פילאָזאָפיע פון די גריעכען״.)

און אָט אין דער לעבעדיגער, טהעטיגער, גלענצענדער עפאָכע איז דאָס סאָקראטעס געבאָרען געווארען און פערבראכט די ערשטע העלפט פון זיין לעבען.

אין יענער צייט האָט אטהען שוין געהאט דורכגעמאכט די גרויסע רעוואָלוציאָן אין איהר עקאָנאָמישען לעבען און אין איהרע פראָדוקציאָנס־אופנים. אין יענער צייט האָט אטהען שוין אויפגע־הערט צו זיין א לאנד פון פויערים און פון לאנדווירטשאפט. זי איז געווארען א לאנד פון בליהענדער אינדוסטריע און האנדעל. זי איז געווארען א לאנד פון פארצייטיגען קאפיטאליזמוס, דער קאפי־טאליזמוס, וועלכער איז געווען געבויט אויף שקלאפענארבייט.

נור איין פיערטעל פון לאנד איז געווען פערזייט מיט תבואות. פון איהרע תבואות אליין האָט אטהען ניט געקאָנט לעבען און אויך ניט געקאָנט קאָנקורירען מיט אנדערע לענדער פון יענער זייט ים. אטהען האָט געמוזט צוקויפען תבואות דאָפעלט אזויפיעל ווי זי אליין האָט געשאפען. דער פויער האָט זיך גענומען מיאש זיין אין די גליקען פון אקערבוי און לויפען אין שטאדט. דערמיט איז אויך צוריסען געווארען דער צובונד צו זיין שבט. די אלטע טיילונג אין שבטים האָט געמוזט אויפהערען צו שפיעלען די וויכטיגע ראָ־לע אין פאָליטישען לעבען. די אלטע טיילונג אין אריסטאָקראטען און פראָסטע האָט פערלאָרען איהר ווערטה. און א נייע טיילונג אין קלאסען האָט פערנומען דעם ערשטען פלאץ: אין יענער צייט האָט דער קלאסענגעגענזאץ צווישען שטאדט (אינדוסטריע און האנדעל) און דאָרף (ערדארבייט) גענומען שפיעלען די וויכטיגסטע ראָלע אין דער געזעלשאפט און פאָליטיק.

די בעפעלקערונג האָט זיך געצויגען אלץ מעהר צו דער שטאדט. דאָרט האָבען די פעראָרמטע און פערהונגערטע פויערים געפונען א סך בעשעפטיגונגען. זיי זיינען געווארען בעלי־מלאכות, קרעמער,

מאטראַזען, פוהרלייט, א. ד. גל. די שטאדט און דער האפען האָבען געפאָרדערט מענשען. דאָרט האָט שטענדיג געקאָכט. האנדעל און אינדוסטריע האָבען געבליהט. די עשירות איז געוואקסען שנעל. די פאבריקאציאָן האָט זיך ענטוויקעלט און גענומען ארויסרופען גרויסע אונטערנעהמונגען, וועלכע פלעגען שאפען סחורות פאר פרעמדע לענדער.

די שטאדט האָט געפאָרדערט פיעל ארבייטס קרעפטען. דאָס אטהענער פאָלק איז אָבער געווען צו קליין צו בעפריעדיגען דעם בעדארף אין ארבייטס־הענד. און די אטהענער בירגער זיינען גע־קומען אויפ׳ן שכל צו לאָזען ארבייטען ביי די שווערע מיני אר־בייט שקלאפען און פרייע פרעמדע, אדער פרייגעלאָזענע שקלאפען (מעטעקען).

פאר זיך האָבען זיי געפונען א בעזונדערע בעשעפטיגונג: פאָליטיק. זיי האָבען זיך גענומען ענטוויקלען אלס א פאָלק פון הערשער, א פאָלק פון דורכאוים פאָליטיקער. אטהען׳ס עשירות, אטהען׳ס מסחר און אינדוסטריע זיינען געוואקסען גיך, און צו־זאמען מיט דעם איז די שטאדט געוואקסען מיט דער זעלבער מערק־ווירדיגער שנעלקייט. 365.000 שקלאפען און 45.000 פרייע פרעמ־דע האָט אטהען געהאט. אטהענישע בירגער, קינדער פון אטהעני־שען פאָלק, זיינען אָבער געווען אין שטאדט נור פון 20 ביז 30 טויזענד (אן ערך פון 90.000 מיט ווייבער און קינדער). מען פער־שטעהט פאר וואָס די אטהענער האָבען געקאָנט האָבען פיעל אר־בייט ביי דער רעגיערונג, אפילו אין אטהען גופא.

דערצו איז נאָך אטהען געווארען דער מיטעלפונקט פון א גרויסער און שטארקער מלוכה. די געוואלטיגע נצחונות פון אטהען איבער די פערסער, צוזאמען מיט איהר גרויסען ערפאָלג אין דער אינדוסטריע און האנדעל האָבען געעפענט ניי וועלטען פאר איהר פאָליטישער און עקאָנאָמישער הערשאפט. די 300 שטעדט און קאָלאָניען פון די פערבינדעטע גריעכען, וועמעס מיטעלפונקט און פערזאמלונגסאָרט איז געוועזען די אינזעל דעלאָס, זיינען מיט דער צייט געווארען א ו נ ט ע ר ט ה א נ ע ן פון אטהען, וועלכע איז געווען לכתחילה נאָר איינע פון די פערבינדעטע. די בונדעס־קאסע

האָט מען אריבערגעפיהרט צו איהר און די גרויסע הכנסות צוזאמען מיט די הכנסות פון די זילבער־גרובען אין פערשידענע געגענדען זיי־נען געווען א רייכע קוועלע, פון וועלכער מען האָט געקאָנט שעפּען אי אויף צו פערגרעסערן אטהען׳ס מאכט, אי אויף צו פערשענערען און אויסצופוצען די שטאדט, אי אויף אויסצוהאלטען גאנצע מחנות פון פּאָליטיקער און „הערשער“.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז געווען גאנץ נאטירליך, וואָס די דעמאָקראטיע האָט געמוזט זיך ענטוויקלען ווייטער, און וואָס די פּריווילעגיען פון די אריסטאָקראטען האָבען געמוזט פאַ־לען איינע נאָך די אנדערע.

די קאפּיטאליסטישע שטאדט אטהען האָט געוואוסט נאָר פון איין גרויסער טיילונג: דער טיילונג אין רייך און ארים. די גרוי־סע ים־מאכט אטהען האָט זיך גענויטיגט אין דער צופריעדענהייט פון איהרע אייגענע בירגער, כדי מיט זייער הילף צו קאָנען האַל־טען אין צאם די פרעמדע: די פיעלע שקלאפען אין אייגענעם לאנד און די פרייע און שקלאפען אין די לענדער פון די „פערביני־דעטע“ אונטערטהאנען.

דער אטהענער קאפּיטאליזמוס האָט געפאָדערט די הערשאפט פון דער דעמאָקראטיע, און זי האָט געהערשט. אין אטהען האָט עקזיסטירט נאָר איין רעגיערונג, נאָר איין מאכט, און דאָס איז געווען די רעגיערונג און די מאכט פון דער פאָלקס־פערזאמלונג, אין וועלכער יעדער געבאָרענער אטהענער (וועמעסביידע על־טערן זיינען געווען אטהענער) האָט געהאט דאָס רעכט און זאָ־גאָר די פפליכט אנטייל צו נעהמען. די פאָלקס־פערזאמלונג איז געווען די איינצעלנע געזעצגעבערין, די אדמיניסטראציאָן, דאָס גע־ריכט. זי פלעגט אויסקלייבען בעאמטע, פיהרען די אינערליכע און אויסערליכע פּאָליטיק, בעשליסען וועגען די הוצאות און הכנסות פון דער רעגיערונג. יעדער בירגער האָט ניט נאָר געהאט דאָס רעכט צו נעהמען אנטייל אין דער פערזאמלונג, נאָר ער האָט געהאט אויך דאָס רעכט צו מאכען פאָרשלעגע. יעדער האָט געהאט די מעגליכ־קייט אויסגעקליעבען צו ווערען אין דעם ראַטה פון די 500, דער העכסטער רעגיערונג אין שטאדט, און געהאט דעם צוטריט צו אלע

עמטער. כדי די דעמאָקראַטיע זאָל ניט ליידען, האָט מען זאָגאַר איינגעפיהרט, אז אַלע עמטער — אויסער די, ביי וועלכע עס פאָר־דערן זיך ספּעציעלע קענטניסע אזוי גוט ווי די מיליטערישע — זאָלען בעזעצט ווערען דורך וואַרפען גורל.

* * *

דאָס גאַנצע אַטהענישע פאָלק האָט רעגיערט. דאָס גאַנצע פאָלק איז געווען פערפּפליכטעט צו דיענען אין דער אַרמעע און אין דער פלאָטע. דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך בעשעפטיגט מיט פּאָ־ליטיק. עס איז זאָגאַר פערעכענט געוואָרען פאַר א פערברעכען געגען דער מאָראַל און געגען פאָלק זיך ניט צו אינטערעסירען מיט פּאָליטיק. צו דער דאָזיגער ראָלע האָט דאָס פאָלק זיך געמוזט ערנסט פּאָרבערייטען. דערפאַר איז אזוי פיעל מיה אוועקגעלעגט געוואָרען אויף די ערציהונג און אויסבילדונג פון דער יוגענד.

כאָטש אין אַטהען זיינען קיין רעגיערונגס־שולען ניט געווען, דאָך פלעגט יעדעס קינד אין אַטהען פון די גאַנץ יונגע יאָהרען אָן בעזוכען די פאָלקס־שול. דאָרט פלעגט מען לערנען לעזען, שרייבען, רעכענען, מוזיק און מעהר ווי אַלץ גימנאַסטיק. די אַטהענער דע־מאָקראַטיע האָט ניט געוואָלט האָבען קיין אונוויסענדע בירגער, זי האָט אבער אויך ניט געוואָלט האָבען קיין פערצערטעלטע שוועכלינגע. גימנאַסטיק האָט געהאַט א פּראַקטישע בעדייטונג. מו־זיק האָט געהאַט א מאָראַלישע ערציהונגס־קראַפט, ווארום מוזיק איז געווען פערבונדען מיט דעם גאַנצען מאָראַליש־רעליגיעזען סיס־טעם. צו מוזיק האָט געהערט ניט נאָר זינגען און שפּיעלען, נור אויך דעקלאַמירען די געדיכטע פון די נאַציאָנאַלע פּאָעטען, בע־זונדערס פון האָמער. די מוזיק איז אויך געווען בעגלייט פון טאַנץ, וועלכער איז געווען פערבונדען מיט די פיעלע רעליגיעזע פּראָצע־סיאָנען, וואָס האָבען געשפּיעלט אזא גרויסע ראָלע אין אַטהענ׳ס סאָציאַלען לעבען.

די ערציהונג אין פאָלקס־שול האָט געדויערט ביז 16 יאָהר. אָבער קונסט און וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און בילדונג האָבען דער־

גרייכט אזא הויכע מדרגה, אז די פאָלקס־שול אליין האָט שוין ניט געקאָנט בעפריעדיגען דעם גריעכישען בירגער, בעזונדערס דעם אטהענישען.

„וואָס העכער און שנעלער די אלגעמיינע בילדונג איז געשטיעגען, אלץ שטארקער האָט זיך געגומען פיהלען דאָס בעדירפניס צו בעקומען א בעזונדערע פאָרבילדונג פאר די פאָליטישע טהעטיגקייט. און וואָס מעהר די דעמאָקראטיע האָט צושטערט און פערניכטעט אלע בעשרענקונגען און פריווילעגיען און דערמיט געעפענט גלענצענדע אויסזיכטען פאר יעדען, וואָס האָט געוואָלט האָבען איין איינפלום אויפ'ן פאָלק, אלץ נויטיגער און ניצליכער איז געווארען צו בעקומען אזא סאָרט בילדונג, אז מען זאָל קאָנען זיין א רעדנער און א פאָלקס־פיהרער. די בעדירפניס האָבען בעפריעדיגט די מענער, וועלכע מען האָט דאמאָלס גערופען די „חכמים" אָדער סאָפיסטען. זיי פלעגען געוועהנליך ארומפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט און אָנבאָטען זייער אונטעררייכט יעדען איינציגען, ווער עס האָט נאָר געוואָלט און געקאָנט בעצאָהלען. זיי פלעגען לערנען אלערליי חכמות, וויסענשאפט און קונסט. זייער הויפט־לעהרע איז בעשטאנען פאָרצובערייטען צו פראקטישער טהעטיגקייט" (עדוארד צעללער).

די צאָהל פון אזוינע לעהרער איז געווען גרויס אין אלע שטעדט פון גריעכענלאַנד. אין אטהען האָט עקזיסטירט א גאנצע מחנה פון זיי. די סאָפיסטען פלעגען אפילו זיך לאָזען גוט בעצאהלען. זיי זיינען געווען די לעהרער פון די רייכע. אָבער אויסער פריוואט־אונטעררייכט פלעגען זיי האלטען אויך עפענטליכע פאָרלעזונגען. אויסערדעם פלעגען זיי זיך ארומרינגלען מיט גרויסע סוויטעס פון פערעהרער און שילער, און ווער עס האָט נאָר געהאט חשק, האָט געהאט א צוטריט צו די „קוועלען פון תורה און חכמה".

עס האָט אין אטהען אויך ניט געפעהלט קיין אנדערע הילפס־מיטלען צו בילדען דעם גייסט און דעם געשמאק פון די בירגער. איין זאך האָט זיך דאן געווארפען אין די אויגען: אלע עפענטליכע געביידעס האָבען זיך אויסגעצייכענט דורך זייער פראַכט,

רייכקייט און שיינהייט. די פּריוואַט־וואָהנונגען אָבער זיינען געווען קליין, ניט שיין, ניט רייך, ניט בעקוועם. דאָס ווייזט, אַז דער הויפּט־אינטערעס איז ביי די אַטהענער געווען דאָס עפענטליכע לעבען. דעם גרעסטען טייל פון זיין צייט פלעגט דער אַטהענער פארברייננגען אין גאַס, אויף די עפענטליכע פּלעצער.

די אַטהענער האָבען ניט אומזיסט אַזויפיעל כחות אויף פּוצען און בעציערען די שטאָדט. שיין איז אַטהען גע־ווען. די גרעסטע קינסטלער, וועלכע די מענשהייט האָט ווען עס איז געהאַט, ווי צום ביישפּיעל, דער סקולפּטאָר פידיאַס, די אַר־כיטעקטאָרען מנעזיקלעס, איקטינאָס און קאַלליקראַטעס, די מאָלער פּאָליגנאָטאָס און פּאַררהאזיאָס האָבען זייערע גאַנצע געניאַלע פעֿ־היגקייטען, זייער גאַנצע שאַפונגס־קראַפט אויסגענוצט אויף בע־ציערען אַטהען מיט וואונדערבאַרע עפענטליכע געביידעס און די געביידעס מיט וואונדערבאַרע קונסטווערק. אַזוי זיינען בעשאַפען געוואָרען גרויסאַרטיגע טעמפּלען, סטאַטועס, רעליעפען, א. ז. וו., וועלכע האָבען ניט נאָר געמאַכט אַטהען פאַר איינע פון די שענסטע שטאָדט אין דער וועלט, — זיי האָבען אויך ענטוויקעלט דעם קינסטלערישען געשמאַק צווישען די אַטהענער בירגער.

ניט וועניגער הויך ווי די קונסט איז דאַן געשטאַנען אין אַטהען די פּאָעזיע. דער גרעסטער ליריקער פּינדאַר; די גרעסטע דראַמאַטיקער פון דער אַלטער וועלט עסכילאָס, סאָפאָקלעס און אוירופּידאָס; די בעריהמטע קאָמעדיענשרייבער און חוזק־מאַכער קראַטעס, קראַטינאָס און בעזונדערס אַריסטאָפאַנעס; דער בע־ריהמטער היסטאָריקער העראָדאָטאָס; דער גרויסער פילאָזאָף אַנאַק־סאַגאָראַס, און א סך אַנדערע גרויסע מענער זיינען געבאָרען גע־וואָרען אָדער געוואָהנט אין אַטהען און — וואָס נאָך וויכטיגער איז — זייערע אַלעמענס ווערק זיינען געשאַפען געוואָרען ניט פאַר יחידי סגולה, נאָר זיי זיינען לכתחילה געווען בעשטימט פאַר'ן גאַנצען פאָלק און האָבען געהערט צום גאַנצען פאָלק. צו בעזאָר־גען די אָרמע אַטהענער בירגער מיט טהעאַטער־בילעטען איז, צ. ב., געווען איינע פון די אויפגאַבען, וועלכע די דעמאָקראַטיע אין אַטהען האָט געהאַלטען פאַר איהר היילינגע פּפליכט.

* * *

ווי בעגאבט פון דער נאַטור דאָס אַטהענער פאָלק איז ניט געווען, און ווי גינסטיג די אומשטענדען זיינען ניט געווען פאר זיין שנעלע ענטוויקלונג, דאָך איז עס געווען א שווער שטיקעל ארבייט אין אזא קורצער צייט פאר אזא קליינעם פאָלק צו שאַפען און אויפצוטון אזויפיעל גדלות אויף יעדען געביעט פון מענשליכער טהעטיגקייט: אין אינדוסטריע, האנדעל, פאָליטיק, פילאָזאָפיע, קונסט, פאָעזיע, ליטעראַטור און וויסענשאַפט. אלע כחות פון פאָלק האָבען געמוזט ארבייטען מיט א זעלטענער אנשטריינגונג. יעדער אטהענער מיט וויפיעל עס איז פעהיגקייטען און ענערגיע האָט געמוזט זיך בעמיהען ארויסצורוקען זיך. און דערצו איז נויטיג געווען וואָס מעהר קענטניסע, וואָס מעהר בילדונג.

טאַלאַנטען זיינען אין יענער צייט ניט פערלאָרען געגאַנגען צווישען די אטהענער בירגער. בפרט נאָך ווען די טאַלאַנטען זיינען געווען געבענשט מיט אזא אייזערנעם ווילען און מיט אזא וואונדערבארער ענערגיע, ווי סאָקראַטעס האָט געהאט.

די גרויסע פראַגע, וועלכע האָט ארויסגערופען אזויפיעל קאָפּברעכענים ביי א סך ביאָגראַפען פון סאָקראַטעס, נעמליך: פון וואנען האָט דער זוהן פון איין ארמען סקולפּטאָר, דערצו נאָך פון א פּראָסטער פאמיליע און ביז שפּעט אין דער יוגענד אליין א סקולפּטאָר, פון וואנען האָט ער געקאָנט בעקומען די בילדונג און ערציהונג, וואָס זיינען אין יענער געבילדעטער, אויפגעקלערטער צייט שוין אזוי נויטיג געווען צו האָבען כדי צו ווערען א פילאָזאָף און פאָלקס לעהרער, — אָט די פראגע וועט ניט זיין שווער צו פערענטפערן. מען דארף זיך נאָר דערמאָנען, אז סאָקראַטעס איז געבאָרען געוואָרען אין יאָהר 469 אדער 470 און געווען איין אטהענישער פאָלבירגער, דאן ווערט שוין קלאָר, אז סאָקראַטעס האָט געקאָנט ווערען א געבילדעטער מענש, און עס איז גאַנץ נאַטירליך, אז ער איז געוואָרען א געבילדעטער מענש.

די ביאָגראַפען פון דער אלטער וועלט, וועלכע האָבען געלעבט א צייט נאָך סאָקראַטעס'ען, האָבען אָבער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך בערוהיגען מיט דער אלגעמיינער ערקלערונג. דער־

פאר האָבען זיי געזוכט פאר סאָקראַטעס'ען דורכאויס א רבי'ן, און — אז מען זוכט געפינט מען. צו איז די מציאה איין אמת'ע צו ניט, איז שוין דאן ניט וויכטיג.

דער היסטאָריקער פּלוטארך דערצעהלט אזא מין געשיכטע: דער רייכער קריטאן, שפּעטער סאָקראַטעס'עס א שילער, האָט נאָך יונגערהייט זיך בעגעגענט אמאָל מיט סאָקראַטעס'ען. פאַר-נאנדרערעדענדיג זיך מיט איהם, איז ער אזוי ענטציקט און אי-בערראשט געוואָרען פון יענעם'ס וואונדערבארע פעהיגקייטען און גלייכען שכל, אז ער האָט סאָקראַטעס'ען צוגענומען פון פאטער'ס ווערקשטאט און איהם אוועקגעשיקט צו די בעסטע לעהרער.

עס געפינען זיך זאָגאר ביאָגראַפען, וועלכע בעהויפּטען, אז זיי ווייסען, ווער די לעהרער זיינען געווען. איינע זאָגען: דער גרוי-סער פילאָזאָף אנאקסאגאראס, און אנדערע זאָגען: ארכעלאַאָס, מיט וועלכען סאָקראַטעס האָט געלעבט א געוויסע צייט אין ענ-גער פריינדשאפט:

די אלע ערצעהלונגען ווערען אָבער צוליעב זעהר וויכטיגע גרינדע אָבגעלייקענט דורך די בעסטע פאָרשער. עס ווערט בעווי-זען אז אנאקסאגאראס האָט גאר ניט געקאָנט זיין סאָקראַטעס'עס לעהרער, ווייל עס שטימט ניט מיט דער צייט, ווען אנאקסאגאראס האָט געלעבט אין אטהען. וועגען ארכעלאַאָס זאָגט מען, אז אויב סאָקראַטעס וואָלט אפילו ביי איהם טאקי געלערנט, וואָלט ער ווייניג וואָס נוצען ארויסגעטראָגען, ווארום ארכעלאַאס אליין איז געווען א פלאכער קאָפּ און א קנאפּער פילאָזאָף.

אויף דער פראגע, פון וואנען האָט סאָקראַטעס פאַרט געשעפּט זיין בילדונג, ענטפערט דער באריהמטער היסטאָריקער פון דער גריעכישער פילאָזאָפיע צעלער אזוי: סאָקראַטעס האָט טאקע קיין גרויסע בילדונג ניט געהאט; זיין יוגענד-בילדונג איז על כל פנים ניט געשטאנען פיעל העכער, ווי די בילדונג פון דעם געוועהנ-ליכען, ענטוויקעלטען אטהענער בירגער.

מיר ווייסען אבער שוין, אז די מיטעלסטע בילדונג אין אטהען איז אין יענער צייט געווען ווייט פון ניעדעריג און, וואָס איז די

הויפּטזאַך, דער, וואָס האָט געהאַט חשק, האָט געקאָנט בעקומען די בעסטע בילדונג.

אז סאָקראַטעס האָט פון קינדוויים אויף געהאט א שטאַרקען חשק צו קענטניסע, קאָן זיך יעדער פאָרשטעלען, ווער עס האָט נאָר א שטיקעל השגה וועגען דעם שפּעטערדיגען סאָקראַטעס'ן. סאָקראַטעס'עס גייסט האָט קיין מאָל ניט גערוהט, זיין מוח האָט שטענדיג געאַרבייט. ער האָט פון די יונגע יאָהרען אָן געזוכט ריי־כער צו מאַכען זיין גייסטיגע וועלט און האָט געשעפּט קענטניסע פון וואַנען ער האָט נאָר געקאָנט. אמת, קיין ספּעציאַליסט, קיין געלעהרטער איז ער ביז זיינע לעצטע טעג ניט געוואָרען. ער איז אָבער שוין אין די יונגע יאָהרען געווען איין ערנסט געבילדעטער מענש פאר זיין צייט.

זיין בילדונג איז געקומען פון ביכער און פון די פילאָזאָפישע פאָרלעזונגען. נאָך מעהר האָט ער אָבער געזוכט צו לערנען פון די מענשען גופא. ער פלעגט גערן זיך בעקאָנען מיט אלערליי סאָר־טען מענשען, פערפיהרען מיט זיי א געשפּרעך, זיך צוהערען צו זייערע מיינונגען, שטענדיג האָבענדיג אין אויג צו לערנען עפּעס נייעס, צו פערברייטערן דעם געזיכטס־קרייז. און נאָך מעהר ווי פון אלץ און פון אלעמען האָט ער געלערנט פון זיך אליין. פון זיין אייגענעם גאון'ישען קאָפּ, פון זיין אייגענעם ברייטען הארץ האָט ער געשעפּט טיעפע, קלאָרע געדאנקען און איידעלע געפיהלען וועגען מענשליכען לעבען און די בעציהונגען צווישען איין מענשען און דעם צווייטען. מיט אָפענע אויגען און מיט א קריטישען בליק אויף זיך און אויף אנדערע איז ער שטענדיג ארומגעגאנגען איבער דער וועלט.

אָט אזוי, ארבייטענדיג ווי די ביהן, האָט סאָקראַטעס אָפּ־געלעבט רוהיג און שטיל די ערשטע העלפט פון זיין לע־בען, אונבעקאַנט פאר דער גרויסער וועלט. אָבער ביסלעכווייז, צוזאמען מיט די קענטניסע, צוזאמען מיט דער קלאָרהייט און טיעפקייט פון זיינע אייגענע אנשויאונגען, איז אין איהם אויך גע־וואקסען דער בעשלוס ארויסצוטרעטען אָפען פאר דער וועלט. ענד־ליך עס איז געקומען דער געווינשטער טאָג, און סאָקראַטעס איז

ארויסגעטראָטן אין פאָלשטענדיגען גלאַנץ פון זיינע נייע פילאָ־זאָפישע איבערציינגונגען, מיט א פעלזענפעסטען גלויבען אין זיך, אין זיין גרויסער אויפגאבע, אין דער ווארהייט און אין דער מענשהייט.

אין יענעם טאָג איז אין די לוחות פון דער וועלטגעשיכטע אריינגעטראָגען געוואָרען דער נאָמען פון א נייעם אונשטערבלי־כען גייסטיגען העלד און עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דעם מענשליכען דענקען.

צווייטער קאפיטעל.

סאָקראַטעס דער מענש און דער לעהרער.

פינף און דרייסיג יאָהר איז סאָקראַטעס אַלט געוועזען, ווען ער האָט זיך בעשלאָסען צו מאַכען א גרויסען שטריך דורך זיין לעבען. ער האָט אוועקגעוואָרפען זיין מלאכה און איז ארויסגעטראָטען אויף דער עפענטליכער ביהנע. דאָס שטילע, איינגע וועלטעלע פון אייגענע פריוואטאינטערעסען האָט ער פערלאָזען און איז אריבער אין די ברייטע, שיינע וועלט פון אידעאלען, פון לעבען פאר די ווארהייט און פאר די מענשהייט.

אין איין גרויסען צוג איז סאָקראַטעס דורכגעגאנגען דעם געוואלטיגען מהלך און האָט מיט איין ענערגישער האנד פערנומען די פאָזיציאָן, אויף וועלכער ער איז געבליעבען שטעהן פעסט, מוטיג, ענטשלאָסען ביז צו זיין לעצטען אטעם צוג.

און א שיינע, ערהאבענע פאָזיציאָן איז עס געוועזען. סאָקראַטעס איז געוואָרען א לעהרער פון דער מענשהייט. ער האָט בעשלאָסען, אז ער — און נאָר ער — איז בעשטימט און אויסערוועהלט געוואָרען צו לערנען די מענשען, וואָס איז מאָראל, וואָס איז רעכט, וואָס איז טוגענד און וואָס הייסט אויפקלערונג.

א מערקווירדיגע רעטענים, א מערקווירדיגע איראָניע! סאָקראטעס איז בעריהמט דורך זיין שפרוך: „איך וויים אז איך וויים גאָר נישט“. אין זיין פרעטיידיגונגס־רעדע האָט ער פאר זיינע ריכטער געזאָגט: „איין זאך וויים איך קלאָר, אז ניט אין גרויסע זאכען, ניט אין קליינע בין איך ניט קיין חכם“. סאָקראטעס איז אלזאָ ניט געווען קיין בעל־גאוה. ער איז זאָגאר געווען א גרויסער ענו. זיין גאנץ לעבען פיהרט ער זיך ווי איין איינפאכער, פראָסטער, גוטער מענש. און אָט דער ענו קומט נאָך א לאנגע רייהע פון יאָה־

רען צו דעם פעסטען בעשלוס, אז ער איז פון גאָט אויסערוועהלט צו ווערען דער לעהרער און אויפקלערער פון די מענשען. און דיעזע טהעטיגקייט זיינע האלט ער אזוי הויך און וויכטיג און פיהרט זי אוים מיט אזא וואונדערבארער ענערגיע, אז אין דער לעצטער שעה פאר דעם פסק פון זיין פראָצעס זאָגט ער צו די ריכטער: „אין מיין לעבען האָב איך קיין מאָל ניט געוואוסט פון קיין רוה. איך האָב זיך אָבער ניט געקימערט וועגען עשירות, נט געוואָלט ווערען ניט קיין גענעראל, ניט קיין פאָלקסרעדנער, ניט געוואָלט אָננעהמען קיינע פון די איבעריגע עמטער פון דער שטאדט, ווייל איך האָב מיך געהאלטען פ א ר צ ו ג ו ט זיך צו בעשעפטיגען מיט אזוינע זאכען. איך האָב נור געטראכט וועגען איין זאך: ווי קאָן מען יעדען איינצעלנעם ארויסווייזען די גרעסטע וואהלטהאט". און די גרעסטע וואהלטהאט, די גרעסטע טובה איז נאָך זיין מיינונג געוועזען פאר יעדען איינעם יענעם צו לערנען און אויפצוקלערען.

פון וואנען־זשע האָט סאָקראטעס גע'שעפט די איבערצייגונג אין זיין מיסיאָן? ווי אזוי קומט ער גאָר צו אזא איבערצייגונג? פון וואנען דעם מוט און ענערגיע אזוי ענטשלאָסען און פעסט צו זאָגען: „אזוי לאנג ווי איך אָטעם און וועל נור זיין אימשטאנד עס צו טון, וועל איך ניט אויפהערען צו זוכען די חכמה און וועל ניט אויפהערען אויך צו מוסרן און צו לערנען"?

סאָקראטעס אליין האָט אויף דעם איין תשובה: א געטליכע שטימע רעדט אין איהם, זי הייסט איהם געהן צו די מענשען און זיי לערנען חכמה און מידות טובות. זי גיט איהם עצות, ווי זיך צו האלטען ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען. ער איז א שליח פון גאָט. ער דערפילט גאָטס וואונש און דערפאר, „כאָטש איך בין צוגעבונדען צו אייך אטהענער מיט ליעבע און אכטונג און בין בערייט אייך צו פאָלגען, דאָך וועל איך גאָט מעהר געהארכען, איידער אייך". און דאָס איז — זאָגט ער — ניט קיין איינבילדונג, ניט קיין זעלבסטטוישונג. גאָט אליין האָט עס דורך זיין אראקעל (אורים־ותומים) אין דעלפי אָפען און קלאָר געזאָגט. — „איהר קענט דאָך בערעפאנען — זאָגט ער. — ער איז געוועזען מיין פריינד פון דער יוגענד אָן. איין מאָל, ווען ער איז געקומען אין דעלפי,

האָט ער זיך בעשלאָסען צו פרעגען דעם אָראַקעל, אויב עס איז דאָ א קליגערער מענש פאר מיר? און אויף דעם איז געווען דער ענטפער: „קלוג איז סאָפאָקלעס, קליגער איז אוריפּידעס, אָבער דער קליגסטער פון אלע מענשען איז סאָקראַטעס“.

עס איז קיין ספק ניט. סאָקראַטעס האָט שטארק געגלויבט אין די געטליכע שטימע, אין דעם געטליכען גייסט, וואָס וואָהנט אין איהם (דער דעמאָן רופט ער עס). עס איז פאר אונז איבעריג צו זאָגען, אז זיין גלויבען איז געווען איין איינבילדונג. די פראגע איז נור: פון וואנען קומט ער צו אזא מין איינבילדונג? און אין וואָס איז בעשטאנען די געטליכע שטימע, דער דעמאָן?

וועגען סאָקראַטעס'עס „דעמאָן“ עקזיסטירט שוין א גאנצע ליטעראַטור. די פאָרשער געהען זיך פערנאנדער אין דער ערקלערונג וועגען דיעזען דונקעלען פונקט אין סאָקראַטעס'עס לעבען.

זיכער איז איין זאַך. שוין פון די יונגע יאָהרען אָן פלעגט סאָקראַטעס פון צייט צו צייט האָבען שטארקע אָנפעלע פון אזא מין עקסטאַז, ביי וועלכען ער פלעגט פערליערען אלע חושים. וואָס פאר א סאָרט אָנפעלע דאָס זיינען געווען, קאָן מען היינט ניט ווי־סען. אָנהייננגער פון פּראָפעסאָר לאָמבּראָזאָ זאָגען איינפאַך: סאָקראַטעס האָט געליטען פון חולי־נופלים, פון די פאַליגע. אנדערע אַלטע שרייבער זאָגען: סאָקראַטעס'עס שטים איז געווען די שטים פון געוויסען. דאָס געוויסען פלעגט איהם אָבהאַלטען פון א סך זאַכען, און והא ראיה, די שטים פלעגט הויפּטזעכליך איהם אָב־האַלטען פון צו טון געוויסע זאַכען, ניט אָבער איהם געבען עצות וואָס צו טון. נאָך אנדערע זאָגען, די „שטים“ איז געווען דאָס גע־פיהל, דער אינסטינקט פון אינערליכען טאַקט, וועלכער פלעגט איהם טרייבען אין געוויסע פעלע, וואו דער שכל האָט ניט געהאַט קיין קלאָרע גרינדע. נאָך אנדערע ווילען האָבען, אז די אָנפעלי פלעגען קומען ביי איהם נאָך דעם ווי ער פלעגט זיך טיעף און לאנג פער־טראַכטען.

סאָקראַטעס אליין האָט אָבער — ווי געזאָגט — גאנץ פעסט געגלויבט, אז די „שטימע“ איז א געטליכע שטימע. פאר איהם, וועלכער האָט איבערהויפּט געגלויבט שטארק אין די געטליכע

השגחה און זאָגאר אין השגחה פרטית, ד. ה. אז די געטער זאָר־
גען זיך וועגען יעדען מענשען בעזונדער איז דאָס בכלל ניט קיין
וואונדער. אויף די פראגע, ווי קומט ער צו אזא סאָרט הויכער
מיינונג פון זיך, גיט סאָקראטעס אליין די שליסעל אין האנד ווי
דאָס צו דערקלערען גאנץ רעאליסטיש. מען דארף נור א קליי־
ניגקייט טון: מען דארף ענדערן דעם סדר פון זיין ערצעהלונג; דאָס,
וואָס ער האלט פאר א רעזולטאט, דארף מען אננעהמען פאר איין
אורזאכע פון זיין פעסטען גלויבען אין זיך. מען דארף נור אומביי־
טען אביסעל די דאטען און די זאך ווערט קלאָר, אז אויף דער
עלטער האָט סאָקראטעס זיך געקאָנט אזוי שטארק איינלעבען אין
דעם גלויבען, אז גאָטס שטימע איז געווען די אורזאכע ניט דאָס
רעזולטאט.

דער שליסעל, וועלכען סאָקראטעס גיט אונז צו פערשטעהן
דעם פראָצעס, וואָס איז פאָרגעגאנגען אין זיין נשמה, איידער ער
— דער ענו — האָט ביי זיך פעסט בעשלאָסען צו ווערען דער
לעהרער און אויפקלערער פון די מענשען, בעשטעהט אין פאָל־
גענדעס: „ווען איך האָב זיך דערוואוסט — דערצעהלט ער אין
זיין פערטיידיגונגס־רעדע — פון דעם אראקעלס מיינונג, אז איך
בין דער קליגסטער מענש, בין איך נשתומם געווארען. איך ווייס
דאָך, אז איך בין ניט קלוג ניט אין גרויסע, ניט אין קליינע זאכען,
וואָס־זשע מיינט ער דערמיט? איך האָב גענומען אונטערזוכען די
זאך אויף אזא אופן: איך בין אוועק צו איינעם, וועמען אלע האל־
טען און ווער נאָך מעהר פאר אלעמען האלט אליין זיך פאר א חכם,
א פקוח. איך האָב מיט איהם געהאט א שמועס, איך האָב גענומען
אויספּרובירען זיינע חכמות, און דער סוף איז געווען, איך האָב
זיך ארומגעזעהן, אז ער איז גאָר קיין חכם ניט. קלוג ווי דו ביזט,
בין איך אודאי, האָב איך מיר געטראכט. עס קאָן זיין, אז מיר
זיינען ביידע ניט מי יודע וואָס, אָבער ער מיינט, אז ער איז עפּעס
וואָס, כאָטש ער ווייס גאָר ניט. איך ווייס, אז איך בין גאָרנישט
און בילד מיר גאָר נישט איין“.

דיזעלבע זאך, ווי מיט יענעם „וועלט־חכם“, האָט ער געטון
מיט אנדערע. ער איז געגאנגען צו די שטאאטסמענער, פון זיי אין

ער אוועק צו די פּאַעטען. פון די פּאַעטען צו די בעלי־מלאכות. „און אפילו איצט — ענדיגט ער — געה איך ארום צווישען די מענשען, בירגער און פרעמדע, וואו עס איז נור דאַ ווער עס איז, וועמען איך האלט פאר א חכם און פרוביר איהם". אַט אזוי האַט סאָקראַטעס אַ גאַנץ לעבען געפּרובירט די מענשען און פאר זיין טויט האַט ער מיט פאלקאָמענער איבערצייגונג און זיכערהייט געזאָגט: „לא מצאתי. איך האָב קיין איינציגען חכם ניט געפונען, ניט געפונען יעדענפאלס קיינעם קליגער פאר זיך".

סאָקראַטעס איז אלזאָ ניט געווען צופריעדען מיט די „וועלט־חכמים". ער איז אויך ניט געווען בעפריעדיגט מיט די אלע פילאָ־זאָפישע סיסטעמען, וועלכע האָבען עקזיסטירט פאר איהם. ער רעדט מיט א געוויסען סאָרט פעראכטונג וועגען זיי. שוין דאָס אליין, וואָס זיי געהען זיך אזוי שטארק פערנאנדער, אז וואָס איינער זאָגט פייער, זאָגט דער אנדערער וואסער, שוין דאָס אליין שטופּט איהם אָב פון זיי. פאר איהם איז דער הצד השוה געווען, אז זיי אלע טויגען ניט און אַט אויף אזא אופן איז ער געקומען צום בע־שלוס, אז מען דארף ערשט אָנהויבען לערנען די מענשען דענקען, לערנען טוגענד און אז דער לעהרער און אויפקלערער מוז ער אליין זיין, ער, וועלכער זעהט איין די אלע פעהלערן פון אלע אלטע סיס־טעמען.

* * *

סאָקראַטעס האָט זעהר שטארק געגלויבט אין די וויכטיגקייט און ערהאבענהייט פון זיין געטליכער שליחות. ער האָט זי אבער גענומען אויספיהרען אויף א גאַנץ פּשוטען, מען קאָן זאָגען, וואָ־כעדיגען, פּראָזאאישען אופן.

מיט גאַנצע סוויטעס, מיט גרויס פּאראד און גלאַנץ, אויסגע־פּוצט אין עסיג און אין האָניג, פלעגען ארויסטרעטען די אנדערע לעהרער פון „חכמה", די אָבנארער, די סאָפיסטען. זיי פלעגען מאַ־כען פון זייערע פּאַרטרעגע ווער וויים וואָס פאר א ווערדע, און פלעגען זיך לאָזען בעצאהלען גאַנץ גוט פאר זייער „תורה".

סאָקראַטעס האָט געהאנדעלט געראַדע פערקעהרט פון זיי. קיין ווערד האָט ער פון זיך אויף אהאָר ניט געמאכט. אויסזעהן

פלעגט ער שוין צו פראַסט. שטענדיג אַנגעטאָן אין זיין פראַסטען, ניט געררייניגטען אַנצוג, באָרפוס, — די שיך פלעגט ער זעלטען אָנטון — פלעגט ער שטענדיג זיך אויפהאַלטען אין אלע ערטער, וואו מען האָט געקאָנט געפינען וואָס מעהר עולם: אויף די מארק־פלעצער, ביי די טישען פון די געלדוועקסלער, אין די ווארקשטא־טען פון די בעלי־מלאכות, אין די קראָמען פון די הענדלער און מעהר ווי איבעראל אין די עוועניום, נעבען די גימנאזיען, וואו די יונגוואַרג פלעגט זיך אויפהאלטען.

דער סדר־היום איז געווען ביי איהם אזוי: פון אין דער פריה אָן ביז מיטאָג צייט פלעגט ער זיך ארומטרייבען ארום די גימ־נאזיען אין די זיילען־אלעען, וואו עס איז געווען א שפּאַציער־פּלאַץ. שפּעטער פלעגט ער אוועק אין די האַלען, וואו מען פלעגט לערנען גימנאסטיק. פון דאָרט — צום מארק. דער פּרינציפּ איז געווען: צו יעדער צייט זיין דאָרט, וואו עס געפינען זיך וואָס מעהר מענשען. יעדער אָרט איז פאר איהם געווען דער מכובד'יגער און פאסיגער פלאַץ, יעדע מינוט — די פאסיגע צייט, יעדער מענש — די פאסיגע פערזאָן פאר זיינע געשפּרעכען; ווארום אין געשפּרע־כען, אין רעדען און איבעררעדען איז פון איצט אָן בעשטאנען זיין גאנצער לעבען און זיין שווערע ארבייט.

ער פלעגט רעדען הויך, אָפען און קלאָר פאר אלעמען, אזוי אז אלע זאָלען איהם הערען און פערשטעהן. און שטענדיג פלעגען טאקע ארום איהם שטעהן גאנצע קופּקעס מענשען.

די טעמאס פאר זיינע געשפרעכען זיינען שטענדיג געווען פון זעלבען סאָרט: וועגען מאָראל, וועגען געזעץ, וועגען רעכט, וועגען שטאאט, מיט איין וואָרט וועגען די אלע זאכען, וואָס זיינען שייך צום מענשען און צום מענשליכען צוזאמענלעבען. אָבער דער אינ־האלט פון די געשפּרעכען איז געווען תמיד פערשיעדען. ער פלעגט זיך זוכען צוצופאסען צו דעם גייסטיגען צושטאנד פון דעם, מיט וועמען ער פלעגט פיהרען דאָס געשפּרעך און צו די אומשטענדען, אונטער וועלכע דאָס געשפּרעך פלעגט געפיהרט ווערען.

סאָקראַטעס פלעגט ניט אָנהעבען דאָס געשפּרעך פון הויכע דרכים, כדי יענעם ניט אָפּצושרעקען. ער פלעגט געראָדע פערקערט

אנהעבען פון די איינפאכסטע, לייכטעסטע פראגען. און גערעדע פערקעהרט, ווי די סאָפיסטען פלעגט ער ניט אוועקשטעלען זיך אויף דער בימה אלס לעהרער און קוקען פון אויבען אראָב אויף דעם אונוויסענדען „המון", נור ער פלעגט תמיד ארויסטרעטען אין דער ראָלע פון א ניט־וויסענדען, אין דער ראָלע פון א מקשן. ער פלעגט בעטען, מען זאָל א י ה ם די זאך דערקלערען.

קודם כל פלעגט ער א פרעג טון — דערצעהלט קסענאפאן — צו מיינען זיי, אז זיי קענען שוין גענוג די אלע זאכען, וואָס זיינען שייך צו מענשען, און צו רעכענען זיי, אז די אלע זאכען דארף מען לאָזען צורוה, אום צו בעשעפטיגען זיך מיט געטליכע זאכען ער פלעגט גלייך זוכען צו בעווייזען, ווי נאריש עס איז צו פערלאָזען די אייגענע זאכען, וואָס ליעגען אונטער דער נאָז און געהן זיך קריעגען וועגען זאכען, וועגען וועלכע מען קאן גאָר קיין מאָל דעם עיקר ניט דערוויסען, ווי צ. ב.: וואָס איז נאטור, וואָס איז גאָט א. ז. וו.? אריבערפיהרענדיג דאָס געשפרעך אויף מענשליכע זאכען, פלעגט ער בענוצען יעדע פאסירונג, כדי צו קאָנען אנקניפען א געשפרעך אויף דאָס פאסענדע טהעמא.

ווען ער האָט צ. ב. איין מאָל געזעהן ניקאָמאכידיס, איין אל־טען, טאפפערען, פראָסטען סאָלדאט, בעת יענער איז געגאנגען צו־ריק פון א וואהל פערזאמלונג, האָט ער איהם א פרעג געטון: וואָ־סערע גענעראלען זיינען אויסגעקליעבען געווארען? ניקאמאכידיס האָט זיך געפונען בעליידיגט: „וואָס הייסט, און ווער בין איך? ווי וואָלט עס געפאסט פאר די אטהענער ניט מיך אויסצוקלייבען?" זעהענדיג אזא סאָרט גלויבען אין זיך, לאָזט זיך סאָקראטעס תיכף אריין אין א געשפרעך. ער העבט איהם אָן צו שטעלען פראגען און צו מאכען חשבונות און דאָס געשפרעך ענדיגט זיך דערמיט, וואָס ניקאָמאכידיס מוז מודה זיין, אז ער איז אייגענטליך נארניט דער פאסענדער מענש פאר א גענעראל.

איין אנדערס מאָל האָט געטראָפען אז זיינען א פריינד, דיא־דאראָס האָט ניט געוואָלט ארויסהעלפען א גוטען פריינד. סאָקרא־טעס לאָזט זיך מיט איהם אריין אין א געשפרעך וועגען די פפליכ־

טען פון א מענשען צו זיינע גוטע פריינד, און דיאדאראס לויפט ארויסהעלפען דעם גוטען פריינד.

אין געשפרעך גופא פלעגט סאָקראַטעס זיך בענוצען מיט די פּראַקטישעסטע משלים און בעווייזע פון טאָג־טעגליכען לעבען. אין דעם דערמאָנטען געשפּרעך מיט ניקאמאכידים צ. ב. בריינגט סאָקראַטעס משלים פון א סוחר, פון א כארפיהרער, פון בעלי־בית'שקייט. אין געשפרעך מיט דיאדאראס בריינגט ער ביישפּיעלע פון שקלאַפען, פון סטאדעס א. ז. וו., אלץ משלים, וועלכע, זיינען פערשטענדליך פאר די מענשען, מיט וועמען ער פיהרט דאָס גע־שפרעך, אלץ בעווייזע, וועגען וועלכע עס קאָנען קיין צוויי פער־שיעדענע מיינונגען ניט געבען. יענער לאָזט זיך אויף אזא אופן אריינציהען אין געשפרעך. ער מוז מסכים זיין צו די משלים. דאן טוט סאָקראַטעס זיך א וואָרף מיט דער גאנצער מאכט פון זיין טיעפען, קלאָרען, לאָגישען קאָפּ אויפ'ן נמשל. ער געפינט אויס דעם הצד־השוה צווישען ביידע זאכען, ציהט זיינע שליסע און שפּאַרט יענעם צו צו דער וואנד. פון דעם פּראָסטאָק, דעם סתם מקשן, ווערט א ביטערער אונערבאַרעמדיגער געגנער, וועלכער פאָר־דערט: גיב זיך אונטער, אָדער זיי מודה, אז דו ווייסט גאָר נישט, אז דו פערשטעהסט גאָר ניט, אז דו ביזט אונגערעכט. איינס פון די ביידע. קיין דריטער אויסגאנג איז ניטאָ.

דורך דעם סאָרט געשפּרעכען פלעגט סאָקראַטעס פּרובירען „דאָס הארץ און די ניערען פון די מענשען און וועלען פון זיי ארויס־ציהען דאָס בעסטע, וואָס איז דאָ אין זיי". דאָס איז די בעריהמטע סאָקראַטישע „מענשענפּרופונג" — (מעאייטיק). אָבער פּרובירענ־דיג אזוי די מענשען, פלעגט ער זיי, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג, מאַכען צום נאַרען. צום סוף געשפּרעך פלעגט יענער זיך דאָך מור־זען אָרומזעהן, אז ער איז מאוס אריינגפּאַלען, אז ער איז דער נאַר און אז סאָקראַטעס פיהרט איהם פאר'ן נאָז. די איינפאכע משלים און פראגען הייבען אָן אויסצוזעהן·אין זיינע אויגען ווי חוזק מאַכען „איראָניע". צו סאָקראַטעס האָט עס מיט א כיון גע־טון צו ניט, יעדענפאלס פלעגט אין זיינע ווערטער קלינגען דער

איראָנישער טאָן. דאָס פּלעגט מאַכען די געשפּרעך־פיהרער אַש־להבה.

סאָקראַטעס'עס איראָניע איז געוואָרען בעריהמט און מען האָט אָנגעהויבען פאַר איהר צו ציטערן. זי האָט איהם אויך פער־שאַפט ניט איין צעהנדליג שונאים. סאָקראַטעס האָט עס אַליין געוואוסט. אין זיין פערטיידיגונגס־רעדע זאָגט ער: „פון די נאָכ־פאָרשונגען זיינען מיר ארויס פיעל ביטערע שונאים, און פיעל רכלות איז דערפון ארויסגעוואַקסען". ער האָט געוואוסט, אַז די שונאים קאָנען ווערען געפעהרליך פאַר איהם. אָבער דאָס האָט איהם ניט אָבגעהאַלטען פון זיין טהעטיגקייט, ווארום די איראָניע פּלעגט — ווי מיר האָבען געזעהן — קומען ממילא פון זיין „מענ־שענפּרופונג", און דאָס איז געווען פאַר איהם דאָס הויפּט־ציעל פון זיין לעבען.

אין רעדען איז אוועק סאָקראַטעס'עס צווייטע העלפט פון לעבען. ער האָט אויך געהאַט א געוואַלטיגען ערפאָלג אַלס רעדנער. זיין געוועזענער שילער אַלקיביאַדעס, דער שטאָלענער, קאַלטער שטאַאַטסמאַן און גענעראַל, אַלקיביאַדעס וועלכער איז געווען בכח גאַנץ קאַלטבלוטיגערהייט צו שטעלען דאָס שיקזאַל פון זיין פאָלק און פון זיין לאַנד אין געפאַהר צוליעב זיינע עגאָאיסטישע ציע־לען, אָט דערזעלבער אייזערנער מענש שילדערט אין פאָלגענדע ווער־טער דעם איינדרוק, וואָס סאָקראַטעס'עס רעדנערקראַפט פּלעגט מאַכען אויף איהם. „איך האָב — זאָגט ער — גענוג רעדנער גע־הערט, קיינער פון זיי, אפילו דער בעסטער פון די בעסטע — האָט אָבער אויף מיר קיין בעזונדערן איינדרוק ניט געמאַכט. גאַנץ אַנדערש איז, ווען סאָקראַטעס רעדט. ווער עס זאָל סאָקראַטעס ניט הערען, גאַנץ גלייך צו איז עס א מאַן, אָדער א פרוי אָדער א קינד, אפילו ווען מען גיט איבער זיינע ווערטער דורך א טריטע מויל, יעדער פיהלט דאַן עפּעס איין אונערקלערליכע אויפרעגונג און בע־וואונדערונג. איך אַליין וואָלט געשוואָרען —ווען איך וואָלט נור ניט מורא געהאַט, אַז איהר וועט מיך האַלטען פאַר שכור, אַז יעדעס מאָל, ווען איך הער איהם רעדען, קלאַפּט דאָס האַרץ ביי מיר ווי א צווישעטע און טרעהרען גיסען זיך ביי מיר טייכען־

ווייז. איך האָב נאָכגעקוקט נאָך אנדערע אויך, און איך קאָן אייך פערזיכערן, אז דיזעלבע זאַך איז אויך מיט זיי. איך האָב געהערט פעריקלעס (דעם גרויסען שטאאטסמאן און געניאלען רעדנער) און אנדערע בעריהמטע רעדנער, איך האָב אָבער קיין מאָל עפּעס אזוינס ניט געפיהלט. זיי האָבען ניט אויפגעקאָכט מיין נשמה, זיי האָבען מיך ניט געצוואונגען צו פעראכטען זיך אליין פאר מיין שקלאפענגאטור. אָבער ער פלעגט מיך אריינברייגגען אין אזא צו־שטאנד, אז איך פלעג פיהלען: איך קאָן ווייטער אזוי ניט לעבען ווי ביז איצט. און איך בין זיכער: ווען איך וואָלט ניט פערשטאָפּט די אוירן געגען זיינע רעד און וואָלט ניט ענטלאָפען פון זיין שטים, דאן וואָלט מיט מיר פאסירט דיזעלבע זאַך, ווי מיט אנדערע: איך וואָלט אלט געווארען, זיצענדיג ביי זיינע פיס. און וויפיעל מאָל האָב איך איהם געוואונשען וואָס גיכער דעם טויט און צו דערזעהל־בער צייט האָב איך געפיהלט, אז ווען ער וואָלט שטארבען, דאן וואָלט צו מיין קומער קיין ברעג ניט געווען. עס וואָלט געווים גע־ווען גרעסער איידער מיין פרייד. אָט אזוי האָב איך מיט זיך אליין געקעמפּפט און אליין ניט געוואוסט וואָס צו ווינשען".

דיזע געוואלטיגע רעדנער־קראפט סאָקראטעס'עס פלעגט זיך ניט אויסדריקען אין שיינע, ריהרענדע פראזען, ניט אין א גלענצענדען סטיל. פערקעהרט, איינפאַך, פּראָסט, אָבגעקלערט, ניט געקינסטעלט, ווי אין אלץ, איז סאָקראטעס געווען אויך אין זיין רעדען. אפילו אין זיין בעריהמטער פערטיידיגונגס־רעדע, ווען אין קאָן איז געשטאנען זיין לעבען און זיין עהרע, איז ער געבליעבען דערזעלבער אונגעקינסטעלטער רעדנער. „איך וועל ניט האלטען פאר אייך — זאָגט ער צו זיינע ריכטער — קיין רעדען. צוזאמענגע־שטעלט פון שיינע, בעפּוצטע, אויסגעקליעבענע ווערטער, נור גאנץ איינפאַך און פּראָסט וועל איך רעדען צו אייך".

סאָקראטעס'עס בעצויבערנדער איינפלוס אויף זיינע הערער פלעגט קומען ערשטענס דורך די טיעפע ערנסטקייט און הערצליכ־קייט פון זיינע ווערטער. יעדער האָט געפיהלט, אז דאָס, וואָס ער רעדט, געהט ארויס ביי איהם טיעף, טיעף פון הארצען, און דער־פאר פלעגען די רעד אריינגעהן טיעף אין הארצען פון די הערער.

צווייטענס פלעגט ער צובינדען די מענשען דורך די קייטען פון זיין וואונדערבארער, אייזערנער לאָגיק.

סאָקראַטעס האָט פיעל צייט פערבראַכט און פיעל כחות אוועקגעלעגט אויפצוקלערען דעם גרויסען עולם פון זיינע מיט־בירגער. דערמיט אָבער איז זיין לעהרער־טהעטיגקייט ניט געווען געענדיגט. ער איז געווען ניט נור א פאָלקס־לעהרער, זאָנדערן אויסערדעם נאָך א שול־לעהרער. ער האָט געהאַט א גרויסען קרייז פון ענגערע שילער מיט וועלכע ער פלעגט פיהרען ניט קיין צו־פעליגע געשפּרעכען, נור טיעפער אונטערזוכען די אלע פראַגען, וועלכע האָבען איהם אינטערעסירט.

אויך מיט זיי — דערצעהלט קסענאָפאָן — האָט ער זיך גע־האַלטען ניט ווי קיין לעהרער, נור ווי א פריינד. סאָקראַטעס האָט איבערהויפּט געלעגט זעהר פיעל געוויכט אויף די פריינדשאַפט צווישען מענשען. ער ערקלערט אפילו, אז די בעדייטונג און וויכ־טיגקייט פון פריינדשאַפט ליעגט אין דעם נוצען, וואָס זי ברייננגט, אָבער מען קאָן דייטליך זעהן, אז זי האָט א פיעל ערנסטערע און טיעפערע בעדייטונג פאר איהם און פאר זיין פילאָזאָפיע.

כאָטש סאָקראַטעס'עס שולע האָט ניט געהאַט קיין בעהאַל־טענע סודות, דאָך איז זי געוועזען אייניגערמאַסען איין אָבגע־שלאָסענע, בעזונדערע וועלטעלע. די זיטליכע און וויסענשאַפטליכע אינטערעסען זיינען געוועזען אייננג צוזאַמענגעקניפּט; און דער צו־בונד צווישען לעהרער און שילער איז געווען זעהר גרויס.

איין ענגער צובונד צווישען מענשען איז נור מעגליך, ווען די מענשען זיינען מאָראַליש ריין. אמת'ע ליעבע, אמת'ע פריינד־שאַפט — זאָגט ער — עקסיסטירט דאַן, ווען מען ווינשט דעם גע־ליעבטען אדער דעם פריינד דאָס בעסטע ניט צוליעב איינענע עגאָאיסטישע צוועקען. און דערצו דאַרף מען זיין א מאָראַליש־ריינער מענש.

סאָקראַטעס האָט פון זיינע שילער אויך קיין מאָל ניט גענו־מען קיין סענט בעלאָהנונג. דערפאר האָט ער געקאָנט אויסקלויי־בען פון די גרויסע קרייזען נור די, וועלכע זיינען איהם געפעלען געוואָרען און אויף וועמען ער האָט געלעגט האָפנונגען. כאָטש זיי־

נע אונטערהאלטונגען מיט די שילער פלעגען אבגעהאלטען ווערען ניט הינטער געשלאָסענע טירען נור עפענטליך אויף די פרייע פלע־צער: צווישען די זיילען־האַלען און אויף די פלעצער, וואו מען פלעגט לערנען גימנאסטיק, דאָך פלעגט סאָקראטעס שטענדיג קאָ־נען משלח זיין די, וועמען ער האָט ניט געוואָלט האָבען.

סאָקראטעס האָט זיך זעהר פיעל בעמיהט צו צוציהען צו זיך יונגע לייט מיט גרויסע טאלאנטען, גוטע פעהיגקייטען, א שנע־לער השגה און א גוטען זכרון. קיין לייכט שטיקעל ארבייט איז ניט געוועזען מיט די פעהיגע יונגע לייט. מען פלעגט מוזען אוועק־לעגען אויף זיי פיעל כחות, כדי זיי זאָלען קאָנען מקבל זיין די השפעה. פיעל פון זיי פלעגען מיינען, אז וויבאלד זיי האָבען גוטע פעהיגקייטען, דארפען זיי שוין מעהר גאר ניט לערנען, ניט האָ־רעווען אויף בילדונג: סאָקראטעס פלעגט זיך בעמיהען מיט בע־ווייזע פון לעבען און פראקטיק זיי צו איבערצייגען, אז אָהן לער־נען וועט פון זייערע פעהיגקייטען קיין גוטעס ניט ארויסקומען. דאָס בעסטע פערד און דער בעסטער הונד — פלעגט ער זאָגען — טוען אָפט אן די גרעסטע צרות. ער פלעגט אויך ניט שאָנעווען זייער אייגענליעבע און זיי מיט פאקטען בעווייזען, ווי ווייט זיי זיינען נאָך פון השלמה. א סך פלעגען זיך פיהלען בעליידיגט און מעהר זיך ניט ווייזען. דאָס איז פאר איהם געוועזען דער בעסטער בעוויי, אז ער האָט אין זיי גאר נישט פערלאָרען.

נאָך דעם פאָרבערייטענדען קורס פלעגט סאָקראטעס זיך נעה־מען פאר די ערציהונג גופא. זיינע הויפטמיטלען פון ערציהונג איז געוועזען זיי צו געבען גוטע ביישפיעלען אין ערקלערונג און אויפ־קלערונג.

די ערשטע צייט האָט סאָקראטעס געהאט זעהר אונאנגענעה־מע ערפאהרונגען מיט זיינע צוויי בעגאבטעסטע שילער אלקיביא־דעס און קריטיאס.ביידע עהרגייציג און פערדאָרבען, אָבער זעהר פעהיג ,האָבען זיי זעהר פיעל געלערנט אין בילדונג פון סאָקרא־טעס׳ען. פון דער מאָראלישער זייט פון זיין ערציהונג האָבען זיי אָבער ווענינ וואָס אריבערגענומען. סאָקראטעס האָט זיך ארומ־געזעהען, אז ער איז מיט זיי דורכגעפאלען, און געענדערט אין

גאנצען דעם סדר פון זיין ערציהונגס־ארבייט. אויפ'ן ערשטען פּלאן האָט ער ארויפגעשטעלט די מאָראלישע ערציהונג און פלעגט ניט אריבער צום שטודיום פון קענטניסע און טיכטיגקייט אין האנד־לען, איידער ער פלעגט זיך ניט איבערצייגען, אז די מאָראלישע ערציהונג איז טיעף איינגעפּלאנצט ביים שילער אין הארצען.

זיין זיטליכע ערציהונג פלעגט בעשטעהן ניט אין פּרעדיגען פון גוטע מעלות, נור — ווי געזאָגט — אין פּראקטישע ביישפּיע־לען און איבערצייגונג. דאָס שטודיום פלעגט געפיהרט ווערען ניט אין סיסטעמאטישע קורסען, נור עס פלעגט בעשטעהן אין פריינד־ליכע אונטערהאלטונגען, אין צוויייגעשפּרעכען (דיאלאָגען), אין פראגען און אנטוואָרטען. זיינע דיאלאָגען האָבען געהאט אזא גרוי־סען ערפאָלג און זיינען אזוי וויט אריין אין פלייש און בלוט ביי די שילער, אז עס האָט זיך פון דאן אָן ענטוויקעלט א נייער סאָרט ליטעראטור — די דיאלאָגען־ליטעראטור — פון וועלכער דער גלענצענדסטער פערטרעטער איז געוועזען פּלאטא.

אָט אזוי האָט סאָקראטעס 35 יאָהר נאָכאנאנד טאָג איין, טאָג אויס, פון אין דער פריה ביז ביינאכט, געלערנט, אויפגעקלערט און מאָראליש געשליפען די בירגער פון אטהען, בעזונדערס די יו־גענד — און אָט דערפאר איז ער געוואָרען אזוי בעוואוסט און בע־ריהמט, געליעבט און פערגעטערט ביי איינע און פערהאסט ביי די אנדערע.

* * *

גרויס איז געווען די קראפט פון סאָקראטעס'עס געשפּרעכען. מעכטיג איז געווען דער איינפלוס פון זיינע לעהרען. אָבער נאָך גרעסער און מעכטיגער איז געווען די בעצויבערנדע ווירקונג פון זיין פּערזאָן.

אויך אין סאָקראטעס'עס פּערזאָן בעמערקט מען דעם וואונ־דערבארען ווידערשפּרוך צווישען דער אויסערליכער פאָרם און דעם אינעווייניגסטען אינהאלט.

נאָך זיין אויסזעהן נאָך איז סאָקראטעס געווען איינער פון די מיאוס'טע מענשען. א ניעדעריגער , א פליכעוואטער, א דיקער, איין אָנגעבלאָזענער מיט א גרויסען בויך, מיט א קורצען האלז,

אויסגעשטעלטע אויגען, דיקע ליפּען און א פּערריסענעם פלאַכען נאָז האָט ער קיין ברעקעל חן ניט געהאַט און נור געקאַנט אָפּשטויסען פון זיך. אויך זיין אָנטון זיך אין פּראָסטע, שמוציגע קליידער, באָרפוס, צוזאַמען מיט זיינע אונגעלומפּערטע מאַניערען, זיינען געווען ווי צוגעפּאַסט צו זיין פּראָסטען, גראָבען, מיאוס'ען אויסזעהן. נאָך זיין אויסזעהן נאָך איז ער געווען היילע פּראַזא, אין גאַנצען וואָכעדיג. און דאָס האָט זיך נאָך מעהר געוואָרפען אין די אויגען אין אַטהען פון יענער צייט, וואו פּאָעזיע און שיינקייט זיינען געווען די העכסטע היילינקייט, אין א צייט, ווען די קונסט האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, צווישען מענשען, וועלכע זיינען געבליעבען דאָס אידעאַל פון שיינקייט און גראַציע.

און ניט נור אין אויסזעהן, זאָגאַר נאָך זיין כאַראַקטער האָט סאָקראַטעס פאַר דעם אויבערפלעכליכען בליק אויסגעזעהן קאַלט, האַרט, פּראָזאַאיש. שטענדיג וועגענדיג און מעסטענדיג, שטענדיג אויסגערעכענט, שטענדיג אויפדעקענדיג די מענשליכע שוואַכקייטען, אָהן רחמנות אויפרייסענדיג די פּרעמדע וואונדען פון אבערגלויבען און זעלבסטליעבע, האָט ער אָבער געמאַכט דעם איינדרוק פון א מענשען אָהן געפיהלען, אָהן בלוט, ווי א פאַרגליווערט שטיק מאָראַל. אַט די געשטאַלט האָבען אין איהם געזעהן די זייטיגע מענשען, וועלכע האָבען ניט געהאַט די מעגליכקייט אדער די פעהיגקייט צו קענען צוקוקען זיך עפּעס טיעפער און אַט אַזא סאָרט קאַריקאַטור האָט געמאָהלען פון איהם דער בעריהמטער קאָמעדיענשרייבער אַריסטאָפאַנעס אין זיין קאָמעדיע „די וואָלקענס“.

א תהום ליעגט צווישען סאָקראַטעס'עס אויסערליכקייט און צווישען זיין מיאוסע פיזישער און זיין פּרעכטיגע גייסטיגער געשטאַלט, אין דעם תהום פלעגט לייכט אריבער יעדער מענש, וועלכער האָט געהאַט דאָס גליק עפּעס נעהענטער זיך צוצוקוקען און צו בעקאָנען מיט סאָקראַטעס'ען.

סאָקראַטעס האָט ניט נור געלערנט א נייע פילאָזאָפיע, ער האָט ניט נור געפּרעדיגט מדות־טובות; ער האָט געלעבט, געאַטעמט דערמיט, וואָס ער האָט געלערנט און געפּרעדיגט.

יעדער מענש דאַרף שטענדיג שטרעבען צו וויסען וואָס מעהר,

צו פערשטעהן וואָס קלאָרער און צו זיין וואָס בעסער, וואָס רייגער מאָראליש. אין דעם האָט ער געזעהן די וויכטיגסטע, אידעאלסטע אויפגאבע פאר יעדען מענשען בפרט און פאר די מענשהייט בכלל, און ער אליין האָט מיט זיין גאנצען לעבען און מיט זיין טויט געוויזען דאָס גלענצענדסטע ביישפיעל, ווי מען קאָן דערגעהן צום וויסען, ווי מען קאָן ווערען טוגענדהאפט. קיינער האָט ניט אוועק־געלעגט מעהר כחות, מעהר ענערגיע, מעהר זאָרגען די פאָרדערונ־גען צו ערפילען, איידער סאָקראטעס.

מיר ווייסען שוין, אז פון זיין 35טען יאָהר אָן ביז זיין לעצ־טער מינוט האָט ער אוועקגעגעבען זיין גאנצע צייט און זיינע אלע כחות, צו לערנען, אויפצוקלערען און צו פערבעסערן די מענשען. צו דערזעלבער צייט האָט ער אָבער א מינוט ניט אויפגעהערט צו לערנען, אויפצוקלערען און צו פארבעסערן זיך אליין.

אויף ווי וויט ער פלעגט זיך קאָנען פערטיעפען אין זיינע רעיונות, אויף וויפיעל זיין נשמה איז געווען די הערשערין איבער זיין גוף קען מען זעהן פון פאָלגענדער ערצעהלונג.

איין מאָל האָט ער זיך וועגען עפּעס וואָס פארטראכט. די זאך איז איהם געווען ניט קלאָר און ער האָט געוואָלט דערגעהן ביז'ן תוך. ער איז געבליעבען שטעהן און טראכטען. דאָס האָט פאסירט אין א זומערדיגען פריהמאָרגען אין מיליטערישען לאַ־גער אויף איין אָפענעם פלאץ (סאָקראטעס איז אויך געווען א סאָלדאט און האָט דורכגעמאכט עטליכע מלחמות פאר זיין פאָ־טערשטאדט.) וואָס איז געווען פול פון מענשען. עס איז אוועק א האלבער טאָג, סאָקראטעס שטעהט נאָך אויפ'ן זעלבען אָרט און טראכט. עס איז געוואָרען פארנאכט, סאָקראטעס שטעהט נאָך אויפ'ן זעלבען אָרט אין זעלבען צושטאנד. דער עולם האָט גענו־מען דאָס בעמערקען און האָט זיך פעראינטערעסירט. נאָך'ן אבענד־עסען האָבען זיך זאַגאר געפונען נייגיעריגע, וועלכע זיינען אוועק, געבראכט זייערע דעקעס און זיך אוועקגעלעגט דאָרט נעבען איהם נאָכצוקוקען, וואָס עס וועט דערפון ווערען. און זיי האָבען דער־זעהן אָט וואָס: סאָקראטעס איז אָבגעשטאנען אין דערזעלבער לאגע, פערטיעפט אין זיינע רעיונות א גאנצע נאכט ביז'ן צוויי־

טען פריהמאָרגען. ווען עס איז ווידער געוואָרען ליכטיג, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען אנטקעגען די ערשטע שטראַלען, אָבגעזאָגט זיין תפילה און איז רוהיג אוועק.

אָט אזוי ערנסט איז סאָקראַטעס געווען, ווען ער האָט געזוכט דעם אמת. ניט ווייניגער ערנסט און שטרייבג איז ער געווען ביי דער ערפילונג פון זיינע פפליכטען.

סאָקראַטעס איז פון נאַטור געווען א מענש מיט הייסען בלוט, מיט ברענענדע ליידענשאַפטען. די ארבייט פון זעלבסטערציהונג איז דערפאר ביי איהם אליין געווען זעהר א שווערע. ער האָט אָבער דורך לאנגע, אייזערנע דיסציפּלין אזוי איינגעצאַמט זיינע ליידענשאַפטען און אזוי זיך פערהארטעוועט, אז ער איז געוואָרען מעהר ווי ווער עס איז אויף דער וועלט אונאבהייניג פון דער אויסערליכער, מאַטעריעלער וועלט. דער מענש, וועלכער איז געווען אים שטאַנד ביי געלעגענהייט אריבערצושטייגען אלעמען אין טרינקען, אזוי אז ווען אלע פלעגען שוין ליגען טויט־שיכור, פלעגט ער נאָך זיין מיט א פרישען קאָפּ, ניכטער און רוהיג, דערזעלבער מענש, פלעגט געוועהנליך, טאָג איין טאָג אויס, זיך בעגנוגען מיט אזוי ווייניג עסען און טרינקען, אז מען פלעגט זיך וואונדערן, ווי קאָן ער אויסהאלטען.

אויך אין אנדערע הינזיכטען פלעגט ער ארויסרופען בעוואונדערונג ביי די מענשען. אין מיליטערישען לאגער נעבען דער שטאָדט פאָטידעא, וועלכע איז בעלאגערט געוואָרען פון די אטהענער, אין די ברענענדיגסטע פרעסט, ווען די סאָלדאַטען פלעגען זעלטען ארויס פון די פּאַלאַטקעס ניט פערוויקעלט די פיס מיט פעלץ אדער שטרוי, דאַן פלעגט סאָקראַטעס, וועלכער האָט צו יענער צייט אויך געדיענט אין מיליטער, ווי געוועהנליך, ארומגעהן איבער׳ן שניי באָרפעס, אָנגעטאָן אין זיינע געוועהנליכע לייכטע קליידער. איבערהויפּט האָט סאָקראַטעס אין די יאָהרען פון זיין מיליטערישער דיענסט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין טאַפּפערקייט און מוטה.

סאָקרטעס האָט זיך פערהארטעוועט ניט נור געגען זיך אליין, געגען זיינע בעדירפניסע, ניט נור געגען די אויסערליכע וועלט

נור אויף געגען די מענשען. ער האָט ניט מורא געהאט פאר קיי־
נעם און פאר קיין זאך ניט, אלעמען ארויסגעזאָגט דעם אמת.
שטענדיג געטאָן, וואס זיין געוויסען האָט געהייסען און וואָס ער
האָט געהאלטען פאר זיין פפליכט. ער האָט עס ארויסגעוויזען גע־
גען דעם אלמעכטיגען פאָלק, דאן ווען די דעמאָקראטיע איז גע־
ווען אין גלאנץ און קיין איינציגער האָט ניט געהאט די חוצפה
ארויסצוטרעטען אָפען געגען דיזען העכסטען געזעצגעבער, דעם אל־
מעכטיגען פאָלק. ער האָט עס אויך בעוויזען אביסעל שפעטער
געגען די דרייסיג אלמעכטיגע בלוטדורשטיגע אטהענער טירא־
נען, דאן ווען זיי האָבען פערכאפט די מאכט און געפיהרט זייער
געוואלט־הערשאפט אין אטהען.

וועגען זיין מוט געגען פאָלק ווערט דערצעהלט פאָלגענדעס:

אין יאָהר 405 האָט די אטהענישע פלאָטע געוואונען ביי
די ארגינוזישע אינזלען, צווישען לעסבאָס און קליין־אזיען, א גלענ־
צענדען זיעג איבער דער ספארטאנישער פלאָטע. די קאָמאנדירען
פון די אטהענישע שיפען האָבען פערפעהלט צו ראטעווען די סאָל־
דאטען פון עטליכע אייגענע שיפען, וואָס האָבען ביי דער שלאכט
שטארק געליטען. זיי האָבען אויך ניט אויסגעפונען די קערפערס
פון די דערטרונקענע און זיי ניט מקבר געווען. דאָס האָט גע־
מאכט א ביטערן איינדרוק אויפ'ן אטהענער פאָלק און האָט ארויס־
גערופען א פראָצעס געגען די אכט קאָמאנדירען פון דער פלאָטע.
אין אָנפאנג האָט דער פאָלק רוהיג און געלאסען געלאָזט געהן
דעם פראָצעס. עס איז בעשלאָסען געווארען, אז די קלאגע זאָל אי־
בערגעגעבען ווערען צום ראטה פון די 500, זיי זאָלען די זאך
אויספיהרליכער אונטערזוכען. דערווייליע האָט זיך אָבער אונטער־
געשטופט א פאָלקס־יום־טוב ווען די עלטערן קלייבען זיך צוזאמען
מיט אלע זייערע קינדער. דעם יום טוב האָבען בענוצט די פאָ־
טערס פון די דערטרונקענע סאָלדאטען כדי אויפצוהעצען דעם
פאָלק געגען די קאָמאנדירען. זיי זיינען ארום אויפ'ן פערזאמ־
לונגס־פלאַץ, אלע אבגעגאָלט די קעפ אלס צייכען פון טרויער און
גענומען פאָדערן, דאָס פאָלק זאָל זיך נוקם זיין אָן די קאָמאנ־
דירען.

אונטער דעם אנדרוק האָט זיך געעפענט די פערהאנדלונג פון דעם פּראָצעס אין ראַטה. איינער, קאַליקסענעס, האָט געמאַכט דעם פּאָרשלאַג, אז מען זאָל דעם פּראָצעס גלייך איבערגעבען צום פאָלק, וועלכעס זאָל בעשליסען: צו זיינען די קאָמאַנדירען שולדיג אדער ניט? דאָס האָט בעדייט ארויסצוגעבען די קאָמאַנדירען אין די הענד פון דעם אויפגעבראַכטען פאָלק אויף א זיכערען טויט. דער פּאָרשלאַג איז געוועזען געגען געזעץ, געגען דער קאָנסטיטוציאָן, אָבער די ליידענשאַפטען זיינען געוועזען אזוי צו־היצט, אז ליינגער ווארטען האָט קיינער ניט געוואָלט. און פאַר דעם פאָלקס שטורם האָבען אלע מיטגליעדער פון ראַטה זיך דער־שראָקען, אלע האָבען עס שוין נאָכגעגעבען, נור איינער איז גע־בליעבען פעסט ווי א פעלז ביי דאָס זייניגע און דאָס איז געוועזען סאָקראַטעס. מען האָט איהם געסטראַשעט. דאָס פאָלק דרויסען האָט געבושעוועט. ער איז אבער געבליעבען פעסט. „איך וועל קיין זאַך ניט טון געגען מיין געוויסען — האָט ער שטאָלץ געענטפערט — איך וועל בעסער אליין שטאַרבען איידער אונגערעכטערהייט פערגיסען פרעמד בלוט“.

דער אמט פון א פאָלקס ריכטער איז געוועזען דער איינציגער, וועלכען סאָקראַטעס האָט ווען עס איז אָנגענומען. פון אלע אי־בעריגע עמטער האָט ער זיך שטענדיג אבגעזאָגט. ער האָט ניט געוואָלט נעהמען קיין אנטייל אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנד. אין זיין פערטיידיגונגס־רעדע ערקלערט ער גאַנץ אָפען, פאַרוואָס ער האָט זיך געהאַלטען אזוי פון וויטען. „צו דען מיינט איהר, — זאָגט ער — אז איך וואָלט געקאָנט אזויפיעל יאָהרען דורכקומען מיט אייך, ווען איך וואָלט זיך געמישט אין עפענטליכע אנגעלע־גענהייטען און אלס עהרליכער מענש שטענדיג געהאָלפען דעם, וואָס האָט רעכט און אמת און גערעכטיגקייט געשטעלט העכער פאַר אלץ? ניין, אטהענער, ניט איך און קיין אנדער מענש וואָלט זיך אויף אזא אופן ניט געקאָנט האַלטען“.

מען האָט עס איהם ניט איין מאָל פאָרגעוואָרפען. אין זיין פּראָצעס איז עס אויך דערמאָנט געוואָרען. מען האָט דערפון געצוי־גען די שליסע, אז ער איז א פיינד פון דער דעמאָקראַטיע און א

פריינד פון דער הערשאפט פון ווענינע (אליגארכיע). אבער ווען עס איז געקומען די צייט, אז די דעמאָקראטיע איז געפאלען און ווענינע — 30 טיראנען — האָבען אין זייערע הענד ארייננענומען די מאכט, דאן האָבען זיי — די טיראנען אליין — גע־מוזט זיך איבערצייגען, אז אין סאָקראטעס'ען האָבען זיי א געפעהרליכען שונא, ניט קיין פריינד, כאָטש זייער הויפט־אָנ־פיהרער קריטיאס איז געווען זיין שילער.

דאָס האָט פאסירט אין צוויי יאָהר ארום נאָך דער געשיכטע מיט דעם פראָצעס פון די קאָמאנדירען. די 30 טיראנען האָבען דאן זיך געפונען אין העכסטען גלאנץ פון זייער מאכט. זיי האָבען גע־קאָשעט און געשניטען זייערע שונאים אָהן א ברעקעל רחמנות. און שונאים האָבען זיי געהאט א סך: אלע אנהייננגער פון דער דעמאָ־קראטיע זיינען טיעף אין הארצען געווען די בלוטיגסטע שונאים פון זיי און פון זייער געוואלט־הערשאפט. אָבער עס האָבען זיך געפונען גאנץ ווענינע, וואָס האָבען געהאט דעם מוטה עס כאָטש אויף א האר ארויסצואווייזען, ווארום מוטה האָט מען געדארפט דערצו פיעל, יעדער סמן פון אונצופריעדענהייט האָט געשמעקט מיט'ן טויט.

סאָקראטעס האָט זיך אבער פאר זיי אויך ווניג וואָס דער־שראָקען. ער פלעגט עפענטליך קריטיקירען זייער געוואלט־הער־שאפט. זיי האָבען זיך פאר זיין צונג דערשראָקען און האָבען ארויס־געגעבען א בעפעהל, אז די פילאָזאָפען טאָרען מעהר ניט פיהרען זייערע געשפרעכען. סאָקראטעס האָט דעם בעפעהל ניט געפאָלגט. ער האָט ניט נור ווייטער פאָרטגעזעצט זיין טהעטיגקייט, ער האָט זאָגאר אָפען פערדאמט זייערע פערברעכענס. ער פערשטעהט ניט — האָט ער געזאָגט — ווי אזוי א פאסטוך, ביי וועמען די סטאַ־דע ווערט אלץ קלענער, וויל ניט מודה זיין, אז ער איז א שלעכ־טער פאסטוך. נאָך ווענינער איז צו פערשטעהן, ווי אזוי פיהרער פון א מלוכה, וואָס פערקלענערן די בעפעלקערונג, שעמען זיך ניט דערמיט און זיינען ניט מודה, אז זיי זנייען שלעכטע פיהרער.

מען האָט עס פער'מסר'ט פאר דעם הויפט טיראן, זיין גע־וועזענעם שילער קריטיאס. ער האָט איהם געשיקט רופען, נאָך

אמאָל אָנגעווייעזען אויף דאָס געזעץ און בעפאָהלען צו האַלטען מויל.

סאָקראַטעס האָט גאַנץ קאַלטבלוטיג א פרעג געטאָן: צו ווע־לען איהם די טיראַנען ערקלערען דאָס, וואָס איהם איז ניט קלאָר אין די געזעצען, כדי ער זאָל וויסען, ווי אָבצוהיטען זיי? „איך וויים ניט — האָט ער געזאָגט — צו פערבאָט דאָס געזעץ צו זאָגען דעם אמת, אדער צו רעדען ניט ריכטיג".

„אויב דו פערשטעהסט דאָס ניט — האָט דער טיראַן כאַ־ריקלעס מיט כעס געענטפערט — דאַן זאָגען מיר דיר, אז דו זאָלסט גאָר ניט רעדען, איבערהויפּט ניט מיט די יונגע לייט".

'ווי באַלד אז אזוי — האָט סאָקראַטעס געלאַסען געענטפערט — טאָ זאָגט מיר ביז'ן וויפיעלטען יאָהר רעכענען זיי זיך פאַר יונגע לייט?"

„אזוי לאַנג ווי זיי קאָנען ניט ווערען קיין מיטגליעדער פון ראטה — האָט כאַריקלעס געענטפערט נאָך בייזער — דאָס הייסט, ביז זיי זיינען אַלט 30 יאָהר, ווארום מען רעכענט, אז ביז דאַן האָבען זיי נאָך ניט גענוג שכל".

„און ווען איך קויף עפּעס וואָס ביי א יונגען מאַן, צו מעג איך איהם פרעגען וויפיעל ער בעט פאַר די זאַך?"

„אָה, יאַ, דאָס מעגסט דו — האָט כאַריקלעס געענטפערט.

— אָבער, סאָקראַטעס, דו פרעגסט אזוינע פראַגען וואָס דו וויסט גאַנץ גוט אליין".

„נו, הייסט עס, אז אויב א יונגער מאַן פרעגט מיך, וואו וואָהנט כאַריקלעס, אָדער וואו איז איצט קריטיאַס, דאַרף איך אויך ענטפערן?"

קריטיאַס האָט פערשטאַנען, אז סאָקראַטעס פערשלעפּט זיי שוין אין א געשפּרעך פון וועלכען זיי וועלען זיך ניט קאָנען אויס־פּלאָנטערן און האָט זיך אויך אריינגעמישט אין געשפּרעך.

„אָבער סאָקראַטעס — האָט ער געזאָגט — דו מוזט שוין לאָזען אָהן א זייט דיינע שוסטערס און סטאָלערס און שמיעדען. דו האָסט זיי דאָך שוין גענוג אויסגענוצט. דו רעדסט דאָך אזוי אָפט וועגען זיי".

„דאָס הייסט אלזאָ, אז איך דארף ניט דערמאָנען אויך וועגען די זאכען וואָס קומען אין מיינע געשפּרעכען נאָך די שוסטערס, סטאָלערס א. ז. וו. דאָס הייסט איך דארף ניט דערמאָנען וועגען גערעכטיגקייט, פרומקייט א. ד. גל.?"

יאַ, געוויס. איך שווער ביי צעוס (ביי גאָט) — האָט כאריקלעס געענטפערט — און בעזונדערס זאָלסט דו פערגעסען וועגען די פאסטוכער. אויב ניט, טאָ געדיינק, אז די רינדער קענען ווערען ווענינער".

דאָס איז געווען, ווי מען רופט עס, א קאפּולער אָנצוהערעניס, אז פאר זיינע רייד וועט זיין א קורצער פּראָצעס: אראָבנעהמען דעם קאָפּ.

די טיראנען האָבען אָבער געהאט א גרויסען טעות, אויב זיי האָבען געמיינט דערמיט אָבצושרעקען סאָקראטעס'ען. אין א קורצער צייט ארום האָבען זיי זיך געמוזט איבערצייגען, ווי וועניג מאכט זיי האָבען איבער סאָקראטעס'ען. זיי האָבען איהם און נאָך פיער אנדערע בעוואוסטע בירגער געשיקט אראָפּברייינגען פון אינזעל סאלאמיס איינעם איין אנטלאָפענעם דעמאָקראט לעאָן. דאָס איז געווען איינער פון זייערע געוועהנליכע טריקס. אויב יענע פלעגען פאָלגען, דאן פלעגען זיי שוין גע'פּסל'ט ווערען פאר די דעמאָקראטישע פּארטיי און פלעגען דורך דעם ניט ווילענדיג זיך מוזען האלטען אָן זיי, די טיראנען. אויב יענע פלעגען ניט פאָלגען, דאן זיינען זיי דאָך געווארען „בונטאָוושציקעס" און עס איז געווען א כשר'ע אורזאכע פון זיי פּטור צו ווערען.

די פיער בכבוד'יגע בירגער האָבען טאקע ניט געהאט דעם מוטה זיך צו ענטזאגען פון די שליחות. סאָקראטעס איז אָבער רוהיג געבליעבען זיצען אין דער היים און געווארט אויף זיין פּסק. צו זיין גליק איז זייער מאכט אין א קורצער צייט ארום געוואָרען געבראָכען און ער איז נצול געווארען.

* * *

די מערקווירדיגסטע מעלה פון סאָקראטעס'ען איז געווען דאָס, וואָס ער פלעגט אבטון די גערסטע העלדענטהאטען מיט דערזעלבער רוה, מיט דערזעלבער איינפאכקייט, ווי די איינפאכסטע, אל־

טעגליכע פאסירונג. דער געשפרעך מיט די מעכטיגע טיראנען אונ־טערשיידעט זיך צום ביישפיעל ניט אויף א האר פון זיינע געוועהנ־ליכע געשפרעכען מיט די שוסטערס, סטאלערס, שמיעדען וועל־כע דער טיראן האט איהם אויפגעווארפען.

זיינע פרינציפען זיינען געווען פאר איהם אזוי קלאר, די פפליכטען אזוי הייליג, זיין מאכט איבער זיך אזוי גרויס, זיין ווילען אזוי שטארק, זיינע געפיהלען אזוי דיסציפלינירט, אז ער האט ניט געדארפט פיעל טראכטען און זיך איבערלעגען ווי צו האנדלען אין געוויסע פעלע.

און אט די אלע מערקווירדיגע מעלות: זיין פעסטקייט, זיין מוטה, זיין געדולד, זיין פערהארטעווען זיך זיינען געווען פאר איהם פון גרעסטען נוצען אויך אין זיין פאמיליענלעבען.

סאקראטעס'עס פאמיליענלעבען האט א שם אין דער היס־טאריע. עס זיינען דא א סך מענשען, וועלכע ווייסען פון סאק־ראטעס'ען נאר אזויפיעל, אז ער האט געהאט א ווייב, א מרשעת. דער נאמען פון דער היסטארישער מרשעת איז, ווי בעוואוסט, קסאנטיפע.

2200 יאהר איז קסאנטיפע געווען פערשריעבען אין דער היסטאריע אלס א מרשעת, אבער עס זיינען געקומען די נייעסטע פארשער און האבען אויסגעפונען, אז דער היסטארישער פסק איז ניט געוועזען קיין גערעכטער.

קסאנטיפע איז ניט געווען קיין שלעכטע פרוי. זי איז ניט געווען קיין שלעכטע בעל־הביתטע, ניט קיין שלעכטע מוטער. פער־קעהרט זי איז געווען זעהר צוגעבונדען און איבערגעגעבען צום הויז. דאס גאנצע לעבען האט זי אוועקגעגעבען פאר די פאמיליע און פאר די בעל־הביתישקייט. דאס גאנצע לעבען האט זי אבער געמוזט קעמפפען מיט נויט און דחקות.

אין זיין געשפרעך מיט זיין עלטעסטען זוהן לאמפראקלעס, גיט סאקראטעס איהר ארויס דעם אטעסטאט. ער זאגט: „די מוטער איז דער מענש, וואס ליעבט דיך מעהר פאר אלעמען" און „וואס זי זאגט, מיינט זי ניט קיין בייז. ווען דו ווערסט קראנק, זארגט זי פאר דיר און לעגט אוועק אלע איהרע כחות, אז דו

זאָלסט צוריק געזונד ווערען און אז קיין זאך זאָל דיר ניט פעהלען".

קסאנטיפע איז ניט געווען אזוי שלעכט, ווי דער קלאנג איז וועגען איהר, אָבער קיין גליקליך, אנגענעהם פאמיליענלעבען האָט סאָקראטעס ניט פערבראכט.

קסאנטיפע האָט געהאט צוויי חסרונות, וועלכע האָבען ארויסגערופען אלע איהרע מעלות און וועלכע האָבען געמאכט דאָס לעבען מיט איהר, בעזונדערס נאָך פאר אזא איידעלע פערזאָן ווי סאָקראטעס, פאר א קוואל פון יסורים. זי איז געווען ערשטענס זעהר א פּראָסטע און זאָגאר גראָבע פערזאָן, און זי איז געווען צווייטענס א בעל־כעס'ן, א מענש וואָס האָט זיך ניט געקאָנט קאָנטראָלירען אויף א האָר. ווען זי פלעגט זיך צוקאָכען, פלעגט איהר גראָבקייט זיך ארויסווייזען אין אזא אבשטויסענדער געשטאלט, אז קיין אנדער מענש אויסער סאָקראטעס אליין — פלעגט זי ניט קאָנען אריבערטראָגען.

„זי זאָגט אריין אזוינע ווערטער — בעקלאָגט זיך זייער על־טעסטער זוהן — אז עס וואָלט זיך וועלען דאָס גאנצע לעבען אוועקגעבען, נור ניט הערען אזוינע רייד".

אזוינע שרעקליכע ווערטער פלעגט זי ארייגזאָגען ניט נור דעם זוהן, זאָנדערן אויך סאָקראטעס'ען אליין. יא, זי פלעגט אויך זיינע געסט און שילער נישט שאנעווען. קללות און חרמות אליין זיינען איבריגענס ניט געווען איהר איינציגע וואפע. ווען זי פלעגט זיך צולאָזען, דאן פלעגט טרעפען, אז זי פלעגט געברויכען די הענד אויך.

איין מאָל — ווערט דערצעהלט — קסאנטיפע זיך אזוי שטארק צוקאָכט, אז זי האָט נאָך א לאנגען דונער פון קללות און זלזולים, אין דער געגענווארט פון זיינע פריינד, סאָקראטעס'ען אבגעגאָסען מיט וואסער.

סאָקראטעס איז אָבער אויך דערביי געבליעבען געלאסען און זאָגאר ניט פערלאָרען זיין געוועהנליכע איראָניע: „ווייסט איהר דען ניט — האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע פריינד, — אז ביי קסאנטיפען קומט נאָך א שטורם ווינד א רעגען?"

סאָקראַטעס טראַגט אָבער אויך אַ געוויסע שולד פאַר זיין טרויעריג פאַמיליענלעבען. ווי איבערגעבען קסאַנטיפּע איז געווען צום הויז, אַזוי ווייניג האָט ער זיך געזאָרגט וועגען הויז. זייענדיג אין גאַנצען מיט ליב און לעבען פערנומען מיט זיין עפענטליכער טהעטיגקייט אַלס פאָלקס לעהרער, האָט סאָקראַטעס גאָר ניט געטראַכט וועגען דעם, אַז אַזאַ קבצן ווי ער דאַרף עפּעס זאָרגען פאַר זיין פאַמיליע, אַז ניט וועט אין שטוב קיין ברויט ניט זיין. און קיין ברויט פלעגט אָפט טאַקע ניט זיין. קסאַנטיפּע האָט געקאַרגט, גע'חשבונ'ט, געזוכט צו פערשטאָפּען ווי עס איז די לעכער. עס האָט אָבער אַלץ געפעהלט.

אין זיין פערטהיידיגונגס-רעדע גיט עס סאָקראַטעס אַליין צו: „איך בין אַרים — זאָגט ער — איך האָב דריי זיהן, פון וועלכע צוויי זיינען נאָך קליין און איך האָב די גאַנצע צייט פאַר די פאַמיליע ניט געזאָרגט". אָבער האָטש ער האָט עס געוואוסט און פערשטאַנען, האָט ער דעם גאַנצען לעבען ניט געפּרובירט עפּעס וואָס טון דאפיר.

מען דאַרף אַריינגעהן אין די נשמה פון דער פּראָסטער, גראָבער, איבערגעבענער מוטער און בעל-הבית'שטע. זיינע אידעאַלע שטרעבונגען האָט זי ניט פערשטאַנען. פון דעם כבוד, וואָס ער האָט געהאַט, האָט זי ווייניג וואָס מיטגענאָסען. זי האָט אָבער געוואוסט, אַז ער האָט רייכע פריינד און שילער, וועלכע בעטען זיך ביי איהם, ער זאָל ערלויבען איהם מאַכען מתנות. ער אָבער זאָגט זיך אָב. און אין איהרע אויגען איז ער אויסגעקומען ווי איין אכזר, וואָס האָט ניט קיין ברעקעל געפיהל, ניט צו איהר, ניט צו די קינדער. דערצו דאַרף מען ניט פערגעסען, אַז ווען סאָקראַטעס האָט חתונה געהאַט, איז ער שוין קיין יונגער מאַן ניט געווען. ער איז געווען איבער 40 יאָהר. קיין פאַרשוין איז ער קיין מאָל ניט געווען און אין די עלטערע יאָהרען געוויס ניט. די גאַנצע צייט פלעגט ער פערברייינגען אויסערן הויז, אַזוי אַז זיי זיינען געווען פרעמד איינע צו די אַנדערע.

אַט אויף אַזאַ אופן ווערט געפיהרט פון די נייסטע פאַרשער קסאַנטיפּע'ס פערטהיידיגונג. דער היוצא לנו מדברנו איז:

אין דעם פּראָצעס צווישען סאָקראַטעס'ען און זיין פרוי זיינען די „אחרונים" שטארק דאפיר, אז מען זאָל פון קסאַנטיפּען אראָבּ־נעהמען א גרויסען טייל פון דער שולד, וועלכע עס ליעגט אויף איהר שוין אזויפיעל הונדערטע יאָהרען.

אָבּער אזוי צו אזוי, זיכער איז, אז קיין פּאסענדער שדוך איז קסאַנטיפּע פאר סאָקראַטעס'ען ניט געוועז. און ווי באלד אז אזוי, פרעגט זיך דאָך די קשיה: ווי קומט דער קלוגער, דער פאַר־זיכטיגער סאָקראַטעס צו אזא וויכטיגען פאלשען טריט אין לעבען?

איין ערקלערונג אויף דעם דארף מען זוכען אין די פּרינצי־פּיעלע מיינונגען פון סאָקראַטעס'ען וועגען הייראַט און פרויען. ביי סאָקראַטעס'ען איז אויך דער שדוך ווי יעדע אנדערע האנד־לונג געוועזען א פּרינציפּיעלע זאַך.

סאָקראַטעס האָט אפילו געשטעלט די פרוי גאנץ הויך און איז אין דער הינזיכט געוועזען זעהר ראדיקאל פאר זיין צייט. ער האַלט אפילו, אז די פרוי ווערט געבאָרען פון דער נאטור מיט די זעלבע מאָראַלישע און גייסטיגע פעהיגקייטען ווי דער מאן. ער מאכט אויך פאָרווירפע די מענער, פאר וואָס זיי קימערן זיך ניט וועגען די בילדונג פון זייערע פרויען. ער געפינט, אז א טיכטיגע הויז־פרוי איז ניט ווייניגער וויכטיג און נוצליך פאר די פאמיליע ווי א טיכטיגער מאן. דאָך ניט קוקענדיג אויף דאָס אלץ, האָט סאָקראַטעס קיין הויכע מיינונג וועגען חתונה האָבען ניט געהאַט. דער צוועק פון חתונה איז פאר איהם נור — האָבען קינדער.

„עס איז דאָך קלאָר — זאָגט ער צו זיין זוהן — פון וועלכער פרוי מיר קענען האָבען די געזינדעסטע, קרעפטיגסטע קינדער, מיט איהר פערבינדען מיר זיך". און אזוי ווי סאָקראַטעס האָט אין דער פרוי געזוכט נור אַ געזונדע, שטארקע נקבה, און דאָס האָט ער געפונען אין קסאַנטיפּע'ן, דערפאר איז ער געשלאָגען געוואָ־רען מיט איין אונפּאסענדען שדוך און מיט אַ טרויעריגען פאַ־מיליען־לעבען, וואָס האָט געהאַט פאר איהם נור איין וויכטיגע בעדייטונג; עס איז געוועזען פאר איהם אַ שול צו לערנען געדולד, געדולד אָהן א שעור.

מען דערציילט, אז סאָקראַטעס האָט געהאַט נאָך א פרוי. מירטאָנא האָט זי געהייסען. זי האָט געשטאַמט פון דער גאַנץ הויכער אטהענישער אריסטאָקראַטיע. זי איז געוועזען א טאָכטער, אָדער איין איינינקעל פון אטהענישען פאָלקס פיהרער אריסטיד. מעהר ווי דאָס ווייס מען ניט פון דעם שרוך. מען ווייס אפילו ניט, צו האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט פריהער איידער מיט קסאנטיפּע, אָדער שפּעטער. עס געפינען זיך זאָגאר אזוינע, וואָס זאָגען, אז ער האָט צו דערזעלבער צייט געלעבט מיט ביידע פרויען. אין דער היסטאָריע איז יעדענפאלס פערבליעבען אונשטערבליך די איינע, קסאנטיפּע.

סאָקראַטעס האָט געפיהלט, אז פערלאָזענדיג די פאמיליע, ווי מען זאָגט — אויף גאָטס באַראַט, טוט ער אין געוויסען זין איין אונרעכט און עס האָט איהם אויך געקרענקט. „עס איז דאָך ניט קיין מענשליכער שטייגער, וואָס איך האָב שוין אזויפיעל יאָהרען פערלאָזען אלע מיינע אנגעלעגענהייטען. ניט קיין לייכטע זאַך איז דאָך פאר מיר געוועזען אזויפיעל יאָהר אריבערצוטראָגען, צוזעהענדיג ווי מיין הויז איז אזוי פערלאָזען". „איך שטאַם דאָך אויך ניט — זאָגט ער מיט האָמערס ווערטער — פון א צעדער בוים און ניט פון קיין פעלז, נור פון מענשען און דערפאר האָב איך אויך קרובים און זאָגאר דריי זיהן".

סאָקראַטעס האָט מיט הארצוועהטאָג פערלאָזען דאָס הויז און די קינדער. ער האָט עס אָבער געטאָן מיט דערזעלבער ענטשלאָסענהייט און צוליעב דערזעלבער אורזאַכע, צוליעב וועלכער ער האָט שפּעטער מיט אזא וואונדערבארער העלדישקייט, מקבל־באהבה געווען דעם טויט.

זיין פעסטע איבערצייגונג איז געווען, אז „צו עפּעס העכערעס בין איך געבאָרען". ער האָט געוואוסט, אז ער האָט וואָס צו זאָגען די מענשען, אז ער דארף זיי לערנען, אויפקלערען, מאַכען בעסער, מאָראַלישער, פערנינפטיגער.

און די פעסטע איבערצייגונג האָט צוגעגעבען אזא וואונדערליכען חן צו דער אויסערליך העסליכער פיגור. דאָס האָט אין

איהם איינגעפלאנצט דעם וואונדערבארען העלדענמוט צו לעבען ווי א היילינגער און צו שטארבען ווי א מארטירער.

איצט, ווען מיר קענען שוין אונזער העלד, זאָלען מיר זיך אביסעלע נעהענטער צוקוקען צו זיינע לעהרען און זעהען, וואָס ער האָט געהאט צו זאָגען דער וועלט.

דריטער קאפיטעל.

סאָקראַט דער פילאָזאָף.

די גמרא הערצעהלט, אז צו הלל הזקן איז געקומען א גע־צענדיענער און געבעטען, אז ער זאָל איהם אויסלערנען די גאנ־צע תורה אויף איין פוס. הלל האָט זיך ניט פערלאָרען, ניט אין כעס געווארען, ניט ארויסגעטריעבען איהם מיט צאָרן, נור אויס־געלערנט איהם די גאנצע תורה אויף איין פוס. ער האָט געזאָגט: „וואָס דו האָסט אליין פיינד, זאָלסטו אויך דעם אנדערן ניט טון"...

אין איין קורצען זאץ האָט הלל אלזאָ אויסגעדריקט דעם תמצית פון דער תורה. אין איין קליינעם זאץ דריקען די קריסטען אויך אויס דעם תוך פון זייער מאָראל („דו זאָלסט האָלט האָבען דעם נאָהענטען ווי זיך אליין"). אין איין וואָרט ווערט אויסגע־דריקט דער עיקר פון דער בודהיסטישער רעליגיאָנס און מאָראל לעהרי („נירוואנא" — דער תהום פון ניט־עקזיסטענץ. אין וועל־כען עס ווערט פערזונקען אלץ וואָס עקזיסטירט, די העכסטע גליק־זעליגקייט דורך דאָס אויפהערען פון דעם עקזיסטענץ־בעוואוסטזיין).

אין איין קליינעם זאץ קאָן מען אויסדריקען אויך דעם תוך פון סאָקראטעס'עס גאנצער פילאָזאָפיע. דער זאץ הייסט: „קיין מענש טוט ניט קיין שלעכטס מיט'ן גוטען ווילען". ווען מען זעהט א מענש טוט שלעכטס אָדער בעגעהט א פערברעכען, דארף מען די אורזאכע דערפון זוכען ניט אין הארצען, ניט אין זיין שלעכטען ווילען, נור אין זיין קאָפּ: אין זיין אונוויסענהייט, אָדער אין זיין אונגעבילדעטקייט.

דער קאָפּ, דאס איז דער מאיאק, דער לייכטטורעם פון די מענ־שען. מיט א קלאָרען קאָפּ און ליכטיגען מארך וועט דער מענש שטענדיג געפינען דעם ריכטיגען גוטען וועג.

מיט אנדערע ווערטער הייסט עס: ווען א מענש ווייס און פערשטעהט נור, וואָס גוט איז, דאן איז שוין זיכער, אז ער וועט אויך טון, וואָס גוט איז. און ווי באלד אז אזוי, איז דאָך קלאָר, וואָס מען דארף טון, כדי צו מאכען די מענשען גוט: מען דארף זיי אויפקלערען, לערנען; מען דארף אָנצינדען דאָס פייער פון וויסען און דיינקען אין מאיאק — אין קאָפּ. די וויכטיגסטע, די הייליגסטע אויפגאבע און ציעל פאר דער מענשהייט איז צו ענט־וויקלען דעם שכל.

מאכען מענשען פערשטענדליך, קלוג, פערנינפטיג, אויפגע־קלערט, וויסענד, הייסט זיי שוין מאכען גוט, מאָראליש. אויפקלע־רונג, וויסען, דאָס איז שוין די טוגענד, מאָראל. וויסען און טו־גענד הייגען צוזאמען, זיינען איינע און דאָסזעלבע.

עס קאָן ניט זיין מאָראליש דער, וואָס גיט זיך ניט אָפּ קיין דין־וחשבון איבער זיינע האנדלונגען. ווארום ווען איין אונוויסענ־דער מענש טוט אפילו אב א גוטע זאך, האָט עס אויך קיין ממשות ניט: אזוי ווי ער ווייס ניט, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט, קאָן ער ביי דער ערשטער געלעגענהייט אבטון גערארע קאפויר.

און נאָך מעהר קאָן ניט זיין ניט מאָראליש דער, וואָס ווייס יא, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט. ווארום גוט איז דאָס, וואָס איז נוצליך און אזוי ווי יעדער מענש ווינשט זיך אליין דאָס בעסטע, דערפאר מוז ער עס טון, ווען ער ווייס נור און פערשטעהט אין וואָס דאָס גוטע בעשטעהט. דער מענשליכער שכל מוז זיין דער בעל־הבית איבערן מענשען. די געפיהלען, די ליידענשאפטען זיי־נען די דיענסטען, וואָס מוזען געהאָרכען זייער בעל־הבית, דעם מארך. דער טרייבענדער געדאנק און דאָס לעבענסציעל פאר יע־דעם איינצעלנען מענשען און פאר די גאנצע געזעלשאפט איז די הערשאפט פון שכל. (נאאקראטיא).

* * *

די פילאָזאָפיע איז איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט די מענשליכע קולטור. ווי יעדער אנדערער אויסדרוק פון דער קולטור איז אויך יעדעס פילאָזאָפישע סיסטעם

מיט פעסטע פעדים צוגעבונדען צו איהרעפארגענגער, און צו די ארומיגע סאציאלע און עקאנאמישע אומשטענדען.

אזא אויפקלערונגס פילאזאפיע ווי סאקראטעס'עס סיסטעם האט געקאנט געבארען ווערען נור אין איין אויפקלערונגס צייט, אין א צייט, ווען די מענשען האבען זיך שוין בעפרייט פון די אלטע אבערגלויבענס; אין א צייט ווען דער מענשליכער שכל האט מיט חוצפה זיך געקאנט שטעלען געגען אלע אויטאריטעטען, רע־ליגיעזע, מאראלע און פאליטישע, און אראפווארפען זייערע אלטע פערדאסטע קייטען. און אזא אויפקלערונגס־צייט איז מעגליך נור דאן, ווען אין דעם עקאנאמישען און סאציאלען פונ־דאמענט פון דער געזעלשאפט איז אריינגעטראטען א גרויסע ענ־דערונג און א וויכטיגער פארטשריט.

דעם צושטאנד אין דעם עקאנמישען, סאציאלען און פא־ליטישען לעבען פון אטהען אין סאקראטעס'עס צייטען האבען מיר שוין געשילדערט אין אונזער ערשטען קאפיטעל. עס בלייבט אונז נור נאך איבעריג צו ווארפען א בליק אויף דעם צושטאנד פון דער פילאזאפיע פאר איהם. ערשט דאן וועלען מיר קאנען האבען א ריכטיגען בעגריף וועגען סאקראטעס'עס סיסטעם. ערשט דאן, וועלען מיר קאנען ארויסהעבען די וויכטיגסטע פונקטען, וועלכע זיינען כאראקטעריסטיש פאר סאקראטעס'עס לעהרען און ערשט דאן וועלען מיר קאנען פערשטעהן סאקראטעס'עס היסטארישען פערדיענסט.

סאקראטעס איז ניט געווען דער ערשטער, אויך ניט דער ראדיקאלסטער און שארפסטער אברייניגער און צושטערער פון אלע אלטע בעגריפען און איבערצייגונגען. פערקעהרט, סאקרא־טעס מיט זיין שטארקען גלויבען אין די געטער און אין השגחה פרטית, מיט זיין אכטונג און פעסטהאלטונג אן די געזעצען, איז גאר ניט געווען דער פאסענדער מאן פאר די ראלע פון א צושטערער.

סאקראטעס'עס פלאמענדער גלויבען אין מענשליכען שכל איז געווען געגרינדעט אויף א פאזיטיווען פונדאמענט און האט גע־פיהרט צו דער אויפבויאונג פון א נייעם געביידע פון מענשליכער מאראל. אזא סארט ארבייט איז געווען מעגליך ערשט נאך דעם

ווי די ראדיקאלען האָבען צושטערט די אלטע חורבות. אָט די היס־טאָרישע אויפגאבע פון אבריינינגער און צושטערער האָבען א קורצע צייט פאר סאָקראטעס'ען אָבגעשפּיעלט די סאָפיסטען.

איידער די סאָפיסטען זיינען געקומען, האָט די אלטע פילאָ־זאָפיע זיך בעשעפטיגט הויפּטזעכליך מיט די פראגען: פון וואַ־נען און ווי אזוי איז בעשאפען געוואָרען די וועלט? ווי אזוי פיהרט זיך די וועלט? פון וואָס בעשטעהט דער תוך פון אלע זאכען א. ז. וו. זי איז געוועזען נאַטורפילאָזאָפיע: די פילאָזאָפיע איבער הימעל און ערד, איבער די כחות פון דער נאַטור און וואָס איבער דער נאַטור א. ז. וו. אָבער דער צושטאנד פון די דאמאָלסדיגע נאַטורוויסענשאפטען איז בכלל געווען זעהר א ניעדעריגער און נאָך ווייניגער האָט די פילאָזאָפיע געקאָנט וויסען איבער דעם אָנהעב פון אלע אָנהעבען. די ווידערשפּרעכונגען צווי־שען די פילאָזאָפען איז געווען צו גרויס, די נאַטורפילאָזאָפיע האָט דערזעהן פאר זיך א וואנד, וועלכע זי האָט ניט געקאָנט ניט דורכ־האקען, ניט אריבער. זי איז געווען באנקראָט שוין דורך דעם, וואָס זי האָט ניט געקאָנט געהן ווייטער. זי איז געוואָרען דאָפּעלט באנקראָט, ווען די נייע צושטענדע אין די גריעכישע שטעדט־רע־פּובליקען האָבען ארויסגערופען נייע אינטערעסען, נייע שטרע־בונגען, נייע בעדירפניסע און א ברייטערען גייסטיגען געזיכטס־קרייז, ווען די פערשיעדענע שטאָדט־רעפּובליקען זיינען אריין אין איינגערע בעציהונגען און אין קאמפף מיט די אנדערע צוליעב קאָלאָניען, מסחור, פּאָליטישען איינפלוס און מאכט.

די פראגען וועגען דעם זין און דער בעדייטונג פון דער וועלט־אָרדנונג זיינען פערשטופּט געוואָרען צוליעב די פראגען וועגען דעם זין און בעדייטונג פון דער מענשליכער אָרדנונג, פון דער מענשליכער געזעלשאפט, שטאאט, רעכט, געזעץ און מאָראל. אויף די אלע נייע פראגען האָבען די סאָפיסטען געגעבען נייע, שארפע, ראדיקאלע תשובות. צוזעהענדיג דעם באנקראָט פון דער אלטער נאַטורפילאָזאָפיע, האָבען זיי אין גאנצען זיך מיאש גע־ווען אין דער מעגליכקייט פון אזא פילאָזאָפיע. ניט וויסענדיג, ווי צו ערקלערען די נאַטור, האָבען זיי גענומען לייקענען אין איהר

עקזיסטענץ. דער סאָפיסט גאָרגיאס זאָגט: „קיין זאַך עקזיסטירט ניט. ווען עס וואָלט אפילו יא עקזיסטירט עפּעס, וואָלטען מיר עס ניט געקאָנט ערקענען און ווען מיר וואָלטען שוין אפילו יא עס ערקאָנט, וואָלטען מיר ניט געקאָנט מיטטיילען דעם אנדערן, וואָס מיר ערקענען".

אנשטאָט דער נאטור קרוינט מען דעם מענשען פאר דעם הערשער איבער אלץ. דער צווייטער גרויסער סאָפיסט פּראָטאַגאראס זאָגט: „דער מענש איז דאָס מאָס פון אלע זאַכען". דער מענש, דער איינצעלנער, ער איז דער האאר און זיינע אינטערעסען זיינען דאָס העכסטע געזעץ. ניטאָ קיין אלגעמיינע וואהרהייטען, ניטאָ אויך קיין אלגעמיינע געזעצען. דאָס נאטירליכע רעכט איז דאָס רעכט פון שטארקערען. די געזעצען זיינען געשאפען געוואָרען פון די שטארקע, פאר די שטארקע, כדי צו קענען האלטען די שוואכע אין צאם. אויך דער גלויבען אין די געטער שטאמט פון מענשען, אדער — ווי קריטיאס זאָגט — דער גלויבען אין די געטער איז אויסגעטראכט געוואָרען פון פּאָליטיקער, כדי אבצושרעקען די מענשען פון פערברעכענס.

די צייט האָט געפאָדערט וואָס מעהר פּראַקטישע קענטניסע, גוטע רעדנער, טיכטיגע מענשען און די סאָפיסטען האָבען עס אלץ געלערנט פאר גוט געלד.

די סאָפיסטען זיינען געווען גוטע צושטערער און ארונטערייסער. זיי האָבען דורך זייער בייסענדען, פערניכטענדען צווייפעל צושטערט די טהעאָרעטישע פילאָזאָפיע, דעם אלטען גלויבען אין די געטער, די הייליגקייט פון די היסטאָרישע טראַדיציאָנען, די אכטונג צו די געזעצען.

זיי זיינען אבער געווען זעהר שלעכטע ארכיטעקטען. אויף דעם אָרט פון די אלע ארונטערגעריסענע פּאלאצען האָבען זיי ניט געהאט וואָס אויפצובויען. מעהר ווי קליינע הייזקאלאך פון נור פערזענליכע, עגאָאיסטישע אינטערעסען זיינען זיי ניט געווען בכח אויפצובויען. דער איינצעלנער מענש איז געוואָרען דער מיטעלפּונקט פון דער וועלט און אויך דעם איינצעלנעם מענשען האָבען

זיי אוועקגעגעבען אין די מאכט פון זיינע ליידענשאפטען און געפיהלען.

סאָקראטעס איז ארויסגעטראָטען אלס יורש פון דער סאָפיס־טישער אויפקלערונג, אָבער צו דערזעלבער צייט אלס דער ביטערס־טער געגנער פון דער סאָפיסטישער מאָראל. נור אין דער דאָזיגער דאָפעלטער ראָלע קאָן סאָקראטעס ערקלערט און ריכטיג פערשטאַ־נען ווערען.

בירושה האָט ער פון די סאָפיסטען אריבערגענומען דאָס, וואָס די גאנצע פילאָזאָפיע איז פאר איהם געווען א פראקטישע, מענשליכע פילאָזאָפיע, ניט קיין נאטור פילאָזאָפיע. ער רעדט זאָגאר מיט א געוויסען סאָרט פעראכטונג וועגען די אלטע פילאָזאָ־פישע סיסטעמען. אויך פאר איהם איז דער מענש דאָס מאָס פון אלע זאכען.

אָבער ער איז דער שאַרפסטער געגנער פון די סאָפיסטען דאַן, ווען זיי האָבען געמאכט א געשעפט פון דער פילאָזאָפיע. האנדלען מיט דער תורה איז נאָך זיין מיינונג די גרעסטע שאנדע. מיט שטאָלץ זאָגט ער צו זיינע ריכטער: „מיין ארמקייט איז מיין בעסטער פערטיידיגער“.

ער איז זייער שארפסטער געגנער ווייל זיי האָבען געבויט די גאנצע מאָראל אויף דעם איינצעלנען. אויף אזא פונדאמענט איז איבערהויפט געווען אונמעגליך צו בויען א וויסענשאפטליכע גע־ביידע. סאָקראטעס האָט דאָס מענשליכע מאָס אויסגעצויגען פיעל ווייטער. דער מענש איז פאר איהם דער טיפישער מענש, דאָס מענשליכע געשלעכט, דער מענש און זיין צוזאמענלעבען מיט אנדערע מענשען.

געפיהלען, ליידענשאפטען זיינען די רעדעל־פיהרער ביי די סאָפיסטען. דער שכל, דער קאלטער, קלאָרער חשבון — ביי סאָקראַ־טעס׳ען. קיין אלגעמיינע געזעצען, קיין אלגעמיין־גילטיגע נאָרמען דאָרט. אלגעמיינעס וויסען, אלגעמיינע געזעצען און נאָרמען — ביי סאָקראטעס׳ען. די וועלט פון צושטערונג דאָרט, די וועלט פון פאזיטיווער ארבייט דאָ.

סאָקראטעס האָט ניט נור אויסגעשפרייט דאָס מענשליכע

מאָס פון אלע זאכען אויף די אלגעמיינע מענשהייט. ער האָט די אונטערזוכונג אויף פערטיעפט און האָט אין מענשליכען „איך" אריינגעהויכט דעם פעראיידעלענדען און בעציערענדען גייסט פון אידעאליזמוס און פון פערפאָלקאָמונג. דער בעריהמטער שפּרוך: „דערקען דיך אליין", וועלכער איז געוועזען אויפגעשריעבען איבער דעם אריינגאנג אין טעמפּעל פון דעם גאָט אפּאללאָ אין דעלפי, האָט געהייסען ביי איהם צו דערזעלבער צייט אויך: מאַך דיך אליין בעסער, ריינער, פאָלקאָמענער.

„דערקען דיך אליין" האָט געהייסען צו דערזעלבער צייט דערקען די וועלט ארום דיר, האלט אָפען די אויגען צו פערשטעהן אלץ וואָס עס טוט זיך ארום דיר.

„ערקענען, וויסען, פערשטעהן". אָבער ווי קומט מען דערצו? וואו נעהמט מען די געוויסהייט, אז דאָס וואָס איך וויים איז ריכטיג און ניט פאלש?

„אין וויסען ליעגט די העכסטע טוגענד". אָבער ווי קומט מען צו אזא סאָרט וויסען?

דער ערשטער טריט, וועלכען סאָקראַטעס האָט געמוזט מאַכען, נעהמענדיג זיך אויפצובויען זיין פערנונפט־פילאָזאָפיע האָט געמוזט בעשטעהן אין דעם וועג, אין דער מ ע ט ה א ד ע, ווי אזוי צו קומען צו דער וויסענשאפט, ווי אזוי צו קענען אבזונדערן דאָס ריינע קערנדל אמת פון די פיעל פסולת, די טעותן.

און עס איז זיכער ניט דער קלענסטער פערדיענסט פון סאָקראטעס'ען, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען אויסצובויען די וויסענשאפטליכע פילאָזאָפישע מעטהאָדע, דורך וועלכע מען זאָל קענען קומען צו דער וואהרהייט: אמת ניט פאר איהם און ניט פאר זיין צייט איז געוועזען בעשערט די שווערע אויפגאבע דורכצופיהרען אזוי, אז מיר זאָלען היינט זיין בעפריעדיגט. שפּעטער, אין אַ סך הונדערטע יאהרען נאָך איהם האָט איין אנדער בענייער פון דער פילאָזאָפיע, דער ענגלענדער בעקאָן, אויך אָנגעהויבען פון דעם פונקט און איז אוועק פיעל, פיעל ווייטער. אָבער מען קאָן ניט לייקענען, אז סאָקראטעס האָט אוועקגעשטופּט די

פילאָזאָפיע פיעל ווייטער און געמאכט זי פיעל פעסטער דורך דעם, וואָס ער האָט אויסגעפונען דעם נייעם וועג, די נייע מעטהאָדע.

אויך אין דעם האָט איהם שטארק ארויסגעהאָלפען זיין גע־זונדער פראקטישער פערשטאנד. סאָקראטעס, דער גרויסער מענ־שען־פּרובירער, איז געבליעבען אין זיין מעטהאָדע טריי צו זיך אליין „פּרוביר זיך, פּרוביר יעדען זאַץ, יעדעס וואָרט, יעדען בע־גריף צו זיינען זיי ריכטיג".

די אונטערזוכונג העבט זיך אָן פון א פאקט, פון איין ער־שיינונג, פון א בעגריף. מיר ווילען עס פערשטעהן. וואָס דאר־פען מיר טון? דער שפּעטערדיגער ענטפער איז געווען: צוזאַמען־קלייבען אלע פאקטען פון זעלבען סאָרט, זיי סאָרטירען, פערגלייכען און דאן ארויסגעפינען דעם תמצית דערפון. דערצו איז סאָקראטעס נאָך ניט דערגאנגען. דאָס איז פאר זיין צייט אויך געווען אונ־מעגליך.

סאָקראטעס בעגנוגט זיך דערמיט, וואָס ער נעהמט דעם איינ־צעלנעם פאקט, פערגלייכט איהם מיט אנדערע בעוואוסטע פאק־טען פון דעם זעלבען סאָרט, און געפינט אוים, וועלכע אייגענשאפ־טען עס זיינען פארהאנדען צו יעדער צייט אונטער אלע אומ־שטענדען אין אלע גלייכע פאקטען. דאָס קאָן מען אויסגעפינען נאָכ־זוכענדיג צו עקזיסטירט ניט די זעלבע זאך אָהן די בעשטימטע אייגענשאפטען און אויך פּרובירענדיג אראָפּוואַרפען פון דער זאך פערשיעדענע אייגענשאפטען. דאן זעהט מען, וואָס עס בלייבט פון דער זאך. אויף אזא אופן קריעגט מען ארוים, אין וואָס עס בעשטעהט דער עיקר, דער תוך פון דער זאך, וועלכען מיר רופען בעגריף. און ווען מיר האָבען שוין דעם ריכטיגען בעגריף, קאָנען מיר איהם נעהמען פאר א פּרובירשטיין און אויספּרובירען יעדע ערשיינונג, יעדע זאך, וואָס טראָגט אויף זיך דעם זעלבען נאָמען און אויסגעפינען אויף וויפיעל זי איז ריכטיג, אָדער פאלש.

סאָקראטעס האָט געמיינט — דערצעהלט קסענאפאָן — אז „ווער עס האָט א ריכטיגען בעגריף פון א זאך, דער קאָן די זאך ערקלערען אנדערע אויך. ווען דער בעגריף פעהלט אבער, דאן איז קיין וואונדער ניט, ווען איינער נארט זיך און אנדערע".

דאָס איז אָבער ניט דער איינצעלנער וועג פון סאָקראַטעס׳עס אונטערזוכונג. זיין אַרט ערקלערען אין בעווייזען א זאַך נעהמט אָן פערשיעדענע פאָרמען. איין מאָל בעמיהט ער זיך צו איבערציי־גען דעם גיגנער, אז יענער זאָל מודה זיין דעם אַלגעמיינעם כלל. דאַן ברייגנט ער שוין אַרונטער דעם געגעבענעם פאַל אונטער יע־נעם אנערקענטען כלל. איין אַנדערס מאָל צוקלאַפּט ער פרעמדע בעהויפּטונגען דורך דעם, וואס ער בעווייזט, אז זיי ווידערשפּרעכען זיך אליין, אָדער אז זיי שטעהען אין ווידערשפּרוך מיט אַנדערע אנערקאָנטע און פון אַלעמען אָנגענומענע פאַקטען. ער פערפעס־טיגט און בעווייזט זיינע בעהויפּטונגען ענטוועדער דורך אַנדערע פאַקטען, אָדער דורך קלאָרע פערגלייכע (צד השוה).

אָט אזוי געהט סאָקראַטעס אויף פערשיעדענע וועגען אַרומ־צוגעפינען דעם אמת. ער רופט עס די קונסט פון דער הייבאַם, די קונסט צו העלפען געבאָרען געדאַנקען (מעאייטיק). אָבער ער איז נאָך אַליין ניט אימשטאַנד קלאָר צו אונטערשיידען איין סאָרט בעווייזע פון די אַנדערע. ער האָט אינסטיקטיוו געשטרעבט דער־צו, צו בעגרינדען די קונסט פון ריכטיגע שליסע און קלאָרע בע־ווייזע (לאָגיק) ער טאַפּט אַרום אַרום איהר, אָבער ער קען זי אַליין נאָך ניט קלאָר. דאָס אויסצופיהרען האָט ער איבערגעלאָזען זיין גייסטיגען איניקעל אַריסטאָטעל׳עס.

* * *

פּראַקטיש איז געווען סאָקראַטעס אין זיין מעטהאָדע. פּראַק־טיש איז ער אויך געבליעבען, — ווי מיר וויסען — אין די ציע־לען און שטרעבונגען פון זיין פילאָזאָפיע. נור מיט די מענשליכע זאַכען האָט ער זיך אינטערעסירט, נור דאָס איז געווען דאָס פעלד פון זיינע אונטערזוכונגען. זיין העכסטען אידעאַל, דאָס וויסען, האָט ער אוועקגעשטעלט אין גאַנצען אין דיענסט פון מענשען און פון זיינע נוצען. ער האָט מקריב געווען זיין גאַנץ לעבען און אַלע זיינע כחות און פעהיגקייטען צו גרינדען א פעסטע וויסענ־שאַפטליכע מאָראַל. אמת, דאָס ציעל האָט איהם זיך ניט איינגע־געבען. מעהר ווי עטליכע אַלגעמיינע גרונד־געדאַנקען און פילאָ־

זאַפישע בעשטימונגען האָט ער ניט איבערגעלאָזען. אָבער זיי אליין זיינען אויך ווערטה אויף זיי אביסעל לענגער זיך אָבצושטעלען.

מיר ווייסען שוין זיין הויפּט געדאנקען: „טוגענד איז ווי־סען". דאָס אמת'ע ווייסען האָט צוויי שונאים: די אונוויסענ־הייט און דאָס פאַלשע ווייסען. סאָקראַטעס האַלט דאָס צווייטע פאַר שעדליכער און געפעהרליכער איידער די ערשטע. דער מענש דאַרף נור ווייסען אין וואָס עס בעשטעהט די טוגענד און ער וועט שוין זיין טוגענדהאַפט.

און אום די מענשען טוגענהאַפט צו מאַכען, אום צו מאַכען זיי זאָלען געהן בדרך הישר, דאַרף מען זיי נור אויפקלערען, וואָס גוט איז. די טוגענד קומט צו אונז דורך בעלעהרונג, און אַלע טו־גענדען בעשטעהן אין ווייסען.

אָבער וואָס איז דאָס אזוינס דאָס גוטע וואָס מאַכט טוגענ־האַפט, ווען מען ווייס עס?

און סאָקראַטעס בעמיהט זיך צו בעווייזען דעם גרונד פון די זיטליכע געזעצען אין דער צוועקמעסיגקייט: אין דעם ערפאָלג פון די האַנדלונגען, וועלכע שטיצען זיך אויף זיי, אין זייער נו־צען פאַר די מענשען. ווארום גוט איז נור, וואָס איז נוצליך פאַר די מענשען. שאַדען און נוצען זיינען דאָס מאָס פאַר גוט און שלעכט.

פאַר סאָקראַטעס'ען איז דאַן געבליעבען נאָך איין אויפגאַבע: נאָכצואווייזען אז צו זיין מאָראַליש איז נוצליכער, געזינדער ווי צו זיין ניט מאָראַליש. און ער פּרובירט דאָס טון. איינגעהאַלטען זיין, נישט לעבען ברייט, איז א טוגענד, ווארום ווען מען האַלט זיך איין איז לייכטער צו לעבען אויף דער וועלט. מען איז וועניגער אבהיינ־גיג פון אַנדערע. זיך פאַרהאַרטעווען איז א טוגענד, ווייל עס איז געזינדער, מען קען לייכטער ביישטעהן און אריבערטראָגען גע־פאַהרען. זיין בעשיידען איז א טוגענד, ווארום בעריהמעריי ברינגט שאַנדע און שאָדען. מיר מוזען האָבען גוטע פריינד, ווייל זיי זיינען נויטיג אין א עת־צרה. מיר דאַרפען אנטייל נעהמען אין עפענטליכען לעבען, ווייל אין דעם אַלגעמיינעם נוצען האָבען מיר אונזער חלק אויך. מיר דאַרפען געהאָרכען די געטער, ווייל

זיי קענען אונז בעלאָהנען אָדער בעשטראָפען. אַט אזוי געהט עס ווייטער און ווייטער וואַכעדיג, פּראָזאאיש.

ווען מען קוקט אויף סאָקראטעס'עס מאָראל לעהרע פון דער זייט, פירליערט זי איהר גאנצען חן און איהר גאנצען אידעאליסטישען גלאנץ. עס מאכט זאָגאר דעם איינדרוק, אז זי אונטערשיידט זיך ניט פיעל פון דער סאָפיסטישער מאָראל. מען דארף זיך אָבער ניט לאָזען פערפיהרען פון דער וואכעדיגער אויסערליכקייט. איהר קערן, איהר נשמה איז פון א גאנץ אנדערען, העכערען סאָרט. אין דער צייט ,ווען די סאָפיסטען האָבען דורך זייער מאָראל געוואלט דיענען נור דעם גוף, איז פאר סאָקראטעס'ען די הויפּטזאך די נשמה, דער גייסט פון מענשען. די נשמה פון מענשען איז דער שכל און דערפאר האָט נור א שכל'דיגע זאך א ווערטה, און נור פאר'ן שכל, פאר די נשמה דארף מען זאָרגען. מען דארף זאָרגען, אז דער דיינקענדער גייסט זאָל ניט געשטערט ווערען פון גוף און דערפאר מוז מען אין זיך זעהן אונטערדריקען איבעריגע בעדירפניסע, זיך מאכען אונאבהייננגיג פון דער אויסערליכער וועלט, ניט וויסען פון דער וועלט, נור בלייבענדיג אין דער וועלט זיין פריי פון איהרע קייטען, קאָנען הערשען איבער זיך.

סאָקראטעס מיינט, אז דאָס איז ניט אזוי שווער צו דערגרייכען, ווארום די וועלט אָרדנונג איז געשאפען געווארען דורך א קלוגען שעפפער, וועלכער איז גוט צו אלע ברואים. און בעזונדערס האָט דער מענש פון דער נאטור בעקומען אזוינע מעלות, וועלכע מאכען איהם גליקליכער פאר אלע ברואים אויף דער וועלט. דאָס לעבען איז א זאך וואָס האָט דעם העכסטען ווערטה.

די הערשאפט פון דער נשמה, פון גייסט, פון שכל, איבער דעם גוף, געפיהלען און ליידענשאפטען איז איין פונדאמענטאלער פונקט, דורך וועלכען סאָקראטעס'עס מאָראל לעהרע אונטערשיידעט זיך פון דער סאָפיסטישער און בעקומט א אידעאלען אויסזעהן. די הערשאפט פון אלגעמיינעם נוצען, פון אלגעמיינע אינטערעסען איבער די ריין־פּערזענליכע, עגאָאיסטישע, איז דער צוויי־

טער פונדאמענטאלער פונקט אין וועלכען זיי געהען זיך פאר־נאנדער.

אויך אין דעם איז סאָקראַטעס א גרויסער אָפּטימיסט. גלויבענדיג אז די וועלט איז בעשאפען געוואָרען פון א קלוגען, גוטען גייסט, איז ער איבערצייגט, אז ווען דער מענש שטרעבט צו ערפילען זיין העכסטע פפליכט, דאָס הייסט צו מאכען זיך בעסער, פערנינפטיגער, פאָלקאָמענער, קומט ער ניט אריין אין קיין סכסוך מיט די אנדערע מענשען. פערקעהרט, דער גליק פון איינצעלנעם מענשען הייגט זעהר פיעל אָב פון גליק און גוטע ארדנונגען פון שטאט. אזוי ווי אין א גוטער בעל־הבית׳שקייט מוז הערשען אחדות און צופריעדענהייט; אזוי מוז זיין אויך אין שטאאט. דאָס אלגעמיינע גליק און די אלגעמיינע צופריעדענהייט זיינען שוין א קוועלע פון מוטה און ענערגיע פאר יעדען איינצעלנען. די אלגעמיינע צושטענדע האָבען אויסער דעם נאָך א גרויסען איינפלוס אויף יעדען איינצעלנען.

סאָקראַטעס׳עס מאָראל־לעהרע בויט זיך דערפאר אויף דעם געזעלשאפטליכען מענשען, דעם מענשען אין זיין צוזאמענלעבען מיט אנדערע. און סאָקראַטעס׳עס טהעמעס דרעהען זיך דאָס רוב ארום די פראגען פון לעבען און שטאאט און געזעלשאפט; נאָך מעהר צו פערענטפערן די פראגע: ווי ערציהט מען גוטע פאָלקס־טוער און פאָלקס פיהרער איז פאר איהם איינע פון די שווערסטע און וויכטיגסטע אויפגאבען.

* * *

וואָס איז אזוינס א שטאאט און ווער איז א גוטער שטאאטס־מאן? סאָקראַטעס האָט פיעל געשפּרעכען געהאט וועגען דעם מיט זיינע שילער.

דער שטאאט, דער אמת׳ער ריכטיגער שטאאט, וועלכער קאָן ברייגען ארדנונג צווישען די בירגער האָט פיער פאָרמען. די ערשטע פאָרם איז די מאָנארכיע. די הערשאפט ליעגט דאָן אין די הענד פון איין איינצעלנער פערזאָן. זי איז געגרינדעט אויף דער פרייוויליגער געהאָרכזאָמקייט פון די בירגער, און אויף דער געבונדענקייט פון הערשער צום געזעץ. פון דער מאָנארכיע אונ־

טערשיידעט זיך דערפאר די טיראניי, וואו די בירגער ווערען גע־צוואונגען צו געהארכען און דער הערשער האלט זיך ניט צוגע־בונדען צו קיין געזעץ.

די צווייטע פארמע איז די אריסטאקראטיע, וואו עטליכע יחסנים פון געבורט הערשען. די דריטע פארמע פון שטאאט איז די פלוטאקראטיע, וואו עטליכע אויפגעקומענע גבירים פיהרען די הערשאפט. די פיערטע פארמע איז די דעמאקראטיע, וואו אלע האבען א צוגאנג צו דער הערשאפט, וואו אלע האבען א דעה אין דער רעגיערונג אהן אונטערשיעד פון געבורט און עשירות.

אויף די פראגע, וועלכע פון די פיער פארמען איז די ריכ־טיגערע, די בעסערע, ענטפערט סאקראטעס: די דעמאקראטיע, די רעפובליק. ער איז אבער ניט בלינד צו איהר, ער טענה'עט, אז די דעמאקראטיע נויטיגט זיך אין רעפארמען. ער גלויבט ניט, אז די פעהלערן ליעגען אין דעם עצם פון דער דעמאקראטיע אדער אין דעם כאראקטער פון דעם אטהענישען פאלק. דאס אטהענישע פאלק לויבט ער אין זעהר ווארמע ווערטער. די דעמאקראטיע — זאגט ער — איז אין אמת'ן זעהר שטארק אבהייננגיג ניט פון דער פאלקס פערזאמלונג, וועלכע בעשטעהט דאס רוב פון בויערן, קליי־נע סוחרים, בעלי־מלאכות, וואס טראכטען נור וועגען זייערע פער־זענליכע, מאטעריעלע אינטערעסען, נור פון די פאלקס־פיהרער. די פאלקס־פיהרער זיינען דאס רוב די פאלקס־הערשער. און דערפאר פארדערט סאקראטעס, אז די פאלקס־פיהרער זאלען טאקע זיין די טיכטיגסטע און פעהיגסטע מענשען. און דערפאר טרעט ער שטארק ארויס געגען דעם, וואס די רעגיערונגס־עמטער ווערען פערטיילט דורך'ן גורל. אנשטאט דעם שכל בעשטימט דאן דער צופאל דאס שיקזאל פון שטאאט. דער צופאל קאן וועלען אז דוקא די אונ־פעהיגסטע זאלען ביקומען די וויכטיגסטע עמטער און די פע־היגסטע זאלען בלייבען אויסגעשטעלט.

אויסערדעם וויל ער, אז די מאסען זאלען ניט ווערען צילא־זען און אויסגעלאסען און ער געפינט, אז דאס בעסטע מיטעל גע־גען דעם איז די בעשעפטיגונג מיט נוצליכע ארבייטען. מיט גרויסע ליעבע בערופט ער זיך אויף א פערז פון איינעם פון די

עלטסטע גריעכישע זינגער, העזיאד: „ארבייט איז קיין מאָל קיין שאנדע ניט. לעדיג געהן איז א שאנדע". און דאָס — זאָגט ער — איז ריכטיג אי בנוגע צו דער אייגענער בעל־הבית'שקייט, אי בנוגע צום שטאאט.

ווענן די שטאאטסמענער, אָדער פאָלקספיהרער זאָגט ער אזוי: זיי מוזען האָבען דאָס פערטרויען פון די פאָלקסמאסען. זיי מוזען פערשטעהן און וועלען טון, וואָס עס איז גוט און נוצליך פאר'ן פאָלק, ניט אָבער, ווי געוועהנליך, זיך לאָזען פערפיהרען פון זייערע עגאָאיסטישע, עקספלואטאטארישע אינטערעסען און שטרעבונגען.

די מעלות און קענטניסע, וואָס א פאָלקספיהרער דארף האָבען רופט ער „די קעניגליכע קונסט", „די שענסטע און פרעכטיגסטע טוגענד". ער מאכט חוזק פון די אריסטאָקראטען, וועלכע מיינען אז ווייל זיי זיינען געבאָרען געווארען אין רייכע הייזער, פון מיוחס'דיגע פאמיליען, דערפאר זיינען זיי שוין בעשאפען געוואָרען צו פיהרען די מלוכה, און זיי דארפען גאָר ניט לערנען.

סאָקראטעס מיינט, אז פעהיגקייטען צו זיין א פיהרער דארף מען האָבען פון דער נאטור, דאָס האָט אָבער ניט צו טון מיט'ן יחוס. דערצו אבער מוז מען נאָך פיעל לערנען און זיך אויסבילדען.

אין א דעמאָקראטישער רעפובליק דארף א פאָלקס־פיהרער האָבען קודם כל דריי מעלות: ענערגיע (טהאטקראפט), רעדנערשע פעהיגקייטען און געשיקטקייט, פלינקייט. דאן קומט נאָך זעהר א וויכטיגע מעלה, וועלכע בעשטעהט אליין פון 4 אייגענשאפטען. זי הייסט ס א פ ר א ז י נ א — גייסטיגע געזונדקייט, א געזונטע קאָפּ און א געזונט הארץ. איהרע אייגענשאפטען זיינען סאָקראטעס'עס פיער בעריהמטע טוגענדען.

1) פרומקייט. פון איין זייט בעשטעהט די פרומקייט אין מורא פאר גאָט. פון דער אנדערער זייט איז זי א מיטעל ארויס־צוקריגען פון גאָט חסדים. סאָקראטעס האָט געגלויבט, אז די געטער האָבען געשאפען די וועלט און אז זיי פיהרען די וועלט, אז „מלא כל הארץ כבודו". אזוי ווי די וועלט פיהרט זיך נאָך א געוויסער ארדנונג, מוז דאָך זיין א שכל'דיגע זאך, וואָס פיהרט

די וועלט און דאָס קאָן זיין נור גאָט, אדער, ריכטי־
גער, די געטער, דאָס הייסט די געטער פון זיין פאָלק.
צווישען די אַלע געטער אונטירשיידעט ער איין גאָט,
וואָס האָט געשאפען די וועלט, דאָס איז א מין גייסט,
די נשמה פון דער וועלט (נוס). אזוי ווי די מענשליכע
נשמה זאָרגט פאר׳ן מענשענס גוף, אזוי זאָרגט די וועלט נשמה,
דער וועלט גייסט (דער נוס) אָדער די גאָטהייט פאר די וועלט
און בעזונדערס פאר׳ן מענשען. די געטער דריקען אויס זייער ווי־
לען דורך נביאים, אראקלען. מען דארף די געטער אויסדריקען
אכטונג, מען דארף זיי דיענען. דאָס קאָן מען אם בעסטען טון,
ווען מען האלט זיך אָן די מנהגים פון אייגענעם פאָלק. קרבנות
און תפלות זיינען זעהר וויכטיג. נאָך וויכטיגער איז אָבער די
געזינונג, דער ריינער זין, די גוטע כונה.

2) גערעכטיגקייט. זי בעשטעהט ניט נור אין דעם, וואָס מען
מוז געהאָרכען די געזעצען פון שטאאט, נור מען דארף אויך זיין
געוויסענהאפט געגען אנדערע מענשען און עהרליך ערפילען די
פערשפרעכונגען, וועלכע ווערען גמאכט אפילו צו שקלאפען. זי
פאָרדערט, אז מען זאָל זיין גוט, דאנקבאר און טריי. זי איז די
וויכטיגסטע סאָציאלע טוגענד, וואָס מאכט מעגליך דאָס לעבען
צוזאמען מיט אנדערע מענשען. אָבער אזוי ווי איהר ציעל איז דער
מענשליכער נוצען, דערפאר מעג מען און מען מוז זאָגאר אונטער
געוויסע אומשטענדען עובר זיין איבער איהר. ווען דאָס איז נור
ניצליכער. מען מעג און דארף צ. ב. אָבנארען א קראנקען. מען
מעג איבערביטערוועז, אבשפיעלען א שפיצעל מיט׳ן שונא אין
שלאכטפעלד, און אזוי ווייטער.

3) טאפפערקייט. זי בעשטעהט אין דעם, וואָס דער מענש
דארף האָבען מוטה צו בעגעגענען א געפאהר און איבערהויפט מיט
פעסטקייט אריבערטראָגען יעדער צרה.

4) ענטהאלטזאמקייט. זיך צוריקהאלטען פון איבעריגע בעד־
דירפניסע. זיך פערהארטעווען אין לעבען, כדי מען זאָל קאָנען
זיין פריי און אונאבהייננגיג פון דער אויסערליכער וועלט.

די פיער טוגענדען זיינען די וויכטיגסטע זאָך פאר׳ן מענשען.

אָבער אויסער דעם דארף מען נאָך האָבען קענטניסע, פּראַקטישע וויסענשאַפטען, קענען איבערצייגען אנדערע מענשען, (ניט אָבער איבעררעדען ווי די סאָפיסטען) זיין טיכטיג אין אַלץ.

אַט די אַלע מעלות, וואָס זיינען אונבעדינגט נויטווענדיג פאַר יעדען פאָלקס־פיהרער, זיינען גוט און ווינשענסווערטה אויך פאַר יעדען מענשען בכלל.

אַט אזוי איז די סאָקראַטישע פילאָזאָפיע, ווי די סאָקראַטישע מאָראַל־לעהרע, און ווי זיין גאַנץ לעבען און שטרעבונג בעהערשט און לאָגיש געפיהרט פון איין גרויסען גרונד־געדאנקען און הויפּטשטרעבונג: פון צוועקמעסיגקייט, נוצען, פּארטהייל (אוטיליטאַריזמוס). דער אוטיליטאַריזמוס טרייבט איהם צו מאַכען דעם שכל פאַר ד עם הערשער איבער אַלץ (ראַציאָנאַליזמוס). און צו ערקלערען, אז די טוגענד איז די גליקזעליגקייט (איידעמאָניזמוס) פאַר דעם מענשען, פאַר דעם פּרט און פאַר דעם כלל.

עס וואָלט געווען א לעבערליכער קאַמפּף מיט לאנג צושטערטע ווינט־מיהלען צו געבען דאָ א קריטיק איבער סאָקראַטעס'עס פילאָזאָפישע סיסטעם. מיר זיינען היינט אזוי ווייט געוואקסען אין יעדער הינזיכט פון יענע פילאָזאָפישע ווינדעלעך, אז ניט קריטיקירען, ניט דעבאַטירען דאַרפען מיר מיט אַלטע פילאָזאָפען, נור זיי פערשטעהן ריכטיג, מאָלען און אריינשטעלען אין די פּאַסענדע ראַמען פון די דאַמאָלסדיגע צושטענדע. דאָס האָבען מיר געזוכט צו טון אין אונזער שילדערונג פון סאָקראַטעס לעבען און סאָקראַטעס פילאָזאָפיע. דאָס בילד בלייבט אָבער ניט פול, ווען מען זאָל ניט זיך אָבשטעלען אויף „דאָס בעסטע פון זיין לעבען — זיין טויט“. דאָס ווילען מיר טון אין דעם נעכסטען און לעצטען קאַפּיטעל.

פיערטער קאַפּיטעל.

סאָקראַטעס דער מאַרטירער.

סאָקראַטעס איז שוין געווען א זקן, א מאן פון 70 יאָהר. ווען דער שטורם, וועלכער האָט אזוי לאנג געהאַלטען ביים אויסברעכען, האָט ווירקליך אויסגעבראָכען איבער זיין קאָפּ. די גרויסע אונ־צופריעדענהייט און די שטאַרקע פערביטערטקייט, וועלכע האָבען שוין לאנג זיך אנגעקליעבען אין די הערצער פון זיינע מיטבירגער געגען איהם, האָבען סוף כל סוף געפיהרט צו איינע פון די טרויעריגסטע פּאַסירונגען, וועלכע פערדונקלען די געשיכטע פון דער מענשליכער ציוויליזאַציאָן.

צו זיין א שופט צווישען א'ן איידעלעם פּאָלק און דעם איידעלסטען פון זיינע קינדער איז א צו שווערע, צו דעליקאַטע און צו פעראַנטוואָרטליכע אויפגאַבע. עס איז דערפאר די גלייכסטע זאַך צו לאָזען רעדען די פאַקטען אליין פאר זיך.

סאָקראַטעס האָט געהאַט א סך שונאים. און די ערשטע פראגע איז: פון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען? דורך וואָס האָט ער זיך געמאַכט אזויפיעל שונאים?

די שנאה צו סאָקראַטעס'ען איז ניט געקומען — יעדענ־פאַלס ניט דאָס רוב — פון פערזענליכע אורזאַכען. סאָקראַטעס איז געווען פערזענליך ריין. ער האָט קיינעם קיין שלעכטס ניט געטון. ער האָט זיך נישט געמישט אין שטאַאטס אנגעלעגענהייטען, ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי. די שנאה צו איהם האָט געמוזט האָבען טיעפערע, אַלגעמיינערע אורזאַכען. דער פּראָצעס צווישען סאָקראַטעס'ען און די אַטהענער איז א פּראָצעס צווישען צוויי וועלטאַנשויאונגען. כדי איהם צו פערשטעהן מוזען מיר ווידער א מאָל זיך אראָפּלאָזען טיעף אין די סאָציאַלע און פּאָליטישע

צושטענדע פון דער צייט און אין די פּסיכאָלאָגיע פון דעם אטהע־נער פאָלק.

דער געוועהנליכער אטהענער בירגער האָט ניט שטארק ליעב געהאַט די אַלע נייע חכמים, אויפקלערער, „הימעל־זוכער": זיי זיינען דאָך געווען די חוזק־מאַכער פון אַלץ, וואָס הייליג איז, די ארונטערדרייסער פון אַלע אַלטע גייסטיגע פעסטונגען, די צושטע־רער פון אַלע אויטאָריטעטען, די בעל־עברה'ניקעס געגען די אַלטע געאַכטעטע און פון דורי דורות אָנגענומענע זיטען און מנהגים. און אָט די שנאה צו די סאָפיסטען איז אין גאנצען אריבערגעטראָגען געוואָרען אויף סאָקראַטעס'ען, וועמען די עפענטליכע מיינונג האָט געהאַלטען ניט נור פאַר איינעם פון די סאָפיסטען, נור זאָגאַר פאַר זייער וויכטיגסטען פאָרשטעהער. אזוי האָבען געשאַפען און גע־פיהרט די עפענטליכע מיינונג, די טאַלענטפאָלסטע קאָמעדיענשריי־בער פון יענער צייט. סאָקראַטעס איז געשילדערט געוואָרען אַלס סאָפיסט דורך דעם נרעסטען פון די קאָמעדיענשרייבער אריס־טאָפאַנעס, אין זיינע „וואָלקענס", און דורך דעם קלענערן קאָ־מעדיענשרייבער אייפאָליס, וועלכער האָט איהם אריינגערעכענט צווישען די סאָפיסטען אין זיין קאָמעדיע „די חונפים".

די קאָמעדיענשרייבער זיינען געווען דער אָבקלאַנג פון דער אַלגעמיין פערשפּרייטער מיינונג. זיי האָבען אָבער פון זייער זייט פיעל מיטגעהאָלפען ארויסצורופען און צו פערשטאַרקען די פיינד־ליכע געפיהלען געגען סאָקראַטעס'ען. מען דאַרף אויך ניט פער־געסען, אַז אין אטהען איז ניט אַנערקענט געוואָרען די פרייהייט צו רעדען וואָס מען וויל און צו דענקען וואָס מען וויל. און ווען דאָס פאָלק וואָלט אין אטהענס גאָלדענע יאָהרען שוין ניט געווען אזוי וויט „פּערגיפּטעט" מיט אפיקורסות און נייסען פון כל המינים, אַז די פאַנאַטיקער האָבען מורא געהאַט אויפצוהייבען דעם קאָפּ, דאַן וואָלט סאָקראַטעס שוין אַ סך פריהער דערפיהלט דעם טעם פון פאָלקס צאָרן.

עס זיינען פאַרביי וועניג צעהנדליג יאָהרען און אין אטהען איז אַלץ אוועק מיט דעם קאָפּ אראָב, בארג אראָב. אונ־גליקען אויף אונגליקען, קלעפּ אויף קלעפּ האָט אטהען גענומען

בעקומען. ביטערע ערפאהרונגען, קריינקונגען, ערניעדריגונגען אָהן א שיעור האָט דאָס אטהענער פאָלק גענומען איבערלעבען. און אין דער נייער אטמאספערע פון אהנמעכטיגער בייזקייט און פון פערניכטענדער פערצווייפלונג האָט אויך דער פונק פון שנאה צו כּאַקראטעס'ען זיך אָנגעצונדען אין א העלישען פייער.

די אטהענער האָבען געהאַט פאַרוואס צו ווערען פערצווייפעלט. די פיעל יאָהרען פון מערדערישען ברודערקריעג מיט די אנדערע, גריעכישע שבטים (דער פעלעפּאנעזישער קריעג) מיט אלע זיינע אונגליקליכע בעגלייטער: פּעסט, הונגער, טויט, נויט, צרות, ארימקייט און צושטערונג האָט זיך געענדיגט מיט א שרעקליכען, אונערהערטען באנקראָט פון אטהענס מאכט, אטהענס גרויסקייט, רייכקייט און זאָגאר אטהענס פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

איהר לעצטען טראָפּען זעלבסטשטענדיגקייט האָט אטהען גע־האט צו פערדאנקען דער „גוטהערציגקייט" פון איהר שונא ספּארטא, וועלכע האָט געשאָנקען די אטהענער זעלבסטשטענדיגקייט צו־זאמען מיט די 30 טיראנען. און די קורצע אָבער בלוטיגע הער־שאַפט פון די דאָזיגע טיראנען האָט נאָך פארפול געמאכט דאָס מאָס פון אונגליקען און ביטערקייט.

דער פּאָליטישער קריזיס האָט נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אויך א שרעקליכען עקאָנאָמישען קריזיס: די אינדוסטריען צושטערט, דער האנדעל אָבגעריסען, דער האפען פוסט, די גאסען שטיל און טויט. ניטאָ דער אמאָליגער גלאנץ, דאָס אמאָליגע לעבען. חורבות, קברים אויף יעדען טריט.

וואס פאר א וואונדער, וואָס צוזאמען מיט די געוועזענע גדולה איז אויך פערשוואונדען די גוטמוטיגקייט און טאָלעראנץ פון די אטהענער! וואָס פאר א וואונדער, וואָס דער אטהענער בירגער איז געווארען אזוי פערזומעטיגט, פערבייזט, וואָס די הערצער זיינען געוואָרען פערגליווערט, די אויגען שטענ־דיג פול מיט טרערען! די גרויסע איבערקעהרענים, די שווידער־ליכע צושטערונג זיינען דאָך געשעהן אזוי שנעל. דערזעלבער דור, וואָס האָט גענאָסען די שענסטע פרוכטען פון דער גאָלדענער צייט אונטער דער פיהרונג פון דעם פאָלקס־פיהרער פעריקלעס, האָט

איצט געמוזט דערלעבען די אלע צרות, שמאך און שאנדע. און דערפאר האָבען זיי עס געפיהלט דאָפעלט אזוי שווער.

די טיעפערע אורזאכען פון זייערע אונערהערטע אונגליקען צו זוכען און צו געפינען, דאָס האָבען די פאָלקסמאסען ניט גע־וואָלט און ניט געקאָנט און, — ווי געוועהנליך, — האָבען זיי גע־נומען זוכען די פערברעכער, די פעררעטהער, די שולדיגע און, ווי געוועהנליך, האָבען די מפּלות און אונגליקען זיי געמאכט קאָנסער־וואטיווער, אבערגלויבישער.

דער געוועהנליכער אטהענער בירגער איז געוואָרען פרומער. ער איז געוואָרען פעסט איבערצייגט, אז די געטער זיינען בייז גע־וואָרען און האָבען געשטראָפט דאָס אטהענער פאָלק. און די שטראָף איז געקומען ווייל אטהען איז געווארען אויסגעלאסען, צולאָזען און ווידערשפּענסטיג.

און ווער־זשע איז שולדיג אין די אלע אונגליקען, ווער איז שולדיג אין דעם, וואס דאָס פאָלק איז אראָב פון גוטען אלטען וועג, אויב ניט זיי, די „אויפקלערער“, די „הימעל־זוכער“, די פילאָזאָפען, די סאָפיסטען? אויב ניט דער גרעסטער צווישען זיי סאָקראטעס? אין די בעסערע יאָהרען האָבען אונזערע עלטערן שוין פערשטאנען, וואָס פאר א מגפה זיי זיינען פאר'ן פאָלק און האָבען זיי משלח געווען: אנאקסאגאראס האָט מען ארויסגעשיקט פון לאנד, פּראטאגאראס אויך. נור מיר האלטען דעם געפעהר־ליכסטען, דעם סאָקראטעס און לאָזען איהם פערדארבען אונזערע קינדער. — אזוי האָט געטראכט דער געוועהנליכער אטהענער בירגער.

אמת, סאָקראטעס אליין פלעגט ארויסטרעטען געגען די סאָ־פיסטען. אמת, ער האָט פיינט, מען זאָל איהם רופען סאָפיסט, אָדער לעהרער. אָבער ער איז דאָך שטענדיג ארומגערינגעלט מיט גאנ־צע סוויטעס. צו איהם קומען יונגע לייט פון אלע פרעמדע שטעדט. ארום זיין קליינעם, שמוציגען הייזעל איז שטענדיג פול מיט מענ־שען און ער האלט שטענדיג אין פערדרעהען די מוחות פון די יונ־גע לייט. נאָך פאר צוואנציג יאָהר צוריק האָט אריסטאָפאנעס

מתרה געווען דאָס פאָלק געגען איהם. און ער טוט נאָך ער היום זיינע אלע מחזקות ווי גאָר נישט געווען.

אי, וואָס ער יאָגט זיך ניט נאָך קיין עשירות און נעהמט אפילו קיין בעלאָהנונג ניט, איז טאקע נאָך ערגער פאר'ן פאָלק. צו יענע סאָפיסטען פלעגען האָבען א צוטריט נור איינצעלנע רייכע מענשען. ער אבער פערגיפטעט אלעמען. און וואָס פאר שרעקליכע זאכען לערנט ער זיי דאָס אביסעל: זיי זאָלען ניט פאָלגען זייערע טאטעס, זיי זאָלען ניט געהן אין די אלטע פון דורי־דורות אָנגענומענע וועגען. יא, דעם גלויבען אין די געטער צושטערט ער אפילו, והא ראיה מיר זעהען דאָך, וואָס פאר תלמידים עס געהען פון איהם ארויס, קאָנען מיר שוין פערשטעהן, וואָס פאר א סאָרט רבי דאָס איז. איהר האָט א טעות, אויב איהר מיינט, אז אזא „האָר שפאלטער" און „הימעל כאפער" קאָן גאָר נישט אויפטון.

קוקט זיך נור צו צו אונזערע גרעסטע אונגליקען און איהר וועט זעהן, אז זיי שטאמען פון איהם. וואָס איז געווען דאָס גרעסטע אונגליק פאר די אטהענער, אויב ניט די עקספעדיציע קיין סיציליען און דער משוגענער פלאן איינצונעהמען די גרויסע פעסטונג סיראקיוז. און ווער איז שולדיג אין דעם משוגענעם פערברעכען, וואָס האָט אָבגעקאָסט אטהען אונזער בעסטע פלאָטע און טויזענדער לעבענס פון אונזערע בעסטע בירגער? דער געליעבטער שילער פון דעם „האָר שפאלטער" סאָקראטעס, אלקיביאדעס. ער האָט פערפיהרט און פערשיכורט דאָס פאָלק און ניט דערלאָזען פאָלגען די עצה פון אונזער קלוגען פרומען ניקיאס. ער האָט א האנד אין א סך אנדערע צרות.

און אזוי ווי זיין תלמיד אלקיביאדעס האָט צושטערט אונזער מאכט אויפ'ן ים, אזוי האָט איין אנדערער פון זיינע תלמידים קריטיאס, צושטערט אונזער אינעווענייגסטען פריעדען. ער, קריטיאס, איז געוואָרען דער פיהרער פון די 30 טיראנען, וועלכע האָבען אויסגע'הרג'ט אזויפיעל פון אונזערע בעסטע פאטריאָטען און האָבען צושטערט די דעמאָקראטיע אין אטהען. אלקיביאדעס און קריטיאס זיינען מענשען מיט גרויסע פעהיגקייטען. עס וואָלט פון זיי נעקאָנט ארויס גוטע פאָלקס פיהרער, ווען זיי וואָלטען ניט

פערדאָרבען געוואָרען אין סאָקראַטעס'עס שול און וואָלטען פון איהם זיך ניט אָבגעלערענט אזויפיעל אפיקורסות, אזויפיעל פער־אכטונג צו אלע הייליגטימער פון פאָלק.

און זיינע אנדערע תלמידים, זיי זיינען אויך ניט בעסער. פּלאַטאָ פעראכטעט די דעמאָקראַטיע. קסענאפאָן איז אפילו א גר־טער סאָלדאט, אָבער אנשטאט צו דיענען דעם אייגענעם פאָלק, איז ער אוועק העלפען אין קליין־אזיען קירוסען, וועלכער שטיצט אונזער שונא ספּארטא.

ניין, מען קאָן עס ווייטער ניט לאָזען אזוי. מען מוז מאכען א סוף צו דעם. מיר טאָרען ניט לאָזען ווייטער פערגיפטען אונ־זערע קינדער. מען טאָר איהם ניט לאָזען ענדיגען זיין לעבען אין רוהע און פריעדען, אז אונזערע קינדער זאָלען אפילו נאָך זיין טויט שטאָלצירען מיט איהם און זיך ארומטראָגען מיט זיינע גיפ־טיגע רעדען, ווי מיט א אבן־טוב.

אין די פריהערדיגע צייטען, וואָלט מען פון אזא מין חברה־מאַן גיך געקאָנט פּטור ווערען. דאָס העכסטע געריכט, וואָס בע־שטעהט פון אונזערע עלטעסטע, דער ארעאָפּאַג, וואָלט איינפאך פערבאָטען אזעלכע שטוקעס. איצט אָבער, ווען דער ארעאָפּאַג איז אָבגעשאפט געווארען ,איז קיין אנדער מיטעל ניטאָ ווי נור איהם צו מאכען א פּראָצעס און איהם אוועקצושטעלען פאר'ן פאָלקס געריכט. און טאקע איינער פון אונזערע בעסטע פּאטריאָטען אני־טאס, וועלכער איז אמאָל געוועזען א רייכער פאבריקאנט, אָבער וואָס האָט מקריב געווען דעם גרעסטען טייל פון זיין פערמעגען, פאר'ן פאטערלאנד, ער האָט שוין גענומען די זאך אין זיינע הענד. ער קלייבט זיך צו מאכען איין אנקלאגע געגען איהם. עס וועט צום גליק שוין לאנג ניט דויערן און סאָקראַטעס וועט מוזען געהן דעם זעלבען וועג, ווי זיינע פאָרגעגנער אנאקסאגאראס און פּראָ־טאגאראָס. ער וועט מוזען דערציהען זיינע לעצטע יאָהרען ער־גענץ וואו ווייטער פון אטהען. נישט קשה, ער האָט דאך שילער און פריינד איבעראל, זיי וועלען שוין זאָרגען פאר איהם. עס וועט איהם אפילו קאָסטען טרערען זיך צו געזעגענען מיט זיין מרשעת

קסאנטיפּע, אָבער קיין גרויס אונגליק, וועט עס אויך פאַר איהם ניט זיין.

אניטאס האָט שוין בעוויזען, אז ער איז א גוטער פאַטריאָט און איין ענערגישער מענש, דאַן, ווען ער האָט געקעמפּפט געגען די אריסטאָקראַטען און טיראַנען. איצט וועט ער שוין ניט רוהען, ביז ער וועט דאָס זייניגע אויספיהרען און וועט דעם אַלטען בעל־עברה'ניק ארויסשיקען פון אטהען. ער האָט אויך צוויי גוטע העל־פער: ליקיאָן דעם רעדנער און מעליטאָס, דעם פּאָעט...

* * *

די פּאסירונגען האָבען אָבער גענומען א פיעל ערנסטערן, טראַגישערן כאַראַקטער.

אניטאס האָט זיין קלאַגע אריינגעטראָגען. זי ענטהאַלט צוויי פונקטען: „סאָקראַטעס טוט אונרעכט איין מאָל דורך דעם, וואָס ער ערקענט ניט אָן די געטער, וועלכע דער שטאַאט ערקענט אָן און פיהרט איין אנדערע, פרעמדע געטער. דאַן טוט ער אונרעכט דורך דעם, וואָס ער פערפיהרט דעם יונגען דור". אלס שטראָף האָט אני־טאס געפאָדערט ניט ארויסטרייבען פון לאַנד (אסטראַקיזמאָס) נור סאָקראַטעס'עס קאָפּ.

אזוי בייז האָט אניטאס פּיעלייכט אויך ניט געמיינט. אַלע זיינען געווען זיכער, אז סאָקראַטעס וועט זיך ניט שטעלען פאַר'ן געריכט נור בעצייטענס אליין ענטלויפען. מען האָט אבער סאָקראַ־טעס'ען ניט געקאָנט, ווען מען האָט עס געמיינט. סאָקראַטעס האָט אָנגענומען די פאָדערונג און זיך געשטעלט פאַר'ן געריכט.

עס איז געווען אין א שיינעם פריהלינגס פריהמאָרגען אין יאָהר399 פאַר קריסטוס .עס איז ניט געווען קיין יום־טוב'דיגער טאָג, דאָך האָבען פון פריהמאָרגען אָן גאַנצע קופּעס אטהענער בירגער, דאָס רוב עלטערע מענשען, זיך שוין געפונען אויפ'ן גאַס. זיי אַלע האָבען געוואָלט דיענען אלס פאָלקס ריכטער. דערצו איז געווען בערעכטיגט יעדער אטהענער בירגער, עלטער ווי 30 יאָהר מיט א ריינעם נאָמען. ער האָט געדאַרפט נור געהמען א ספּעצי־עלע שבועה.

וואָס פאר א פּראָצעס עס ערוואַרט זיי, האָט קיינער פון זיי ניט געוואוסט. זיי זיינען אַלע געגאַנגען צום געריכטס געביידע אויפ׳ן מארק פּלאַץ. דאָרט האָט מען געצווינגען גורל. דאָרט האָט מען זיי צוטיילט פאר די פערשיעדענע געריכטען, און איידער עס איז נאָך געווען גוט ליכטיג איז יעדער פון זיי שוין געגאַנגען צו דעם פּלאַץ, וואו זיין געריכט געפינט זיך.

500 פּאָלקס ריכטער האָבען ארויסגעצויגען דעם אונגליקליכען גורל צו ווערען סאָקראַטעס׳עס שופטים. זיי האָבען זיך אָבער דערפון ערשט דערוואוסט, דאן ווען די טיר איז שוין געווען פערמאכט הינטער זיי. ערשט דאן האָט מען זיי ערקלערט, אז זיי שטעהט פאָר צו אונטערזוכען מעליטאס׳עס אנקלאגע געגען סאָקראטעס׳ען. (מעליטאס איז געוואָרען דער הויפּט־אנקלעגער.)

די פּאָראונטערזוכונג האָט געפיהרט דער העכסטער בעאַמטער, דער ארכאָן. ער איז אויך געווען איצט, ביים פּראָצעס, דער פּאָרזיצענדער.

די פּאָלקס ריכטער האָבען זיך אויסגעזעצט אויף לאַנגע בייגק, בעדעקט מיט דעקעס. די אנקלעגער און דער בעשולדיגטער געגען זיי אויף צוויי פּלאַטפאָרמען איינע נעבען דער אנדערער. אין דעם הינטערסטען טייל פון זאַל איז געשטאַנען א גרויסער עולם. צווישען זיי האָט מען געקאָנט זעהן א סך פון סאָקראַטעס׳עס שילער: דעם דאַמאָלס 28 יעהריגען פּלאַטאָ, זיין ברודער אדאמאַנטוס, דעם ווילדער קריטיבולוס מיט זיין ברודער און פאָטער. סאָקראַטעס ליעבלינגס שילער, דעם וואונדער־שיינעם פהעדאָ מיט זיינע פּרעכטיגע געקרייזעלטע האָר, דעם עלעגאַנטען אריסטאָקראַט אריסטופּ, און נאָך און נאָך א סך אנדערע אטהענער און פרעמדע. מיט א ציטערדיגען הארץ האָבען זיי אַלע זיך צוגעהאָרכט צו יעדעם וואָרט און מיט שרעק האָבען זיי געוואַרט אויפ׳ן סוף.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבען, ווי געוועהנליך, מיט א תפלה און ווייהרויך. דער געריכטס דיענער האָט פאָרגעלייענט די אנקלאגע און די ערקלערונג פון דעם בעשולדיגטען. דער פּרעזידענט האָט דאַן געבעטען די אנקלעגער ארויפצוגעהן אויף די טריבונע.

אלס ערשטער האָט גערעדט מעליטאס. ער האָט זיך בעמיהט צו בעווייזען, אז נור פאטריאָטישע מאָטיווען האָבען איהם גע־נויטיגט צו מאכען די אנקלאגע. זיין רעדע האָט ענטהאלטען פיעל רעדנערישע דריידלעך, זי איז אָבער ניט געפעלען געוואָרען.

נאָך איהם האָבען גערעדט אניטאס און ליקיאָן. זיי האָבען געמאכט א בעסערען איינדרוק און געהאט א גרעסערע ווירקונג. אניטאס האָט ערקלערט, אז ער האָט געגען סאָקראטעס'ען פערזענ־ליך גאָר נישט. ער וואָלט געווען זעהר צופריעדען, ווען סאָקראטעס וואָלט זיך ניט געשטעלט צום געריכט און וואָלט אָבגעצויגען פון לאנד. אָבער ווי באלד ער איז יא געקומען, טאָר מען איהם ניט בעפרייען, ווארום זיין בעפרייאונג וואָלט צוגעגעבען מוט זיינע שילער נאָכצוטון זייער לעהרער. „סאָקראטעס'עס שילער" האָבען איבערהויפט געשפיעלט א גרויסע ראָלע אין דער אנקלאגע.

וועלכע בעווייזע די אנקלעגער האָבען געבראכט, ווייסען מיר ניט.

איצט איז געקומען די רייהע פאר סאָקראטעס'ען צו רעדען. און ער האָט גערעדט. זיין רעדע האָט געמאכט דעם איינדרוק ווי ניט פאָרבעריייט (אימפּראָוויזאציאָן). זי איז פול פון ערנסטקייט און זעלבסטווירדע, פון שארפזין, וויטץ און איראָניע. סאָקראטעס האָט אין איהר ארויסגעוויעזען א וואונדערליכען מוטה און פעסט־קייט. ער האָט מיט קיין וואָרט ניט געוואָלט ווירקען אויף די גע־פהלען פון די ריכטער. ניט קיין רחמנות האָט ער געבעטען, נור רעכט האָט ער געפאָדערט.

אנשטאט צו בעטען רחמים האָט סאָקראטעס גענומען דעם טאָן פון א בעליידיגטען. פון אויבען אראָב האָט ער בעהאנדעלט זיינע אנקלעגער. ער האָט געגעבען א בילד פון זיין לעבען און טהעטיגקייט און האָט געוויעזען, אז ער איז דער אויסגעוועהלטער פון גאָט. ער איז געשטעלט געוואָרען די מענשען צו לערנען און בע־סער צו מאכען. ער איז צו גוט און צו עהרליך פאר א פּאָליטישען טוער. ער אליין האָט געטריעבען די ריכטער אויף דעם וועג פון גאנצע מיטלען: ענטוועדער אין גאנצען בפרייען, אדער בעשול־דיגען. ער האָט זיי פאראויסגעזאָגט, אז עס וואָלט געווען אונוויר־

דיג אי פאר זיי אי פאר איהם צו מיינען, אז ער וועט קענען ווערען אנדערס. קיין פשרה איז דאַ ניט מעגליך. „איך אכטע אייך זעהר, אטהענער, און בין בערייט אייך צו פאָלגען, אָבער איך אכטע גאָט און זיין אראקעל נאָך מעהר, און כל זמן איך וועל האָבען כח, וועל איך ניט אויפהערען צו לערנען טוגענד און וועל ניט האנדלען אנדערס, ווי ביז איצט".

די רעדע האָט געמאכט א געוויסען איינדרוק. די ריכטער האָבען זיך דאן אויפגעהויבען און אָבגעגעבען זייערע שטימען אין איינעם פון די צוויי שטימקאסטענס. ווען מען האָט די שטימען איבערגעצעהלט האָט זיך ארויסגעוויעזען אז נור 30 שטימען האָט געפעהלט סאָקראטעס'ען בעפרייט צו ווערען.

נור פון 30 שטימען איז בעשטאנען די מאיאָריטעט, וואָס האָט געפונען סאָקראטעס'ען פאר שולדיג. אָבער שולדיג איז ער דאָך ערקלערט געווארען. דער פראָצעס האָט געמוזט געהן ווייטער און עס האָט געמוזט בעשטימט ווערען, וועלכע שטראָף עס קומט איהם. סאָקראטעס האָט איצט נאָך געהאט א געלעגענהייט פטור צו ווערען מיט א לייכטע שטראָף. ער האָט אָבער בידים איבער־געפיהרט זיך.

אין אטהענער געריכט פלעגט דער אנקלעגער אין זיין אנ־קלאגע אָנווייזען, וועלכען סאָרט שטראָף ער פאָרדערט. און דער בעשולדיגטער פלעגט דארפען פון זיין זייט פאָרשלאָגען א שטראָף. עס איז קלאָר, אז וואָס נאכגיעביגער דער בעשולדיגטער פלעגט זיך ארויסווייזען און וואָס גרעסער די שטראָף פלעגט זיין, צו וועל־כער ער אליין איז מסכים, אלץ מעהר שאנסען האָט ער געהאט, אז זיין פאָרשלאג וועט אָנגענומען ווערען.

סאָקראטעס האָט אָבער איןביידע פונקטען אָבגענארט די האָפנונגען און ערווארטונגען פון די ריכטער, וואָס זיינען געווען פריינדליך צו איהם.

נור מיט א שטארקען ווידערווילען און אָפען ערקלערענדיג, אז ער גיט עס נור נאָך זיינע פריינד, האָט ער מסכים געווען צו צאהלען די קליינע שטראָף פון 300 דראכמען. צו דערזעלבער צייט האָט ער אָבער אין שארפע ווערטער, צו וועלכע דאָס אטהענער

פאָלק איז גאָר ניט געוועהנט געווען, פּראָטעסטירט געגען די אונ־גערעכטיגקייט פון דעם פּסק. „וואָס קאָן איך דען, אטהענער, פאַר־שלאָגען? אפשר דאָס, וואָס מיר קומט פאַר מיינע פערדיענסטען? דאָס גאַנצע לעבען האָב איך געארבייט, ניט וויסענדיג פון קיין פערמאַטערטקייט און ניט זאָרגענדיג וועגען קיין זאַך ניט. וואָס מאַכט פול דאָס לעבען און די געדאַנקען פון אַנדערע מענשען: ניט וועגען עשירות, ניט וועגען דער פאַמיליע, ניט וועגען מילי־טערישען כבוד, ניט וועגען עפענטליכע שטעלען, ניט וועגען פאָלקס־פערזאַמלונגען, ניט וועגען פּאַרטייען. וואָס קומט מיר אַלזאָ דער־פאַר? וואָס קומט איין אָרימאַן, כמעט אַ בעטלער, וועלכער האָט אַזויפיעל גוטעס געטאָן פאַר'ן כלל און וועלכער נויטיגט זיך נור אין איין זאַך: צו קאָנען אָהן זאָרג פאַרטזעצען זיין נוצליכע טהעטיגקייט!" סאָקראַטעס זאָגט זיינע ריכטער גאַנץ ערנסט און אי־בערצייגט, אַז אייגענטליך וואָלט מען איהם געדאַרפט אויסהאַלטען אויפ'ן קהל'שען חשבון דעם גאַנצען איבעריגען טייל פון זיין לעבען.

אַזאַ האַלטונג פון אַ מענשען, וועלכער איז אָקאָרשט אָנער־קענט געוואָרען פון פאָלקס געריכט פאַר ש ו ל ד י ג אין שווערע פערברעכענס, איז אויסגעקומען ווי איין אונערהערטע בעליידי־גונג אין די אויגען פון די ריכטער.

דאָס רעזולטאַט איז געווען, אַז די מאַיאָריטעט געגען איהם איז געוואָרען פיעל גרעסער. מיט 320 געגען 180 שטימען איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז סאָקראַטעס מוז שטאַרבען פון גיפט־בעכער.

סאָקראַטעס האָט זיך אונטערגעוואָרפען אונטער דעם פּסק פון געריכט. אין ווייכע ווערטער האָט ער — אין זיין לעצטען וואָרט — פאַרגעוואָרפען די ריכטער, פאַר וואָס זיי האָבען זיך געאיילט צו מאַכען אַ סוף פון זיין לעבען, כאָטש זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז איהם איז געבליעבען ניט פיעל צו לעבען. די שפּעטערדיגע דורות וועלען זיי פאַר'משפט'ן. פאַר'ן טויט האָט ער קיין מורא ניט. ער איז מוחל זיינע ריכטער. ער בעט נור, אַז מען זאָל זאָרגען פאַר זיינע קינדער. אַלזאָ — האָט ער פערענדיגט — עס איז גע־

קומען דער טאָג, ווען מיר מוזען זיך שיידען. איך געה שטארבען, איהר — לעבען. וואָס עס איז בעסער, ווייס איין גאָט".

שטארבען איז סאָקראטעס'ען אָבער ניט אויסגעקומען אזוי גיך, ווי מען האָט גערעכענט. דאָס שיף, וואָס די אטהענער פלעגען אלע יאָהר שיקען אין דעלאָס אויף'ן יום טוב פון גאָט אפאלא איז אָקארשט אָבגעפאָהרען און כל זמן ער פלעגט ניט קומען צוריק פלעגט מען ניט טאָרען קיינעם בעשטראָפען מיט'ן טויט. 30 טעג האָט סאָקראטעס געמוזט זיצען אין געפענגנים געשמידט, ווארטענדיג אויף'ן סוף.

טאָג־טעגליך פלעגען קומען צו איהם זיינע פריינד און שילער און סאָקראטעס פלעגט מיט זיי פיהרען זיינע פילאָזאָפישע גע־שפרעכען. איין מאָל, גאנץ אין דער פריה, איז געקומען איינער פון זיינע איבערגעבענסטע שילער, דער רייכער קריטיאן, און האָט איהם גענומען איינרעדען, ער זאָל זיך ראטעווען, ער זאָל ענטלויפען. א שיף ווארט אויף איהם. אלץ איז אָנגעגרייט. מען דארף נור, ער זאָל מסכים זיין. סאָקראטעס האָט איהם מיט זיין געוועהנליכען שארפזין און קאלטבלוטיגקייט גענומען בעווייזען, אז ער טאָר אזא זאך ניט טון; אז ער מוז געהאָרכען דעם געזעץ פון זיין פאָלק; אז עס וואָלט געווען א שמאך און א שאנדע, ווען ער — דער אלטער פילאָזאָף — וואָלט מסכים געווען צו קריטאנס פאָרשלאָג. „אפשר האָסט דו אנדערע ארגומענטען, טו זאָג, קריטיאן". „איך קען מעהר גאָר נישט זאָגען", האָט קריטיאן געענטפערט מיט טרויער. „אויב אזוי, טו געה רוהיג אהיים, קריטיאן, און לאָז מיך ערפילען גאָטס ווילען און געהן דאָרט, וואוהין ער הייסט".

עס איז געקומען סוף כל סוף דער לעצטער טאָג פון סאָקראטעס'ס לעבען. גלייך אין דער פריה זיינען געקומען זיינע שילער און פריינד. זיי האָבען איהם שוין געפונען בעפרייט פון די קייטען. נעבען איהם זיינען געזעסען זיין פרוי קסאנטיפע מיט די קינדער. דערזעהענדיג די שילער, האָט סאָקראטעס ארויסגעשיקט דאָס ווייב און די קינדער און איז געבליעבען צוזאמען מיט די שילער זיך דורכצורעדען מיט זיי צום לעצטען מאָל.

זיי האָבען גערעדט וועגען טויט, וועגען נשמה, וועגען אונ־שטערבליכקייט א. ז. וו.

זיינע שילער זיינען געווען אלע פול פון קומער. אויף זייערע צורות איז געלעגען א וואָלקען פון טרויער. זייערע אויגען זיינען געווען פול פון טרערען, און פון זייערע הערצער פלעגען זיך ארויס־רייסען קרעכצען. סאָקראַטעס האָט זיי צערטליך געטרייסט, און זיי בעוויזען, אז זיי האָבען ניט פאַר וואָס צו זיין אזוי פערצוויי־פעלט. ער האָט גערעדט מיט זיי אין זעלבען פילאָזאָפישען טאָן אויף פילאָזאָפישע טהעמאס. אזוי איז אוועק דער טאָג.

די זון האָט נעהאַלטען ביים אונטערגעהן. די שרעקליכע שעה איז געקומען. סאָקראַטעס איז אריין אין דאָס צווייטע צימער, האָט גענומען א וואַנע און געלאָזט רופען די ווייב און קינדע.ר ער האָט זיך מיט זיי געזעגענט, זיי געזאָגט, אז קריטיאן וועט פאַר זיי זאָרגען און האָט זיי אָבגעשיקט אהיים. ער האָט ניט געוואָלט, זיי זאָלען זיין ביי זיין טויט.

גלייך נאָכדעם איז אריין דער אויפזעהער פון געפענגנים מיט דעם אונגליקס־בעכער אין האנד. ער האָט געבעטען, סאָקראַטעס זאָל איהם מוחל זיין און מיט טרערען אין די אויגען איז ער ארויס פון צימער. סאָקראַטעס האָט רוהיג גענומען דעם בעכער; געלאָ־סען אָבגעזאָגט די תפלה און געלאַסען אויסגעטרונקען דאָס גיפט. די שילער האָבען שוין מעהר ניט געקאָנט זיך צוריקהאַלטען. עס איז גווארען א יללה, א כליפעריי, א הערצרייסענדער געוויין. סאָק־ראַטעס האָט זיי בערוהיגט און זיי געצוואונגען ענטשוויגען צו ווערען .ער אליין האָט גענומען ארומגעהן איבערן צימער — ווי דער אויפזעהער פון געפענגנים האָט איהם געהייסען — ביז ער האָט גענומען פיהלען א שווערקייט אין די פיס. דאַן האָט ער זיך אוועקגעלעגט אין בעט. פון צייט צו צייט פלעגט דער אויפזעהער צוגעהן און פרעגען: „וואָס פיהלט ער?“ און ער האָט געפיהלט, ווי פון אונטען פון די פיס אָן שטארבט אלץ אָפ אבר נאָך א אבר. זיין שילער אפאלאדאר האָט איהם געוואָלט אונטערלעגען זיין פרעכ־טיגען מאנטעל, אָבער סאָקראַטעס האָט ניט געלאָזען. „צו דען מיינסט דו, אז די פראָסטע קליידער, וועלכע האָבען געפאסט פאַר

מיר מיין גאנץ לעבען, פאסען ניט איצט ביי מיין טויט?" — דאָס גיפט האָט זיך אונטערדעסען פערשפרייט איבער'ן גאנצען קערפער, און אלע אברים זיינען געווארען ווי פערגליווערט. סאָקראַטעס האָט נאָך געבעטען קריטיאנען, ער זאָל ברינגען פאר איהם א קרבן צום גאָט עסקולאפּ. ווען קריטיאן האָט איהם געפרעגט: צו וויל ער נאָך וואָס? האָט ער קיין ענטפער שוין ניט בעקומען. סאָקראטעס האָט א ציטער געטאָן און אויסגעצויגען זיך. אלץ איז געווען געענדיגט. און קריטיאן האָט צוגעדריקט די אויגען פון דעם געשטאָרבענעם לעהרער.

אָט אזוי איז געשטאָרבען סאָקראטעס, איינער פון די מערקווירדיגסטע מענשען, וועלכע די מענשהייט האָט ווען עס איז געהאט.

עס ווערט דערצעהלט, אז דאָס פאָלק פון אטהען האָט שפּעטער חרטה געהאט פאר דעם פסק, אז מען האָט בעשטראפט סאָקראטעס'עס אנקלעגער און אז מען האָט סאָקראטעס'ען געשטעלט א מאָנומענט. דאָס אלץ איז אָבער פאלש. נאָך אין 50 יאָהר ארום זיינען די געפיהלען פון די אטהענער געווען ניט פריינדליכער צו סאָקראטעס'ען. ניין, דעם אטהענער פאָלק איז ניט בעשערט געווען זיך ריינצוואוואשען פון זיין מאָרד.

נור אין די עראינערונגען אין ווערק פון זיינע שילער; אין דער ענטוויקלונג פון דער פילאָזאָפיע, און אין דער ליכט פון די שפּעטערדיגע יאהרהונדערטען איז סאָקראטעס ווידער ערהויבען געווארען צ ו דער העכסטער מדרגה פון איינעם פון די גרעסטע גייסטיגע העלדען פון דער מענשהייט, צו איינעם פון די איידעלסטע פערזאָנען און העלדישעסטע מארטירער, און פון דעם פיעדעסטאל וועט ער שוין קיין מאָל ניט ארונטערגענומען ווערען.

ע נ ד ע.

אריסטאטעל

דער פרינץ פון פילאזאפען

דאס לעבען און דיא לעהרען פון דעם גרעסטען
און טיעפסטען פילאָזאָף פון אלט גריכענלאנד.

פון

פיליפ קראַנץ.

אַריסטאָטעל.

ערשטער קאפּיטעל.

זיין לעבען ביז ער איז געוואָרען לעהרער פון אלכסנדר מוקדן.

מען זאָגט, אז זייט מענשען עקזיסטירען אויף דער ערד איז נאָך קיין מאָל ניט געבאָרען געוואָרן אזא גרויסער זשעני (גאון) וויא אַריסטאָטעל. יעדענפאלס איז עס זיכער, אז קיין פילאָזאָף האט נאָך ניט געהאט אזא ברייטען און טיעפען איינפלוס אויף אלע קול-טור-פעקער אין פערלויף פון קנאפּע 2000 יאהר, וויא דיזער קאלטער לאָגיקער, דיזער גרעסטער שטערן פון דער אלט-גריכישער פילאָזאָפיע און ציוויליזאציאָן, דיזע לעבעדיגע ענציקלאָפּעדיע פון אלע וויסענשאפ-טען אין זיין צייט.

אריסטאָטעל איז טאקע אין אמת'ן א גרויסע וועלט אין איין פערזאָן, אין איין פיזיש-שוואכען און קליינען קערפער. מען רופט איהם: „פּרינץ פון פילאָזאָפען“. דיא אראבישע פילאָזאָפען האבען איהם גערופען: „דער אָנווייזער פון מענשליכען גייסט“. דיא אידישע פילאָזאָפען האבען איהם זאָגאר גערופען: „דער געטליכער“. דער רמב"ם האט געשריעבען, אז דיא העכסטע מדרגה פאר א מענש

איז צו פערשטעהען אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע, נאָר דערביי האָט ער, אלס איינער וואָס האָט געוואָלט אָב׳טבל׳ען דיזע ריין־וועלטליכע און אויך אפיקורס׳ישע פילאָזאָפיע אין דער אידישער רעליגיאָן, צוגעזעצט: „מיט אויסנאהמע פון דיא נביאים״.

אין מיטעלאלטער, אפילו אין דיא פינסטערסטע צייטען פון קאטאָליציזמוס און פון דער קריסטליכער רעאקציאָן געגען דיא גריכישע און רוימישע „געצענדיענערס״, האָט מען אריסטאָטעל׳ן איינפאך פערגעטערט. גלחים האבען צוזאמענגעפלאָנטערט דיא טהיילען פון זיינע שריפטען, וועלכע האָבען געפאסט פאר זייערע חקירות, מיט דעם קאטאָליציזמוס און האָבען ניט נאָר בעטראכטעט יעדען בוכשטאב אין דיזע שריפטען אזוי וויא א געטליכע אָנווייזונג, זאָנדערן האָבען נאָך פערפאָלגט אלס אפיקורסים יעדען איינעם, וואָס האָט געוואגט צו קריטיקירען אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע אָדער געצווייפעלט אין דעם מינדעסטען פון איהרע פונקטען. דאס איז אזוי ווייט געגאנגען, אז אפילו נאָך אין 1624 יאָהר האט דער פאריזער פארלאמענט ערקלערט טויט־שטראָף פאר דיא יעניגע, וואס וועלען ארויסטרעטען געגען דער פילאָזאָפיע.

ווארום האָט אָבער אריסטאָטעל געהאט אזא אויסעראָרדענטליכע איינפלוס אין דער וועלט אזא לאנגע צייט?

איידער מיר וועלען ענטפערן אויף דיזע גרויסע פראגע, וועלען מיר איבערגעבען וואָס מען וויים וועגען זיין לעבען, ערציהונג און טהעטיגקייט.

* * *

דער גרעסטער און טיעפסטער דענקער פון זיין צייט איז געבאָרען געוואָרן אין 384 יאָהר פאר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג אין דער שטאדט סטאגירא, א גריכישע קאָלאָניע אויף דעם גרענעץ פון מאצעדאָניען. פון זיין פאָטער וויים מען נאָר, אז ער האָט געהייסען ניקאָמאכוס און אז ער איז געוועזן דער לייב־ארצט פון דעם מאצעדאָניער קעניג אמינטאס II. אלס אזא אנערקענטער דאָקטאָר האָט ניקאָמאכוס אויך געמוזט זיין א געלעהרטער און רייכער מאן. זיין זוהן האָט ער אויך געוועלט מאכען פאר א דאָקטאָר, אָבער דיזען

וואונש האָט ער ניט געקענט אויספיהרען, ווייל ער איז פריה־צייטיג געשטאָרבען. אריסטאָטעל איז געבליבען א יתום, ווען ער איז אלט געוועזן א יאָהר 10. א פאמיליע, צו וועלכער ער איז זיין גאנצען לעבען געבליעבען זעהר דאנקבאר, האָט איהם אדאָפּטירט און ערצויגען.

וואס ער האָט געלערנט און געטאָן ביז דער צייט, ווען ער איז געוואָרן א שילער פון דעם דאמאָלס גרעסטען גריכישען פילאָזאָף פּראטאָן (אפּלטון), ווייס מען ניט. עס איז מעגליך, דאָס ער האָט געפאָלגט זיין פאָטער און האָט שטודירט מעדיצין. אז ער איז געוועזן פעראינטערעסירט אין מעדיצין און האָט זעהר פיעל געוואוסט אויך פון פארמאציע (אפּטייקעריי), אין דעם קען קיין צווייפעל ניט זיין. פון זיין פאָטער האָט ער זיכער געירש'ענט א נייגונג צו מעדיצין. יעדענפאלס ווייס מען, אז ער האָט פעראינטערעסירט זיין קעניגליכען שילער אלכסנדר מוקדן אין מעדיצין און אז ער האָט אָנגעשריעבען א ווערק „איבער געזונדהייט און קראנקהייטען“.

נאָר אויב ער האָט ווירקליך פּראקטיצירט מעדיצין, וויא איינינע פון זיינע גריכישע ביאָגראפען האָבען עס בעהויפּטעט, דאָס קען מען ניט דערגיין אויף זיכער. דריי פון זיינע גריכישע ביאָגראפען דערצעהלען אויך, אז גלייך נאָכדעם וויא ער האָט געירש'ענט דעם גאנץ גרויסען פערמעגען פון זיין פאָטער, האָט ער זיך אָבגעגעבען צו א לעבען פון פערגניגען און האָט געהולעט אזוי לאנג ביז ער האָט אלעס אויסגעבראכט און איז געצוואונגען געווען צו ווערן א סאָלדאט, אום צו מאכען א לעבען. נאָר דאס סאָלדאטען־לעבען האָט איהם שנעל דערעסען, און ער האָט זיך דאן אָבגעגעבען צו פילאָזאָפיע. עס איז שווער צו גלויבען, אז אזא טיעפער דענקענדער גייסט זאָל פיהרען א לייכטען און אויסגעלאסענעם לעבען אין דער יוגענד, נאָר אלעס איז מעגליך אויף דער זינדיגער וועלט, וועלכע איז פול מיט פערשיעדענע ווידערשפּריכע. יעדענפאלס איז עס גאָר איבעריג צו זאָגען, אז דער שם פון דעם פרינץ פון פילאָזאָפען קען א האאר ניט ליידען פון דעם, וואס פאר א לעבען ער האָט דורכגעמאכט אין זיינע יונגע יאָהרען; אָבער אין מיטעלאלטער האָבען דיזע בעריכטען פון דיא גריכישע ביאָגראפען ניט ווייניג עגמת נפש אָנגעמאכט זיינע פער־

עהרער. דיזע פערעהרער האָבען אפילו ניט געוועלט צולאָזען, אז דער פערנעמערטער פילאָזאָף האָט זיך גאָר געקענט בעשעפטיגען מיט אזעלכע „ניעדריגע“ און טאָג-טעגליכע זאכען, וויא מעדיצין און פאַרמאַציע.

ווען אריסטאָטעל איז אָנגעקומען אין אטהען, דעם דאמאָלס-דיגען גייסטיגען צענטער פון גריכענלאַנד און פון דער גאַנצער אנטי-קער וועלט, אום צו ווערן פלאַטאָן׳ס א שילער, ווייס מען ניט פאָ-זיטיוו. אלע זיינע גריכישע ביאָגראַפען שטימען איין, אז ער האָט פערבראכט 20 יאהר אין פלאַטאָן׳ס שוהלע. אזוי וויא עס איז פעסטגעשטעלט, דאָס א קורצע צייט נאָך פלאַטאָן׳ס טויט אין 347 יאָהר האָט זיך אריסטאָטעל אָבגעטהיילט פון דיזער בעריהמטער שולע, זאָ דאַרף מען אָננעהמען, אז ער איז געווען ניט עלטער פון צוואַנציג יאהר, ווען ער איז אהין אריינגעטראָטען. פלאַטאָן איז, וויא בעוואוסט, געווען א שילער פון סאָקראַטעס, זאָ דאָס אריסטאָ-טעל האָט שליסליך איבערגענומען דיא לעהרען פון זיינעביידע גרעסטע פאָרגעננער אין גריכענלאַנד.

אין פלאַטאָן׳ס שולע, וואו עס האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען דיא פעהיגסטע יונגע לייט פון גאַנץ גריכענלאַנד און אויך פון אַרו-מיגע לענדער, האָט זיך אריסטאָטעל באלד אויסגעצייכענט ניט נאָר מיט זיינע גלענצענדע פעהיגקייטען, זאָנדערן אויך מיט א זעלטענעם פלייס און מיט אן אונערזעטליכען אפעטיט צו לעזען אלעס וואָס מען האָט ביז זיין צייט אָנגעשריעבען. פלאַטאָן האָט איהם דעריבער גערופען „דער לעזער“. מען מעג זאָגען, אז אריסטאָטעל האָט איבער-געלעזען דיא גאַנצע ליטעראַטור און אויסגעשטודירט אלע וויסענ-שאַפטען פון זיין צייט.

ער איז קיין מאָל ניט געווען א בלינדער שילער פון פלאַטאָן׳ס פילאָזאָפיע, נאָר ביז זיין לעהרער׳ס טויט איז ער דאָך ניט ארויס-געטראָטען אָפען געגען איהר. נאָך זיין כאַראַקטער און גייסט האָט ער ניט געקענט איינשטימען מיט אלע אויספיהרונגען פון זיין גרויסען לעהרער. ווארום ער איז פולצלונג ארויסגעטראָטען געגען פלאַטאָן׳ס פילאָזאָפיע איז ניט בעקאַנט. אייניגע האָבען איהם בעשולדיגט אין

אונדאנקבארקייט צו זיין לעהרער, אָבער זיי האבען ניט פערשטאנען זיין זעלבסטשטענדיגען כאראקטער און טיעפע דענקונגס־קראפט. נאָר וויא דיא זאך איז ניט געווען, איז עס זיכער, אז אריסטאָטעל האָט שטענדיג געצייגט גרויס אכטונג צו זיין לעהרער אפילו ווען ער האָט איהם שארף קריטיקירט. זיין שטעלונג צו פּלאַטאָן און צו אַלע פריהערע גריכישע פילאָזאָפען האָט ער אויסגעדריקט מיט זיין בעריהמטע פראזע, וועלכע איז געוואָרן דער קאמפף־וואָרט פון זיין שולע: Amicus Socrates, Amicus Plato, magis amica veritas (פריינד פון סאָקראטעס, פריינד פון פּלאַטאָן, אָבער נאָך מעהר א פריינד פון וואהרהייט). מיט דיעזער פראזע בענוצט מען זיך געוועהנליך אין ויכוחים, אום צו צייגען גייסטיגע זעלבסטשטענדיגקייט.

אין דעם זעלבען יאהר, ווען פּלאַטאָן איז געשטאָרבען, האָט אריסטאָטעל געמוזט פערלאָזען אטהען. דיא אורזאכע איז געווען א פּאָליטישע. ארום דער צייט איז מאצעדאָניען זעהר שטארק געוואָרן. דער קעניג פיליפּ, אלעקסאנדער דעם גרויסען׳ס פאָטער, האָט געזוכט צו בעהערשען גאנץ גריכענלאנד און האָט אָנגעהאלטען זיינע אגענטען אין דיא וויכטיגסטע גריכישע שטעדט. אריסטאָטעל איז געווען אַן אָנהענגער פון מאצעדאָניען, ניט נאָר דערפאר, ווייל ער איז דאָרט געבאָרען געוואָרן און זיין פאָטער איז געווען א קעניגליכער דאָקטאָר, זאָנדערן אויך דערפאר, ווייל ער האָט געשטרעבט צו א פעראייניגונג פון אַלע קליינע גריכישע רעפּובליקען, אום צו פערניכטען דיא פערסישע אימפּעריע, וואָס זיין שילער אלכסנדר מוקדן האָט נאָכהער אויסגעפיהרט. דיא אטהענער רעפּובליק האָט אָבער אליין געשטרעבט צו בעהערשען גאנץ גריכענלאנד. דארום האָט מען דאָרטען געקוקט מיט בייזע אויגען אויף דיא מאצעדאָניער פּארטיי. עס איז אָבער אויך מעגליך, אז אריסטאָטעל האָט פערלאָזען אטהען צוליעב דעם, וואָס מען האָט איהם ניט אויסגעקליבען פאר דעם הויפּט פון פּלאַטאָן׳ס שולע, ווייל ער האָט ניט איינגעשטימט מיט איהר פילאָזאָפיע.

יעדענפאלס איז ער אוועק צו זיין פריינד און אנהענגער הערמיאַס, וועלכער איז געווען א שקלאוו און א יעוונוך (סריס) און איז

געוואָרן דער הערשער אָדער, וויא דיא גריכען האבען עס דאמאָלס גערופען, דער „טיראַן“ פון אטאַרנעאס אין קליין־אזיען. דאָרטען האָט אַריסטאָטעל חתונה געהאַט מיט א שוועסטער אָדער פּלימעניצע פון דיעזען מערקווירדיגען מאַן, וועלכער האָט זעהר טראַגיש געענדיגט זיין לעבען. גלייך נאָכדעם, וויא דיזער הערעמיאַס איז איבערגעגעבען געוואָרן אין דיא הענד פון זיינע טויט־פיינד, דיא פּערסען, וועלכע האבען איהם ערמאָרדעט, האָט אריסטאָטעל געמוזט אנטלויפען. ער האָט זיך בעזעצט אויף דעם אינזעל לעסבאָס (מעטילען), וואו ער האָט געלעבט זעהר איינזאַם. נאָר דאָרטען האָט ער ניט לאַנג פּער־בראַכט, דען דער מאַצעדאָניער קעניג פיליפּ האָט איהם איינגעלאַ־דען צו זיך צו ערציהען זיין זוהן, ווען עס איז בעשערט געוועזען אויסצופיהרען דעם הייסען וואונש פון אַלע גריכען צו פערניכטען דיא דעספּאָטישע אימפּעריע פון דיא פּערסען.

מען האָט בעהויפּטעט, אַז ווען אַלכסנדר מוקדן איז געבאָרען געוואָרן, האָט זיין פאָטער געשריבען צו אריסטאָטעל׳ן: „איך לאָז אייך וויסען, אַז איך האָב א זוהן. איך דאַנק דיא געטער ניט אַזוי דער־פאַר, וואָס זיי האָבען מיר איהם געשאָנקען, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען איהם געלאָזען געבאָרען ווערן אין אריסטאָטעל׳ס צייט. איך האָף, אַז איהר וועט פון איהם מאַכען מיין ווירדיגען נאָכפאָלגער און א ווירדיגען קעניג פון מאַצעדאָניען“.

עס איז אָבער זעהר צווייפעלהאַפט, אויב פיליפּ האָט געשרי־בען אַזא בריעף צו אַריסטאָטעל׳ן. יעדענפאַלס האָט דער פילאָזאָף, וועמעס נאָמען איז נאָך דאַן ניט זעהר שטאַרק בעריהמט געוועזען, אָנגענומען צו זיין דער לעהרער פון דעם צוקונפטיגען הערשער פון אזיען. ער איז דאַן אַלט געוועזען א יאָהר 42 און זיין שילער 15 יאָהר.

צווייטער קאפיטעל.

אריסטאָטעלים טהעטינקייט אין אַטהען און זיין טויט.

זיעבען יאָהר נאַכהער איז פיליפּ ערמאָרדעט געוואָרן און אַלכסנדר, וועלכער איז גלייך ארויף אויפ'ן טראָן, האָט זיך גענומען בעשעפטיגען מיט דער אויספיהרונג פון זיין טרוים צו בעפאַלען און בעזיעגען דיא פערסישע אימפעריע. אריסטאָטעל איז דאן ווידער אוועק אין אַטהען, נאָר שוין ניט אַלס שילער אָדער איינפאַכער פילאָזאָף, זאָנדערן אַלס גרינדער פון א נייע פילאָזאָפישע שולע, וועלכע איז בעריהמט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען פּעריפּאַטעטישע. דיזער נאָמען קומט דערפון, וואָס זיין שולע האָט ער געגרינדעט אין דיא „פּעריפּאַטאָס" (פּראָמענאַדען) לעבען אַפּאָלאָן'ס ליצעאום.

צו דער צייט, דיא וויכטיגסטע פון זיין לעבען, האָט ער שוין געהאַט אויסגעארבייט זיין גאַנצע פילאָזאָפיע און ער האָט זיך פלייסיג גענומען צו שרייבען זיינע בעריהמטע ווערק, פון ווילכע ליידער ניט אלע זיינען איבערגעבליבען. 13 יאָהר האָט ער פערבראַכט אין אַטהען אַלס הויפּט פון דער פּעריפּאַטעטישער שולע. ער האָט אין דער זעלבער צייט געלערנט אַנדערע און געשריעבען זיינע ווערק, אין וועלכע ער האָט איבערגעגעבען אַלעס וואָס מען האָט אין זיין צייט געוואוסט פון דער נאַטור און פון דער מענשליכער געזעלשאַפט. מען רעכענט, אז ער האָט בענוצט איינינע פון זיינע צאָהלרייכע און בעגאַבטע שילער צו העלפען איהם אין זיין ריזיגער ארבייט, בעזאָנ־

דערס אין דער בעשרייבונג פון דיא חיות, פלאנצען און אלע זאכען, וואס ער האט צוזאמענגעקליבען.

דער לעהרער און דער שילער האבען גלייכצייטיג דערגרייכט זייער העכסטע שטופע אויף פערשיעדענע וועגען: אריסטאטעל אין פילאזאפיע און וויסענשאפט, אלכסנדר אלס דער גרעסטער קריעגס־פיהרער פון זיין צייט און אלס דער הער־שער פון דער גאנצער אל־טער וועלט. מען זאגט, אז אלכסנדר מוקדן, וועלכער האט געליעבט און הויך געשעצט זיין לעהרער, האט איהם געהאלפען מיט געלט און מענשען אין אלע וויסענשאפטליכע נאכפארשונגען. אייניגע גרי־כישע ביאגראפען דערצעהלען, אז אלכסנדר מוקדן האט געגעבען זיין לעהרער 800 טאלענטען זילבער (אונגעפעהר 4 מיליאן פראנק) און האט ארויסגעשיקט 1000 מענשען צו זוכען און צו זאמלען חיות, פלאנצען, שטיינער און איבערהויפט אלע פראדוקטען פון אזיען. אריסטאטעל האט יעדענפאלס געהאט דיא בעסטע מיטעל אין זיין צייט פאר וויסענשאפטליכע נאכפארשונגען און בעשרייבונגען.

דיא פריינדליכע בעציהונגען צווישען אריסטאטעל און אלכסנדר מוקדן האבען אנגעהאלטען ביז 328 יאהר, ווען אלכסנדר, וועלכער איז פערדארבען געווארען אונטער דיא אזיאטישע אומשטענדען און איז ביסלעכווייז געווארן א דעספאט נאך דעם מוסטער פון דיא אזיאטישע מלכים, האט געהייסען אומברייננגען דעם גריכישען פילא־זאף קאליסטען דערפאר, וואס דער לעצטער האט זיך ענטזאגט צו אנערקענען איהם פאר א גאט. (וויא בעוואוסט האט זיך אלכסנדר אין זיין גדלות ערקלערט פאר א גאט און האט געפאדערט מען זאל זיך בוקען צו איהם). קאליסטען איז געוועזען אריסטאטעל׳ס א פלימעניק. ווען אריסטאטעל האט דערהערט וועגען דיזען מארד, איז ער זעהר אויפגעבראכט געווארן אויף זיין שילער.

פינף יאהר נאכדעם איז אלכסנדר מוקדן יעשטארבען. זיין פלעצליכער טויט איז אויך געוועזען א גרויסער קלאפ פאר אריסטא־טעל׳ן. אין אטהען האבען דיא געגנער פון מאצעדאניען גלייך אויפ־געהויבען דעם קאפ. דער האס צו דער הערשאפט פון מאצעדאניען, וועלכע איז אבגעשוואכט געווארן צוליעב אלכסנדר׳ס זיעגען אין אזיען

— זיעגען, מיט וועלכע גאנץ גריכענלאנד האָט נאַטירליך שטאָלצירט און זיך געפרעהט — האָט אויפגעפלאַקערט, וויא נאָר מען האָט ערהאַלטען דיא נאַכריכט פון אלכסנדר׳ס טויט. מען האָט אָנגעפאַנגען צו פערפאָלגען דיא בעוואוסטע אנהענגער פון מאצעדאָניען, און אזוי וויא אריסטאָטעל איז — מיט רעכט אָדער אונרעכט — גערעכענט געוועזן פאר א פריינד פון דיא מאצעדאָניער קעניגע, האָט מען זיך אויך גענומען צו איהם. אַלע זיינע פאָליטישע פיינד און פילאָזאָפישע געגנער האָבען זיך פערבונדען געגען איהם. מען האָט איהם פאָרגעשטעלט אַלס א פיינד פון דער אטהענער רעפובליק און פון פאָליטישע פרייהייט און דערצו נאָך האָט מען איהם בעשולדיגט אין פעראַכטונג צו דיא געטער גראדע וויא דעם פילאָזאָף סאָקראַטעס, וועלכער האָט צוליעב דעם געמוזט אויסטרינקען א בעכער מיט גיפט אין געפענגנים. מען האָט זיך נעמליך בענוצט דערמיט, וואָס אריסטאָטעל האָט געפייערט דעם אנדענקען פון זיין פריינד הערמיאַס מיט זעהר גרויסע צערעמאָניעס, און מען האָט דאָס ערקלערט פאר א גאָטעסלעסטערונג.

זעהענדיג, אז מען קלייבט זיך איהם אריינצושפארען אין געפענגנים און איבערצוגעבען צום געריכט, איז ער אַנטלאָפען נאָך כאַלסיס אויף דער אינזעל עבעא, א פלאַץ, וואָס איז בעזעצט געווען פון מאצעדאָניער סאָלדאטען. וויא אריסטאָטעל האָט געזאָגט, איז ער אַנטלאָפען, אום דיא אטהענער זאָלען א צווייטען מאָל ניט אומבריינגען א פילאָזאָף. זיין פורכט פאר דעם צאָרן פון דיא אטהענער איז ניט געוועזן אומזיסט, דען דער ארעאָפאַג (געריכט) האָט איהם טאַקע פעראורטהיילט צום טויט.

דיזע פאַסירונגען און דיא פאַלשע בעשולדיגונגען האָבען זעהר שטאַרק זיך אָבגערופען אויף דיא שוואכע געזונדהייט פון דעם גרויסען פילאָזאָף. באַלד וויא ער איז געקומען אין כאַלסיס, איז ער קראַנק געוואָרן. זיין קעניגליכען שילער האָט ער איבערגעלעבט קוים איין יאָהר. מען ווייס פאָזיטיוו, אז ער איז אויסגעגאַנגען אין 322, ווען ער איז אַלט געווען קנאַפע 63 יאָהר.

וועגען זיין טויט האָט מען דערצעהלט פערשיעדענע געשיכטען, איינינע האבען בעהויפּטעט, אז ער איז בעגאנגען זעלבסטמאָרד, אָבוואָהל ער האָט קיין שום גרונד ניט געהאט צו זיין פערצווייפעלט אָדער ענטטוישט. ער איז געוועזן אַ צו קאַלטער און שטרענגער פילאָזאָף, און דער צו נאָך האָט איהם קיין זאַך ניט געפעהלט, אז ער זאָל מיט זיינע אייגענע הענט מאַכען אַ סוף פון זיין לעבען, וואָס איז פול געוועזן מיט איבערמענשליכע טהעטיגקייט. זעהר כאַראַקטעריסטיש איז אַ מעשה, וואָס איינינע פאַטערס פון דער קריסטליכער קירכע האָבען דערצעהלט וועגען זיין טויט. זיי האבען נעמליך בעהויפּטעט, אז ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ הויכען שטיין אין ים אריין אויס פער־צווייפלונג וואָס ער האָט ניט געקענט ערקלערן די אורזאַכע פון עבע און פלוטה.

אָבוואָהל ער האָט אָנגעשריעבען, וויא מען רעכענט, 146 ווערק, דאָך איז וועגען זיין אייגענעם לעבען אַ וואָרט ניט געוועזן אין זיי. דער גרויסער פילאָזאָף האָט וועגען זיך זעלבסט גאנץ ווייניג גע־טראַכט. מען ווייס דאַרום גאנץ ווייניג, וואס ער האָט געפיהלט און וויא ער האָט זיך געפיהרט אין זיין פּריוואַט־לעבען. דערפון קען מען נאָר עפּעס דערגיין פון דער צוואה, וואס ער האָט איבערגעלאָזען און וואָס איינער פון זיינע ערשטע ביאָגראַפען (דיאָגענעס לאַערציוס) האָט קאָפּירט. דיזע צוואה צייגט, אז ער איז געוועזן אַ גוטער בעל הבית און אַ גוטהערציגער מענש. ער האָט איבערגעלאָזען אַ זוהן, אַ טאָכטער און אַ קעפּס־ווייב אונטער דער השגחה פון זיין פריינד און בעסטען שילער ניקאַנאָר. איין פּונקט פון זיין טעסטאַמענט לוי־טעט אזוי: „די קינדער פון מיינע שקלאַווען זאָלען אויף קיין פאַל ניט פערקויפט ווערן, נאָר זאָלען דיענען מיינע יורשים ביז זיי וועלען ערוואַקסען ווערן, אום בעפרייט צו ווערן, ווען זיי האָבען עס פער־דיענט“.

דיזער פּונקט צייגט אויך, אז אריסטאָטעל האָט געהאט שקלאַ־ווען. דאָס דאַרף אונז ניט וואונדערן, דען וויא גרויס אין בילדונג און חכמה אַ מענש זאָל ניט זיין, קען ער זיך דאָך אין גאנצען ניט אָפּשיידען פון זיין צייט. אין פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען איז אַריס־

טאָטעל איבערהויפּט געווען א קאָנסערוואטאָר. ער האָט אויך אנערקענט שקלאווערייַ פאר א נויטווענדיגקייט אין דער מענשליכער געזעלשאפט. נאָר זיינע אייגענע שקלאווען האָט ער נאַטירליך גוט בעהאַנדעלט.

דער זעלבער ביאָגראף, וועלכער האָט קאָפּירט אריסטאָטעל'ס צוואה, האָט אויך פערצייכענט אייניגע פון זיינע ווערטלעך, וויא, צום ביישפּיעל: „דיא וויסענשאַפטען האָבען ביטערע וואָרצלען, אָבער זייערע פרוכטען זיינען זיס; צווישען א געלעהרטען און אַן אונוויסענ־דען איז דער זעלבער אונטערשיעד, וואס צווישען א מענשען און א מת; פריינדשאַפט איז איין נשמה אין צוויי קערפּערס; קיין זאך ווערט ניט אַלט אזוי גיך וויא א טובה; דיא האָפנונג איז דער טרוים פון אַן אויפגעוועקטען מענש".

* * *

מיט זיינע שריפטען האָט פּאסירט א זעלטענער צופאַל. זיין ביבליאָטהעק, וועלכע האָט ענטהאַלטען אַלע זיינע ווערק, דארונטער פיעלע ניט געענדיגטע מאַנוסקריפטען, איז איבערגעגאַנגען בירושה צו זיין הויפּט־שילער טהעאָפראסטוס, וועלכער איז אין 35 יאָהר ארום געשטאָרבען און האָט זיי איבערגעלאָזען צוזאמען מיט זיינע אייגענע שריפטען צו נעלעאוס, א פילאָזאָף פון דער פּעריפּאַטעטי־שער שולע. דיזער נעלעאוס האָט מיטגענומען אַלע שריפטען אין זיין געבורט־שטאָט סצעפּסיס אין קליין־אַזיען, וואו זיינע יורשים האָבען אַלעס בעהאַלטען אין א סקלעפּ, ווייל זיי האָבען מורא געהאט, אז דער קעניג פערגאַמוס, וועלכער האָט געקליבען שריפטען פאר זיין ביבליאָטהעק, וועט פערכאַפּען אריסטאָטעל'ס ווערק. 187 יאָהר זיינען אריסטאָטעל'ס שריפטען אזוי געלעגען אין דעם בעהאַלטונגס אָרט ביז זיי זיינען ענדליך פערקויפט געוואָרן צו א געוויסען אַפּעליקאָן, א רייכען גריכישען ביבער־זאַמלער, וועלכער האָט זיי צוריק געבראַכט אין אַטהען. נאָר ניט לאַנג זיינען זיי פערבליעבען אין אַטהען. אין 86 יאָהר פאר דיא קריסטליכע צייט־רעכנונג זיינען זיי אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון דיא רוימער, ווען דער גענעראַל סולא האָט איינגענומען אַטהען. דער רוימישער גענעראַל האָט פערכאַפּט אַפּע־

ליקאָן'ס גאנצע ביבליאָטהעק און האָט אלעס אריבערגעשיקט נאָך רוים. אייניגע געלערנטע גריכען האָבען זיך בענוצט דערמיט און האָבען געבראַכט דיא שריפטען אין אַן אָרדנונג. ספּעציעל האָט זיך דערמיט בעשעפטיגט א געוויסער אנדראָניקוס, וועלכער האָט אראנזשירט דיא פיעלע אָבגעזונדערטע שריפטען אין אבטהיילונגען און ביכער און האָט שליסליך פערעפענטליכט אַן אויסגאַבע פון דיא אנערקענטע ווערק פון דעם גרעסטען פילאָזאָף. דיזע אויסגאַבע איז גליקליכערווייזע פערבליבען כמעט אין גאַנצען ביז אונזער צייט.

דאָ איז ניט דער אָרט אריינצולאָזען זיך אין איינצעלהייטען וועגען דעם, וועלכע פון דיא שריפטען וואָס טראָגען אריסטאָטעל'ס נאמען זיינען געשריעבען פון איהם אליין אָדער פון זיינע שילער, אָדער נאָר פון פעלשערס (אין יענע צייטען און אויך אין מיטעלאלטער האָט מען זעהר אָפט פערפאַסט ווערק און זיי צוגעשריבען צו בעריהמטע פילאָזאָפען; בעזאָנדערס האָבען זיך דערמיט בעשעפטיגט קריסטליכע שרייבערס, אום צו פעלשען דיא לעהרען פון גריכישע פילאָזאָפען און היסטאָריקער). וועגען דעם האָבען געלעהרטע, בעזאָנדערס דייטשע גריבלערס, אָנגעשריעבען גאַנצע ביכער און האָבען פעסטגעשטעלט, וועלכע פון אריסטאָטעל'ס שריפטען דארפען ווירקליך גערעכענט ווערן פאר זיינע אייגענע. עס איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז א גרויסער טהייל פון אריסטאָטעל'ס שריפטען זיינען פערלאָרען געגאַנגען. יעדענפאַלס, דאָס וואָס עס איז געבליעבען פון איהם און פון זיינע שילער, איז פאָלשטענדיג גענוג צו וויסען, אין וואָס זיין פילאָזאָפיע בעשטעהט און וויא וויט ער אונטערשיידעט זיך פון זיין לעהרער פלאַטאָן און פון אלע פריהערע גריכישע פילאָזאָפען.

דריטער קאפיטעל.

דיא גריכישע פילאָזאָפיע פאַר אַריסטאָטעל.

יעצט קענען מיר איבערגיין צו אריסטאָטעל׳ס פילאָזאָפיע. נאָך אזוי וויא דיזע פילאָזאָפיע איז, קען מען זאָגען, דער לעצטער רינג אין דער לאנגער קייט פון דער גאנצער אַלט־גריכישער פילאָזאָפיע, וועלען מיר צוערשט זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דיא לעצטע. וויא ווייט מיר ווייסען פון דער געשיכטע פון דיא אמאָליגע לענדער און צייטען, האָט זיך נאָר אין גריכענלאַנד ארום 600 יאָהר פאר דיא קריסטליכע צייט־רעכנונג אנגעפאנגען א פילאָזאָפיע, וואָס האָט ווירקליך פערדיענט דיא בעדייטונג פון דיזען וואָרט, נעמליך: „שטרעבונג אָדער ליעבע צו ווייזהייט“.

עס איז מעגליך, אז דיא גריכען פון יענע צייטען האָבען פיעל געלערנט פון דיא פריהערע וועלט־בעטראַכטונגען אין מצרים, אינדיען און איבערהויפּט אין אזיען. אזוי מעגען מיר רעכענען, ווייל דער אָנפאנג פון דער גריכישער פילאָזאָפיע איז געמאכט געוואָרן גראדע אין דיא טהיילען פון גריכענלאַנד, וואו דיא איינוואָהנער האָבען זיך בעשעפטיגט בעזאָנדערס מיט ים־פאָהרעריי און מיט האנדעל. יעדענפאלס איז אין גריכענלאַנד ענטוויקעלט געוואָרן א גאנץ זעלבסשטענדיגע פילאָזאָפיע, וואָס צייכענט זיך אויס ניט בלויז מיט איהר טיעפקייט, זאָנדערן אויך מיט איהר ו ו ע ל ט ל י כ ק י י ט. פון אָנפאָנג ביז צו ענדע איז דיא גריכישע פילאָזאָפיע פערבליבען אַ ר י י ן־

וועלטליכע, א רייךוויסענשאַפטליכע, אָהן פערבינדונגען און פערפלאָנטונגען מיט רעליגיאָן און זאָגאר מיט געטליכקייט.

פאַרקיהרט, זיא האַט ביסלעכווייז אין גאַנצען אונטערגעגראַבען דעם אַלטען גריכישען גלויבען, האָט ערקלערט אַלע געטער פאַר איינבילדונגען. זיא איז ענטשטאַנען אין א צייט, ווען דער דענקענ־דער טהייל פון גריכישען פאָלק האָט גענומען בעטראַכטען דיא שיל־דערונגען און געשיכטען וועגען דיא פערשיעדענע געטער (דאָס וואָס מיר בעצייכענען יעצט מיט דעם וואָרט מיטהאָלאָגיע) פאַר פאַנטאַ־זיעס און האָט אָנגעפאַנגען צו זוכען אויף דער זינדיגער ערד, אין דעם מענשען זעלבסט, אין דיא געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָנען אַן אַלגעמיינעם גרונד פון א צוועקמעסיגען און צופריעדענען לעבען. אין דער צייט, ווען דיזע פילאָזאָפיע האָט אויפגעבליהט צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער ענטוויקלונג און גרויס־קייט פון גריכענלאַנד און בעזאָנדערס פון דער אַטהענער רעפּובליק, אין דער צייט פון דיא פיעל פערלוימדעטע סאָפיסטען (דער וואָרט בעדייטעט אייגענטליך: לעהרער, פּראָפעסאָר), וועלכע זיינען ארויסגעט־טראָטען מיט זייער שאַרפער קריטיק נעגען אַלע גלויבענס און אַלטע פיהרונגען מיט אונגעפעהר 50 יאָהר פאַר אריסטאָטעל׳ס געבורט, — אין דער צייט האָבען זיך געפונען אזעלכע פילאָזאָפען, וואָס האָבען אויסגעדריקט אַזעלכע מיינונגען, וועלכע ווערן נאָך אין אונזער צייט גערעכענט פאַר העכסט ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע.

צו ביישפּיעל : ארויסגעהענדיג פון דעם שטאַנדפּונקט פון פיעלע סאָפיסטען, אַז דיא נאַטור פערלאַנגט גלייכע רעכטע פאַר אַלע מענשען, האָט ליקאָפאָן פערלאַנגט דיא אָפּשאַפונג פון א־יסטאָקראַטיע; אַלסידאַמאַס—דיא אָפּשאַפונג פון שקלאַווערײַ; פאַלעאַס—דיא אָפּשאַפונג פון עקאָנאָמישע אונגלייכהייט און דיא איינפיהרונג פון אַלגעמיינעם אייגענטהום און פון גלייכע בילדונג, און זאָ ווי. אייניגע האָבען פאָרגעלייגט פּלענער פון א געזעל־שאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן אויף דיא גרונדען פון פערנונפט, מאַנכע האָבען זאָגאר פערלאַנגט פּאָליטישע גלייכהייט פון פרויען און מענער. אין בעצוג אויף דיא געזעצע האָט איין סאָפיסט ערקלערט, אַז זיי

זיינען איינגעפיהרט געוואָרן פון דיא שטאַרקע און קלוגע צו האַלטען אין צוים און צו אונטערדריקען דיא שוואַכע און נאַרען; אַן אַנדערער האָט גראַדע פערקעהרט ערקלערט, אַז דיא געזעצע זיינען איינגעפיהרט געוואָרן פון דיא שוואַכע צו בעשיצען זיך געגען דיא שטאַרקע און אַנפיהרער.

אין אַלגעמיינען האָבען זיי אַלע אַנערקענט, אַז דער אמת׳ער גרונד פון אַלע געזעצע איז נאָר דער א י נ ט ע ר ע ס פון מענשען. דערפון האָבען זיי געצויגען דעם לאָגישען שלוס, אַז ווען דיא געזעצע זיינען געגען דיא אינטערעסען פון דער געמיינדע אָדער זאָגאַר פון איינצעלנע פערזאָנען, דאַרף מען זיי ניט פאָלגען.

וועגען רעליגיאָן זיינען דיא סאָפיסטען געוועזען ניט וויניגער ראַדיקאַל: פּראָדיקוס האָט ערקלערט, אַז מענשען האָבען זיך אַליין געשאַפען געטער נאָך זייער וואונש, און קריטיאַס האָט ערקלערט, אַז דער גלויבען אין געטער איז אַן ערפינדונג פון שלויע שטאַאטס־מענער, אום לייכטער צו בעהערשען דיא מאַסען. אַנדערע האָבען זיך איבערהויפּט ערקלערט פאַר סקעפּטיקער און האָבען געזוכט צו גרינ־דען אַ גאַנצע פילאָזאָפיע אויף צווייפעל.

אַלע צוזאַמען האָבען דיא סאָפיסטען צוגליעדערט און צורודערט דעם גאַנצען לעבען פון גריכישען פאָלק. זיי האָבען זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט, ניט אַכטענדיג אויף דיא רעזולטאַטען און פייפענ־דיג אויף אַלע אַלטע מנהגים און גלויבענס. דיא פרייהייט, די אונ־אַבהענגיגקייט און דיא וועלטליכקייט פון דער גריכישער פילאָזאָפיע האָבען זיך ארויסגעוויזען אין פולסטען גלאַנץ צווישען דיא סאָפיסטען. זיי זיינען געוועזען דיא פאָטערס פון פ ר י י ע ן ד ע נ ק ע ן. נאָר אַזוי וויא נאָך אַלע דיספּוטען און חקירות האָבען זיי דאָך ניט געקענט געפינען אַ וויסענשאַפטליכען פונדאַמענט, אַ גרונד־פּרינציפּ פון מענשליכען צוזאַמענלעבען, האָבען זיי ניט נאָר געגומען צווייפלען אין אַלעס, זאָנדערן האָבען אויך געמאַכט אַ מסחר מיט זייער קענטשאַפט און קונסט צו פערדרעהען זאַכען מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ, צו בעווייזען דיא פאַלשקייט פון אמת׳ע זאַכען און פערקעהרט, צו מאַכען פון ווייס שוואַרץ און פון שוואַרץ ווייס. זיי זיינען געוואָרן לעהרערס פון

רעדנער־קונסט, וועלכע איז געררעכענט געווען פאר זעהר וויכטיג און נוצליך אין דער אטהענער רעפובליק, וואו דאס פאלק האט געהערשט און וואו גוטע און געשייטע רעדנערס האבען געפיהרט דיא רעדעל; און יעדער פון דיזע געוועהנליך זעהר פעהיגע מענשען האט געזוכט איבערצושטייגען דיא אנדערע אין דריידלעך און חקירות אום צו צייגען, וויא דיא זעלבע זאך איז היינט ריכטיג און מארגען פאלש. דארום האבען דיא סאפיסטען געקראגען א שלעכטען נאמען, און דער ווארט סאפיסט איז ביז היינט צו טאג פערבליבען ביי אלע ציווילירטע פעלקער צו בעצייכענען איינעם, וואס פערדרעהט אבזיכטליך דיא וואהרהייט מיט פאלשע ראיות און חקירות.

דערצו נאך ווייסען מיר וועגען דיא סאפיסטען מייסטענס דאס וואס זייערע געגנער האבען וועגען זיי געשריעבען. זייערע אייגענע שריפטען זיינען ליידער פערלארען געגאנגען. געבליבען זיינען נאר אייניגע שריפטען, אין וועלכע זיי ווערן קריטיקירט פאר זייערע שלעכטע זייטען און זאגאר פערלוימדעט. דארום האט מען וועגען זיי געקראגען א זעהר פאלשען בעגריף. ערשט אין אונזערע צייטען, ווען מען האט גענומען מאכען גרינדליכע נאכפארשונגען וועגען דיא פערצייטיגע וועלט, האט מען אויסגעפונען, אז דיא סאפיסטען זיינען ניט נאר גאר ניט געווען אזוי שלעכט, וויא זייערע געגנער האבען זיי פארגעשטעלט, זאנדערן אז א סך פון זיי זיינען געווען זעהר טיעפע דענקער מיט עדעלע כאראקטערען און א זעלטען פרייען גייסט.

וויא געזאגט, זיינען דיא סאפיסטען געווען דיא פאטערס פון פרייען דענקען, דיא אמת'ע גרינדער פון וועלטליכע פילאזאפיע. אלע האבען ביי זיי געשעפט געדאנקען, אפילו זייערע ביטערסטע געגנער. סאקראטעס זעלבסט, איינער פון זייערע וויכטיגסטע און גרינדליכסטע געגנער, איז אייגענטליך אליין געווען א סאפיסט, דען ער איז געגאנגען אויף דעם זעלבען וועג וויא זיי, דאס הייסט ער האט געזוכט א פעסטען און וועלטליכען פונדאמענט פאר דיא פיהרונגען פון מענשען. ער איז נאר געקומען צו אנדערע שליסע, אבער ער איז געווען א שילער פון דיא סאפיסטען. וויא מיר ווייסען עס, איז פלאטאן געווען א שילער פון סאקראטעס, און אריסטאטעל — פון

פלאטאָן. אָבוואָהל דיזע פילאָזאָפען האָבען אויך קריטיקירט דיא סאָפיסטען, האָבען זיי אָבער פיעל געגומען ביי זייערע לעהרערס, האָבען פון זיי פיעל געלערנט. אַלע צואַמען האָבען זיי געשטרעבט צו געבען, נאָך זייער מיינונג, א ריכטיגע אנטוואָרט אויף דיא הארבע קשיה פון דער גריכישער פילאָזאָפיע און, מען מעג זאָגען, פון דער פילאָזאָפיע אין אַלגעמיינען, נעמליך: וואס איז דער אמת'ער גרונד־פּרינציפּ, נאָך וועלכען אלע מענשען דארפען זיך פיהרען, אום צו לעבען צופריעדען, גליקליך?

דיא תירוצים זיינען געווען זעהר פערשיעדענע, ווייל זייערע אויס־פיהרונגען האָבען דיא גריכישע פילאָזאָפען ניט געקענט בויען אויף א מאסע וויסענשאפטליך בעוויזענע פאקטען, וויא מיר האָבען עס יעצט, נאָר אויף זעהר אַלגעמיינע געדאנקען און בעטראכטונגען, וועלכע זיינען אָפט בעגרינדעט געווען נאָר אויף איינבילדונגען. ניט האָבענדיג דעם ריזיגען זאַפּאַס פון אונזערע יעצטיגע קענטניסע וועגען דיא נאטור און איהרע אייביגע געזעצע, האָבען אַלע גריכישע פילאָזאָפען איינפאך געטאפּט אין דער פינסטער און אין בעסטען פאַל געבויט זייערע לעהרען וועגען דיא וועלט און דעם מענשען אויף עטליכע אַלגעמיין בעקאַנטע פאקטען. ווען אריסטאָטעל וואָלט געהאט אַזעלכע מעכטיגע אינסטרומענטען פון וויסענשאפטליכע נאכפאָר־שונגען, וויא דער טעלעסקאָפּ און מיקראָסקאָפּ, וואָלט ער געקומען צו גאנץ אַנדערע רעזולטאטען. דאס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען אַלע אַנדערע טיעפע גריכישע דענקער.

אָבער אויך דאן, ווען דיא גריכישע פילאָזאָפען האָבען אנער־קענט דעם זעלבען גרונד־פּרינציפּ און זיינען ארויסגעגאַנגען פון דעם זעלבען שטאַנדפּונקט, פלעגען זיי קומען צו גאַנץ אַנדערע שליסע און לעהרען. אום דער לעזער, וועלכער איז ניט בעקאַנט מיט דער גע־שיכטע פון פילאָזאָפיע, זאָל עס לייכטער בעגעהמען, וועלען מיר דאָ בריינגען איין ביישפּיעל:

דער גרונד־פּרינציפּ פון סאָקראַטעס איז, אז „טוגענד איז דיא קענטניס פון גוטעס". פאָלגליך, וואָס מעהר מענשען וועלען וויסען, וועלען זיי אַלץ זיין בעסער און גליקליכער. „קענטניס, האָט ער גע־

לערנט, איז פון זיך זעלבסט געגוג צו פיהרען איינעם צו טאָן גוטעס און צו ברייננגען גליקזעליגקייט". מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין בעטראכטונגען, וויא אזוי סאָקראַטעס איז געקומען צו דיזער לעהרע און וואָס ער האָט דערמיט בעצוועקט. פארבייגעהענדיג וועלען מיר נאָר בעמערקען, אז דאָס איז געווען א זעהר וויכטיגע ענדערונג אין דיא סאָפיסטישע לעהרען און אז דאָס האָט געשאַפען א נייע ריכטונג אין דער גריכישער פילאָזאָפיע. מיר וועלען זיך דאָ נאָר רעכענען מיט דעם פאקט, אז אזוי האָט סאָקראַטעס געלערנט און אז ער האָט געהאַט א סך זעהר פעהיגע שילער אויך לאנג נאָך זיין טויט.

נאָר אזוי וויא ער האָט ניט בעשטימט דעם רעכטען עיקר, נעמליך: וואָס איז אייגענטליך דאָס גוטע פאר דעם מענשען, זיינען אייניגע פון זיינע שילער געקומען צו גאַנץ פערקעהרטע שליסע. א טהייל פון זיינע שילער האבען ערקלערט, אז טוגענד בעשטעהט אין שכל'דיגע אויפפיהרונג און אז זיא קען נאָר דאַן ווירקליך גליקליך מאכען דעם מענשען, ווען ער וועט זיין וויא ווייט נאָר מעגליך אונאבהענגיג פון דיא ארומיגע אומשטענדען און פון אייגענע בעדירפניסע. יעדע בעדירפניס, יעדער וואונש, האָבען זיי געטענה'ט, מאכען אונזער גליקזעליגקייט אָפּהענגיג פון דעם, אויב זיי וועלען ערפילט ווערן אָדער ניט. מיר האָבען קיין מאכט איבער דיא אויסערע וועלט, אָבער מיר קענען בעשרענקען אונזערע בעדירפניסע מיט אונזער ווילענסקראפט. אונזערע בעדירפניסע און שטרעבונגען מאכען אונז פאר שקלאַווען פון דער אויסערער וועלט. דארום, ווען מיר ווילען ווירקליך זיין אונאבהענגיג און פאָלגליך אויך גליקליך, מוזען מיר זעהען, אז אונזערע בעדירפניסע און ווינשע זאָלען זיין וואָס קלענער. אין קורצע ווערטער האָבען זיי אויסגעדריקט זייער לעהרע אזוי: „טוגענד איז בעפרייאונג פון בעדערפניסע". זייער אידעאַל איז צוליעב דעם געווען צו לעבען וואָס איינפאכער, וואָס נעהענטער צו דער רויהער נאטור, ווייטער פון ציוויליזאציאָן, טאקי אזוי וויא דער בעריהמטער דיאָגענעס, וועלכער האָט זיך געוואַלגערט אין שמוץ און געלעבט אין א פאַס.

אן אנדער טחייל פון דיא שילער פון סאָקראַטעס האָבען ער־קלערט גראַדע פערקעהרט, אַז דיא ריכטיגע בעדייטונג פון גוטעס איז נאָר פ ע ר ג ע נ י ג ע ן. ווען מיר בעפרידיגען אונזערע בעדירפ־ניסע און ערפילען אונזערע ווינשע, האבען זיי געטענה'ט, דאַן זיינען מיר צופריעדען און פאָלגליך אויך גליקליך. אזוי וויא טוגענד אָדער דאס גוטע איז דיא קענטניס צו זיין גליקליך, דאַרום דאַרף דער מענש זעהען צו האָבען וואָס מעהר פערגניגען, גייסטיגע און פיזישע. אין קורצען האָבען זיי אויסגעדריקט זייער לעהרע אזוי: „טוגענד איז דיא פעהיגקייט צו לעבען אין פערגעניגען".

דיזע גאַנץ פערקעהרטע ריכטונגען פון איין גרונד־פּרינציפּ זיינען בעקאַנט אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע: דיא ערשטע אונ־טער דיא נעמען דיא צ י נ י ש ע אָדער ס ט אָ י ש ע, דיא צווייטע אונטער דיא נעמען ה י ד אָ נ י ש ע אָדער ע פּ י ק ו ר ע א י ש ע (אפיקורס'ישע).*) דיזעביידע שולען האָבען לאַנג געשטריטען צווישען זיך און האבען עקזיסטירט ביז קריסטענטהום אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דער קאַטאָליציזמוס האָט פערטריבען ... פערקאַנגט און אונטערדריקט דיא פרייע און וועלטליכע גריכישע פילאָזאָפיע.

פון דעם אָביגען ביישפּיעל קען מען זיך מאַכען א בעגריף, וויא אזוי דיא גריכישע דענקער האָבען פילאָזאָפירט, זוכענדיג דיא וואַהרהייט וועגען דיא גרונד־געזעצע פון דער נאַטור און פון מענשען.

---

*) דיא ווערטער: ציניק, סטאָאיק און אפיקורס האָבען יעצט ניט דיא זעלבע בעדייטונגען וויא אין דיא גריכישע אָדער רוימישע צייטען. ציניק בע־דייטעט יעצט: גראָביאַן, נבול פה; סטאָאיק—פרוש, א מענש מיט א פעסטען כאַראַקטער. א מענש וואס קען מוטהיג אָדער פילאָזאָפיש פערטראָגען שמערצען; אפיקורס—א מענש וואָס האָט ליעב פערגעניגען, וואָס לעבט א גוטען טאָג. אין אידישען האָט דער וואָרט אפיקורס דיא ספּעציעלע בעדייטונג פון אן אונגלויי־ביגען אין רעליגיאָן, פון א פרייזיננינגען. דער וואָרט אפיקורס שטאַמט פון דעם גריכישען פילאָזאָף עפּיקורוס, וועלכער איז געבאָרען געוואָרן אין 341 יאהר פאַר דיא קריסטליכע צייטרעכנונג און וועלכער האָט בעזאָנדערס שטאַרק פערטהיי־דיגט און בעגרינדעט דיא לעהרע פון גליקזעליגקייט דורך פערגעניגען. אין דעם זינען וויא ביי אידען פערטייטשט מען דעם וואָרט אפיקורס, זיינען אַלע גריכישע פילאָזאָפען אָהן אויסנאַהמע געווען אפיקורסים.

זייערע וועגען, זייערע געדאנקען, זייערע אויספיהרונגען זיינען געווען גאנץ פערשיעדען, און עס זיינען ענטשטאנען א סך שולען, וועלכע האבען געפיהרט צווישען זיך ויכוחים. מען קען זאגען, אז עס זיינען געווען אזוי פיעל מיינונגען און לעהרען, וויא פיעל עס זיינען געווען טיעפע פילאזאפען אין גריכענלאנד. יעדע פון דיזע לעהרען האט ענטהאלטען א קערענדעל וואהרהייט אדער איז געווען בעגרינ־דעט אויף געוויסע פערנינפטיגע פרינציפען. דער סטודענט, וואס האט געוועלט עפעס לערנען, איז דארום געווען צומישט פון דיזע פערשיעדענע שולען, וואס עס האט געפיהרט צו דער פערשפרייטונג פון אזעלכע סאפיסטען, וועלכע האבען אבגעלאכט פון אלעם און זיך געמאכט א פראפעסיאן צו בעווייזען מיט דריידלעך און חקירות, אז שווארץ איז וויים און פערקעהרט.

אונטער אזעלכע אומשטענדען האבען זיך שליסליך געמוזט געפינען פילאזאפען, וואס זאלען זוכען צו בעארבייטען און פאנאנדער צו גליעדערן דיא פערשיעדענע לעהרען, אפצושיידען דאס פאלשע פון דאס אמת'ע און איבערהויפט צו שאפען א ס י ס ט ע מ א ט י ש ע פילאזאפיע. עטליכע גרויסע דענקער האבען זיך ווירקליך גענומען צו דער שווערער ארבייט, וויא צום ביישפיעל, דעמאקריטוס און פלאטאן. נאר דער וויכטיגסטער און געלעהרטעסטער פון זיי איז געווען אריסטאטעל.

פיערטער קאפיטעל.

אַריסטאָטעל׳ס לאָגיקע און פילאָזאָפיע.

שטודירענדיג דיא לעהרען פון אַלע זיינע פאָרגעגנגער און זוכענ־דיג צו ברייגנען זיי אין א סיסטעם, האָט אריסטאָטעל זיך ארומגע־זעהען, אז צוערשט דארף מען זיך נעהמען צו א נאכפאָרשונג וועגען דעם מענשען׳ס דיינקונגס־קראפט, צו א בעשטימונג פון דיא רעגעלן, נאָך וועלכע מענשען רעזאָנירען איבערהויפט. דאָס האָט איהם גע־פיהרט אָנצושרייבען זיין ערשטען און וויכטיגסטען בוך: דיא לאָגיקע. ער און זיינע שילער האָבען בעטראכטעט דיא לאָגיקע פאר א מיטעל, פאר אַן אינסטרומענט צו אַלע וויסענשאפטליכע נאכפאָרשונגען, אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט ער נאָר דערמיט געשאפען זיין גרעסטע ווערק. ער איז ניט געוועזען דער ערשטער צו שרייבען איבער לאָגיקע. פּלאטאָן און אנדערע האָבען אויך געזוכט דיא געזעצע פון מענשליכען דענקען; אָבער קיינער איז ניט אריינגעדרונגען אין דיעזען טיעפען ענין, אין זיך זעלבסט, קען מען זאָגען, אזוי וייט און ריכטיג וויא אריסטאָטעל.

עס פערשטעהט זיך, אז מענשען האָבען אימער געדענקט נאָך בעשטימטע לאָגישע רעגעלן זאָ לאנג זיי האָבען געהאט מארך אין קאָפּ. דיא לאָגיקע האָט ניט געשאפען אונזער פערנינפטיגען דענקען אזוי וויא דיא גראמאטיקע האָט ניט געשאפען א שפראך. ביידע, אי דיא גראמאטיקע אי דיא לאָגיקע, זיינען דיא שעפּפונגען פון גרויסע דענקער, וועלכע האָבען צערגליעדערט דיא צוזאמענשטעלונג פון א שפראך אין דיא ארט און ווייזע פון דענקען. עס איז א גרוי־סער און טיעפער אונטערשיעד פון דענקען אונבעוואוסט, ד. ה. אָהנע צו וויסען וואָס עס קומט דערביי פאָר אין אונזער נערווען־סיסטעם

און אין אונזער מארך, און פון דענקען נאָך א קענטניס פון לאָגישע געזעצע. יעדענפאלס, נאָר אזא גרויסער זשעניע וויא אריסטאָטעל האָט געקענט אליין בעשטימען דיא ארט און וויזע פון דענקען אָדער, אויף דעם פילאָזאָפישען לשון, דיא פראָצעסען פון דענקען.

איינינע טהיילען פון דער לאָגיקע האָט אריסטאָטעל אין גאַנ־צען נעשאפען, ספעציעל דעם טהייל איבער סילאָגיזמוס אָדער דעם פראָצעס, אזוי וויא מיר ציהען שליסע. אין זיינע ווערק דערמאָנט ער גאָר ניט וועגען זיך זעלבסט, נאָר אין זיין מייסטערהאפטע אָבהאנדלונג איבער סילאָגיזמוס האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַל־און האָט בעמערקט: „וועגען דעם פראָצעס פון סילאָגיזמוס האָב איך אבסאָלוט גאָר ניט נעפונען פאר מיר. איך האָב עס אליין נעהאט אויסצואַרבייטען נאָך לאנגע און שווערע נאכפאָרשונגען".

דיזע נאכפאָרשונגען ערקלערט ער זעהר אויספיהרליך אין דעם טהייל פון זיין לאָגיקע, וואָס ער רופט אנאליטיק און וואָס איז יעצט א טהייל פון אלע שול־ביכער איבער לאָגיקע. זיין צוועק איז געוועזען צו בעשטימען, וויא אזוי מען קען בעווייזען א זאַך וויסענ־שאפטליך, נאָך שטרענגע געזעצע פון פערנינפטיגען דענקען. דאָס האָט ער בעדארפט האָבען, אום צו קענען גרינדליך אָפּשטרייטען דיא פאלשע חקירות פון דיא סאָפיסטען.

דיא נויטוועגדיגסטע זאָך פאר יעדען רעזאָנירען, האָט ער ער־קלערט, איז דער סילאָגיזמוס. דאָס איז נעמליך: ציהען שליסע פון אלגעמיינע בעהויפּטונגען צו איינצעלנע פעלע. אויף דעם פילאָזאָפישען לשון רופט מען עס אויך דעדוקציאָן אָדער דעדוקטיווער מעטהאָד. אום דער לעזער, וואָס האָט קיין מאָל ניט געלערנט דיא געוועהנליכע שול־ביכער איבער לאָגיקע און האָט אפילו ניט געהערט דיא ווערטער: סילאָגיזמוס און דעדוקציאָן (און פאר אזעלכע שרייבען מיר אייגענטליך דיזען ביכעל), זאָל פערשטיין וואָס מיר גיבען דאָ איבער, וועלען מיר ברייננען א ביישפּיעל:

וויא אזוי וויסען מיר אז ראובן מוז שטארבען? וויא אזוי ציהען מיר אזא שלוס, ווען מיר זעהען, אז ראובן לעבט נאָך?

גאנץ איינפאך: מיר וויסען פון דער ערפאה־

רונג, אז אלע מענשען פאר איהם זיינען געשטארבען, און מיר שליסען דערפון, אז ראובן מוז אויך שטארבען.

נאר וויא אזוי רעזאנירען מיר דערביי? פרעגט אריסטאטעל.

דורך דעם סילאגיזמוס, ענטפערט ער און צערגלידערט דעם פראצעס פון אונזער דענקען דערביי אין 3 פונקטען אזוי:

1) אלע מענשען זיינען שטערבליך;

2) ראובן איז א מענש;

3) פאלגליך, איז ער אויך שטערבליך.

אריסטאטעל בעוויזט אונבעשטרייטבאר, אז אין אלע פעלע דענקען מיר אזוי ווען מיר ציהען שליסע. אין אלגעמיינען גערעדט, בעשטעהט א סילאגיזמוס פון דריי זעצע, פון וועלכע דער לעצטער ווערט געדרונגען פון דעם ערשטען דורך די פערמיטלונג פון דעם צווייטען. דיא ערשטע צוויי זעצע הייסען אין דער לאגיקע פאסטולאטען, דער דריטער—דער שלוס. דיא פארמולע פון סילאגיזמוס איז אזוי: A איז B, B איז C, פאלגליך איז A אויך C.

ווען מיר מאכען א סילאגיזמוס, דיינקען מיר אלזא דעדוקטיוו, דאס הייסט מיר ציהען א שלוס פון אן אלגעמיינעם געדאנק צו אן איינצעלנעם פאקט. אלע גרויסע דענקער און לאגיקער נאך אריסטאטעל'ן האבען נאך פיעל-זייטיגע נאכפארשונגען וועגען דעם פראצעס פון אונזער דענקען אויסגעפונען, אז אריסטאטעל'ס לעהרע איז אין דיזען טהייל פון זיין לאגיקע פאלקאם ריכטיג. מען קען זאגען, אז מען האט נאך איינענטליך קיינע צוזעצונגען ניט געמאכט צו אריסטאטעל'ס בעטראכטונגען וועגען סילאגיזמוס. דאס בלייבט אן איבינער טהייל פון אונזערע קענטניסע אזוי לאנג וויא דער מארך פון מענשען וועט זיך ניט ענדערן.

נאר יעצט בלייבט דיא פראגע: אזוי וויא מיר ציהען שליסע דעדוקטיוו דורך דעם סילאגיזמוס, טא וויא אזוי קומען מיר צו דיא אלגעמיינע געדאנקען, צו דיא ערשטע פאסטולאטען? דיזע פראגע האט אזא ריזיגער זשעניע און טיעפער דענקער, וויא אריסטאטעל איז געוועזען, נאטירליך זיך געשטעלט און האט אויך געזוכט איהר גרינדליך צו ענטפערן. אין אלגעמיינען האט ער אויך גאנץ ריכטיג

געענטפערט, דען ער האָט ביי יעדער געלעגענהייט ערקלערט, אז דער איינציגער מיטעל צו קומען צו ריכטיגע פּאָסטולאַטען איז דורך בעאָבאַכטען זאַכען און דורך עקספּערימענטען (פּראָבעס). מיט אַנ־דערע ווערטער הייסט עס, אז ער אנערקענט, דאס מיר קריגען בעגריפע וועגען זאַכען דורך אונזערע 5 חושים און דורך פּראָבעס. דיא ווירקונגען פון זאַכען אויף אונזערע חושים ווערן צוזאַמענגעשמאָלצען אין אונזער גייסטיגען אַפּאַראַט, אין מאַרך, און עס ענטשטעהען דערפון פאָרשטעלונגען און געדאַנקען.

אַריסטאָטעל בעגרינדעט דארום זיין פילאָזאָפיע אויף אינדוק־ציאָן (דאָס בעדייטעט גראַדע דעם געגענזאַץ פון דעדוקציאָן, נעמליך: פון איינצעלנע פאַקטען דרינגען אַלגעמיינע בעגריפע און געדאַנקען) און אויף עקספּערימענטען. דערמיט אַליין האָט ער זיך געשטעלט אויף א ריכטיגען וויסענשאַפטליכען וועג.

אָבער דעם פּראָצעס פון אינדוקציאָן, דאָס הייסט: וויא אזוי אונזער גייסט קומט צו אַלגעמיינע געדאַנקען און צו נאַטור־געזעצע דורך דיא ווירקונגען פון דיא חושים—דאָס האָט אריסטאָטעל ניט ער־קלערט. און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, ווארום ער האָט דאָס ניט געטאָן: עס האָבען איהם דערצו איינפאַך געפעהלט דיא וויסענ־שאַפטען, וועלכע זיינען אין אונזער צייט געשאַפען געוואָרן, ספּעציעל דיא פיזיאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע. וויא אזוי אויסווערטיגע זאַכען ווירר־קען אויף אונזערע נערוועז, וויא דיזע נערוועז גיבען איבער דיא איינ־דריקע צו זייערע צענטראַל־אָרגאַנען אין דעם מאַרך פון רוקען־ביין און פון קאָפּ; וויא עס ענטשטעהען דורך דעם פאָרשטעלונגען אָדער בילדער פון זאַכען א. ז. וו.—דאָס איז ביסלעכווייז דערגאַנגען געוואָרן דורך פערשיעדענע וויסענשאַפטליכע נאַכפאָרשונגען פון מאָדערנע געלעהרטע, און פיעלעס דערפון בלייבט נאָך יעצט אין דונקעלהייט. אין אריסטאָטעל'ס צייטען האָט מען אייגענטליך ניט געוואוסט פון דיא עקזיסטענץ פון נערוועז און פון זייער וויכטיגע אַרבייט. דער פּראָצעס פון אינדוקציאָן איז דארום אויסגעאַרבייט געוואָרן ביסלעכ־ווייז פון אַנדערע פילאָזאָפען נאָך אַריסטאָטעל'ן, ספּעציעל פון דיא ענגלענדער בעקאָן און דזשאָהן סטוארט מילל.

אזוי וויא אריסטאָטעל האָט ניט נעקענט פּערענטפערן דיא פראַגע, וויא אזוי עס ענטשטעהען ביי אונז בעגריפע און געדאַנקען, פון וועלכע מיר ציהען נאכ־ער שליסע דעדוקטיוו אָדער דורך סילאָ־גיזמען, האָט ער געזוכט זיך ארויסצודרייהען דורך פערשיעדענע חקירות, וועלכע ער האָט אויספיהרליך איבערגעגעבען אין דעם טהייל פון זיין לאָגיקע, וועלכע ער האָט א נאָמען געגעבען „טאָפּיק" (דאָס מיינט: אלגעמיינע בעגריפע).

אָבער נאָך אלע חקירות האָט ער געמוזט ערקלערן, אז עס זיינען שליסליך דאָ אזעלכע גרינדע אָדער פּאָסטולאַטען פאר סילאָ־גיזמען, וואָס מען קען ניט בעווייזען, וואָס מען דאַרף אָננעהמען פאר אקסיאָמען (דאָס הייסט: פאר זעלבסט־פערשטענדליכע וואהרהייטען). דער פּראָצעס פון אינדוקציאָן (נעמליך: קומען פון איינצעלנע פאַקטען אָדער איינדריקע צו אלגעמיינע שליסע אָדער אידעען), האָט ער בעהויפּטעט, איז ניט אזוי זיכער און וויסענשאפטליך, וויא דער פּראָ־צעס פון דעדוקציאָן אָדער פון סילאָגיזמוס.

אום צו האָבען פון דעסטוועגען בעשטימטע גרינדע פאר ציהען שליסע און פאר זיינע לעהרען איבער דער נעזעלשאפט (אין זיין „עטהיקע") און איבער דער נאַטור (אין זיין „מעטהאפיזיקע"), האָט ער פעסטגעשטעלט 4 פּ ר י נ צ י פּ ע ן, (נעמליך: מאַטעריע, פאָרמע, רעזולטאַט און אורזאכע) אין 10 ק אַ ט ע ג אָ ר י ע ן (נעמליך: סוב־סטאַנץ אָדער עסענציע, קוואַליטעט אָדער מעלה, קוואַנטיטעט אָדער צאָהל, פערהעלטנים, בעשטימונג אין צייט, בעשטימונג אין רוים, האַנדלונג, בעדינגונג, פּאָזיציאָן און ליידענשאַפט). דיזע קאַטעגאָריען ערקלערט ער פאר דיא העכסטע אלגעמיינע אידעען, וועלכע בעהער־שען אלע אנדערע. אָבער ער אליין האלט זיך ניט שטרענג און שטענדיג אין זיינע שריפטען אָן דיזע צאָהל קאַטעגאָריען. אָפּט שרייבט ער פון 8, 6 און זאָגאר פון 3 קאַטעגאָריען, וואָס עס ציינט, אז ער האָט אליין געפיהלט, אז דיזע פערטהיילונג איז ניט א וויסענשאַפטליכע און אז מען קען געפינען נאָך אנדערע קאַטע־גאָריען.

וואָס אָנבעלאַנגט צו דיא 4 פּרינציפּען, זאָ בעשעפטיגט ער

זיך ספּעציעל מיט א נאכפאָרשונג וועגען מאטעריע און פאָרמע, רען ער ערקלערט ווייטער, אז דיא אורזאכע און דער רעזולטאט בעשטי־מען נאָר דיא פאָרמע פון זאכען און ערשיינונגען. אין דיא בעציהונגען אָדער פערבינדונגען צווישען דיא מאטעריע און דיא פאָרמע זעהט אריסטאָטעל דיא אמת'ע עקזיסטענץ פון אלע זאכען און ערשיינונגען. דאָ אונטערשיידעט ער זיך פון זיין לעהרער פּלאטאָן, וועלכער האָט ערקלערט, אז דיא אידעען וועגען זאכען עקזיסטירען גאַנץ בעזונ־דער און צייגען זיך ארויס דורך אונזער מארך, אז נאָר דיא אידעען זיינען דיא ריכטיגע אורזאכען פון אלע ענדערונגען און ערשיינונגען אין דער נאטור. נאָך פּלאטאָן'ס פילאָזאָפיע איז אויסגעקומען, אז ניט דיא זאכען, וואָס מיר פיהלען מיט אונזערע חושים, עקזיסטירען אין דער ווירקליכקייט, זאָנדערן דיא געדאנקען אָדער אידעען וועגען זיי. וויא אזוי ער איז געקומען צו דיעזע מערקווירדיגע פילאָזאָפיע, וועלכע ווערט גערופען דיא אידעאליסטישע און וועלכע טרעט ארויס נעגען דיא רעאַליטעט פון דער ארומיגער נאטור, איז ניט דאָ דער אָרט צו ערקלערן. מיר דערמאָנען דאָ נור וועגען איהר, וויל אריס־טאָטעל האָט זיך פון איהר דאָך ניט בעפרייט אין גאנצען אָבוואָהל ער האָט איהר אין פיעלע פּונקטען אָבגעשטריטען.

אריסטאָטעל האָט אפילו ערקלערט, אז דער פונדאמענט פון אלע אונזערע געדאנקען און קענטניסע ליעגט אין דיא איינדריקע דורך דיא חושים, אין בעטראכטונג און ערפאהרונג. זיין שולע (דיא פּעריפּאטעטישע) האָט געלערנט, אז „מענשען קענען גאָר ניט בעגרעה־מען זאכען וואָס זיי פיהלען ניט דורך דיא חושים". אָבער דאָך אנערקענט אריסטאָטעל, אז דיא פאָרמע פון א זאך איז עפּעס אונ־אבהענגיג פון דער מאטעריע, עפּעס א זעלבסשטענדיגער פּרינציפּ. נאָר דורך דיא פאָרמע, לערנט ער, עקזיסטירט מאטעריע אין דער ווירקליכקייט. דיא מאטעריע זעלבסט איז נאָר א פונדאמענט, אויף וועלכע דיא פאָרמע בויט זאכען און רופט ארויס ענדערונגען און ערשיינונגען אין דער נאטור.

זיין לעהרע איז דארום א מיטעל־פּונקט צווישען פּלאטאָן'ס אידעאַליזמוס און צווישען סענסואַליזמוס (דאָס הייסט, אז אלעס

וואָס מיר פערשטעהען און ווייסען קומט נאָר פון אונזערע חושים);
אָבער דיזער מיטעלפּונקט איז גאָר ניט קלאָר און יעדענפאַלס זעהר
פערפּלאָנטערט מיט פערשיעדענע חקירות און השערות.

יעדע פון דיזע חקירות און השערות צייגט ארויס אריסטאָ־טעל׳ס געוואלדיגע דענקונגס־קראַפט, וועו זיי זיינען אפילו פאַלש נאָך אונזערע יעצטיגע קענטניסע. אַלע דיא יעניגע וואָס האָבען אין מיטעל־אַלטער שטודירט זיין פילאָזאָפיע, האָבען דארום ניט ווילענדיג גע־מוזט אָננעהמען אַלע זיינע אויספיהרונגען. זיי האָבען ניט געקענט איהם אָפּשטרייטען, ווייל זיי האָבען מעהר ניט געוואוסט פון דער נאַטור וויא ער, און זיי האָבען זיך געפיהלט גייסטיג אזוי וויא קינדער אין פערגלייך מיט א ריעז. כמעט אַלע האָבען איינפאך געשלונגען זיינע ווערטער וויא דיא העכסטע תורה.

זיינע אויספיהרונגען וועגען דיא בעציהונגען צווישען מאַטעריע און פאָרמע זיינען נאָך געוועזען העכסט וויכטיג פאַר דיא קריסטליכע לעהרערס דערמיט וואָס זיי האָבען דאָרטען ענטדעקט א ריין־פילאָ־זאָפישען און זאָגאר א „וויסענשאַפטליכען" בעווייז פון גאָט׳ס עקזי־סטענץ. זיי האָבען זיך געמאכט גאָר ניט וויסענדיג, אז דאָס וואָס אריסטאָטעל רופט „פאָלקאָמענעס וועזען" אָדער גאָט שטימט אבסאָ־לוט ניט מיט דיא אידיש־קריסטליכע אָדער, ריכטיגער געזאָגט, מאָנאָטהעאיסטישע בעגריפע וועגען א שעפּפענדען גאָט. פאַר זיי איז נאָר וויכטיג געוועזען צו שטיצען זיך אויף דיא אָטאָריטעט פון ארי־סטאָטעל׳ן, אן אָטאָריטעט וואס האָט געמוזט אנערקענט ווערן צור־ליעב דיא לאָגיקע.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין ערקלערונגען וועגען אריסטאָטעל׳ס לעהרע איבער מאַטעריע און פאָרמע, ווייל דאָס וואָלט אונז פערפיהרט צו ווייט—מיר ריידען שוין דאָ ניט פון דיא גרויסע שוועריגקייטען איבערצוגעבען פילאָזאָפישע לעהרען אין אונזער אָרעמען מאַמע־לשון — אָבער וויא ווייט אריסטאָטעל׳ס גאָט אונטערשיידעט זיך פון דעם אמת־רעליגיעזען, קען יעדער שליסען דערפון אליין, דאָס ער לערנט, אז דיא נאַטור עקזיסטירט אייביג, אז גאָט איז דיא נאַטור אין אלגעמיינען, אז גאָט איז דאס „אונבעוועגליכע וואָס

בעוועגט אַלעס". מאַטעריע, האָט ער געלערנט, איז דאָס וואָס ווערט בעוועגט אָהנע אַליין עפּעס צו בעוועגען; גאָט איז דאָס וואָס בעוועגט אָהנע זיך אַליין צו בעוועגען. נאָך אונזערע יעצטיגע בעגריפע קענען מיר זאָגען, אַז אַריסטאָטעל'ס גאָט איז קראַפט, וואָס איז אימער פערבונדען מיט מאַטעריע אָדער שטאָף.

נאָך אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע איז ניטאָ קיין בורא, קיין געט־ליכע השגחה; דיא וועלט איז פון אייביג־אָן דיא זעלבע. עס איז ניטאָ קיין גן־עדן, קיין גיהנם אין זיין לעהרע, וועלכע איז אין אַלע הינזיכ־טען נאָר בעגרינדעט אויף דעם ריינעם פערשטאַנד אָהן דיא אריינ־מישונג פון דער קאַפּריזנער געטליכער קראַפט, וויא אין דיא שפּעט־טערע רעליגיעזע לעהרען.

דיא גאַנצע וועלט, לערנט ער, האָט דיא פאָלקאָמענסטע פאָרמע, נעמליך די פאָרמע פון אַ קוגעל. די פאָלקאָמענסטע בעוועגונג איז דיא קרייזמעסיגע. דיזע בעוועגונג האט דער עטהער, דער הימלישער יסוד, פון וועלכען דיא שטערן זיינען צוזאַמענגעשטעלט. זיי דרייהען זיך אייביג גלייך און זיינען פערקערפּערטע געטליכקייטען. ווייטער איז דיא אייביגע אונבעוועגליכקייט פון הימעל אָדער גאָט.

דיא ערד האָט אַריסטאָטעל בעטראַכט אַלס אַ נידריגערע פאָרמע וויא דיא שטערן. אַלעס אין איהר און אויף איהר איז אָבּ־העננינג פון דיא 4 עלעמענטען אָדער יסודות, וועלכע האָבען אַ שטרע־בונג צו גלייכע ליניען־בעוועגונגען. אין גאַנצען בלייבט דיא ערד אונ־בעוועגליך. נאָר דער יסוד פייער טרייבט איהר צו דיא הימלישע וועלט.

עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז אַריסטאָטעל'ס אַסטראָנאָמיע און נאַטור־וויסענשאַפט שטימען ניט מיט דעם, וואָס מיר וויסען, יעצט וועגען דיא פּלאַנעטען, שטערן און דיא גאַנצע אויסערע וועלט; נאָר אין זיינע צייטען איז עס געוועזן דיא העכסטע פיקאָזאָפיע און וויסענשאַפט און אַזוי איז זיא פערבליבען ביז צום אָנפאַנג פון דער רענעסאַנס־צייט, וועלכע וועט געשילדערט ווערן אין דיא לעבענס־בעשרייבונגען פון איהרע גרעסטע מענער, וויא, צום ביי־שפּיעל, דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ און גאַלילעי.

אין זיינע לעהרען איבער מאָראל, געזעלשאַפט און שטאַאט האָט אַריסטאָטעל אייגענטליך נים פיעל נייעס אויפגעטאָן. ער האָט נים געשאַפען איין אייגענע סאָציאַל־פּאָליטישע סיסטעם ווי זיין לעהרער פּלאַטאָן, וועלכער האָט געטרוימט פון אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט; ער האָט נאָר בעשריעבען און קריטיקירט אַלע רעגירונגס־פאָרמען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין גריכענלאַנד. זיינע סאָציאָלאָגישע ווערק האָבען דאַרום פאַר אונז אַ זעהר וויכטיגע היסטאָרישע בעדייטונג.

אין זיין „פּאָליטיק" ערקלערט אַריסטאָטעל, אַז דער שטאַאט איז נים אָפּהענגיג פון דער רעגיערונגס-פאָרמע און פון דיא צאָהל הערשער. אַ געזעלשאַפטליכע סיסטעם איז נאָר דאַן גוט, זאָגט ער, ווען דיא רעגירונג שטרעבט צו לייסטען איהר בעסטעס פאַר דיא גאַנצע געזעלשאַפט. דיא הערשאַפט פון איין מאַן קען זיין גוט אַלס אַ קעניגרייך, אָבער שלעכט אַלס אַ דעספּאָטיע. דיא הערשאַפט פון עטליכע קען זיין גוט, אויב זיי זיינען געבילדעטע און עהרענהאַפטע אַריסטאָקראַטען; זיא איז אָבער שלעכט אַלס אַן אָליגאַרכיע, דאָס הייסט: ווען די מאַכט ליעגט אין דיא הענד פון איינינע רייכע פאַמיליען.

זיינע שריפטען איבער שטאַאטען און רעגיערונגען זיינען נים געבליעבען אין גאַנצען, און מיר ווייסען דאַרום נים, וואָס פאַר אַ סיסטעם ער וואָלט אַליין פאָרגעשלאָגען; נאָר פון זיינע קריטישע בעטראַכטונגען קען מען שליסען, אַז ער איז נים געווען אַ פריינד פון אַ ריינע דעמאָקראַטישע רעפּובליק. אין אַלגעמיינען איז ער געווען אַ קאָנסערוואַטאָר אין פּאָליטישע אַנגעלעגענהייטען און האָט געזוכט צו געפינען דעם מיטעלפּונקט צווישען פערשיעדענע סיסטעמען.

זיין קאָנסערוואַטיזמוס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האַלט פאַר גערעכט שקלאַווערייי, אָבוואָהל פיעלע פילאָזאָפען, בעזאָנדערס געוויסע סאָפיסטען, זיינען לאַנג פאַר איהם אַרויסגעטראָטען געגען דעם אין נאָמען פון גלייכהייט פון אַלע מענשען, וויא מיר האָבען דאָס אויבען געזעהען. אויך האַלט ער פאַר גערעכט צו פיהרען מלחמה און צו פערשקלאַווען פעלקער, וועלכע זיינען פון דער נאַטור געשאַפען צו דיענען צוועק". פרויען האָט ער בעטראַכטעט אַלס ני־

דעריגער פון מענער און האט ערקלערט, אז דיא נאטור האט זיי געשאפען צו דיענען און צו פאָלגען דיא מענער. דארום איז ער ארויסגעטראָטען געגען פלאטאָן'ס פאָרשלאג צו געבען גלייכע רעכטע און ערציהונג דיא פרויען.

נאָר אזוי וויא זיינע פאָליטישע מיינונגען האָבען אייגענטליך געשפיעלט א קליינע ראָלע אין דער וועלט, וועלען מיר מעהר וועגען דעם דאָ ניט ריידען. מיר וועלען נאָר בעמערקען, אז פיעלע פון זיינע מיינונגען צייגען בלויז, דאס ער איז געווען א קינד פון זיין צייט און האט זיך ניט געקענט בעפרייען פון איהר איינפלוס.

דיא הויפט־וויכטיגקייט פון זיין פילאָזאָפיע ליעגט אין זיין לאָגיקע, וויא דאס איז שוין בעמערקט געוואָרן. דערמיט האָט ער בעהערשט דיא גאנצע גייסטיגע וועלט אין פערלויף פון 2000 יאהר. אין אלע זיינע ווערק איז ער פערבליבען א טיעפער און שטרענגער לאָגיקער. ער האָט זיי געשריעבען נאָך א סיסטעם און, וויא ווייט עס איז איהם נאָר געווען מעגליך, האָט ער זיך געהאלטען שטרענג אָן זיינע ערשטע לאָגישע אויספיהרונגען, וועלכע וועלען פערבלייבען אן אייביגער מאָנו־מענט פון זיין ריזיגען זשעני און אן אייביגער אינטערעסאנטער און וויכטיגער געגענשטאנד פאר געבילדעטע מענשען. אין דער געשיכטע פון פילאָזאָפיע פאַרנעהמט ער דעם גרעסטען פלאץ. אפילו דאָרט, וואו ער האָט א טעות געהאט, וויא ספּעציעל אין זיין לעהרע וועגען מאטעריע און פאָרמע, מוז מען איהם בעוואונדערן פאר דיא ריזיגע דיינקונגס־קראפט, וועלכע ער צייגט דערביי ארויס.

יא, ניט אומזיסט האָט מען דיזען פרינץ פון פילאָזאָפען פער־געטערט, ניט אומזיסט האָט ער געהאט אזא גוואלדיגען איינפלוס אויף אלע ציוויליזירטע פעלקער, ניט אומזיסט איז ער געווען א קוואל פון ליכט און אויפקלערונג.

ברוך ספינאזא

זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע.

פון פיליפ קראַנץ.

ברוך ספינאָזאַ.

איינלייטונג.

ברוך ספינאָזא און שבתי צבי.

אין 17־טען יאָהרהונדערט האָבען צוויי אידען אויפגערודערט א וועלט און געסטראשעט אונטערצוגראָבען דיא אידישע רעליגיאָן, וויא זיא איז פעסטגעשטעלט געוואָרן פון תלמוד.ביידע האָבען גע־שטאמט פון דיא מאראנען, וועלכע עס איז געלונגען זיך צו רעטען פון דיא שרעקליכע אינקוויזיציאָן אין שפאניען און פּאָרטוגאל; ביידע זיינען געבאָרען געוואָרען כמעט אין דער זעלבער צייט; ביידע האָבען געקראָגען א אידישע ערציהונג נאָך יענער צייט, האָבען שטו־דירט תלמוד און קבלה; און ביידע זיינען געשטאָרבען אין איין יאָהר.

אָבער זייערע געדאנקען, שטרעבונגען און טהעטיגקייט זיינען געווען הימעלוויט איינע פון דיא אנדערע. א טיעפער אָבגרונד האָט זיי אָבגעטהיילט — דער אָבגרונד צווישען פערנונפט און פאנטאזיע, צווישען קריטיק און גלויבען, צווישען פילאָזאָפיע און קבלה, צווישען וויסענשאפט און סתרי תורה. איינער איז געווען א טיפער זעלבסט־שטענדיגער דענקער, א שארפער און מוטהיגער קריטיקער, א זשעני, א וויסענשאפטליכער נאָכפאָרשער, א מערקווירדיגער ערעלער און ערהאבענער כאראקטער, א מאן, קען מען זאָגען, מיט לויטער גוטע מעלות, אזא איש ישר ותמים, צו וועמען עס איז שווער צו געפינען א גלייכען אין דער געשיכטע; דער אנדערער איז געווען א מיסטיקער פון דער נאטור, אן אונוויסענדער טרוימער, א צודולטער קאבאליסט, א פוסטע קאָפּ, א שוועכלינג, א מענש, וואָס איז אזוי צומישט גע־

ווארן, דאס ער האט זיך זאגאר ארויסגעגעבן פאר א משיח אין א פערקערפערונג פון גאט, און וואס האט בעזעסן אזוי וויניג עהרענ־געפיהל, זעלבסטאכטונג און מוטה, אז ער האט שענדליך פערראטהען זיינע אייגענע פערבלענדעטע נאכפאלגער און איז געווארן א משומד, וויא נאר מען האט איהם געסטראשעט צו בעשטראפען פאר זיין משוגענע און אויך שווינדלערישע ראלע פון משיח.

דער לעזער, וואס איז פיעל וויניג בעקאנט מיט דיא אידי־שער געשיכטע, פערשטעהט שוין אליין, אז מיר מיינען דא ברוך ספינאזא און שבתי צבי.

פראפעסאר גרעטץ בעמערקט גאנץ ריכטיג אין זיין „געשיכטע פון אידען", אז שבתי צבי איז געווען גראדע דער היפוך פון ברוך ספינאזא. עס איז ווירקליך שווער צו געפינען 2 מענשען, וואס זא־לען זיך אין אלע בעציהונגען אזוי אונטערשיידען, ווי דער אמסטער־דאמער פילאזאף און דער סמירנער משיח. אויב א מענש פערדיענט איבערהויפט גערופען צו ווערן „געטליכער," זא האט עס ספינאזא זי־כער פערדינט, אבגלייך ער איז פערשטויסען געווארן אפילו פון דיא געבילדעטסטע אידען פון זיין צייט, און ער ווערט נאך ביז היינט צו טאג פערדאמט פון פיעלע ארטהאדאקסען און גייסטליכע. וועה־רענד שבתי צבי, וועלכער איז ווירקליך פערגעטערט געווארן פון א מאסע אידען, אפילו פון פיעלע געלערנטע אידען אין אמסטערדאם זעלבסט, איז געווען א פעררייקטער און אויך אייגפאך א שארלאטאן. ספינאזא האט געהערט פון דעם פאלשען משיח, וועלכער האט אי־בערגעקעהרט א קורצע צייט א וועלט אין קליין־אזיען, און ער האט נאטירליך בעדויערט, וואס מענשען זיינען נאך אזוי דום און אבער־גלויביש נאכצופאלגען איינעם, וואס זיין ריכטיגער פלאץ איז געווען אין א דולהויז; אבער שבתי צבי האט אפילו ניט געהערט פון גרוי־סען פילאזאף, וואס האט געלייגט דעם פונדאמענט פון דער קריטיק איבער דער ביבעל, און ער וואלט אויך ספינאזא'ס שריפטען ניט פערשטאנען, ווען ער וואלט זיי געקענט לעזען.

אבער גרעטץ טהוט אונרעכט דעם גרויסען פילאזאף, צו ווע־מען ער איז איבערהויפט ניט זעהר פריינדליך. ווען ער בעהויפטעט,

אז ספינאָזא האָט געשטרעבט צו פערניכטען דעם תלמודישען גלויבען אזוי וויא שבתי צבי מיט זיין שווינדלער־באנדע.

ספינאָזא איז אייגענטליך קיין מאָל ניט ארויסגעטראָטען ספּעציעל געגען אידישען גלויבען. ער האָט נאָר קריטיקירט דיא ביבעל אלס פרייער דענקער און פילאָזאָף. וויא מיר וועלען עס זעהען, ווען מיר וועלען ריידען וועגען זיין בעריהמטען „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראקטאט“. פאר וועלכען ער האָט בעזאָנדערס ארויפּגעצויגען אויף זיך דעם צאָרן פון אלע גלויביגע, קריסטען נאָך מעהר וויא אידען. אויב ער איז געווען גערעכט, אָדער אונגערעכט אין אלע זיינע אויספיהרונגען וועגען דיא ביבעל, נאָר עס איז זיכער, אז ער האָט ניט גערדיינקט, ווען ער האָט אפילו געשריעבען זיינע „אפיקורס׳ישע“ ווערק, צו טאָן אירגענד וועלכען שאדען דיא אידען. ער האָט געשריעבען און געהאנדעלט אין נאָמען פון דער ריינער וואהרהייט, וויא זיין מערקווירדיג קלאָרע קאָפּ האָט עס פערשטאַנען און זיין ריינער געוויסען האָט עס איהם דיקטירט. דיא אידען האָט ער אפילו מיט איין בייזען וואָרט ניט אָנגעגריפען. עס איז איבערהויפּט ניט געלעגען אין זיין רוהיגער און עדעלער נאטור ווע־מען עס איז צו אטאקירען פערזענליך. ער האָט געליטען און מייס־טענס געשוויגען מיט אן איבערמענשליכע גערולד; ער האָט געלעבט און איז געשטאָרבען וויא א פּראָלעטאריער און א מערטירער. יע־דענפאלס, דיא אידען האָבען קיין מאָל ניט געליטען פון איהם און אפילו דורך זיין „אפיקורסות און גאָטלאָזינקייט“, דען זיינע בי־טערסטע פיינד אין דיא רייהען פון דיא קריסטליכע גלחים און פינ־סטערלינגע האָבען געמוזט צוגעבען, אז ער איז א גייסטיגער ריעז, אזא געניאלער פילאָזאָף וויא אריסטאָטעל. וואָס מעהר אויראָפּא האָט גייסטיג פּראָגרעסירט, איז ספינאָזא אלץ מעהר פערעהרט גע־וואָרן. זיין נאָמען ווארפט דעם העלסטען שיין אויף דיא אידישע נאציאָן. מיט קיינעם פון זייערע גרויסע מענער אין היסטאָרישע צייטען קענען אידען אזוי פיעל ניט שטאָלצירען, וויא מיט ברוך ספינאָזא.

אום צו צייגען, אז ספינאָזא האָט ארויסגעוויזען א ביטערקייט

נעגען דיא אידען, בעמערקט גרעטץ, אז דער פילאזאף האט מעהר קריטיקירט דעם אלטען וויא דעם נייעם טעסטאמענט. אבער ווען דאס זאל זיין אזוי, קומט עס איינפאך פון דעם, וואס ספינאזא האט נאטירליך בעטראכטעט דיא אידישע ביבעל אלס דעם פונדא־מענט פון דעם קריסטליכען גלויבען און וואס ער איז מעהר בע־קאנט געווען מיט דער אידישער רעליגיעזער ליטעראטור וויא מיט דער קריסטליכער. ניט אומזיסט האט ער זיינע יונגע יאהרען פער־בראכט אין שטודירען דעם תלמוד און דיא אידישע טהעלאגיע (חכמת האלהות).

ניין, ספינאזא האט ניט געמיינט צו בעקעמפפען דעם יודענ־טהום. אבוואהל ער האט שארף קריטיקירט דיא ביבעל, מען קען איהם יעדענפאלס ניט שטעלען אויף איין פלאן מיט שבתי צבי אפילו אין זייער ארויסטרעטען געגען תלמודישען יודענטהום. וואס אנבעלאנגט צו שבתי צבי, וועלכער האט רואינירט פיעלע פון זיינע פערבלענדעטע אנהענגער און האט געבראכט שמאך און שאנדע אויף אלע אידען פון זיין צייט, זא איז אין זיין ארויסטרעטען געגען תלמוד און שלחן ערוך שולדיג ניט ער אליין, זאנדערן דיא קבלה, וועלכע איז פון אנפאנג אן געווען א פראטעסט פון מיסטיקער גע־גען דיא טרוקענע לעהרען פון דיא תלמודיסטען און רבנים. דיא קבלה איז אימער געווען דער קוואל פון רעליגיעזע שטרייטען און פון סעקטען צווישען אידען.

אבער וויא פערשיעדען און געגענגעזעצט ספינאזא און שבתי צבי זיינען ניט געווען אין אלע בעציהונגען, זיינען זיי דאך ביידע קינדער פון זייער צייט, פראדוקטען פון דיא אומשטענדען, אונטער וועלכע זיי האבען זיך געפונען. דאס מעג שיינען פון ערשטען בליק ווידערשפרעכענד, ווילד און זאגאר אונגלויבליך, אבער דאס ווערט קלאר, ווען מען בעטראכט נעהענטער דעם צושטאנד פון דיא קול־טור־פעלקער אין 17טען יאהרהונדערט.

אום ניט צו פארקריכען צו ווייט אין איינצעלהייטען וועגען דיא געשיכטע פון יענער צייט, וועלען מיר דא בלויז אנצייגען אויף דיא צוויי געגענזייטיגע בעוועגונגען, וועלכע זיינען דאן אנ־

געגאנגען זייט ביי זייט. איינע איז געווען א רעאקציאָנערע, וועלכע האָט געשטרעבט אָבצושטעלען דיא ראָד פון רעפאָרמאציאָן, צו פערשטארקען דיא מאכט פון דיא פאפסטען און קעניגע; דיא אַנ־דערע איז געווען א פּראָגרעסיווע און זאָגאר א רעוואָלוציאָנערע, דען זיא האָט געשטרעבט צו פערנינפטיגע קריטיק און צו וויסענשאפט־ליכע ענטוויקלונג. דיא רעזולטאטען פון דיזע צוויי בעוועגונגען האָבען זיך בעזאָנדערס ארויסגעוויזען אין אן אויפלעבונג פון אינ־טאָלעראנץ און פון רעליגיעזען מיסטיציזמוס (סתרי תורה) פון איין זייט און אין א רייהע גלענצענדע און וועלט־איבערקעהרענדע צו א זעלטענע גערעטענעס אין מענשען, וועלכע האָבען זיך ארויס־געגעבען פאר פּראָפעטען און זאָגאר משיח׳ס; דער קריטישער גייסט האָט געפיהרט צו א זעלטענע גערעטענעס אין געניאלע דענקערס, וועלכע האָבען ענטוויקעלט פיעלע וויסענשאפטען, בעזאָנדערס אסטראָנאָמיע, מאטעמאטיק, מעכאניק און פיזיק, און אויך אויס־געלייגט א וועג פאר א וויסענשאפטליכע פילאָזאָפיע. ווי גאלילעי, קעפלער, דעקארט (קארטעזיוס), ניוטאָן, לייבניץ, גיוגענס, גאָבבס, לייבניץ, ספינאָזא, מאָריטשעלי, פאסקאל, הארווי א. ז. וו. דאָס זיינען אלץ פּאָטערס פון וויסענשאפט, זייערע נעמען זיינען פער־שריבען מיט גאָלדענע בוכשטאבען אין דער געשיכטע פון פּראָ־גרעס און ציוויליזאציאָן.

אָבער דיא רעליגיעזע רעאקציאָן איז אזוי שטארק געוואָרען און דער מיסטיציזמוס איז אזוי איינגעוואָרצעלט געווען, דאָס אפילו דיא גלענצענדסטע שטערן פון וויסענשאפט זיינען דורך דעם פער־פינסטערט געוואָרען. זעהר וויינינע פון זיי זיינען געווען פרייע דיינקערס. טראָץ דער איבערקעהרענעס, וואָס זיי האָבען געמאכט אין אסטראָנאָמיע און מעכאניק, זיינען זיי פערבליבען גייסטינע שקלאווען פון זייער צייט. זיי האָבען מורא געהאט איינצורייסען מיט דער ארמעע פון רעאקציאָנערען און גלחים און האָבען זיך שטילערהייט בעשעפטיגט מיט וויסענשאפטען. דעקארט, וועמען מען רעכענט פאר דעם פאָטער פון וויסענשאפטליכע פילאָזאָפיע, האָט זיך נעבעך געדרעהט אויף אלע זייטען, מען זאָל איהם ניט

בעשולדיגען אין אפיקורסת און ניט ערקלערן פאר אן אטעאיסט. לייבניץ האט איבערהויפט געזוכט צו געפינען חן אין דיא אויגען פון דיא רעאקציאָנערען. וואס אנבעלאנגט צו דעם גרעסטען זשעני פון זיין צייט, אייזיק ניוטאָן, דעם ענטדעקער פון דיא געזעצע פון גראוויטאציאָן (צוציהונגס־קראפט), האט ער זאָגאר אָנגעשריעבען א פירוש אויף דעם אפאָקאליפסיס (דיא ענטפלעקונג און חלומות פון הייליגען יאָהאן).

בלויז ספינאָזא איז דאן געווען אזוי גייסטיג פריי, אז ער האט געוואגט צו קריטיקירען דיא ביבעל אזוי וויא אן אנדער בוך. אין דיזער בעציהונג איז ער געווען אן אויסנאהמע צווישען אלע פילאָזאָפען פון זיין צייט און אויך פון א הונדערט יאָהר נאָך זיין טויט. דארום איז מען אזוי אָנגעפאלען אויף איהם פון אלע זייטען, דארום האט מען פערבאָטען זיינע ווערק און פערשאָלטען זיין נאָמען, דארום איז ער אויפגעשטאנען, קען מען זאָגען, א גייסטיגען תחית המתים ערשט אין 19טען יאָהרהונדערט, וויא מיר וועלען עס זעהען.

נאָך ווען ער וואָלט ניט געבאָרען געוואָרן אין אמסטערדאם, דיא הויפט שטאָט פון דער פרייסטער לאנד אין יענער צייט און א צענטער פון בילדונג און פאָרטשרים, זאָנדערן ערגעץ אין טירקיי, פוילען אָדער אפילו דייטשלאנד, וואָלט זיין שיקזאל געווען א גאנץ אנדערער. אויב זיין קלאָרע קאָפּ וואָלט איהם געפיהרט צו קריטיק, וואָלט ער וואהרשיינליך ניט געגאנגען ווייטער פון רמב"ם, וועלכער האט געזוכט צו פעראייניגען רעליגיאָן מיט וויסענשאפט. פון דער אנדער זייט, ווען שבתי צבי וואָלט געבאָרען געוואָרען ניט אין סמירנא, אין א נעסט פון אזיאטישע אונוויסענהייט און פון קאבאליסטען, זאָנדערן אין אמסטערדאם אָדער אפילו אין פראנקרייך און איטאליען, וואָלט ער זיכער ניט אזוי צומישט און צודולט געוואָרען זיך ארויסצוגעבען פאר א משיח, ווען ער וואָלט זאָגאר געבליעבען פערטיעפט אין קאבאליסטישע חלומות.

דאָ זעהען מיר קלאָר דיא ווירקונג פון ארומיגע אומשטענדען אויף דיא ענטוויקלונג און האנדלונגען פון מענשען. דיא אומשטענדען פאָרמולירען דעם כאראקטער פון יעדען מענשען. דיא זעלבע

פעהיגקייטען קריעגען גאנץ אנדערע ווענדונגען און א גאנץ פער־שיעדענעם אויסוועג אונטער דעם איינפלוס פון דיא אומשטענדען, אונטער וועלכע מענשען ווערען געבאָרען און ערצויגען. עס איז געוועזען א גליק פאר דיא מענשהייט, וואָס ספינאָזא איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין אמסטערדאם; עס איז געוועזען אן אונגליק פאר פיעלע אידען און א שאנדע פאר כל ישראל, וואָס שבתי צבי איז געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אין טירקיי. ווען עס וואָלט געוועזען פערקעהרט, וואָלטען מיר ניט געהאט א ספינאָזא און ניט א שבתי צבי.

גראדע האָט עס געטראָפען, אז אין איין צייט האָבען צוויי אידען פערקערפערט דיא צוויי געגענגעזעצטע ריכטונגען פון 17טען יאָהרהונדערט: ספינאָזא — דיא וויסענשאפטליך־פילאָזאָפישע ריכטונג, שבתי צבי — דיא מיסטיש־רעליגיעזע ריכטונג. עס איז אָבער ניט געוועזען א צופאל, וואָס אידען האָבען פערזאָניפיצירט דיזע ריכטונגען; דען נאָר א טיעפער אידישער דענקער, וואָס איז פערשטויסען געוואָרען פון זיינע ברידער און איז געקומען אין פערבינדונגען מיט פריינעזאָנענע קריסטען און מיט גרויסע געלעהרטע און פילאָזאָפען, האָט זיך געקענט אוועקטראָגען אויף דיא פליגלען פון פרייען גייסט אזוי ווייט און לעבען אין א וועלט פאר זיך, וויא ספינאָזא האָט עס געטאָן; און נאָר א צודולטער אידישער טרוימער, וואָס איז ארומגערינגעלט געוועזען פון קאבאליסטען, האָט געקענט ארויסטרעטען אלס משיח און געפינען אנהענגער ניט נאָר צווישען אידען, זאָנדערן אויך אפילו צווישען קריסטען און מאָהאמעדאנער, וויא דאָס איז געוועזען דער פאל מיט שבתי צבי.

עס קלינגט וויא א ביטערע איראָניע, ווען מען פערגלייכט דעם לעבען און דיא אויפטואונגען פון דיזע צוויי אידען, וועלכע שטעלען פאָר צוויי בעזונדערע וועלטען, און עס ווערט זעהר טרויעריג אויפ'ן הארצען, ווען מען לעזט דיא געשיכטע, אז איינער, דער געניאלער דענקער און א שטאָלץ פאר אידען, איז פערפאָלגט און פערשאָלטען געוואָרען פון זיינע ברידער, און דער צווייטער, א פוסטער טרוימער און פאלשער משיח, איז איינפאך פערגעטערט

געוואָרען פון מאסען מענשען. אָבער דער טרויער ווערט אומגעוואנ־
דעלט אין פריידע, ווען מען בערעכענט, וויא דיא מענשהייט האָט
פראָגרעסירט אין דיא לעצטע 200 יאָהר, אז ספינאָזא ווערט פער־
עהרט פון אלע דענקענדע מענשען און אזא שבתי צבי איז געוואָרען
אן אונמעגליכקייט.

מיר ווערלען איצט איבערגיין צו א בעשרייבונג פון ספינאָזא'ס
לעבען און צו אן ערקלערונג פון זיין פילאָזאָפיע. וועגען שבתי
צבי ווערלען מיר ריידען אין אן אנדער ביכעל.

I.

ספינאָזא'ס יוגענד און אידישע ערציהונג.

ברוך ספינאָזא איז געבאָרען געוואָרען אין אמסטערדאם דעם 24 אָקטאָבער 1632. זיינע עלטערן זיינען געקומען פון שפאניען אָדער פאָרטוגאל. מען ווייס פון זיי גאנץ ווייניג, דען דיא פאמיליע האָט זיך ניט אויסגעצייכענט ניט מיט תורה און ניט מיט רייכטהום. זיי זיינען וואהרשיינליך געווען קליינע הענדלער. לויט נאָך דעם נאָמען (אייגענטליך: עספינאָזא), האָט דיזע פאמיליע אמאָל געוואָהנט אין א שטעטעל מיט דעם זעלבען נאָמען אין דער אומגעגענד פון דער שטאָט בורגאָס. ספינאָזא האָט יעדענפאלס געקענטריידען און שרייבען שפאניש, דען זיין ערשטען פראָטעסט געגען דעם בעשלוס איהם ארויסצושיקען פון אמסטערדאם האָט ער אָנגעשריעבען אין שפאניש.

פון זיינע קינדערשע יאָהרען וויסען מיר ניט מעהר, אז מען האָט איהם אָבגעגעבען אין דער אידישער שולע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין 1639 פון פאָרטוגעזער אידען און איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דיא דאָרטיגע דריי גרעסטע רבנים שאול מאָרטעירא, יצחק אבוהב און מנשה בן ישראל. דיא שולע איז געווען צוטהיילט אין 7 קלאסען. אין דיא העכערע קלאסען האָט מען געלערנט ניט נאָר תלמוד, זאָנדערן אויך אידישע פילאָזאָפיע און ליטעראטור. ספינאָזא האָט געענדיגט אלע קלאסען און איז גערעכענט געווען פאר איינעם פון דיא בעסטע שילער.

דיזע לעהרערס זיינען ניט נאָר געווען בעוואוסטע תלמודיסטען, זאָנדערן האָבען אויך שטודירט פילאָזאָפיע און שפראכען. מנשה בן ישראל האָט געקענט עטליכע שפראכען, דארונטער אויך דיא לאַטיינישע. אלע זיינען זיי געווען געבילדעטע פאָרטוגעזער אידען.

דער בעריהמטעסטער פון זיי איז מנשה בן ישראל, אָבער ניט אזוי דורך זיינע קענטניסע, וויא דורך זיין פּאָליטישע טהעטיגקייט, אז מען זאָל אריינלאָזען אידען אין ענגלאנד. א געוויסע צייט פון זיין לעבען האָט ער זיך אין גאנצען אָבגעגעבען צו העלפען זיינע פערפאָלגטע ברידער דורך עמיגראציאָן נאָך ענגלאנד. וויא בע־וואוסט, האָט ער נאָך לאנגע ביטעם ביי דעם ענגלישען פּארלא־מענט און נאָך פערהאנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגיערונג ענד־ליך אויסגעפיהרט זיין הויבען ציעל, און זייט דאן מעגען אידען וואָהנען אין ענגלאנד. דורך דעם האָט ער זיך אויך בעקענט מיט פיעלע קריסטליכע געלעהרטע און שטאאטסמענער, וועלכע האָבען איהם זעהר געאכטעט.

צוליעב דיזע פּאָליטישע טהעטיגקייט האָט מנשה בן ישראל ניט געקענט זיך אריינמישען פיעל אין דיא אינערליכע אנגעלעגענ־הייטען פון דער אמסטערדאמער קהלה, דיא וויכטיגסטע און איינ־פלוסרייכסטע אין יענער צייט, ווען איבעראל האָט מען נאָך באר־באריש פערפאָלגט דיא אידען און ווען דיא אינקוויזיציאָן האָט געברענט איהרע אָפּפער. אָבער זיין אריינמישונג וואָלט גאָר ניט געהאָלפען ספּינאָזא'ן, וועמעס קריטישער גייסט האָט זיך ארויס־געוויזען נאָך, ווען ער איז אלט געוועזען א יאָהר פופצעהען אויב ניט פריהער. דען טראָץ זייער וועלטליכער בילדונג, זיינען דיא פּארשטע־הער פון דער אמסטערדאמער קהלה געוועזען זעהר ענגע אָרטהאָדאָק־סען. זיי האָבען זיך שטרענג געהאַלטען אָן יעדען בוכשטאב פון תלמוד, פון שלחן־ערוך און פון דיא אנערקענטע קאָמענטאטאָרס. דיא שרעקליכע פערפאָלגונגען, וואָס דיא שפּאנישע אידען האָבען געליטען, האָבען געצוואונגען דיא יעניגע וועלכע עס איז געלונגען זיך צו רעטען פון דער אינקוויזיציאָן, צו האלטען זיך פעסט אָן יעדע תלמודישע פּארשריפט און זיך אָבצוטרייסלען מיט שרעק פון יעדע ענדערונג אין זייערע רעליגיעזע מנהגים. זיי זיינען גע־ווען פרום מיט'ן גאנצען הארצען, אָבער אויך פאנאטיש און יעדענ־פאלס ניט טאָלעראנט. אויך זיינען זיי געוועזען געניינט צו מיסטי־ציזמוס און האָבען חויך געשעצט דיא קבלה. אפילו מנשה בן

ישראל איז געווען א מיסטיקער און האָט געגלויבט, אז אין דיא קאבאליסטישע ביכער געפינען זיך ווירקליך געטליכע סודות. איינע פון דיא אורזאכען, ווארום ער האָט אזוי שטארק געארבייט מען זאָל ערלויבען אידען זיך צו בעזעצען אין ענגלאנד, איז געווען, וויא בעוואוסט, זיין מיסטישער גלויבען, אז משיח וועט נאָר קומען ער־לייזען זיין פאָלק ערשט דאַן, ווען דיא אידען וועלען זיין צושפּרייט איבער אלע לענדער. נאָך נייע רעכנונגען פון קאבאליסטען האָט משיח געזאָלט קומען אין 1666, און מנשה בן ישראל האָט מורא געהאט, אז אויב אידען וועלען זיך ניט בעזעצען אין ענגלאנד, וועט דיא ערווארטעטע ערלייזונג ניט קומען. אין דער פּעטיציאָן, וואָס ער האָט דערלאנגט דעם ענגלישען פּארלאמענט אין 1657, האָט ער אָנגעגעבען דיזע מיסטישע האָפנונג אויף משיח׳ס קומען אלס איי־נעם פון דיא ארגומענטען, ווארום מען דארף אריינלאָזען אידען אין ענגלאנד, און קריסטען זיינען אליין געווען אזוי דורכגעדרונגען מיט א בלינדען גלויבען און מיט מיסטיציזמוס, דאָס זיי האָבען ניט נאָר אנערקענט דיזען ארגומענט אלס אן ערנסטען, זאָנדערן האָבען אויך געגלויבט, אז דער אָנקומען פון א אידישען משיח איז גאנץ נאָהענט.

יעדענפאלס האָט מנשה בן ישראל בעטראכטעט יעדע אָב־טרעטונג פון דיא אָנגענומענע רעליגיעזע פאָרמאליטעטען, יעדע פרייע פערטייטשונג פון א וואָרט אין תלמוד אָדער אפילו אין דער קבלה פאר א געפעהרליכע אפּיקורסת. אין דיזער בעציהונג האָט ער זיך א האָאר ניט אונטערשיידעט פון דיא פערביסענסטע און ענגהערציגסטע אָרטהאָדאָקסישע רבנים. דיא פערפאָלגונגען האָבען נאָר ערביטערט דיא הערצער אפילו פון דיא געבילדעסטע שפּאַ־נישע אידען; דיא קאטוילישע אינטאָלעראנץ, וועלכע האָט מעגליך געמאכט דיא אינקוויזיציאָן מיט דיא אָטאָ־דא־פעס, האָט לײדער ניט ארויסגערופען טאָלעראנץ צווישען אידען, פארקעהרט, זיי זיי־נען געוואָרען פאנאטישער, און יעדען איינעם, וואָס האָט זיך נאָר ערלויבט אויסצודריקען עפּעס א פרייען געדאנק אין רעליגיעזע זאַ־כען, האָבען זיי ניט נאָר בעטראכטעט פאר אן אפּיקורס, זאָנדערן

איינפאך פאר א פעררעטהער צום כלל ישראל, צום גאנצען יודענ־טהום. זייער טרייסט האבען זיי געזוכט אין דער קבלה און אין האפנונגען אויף משיח'ס צייטען.

דערמיט ערקלערט זיך, ווארום אפילו דיא בעסטע פארשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהלה זיינען געווען מיסטיקער און קאבא־ליסטען און ווארום אלע האבען זיך אבגעטרייסעלט פון דיא צוויי פרייע דענקער, אוריאל אקאסטא און ברוך ספינאזא, און זיי ארייג־געלעגט אין חרם.

ספינאזא האט גאנץ גוט געוואוסט, וואס פאר א ביטערן סוף אוריאל אקאסטא האט געהאט פאר זיינע פרייע געדאנקען, פאר זיין ארויסטרעטען געגען דיא ארטהאדאקסען (וויא בעוואוסט, האט אקאסטא געענדיגט מיט זעלבסטמארד אין 1640 יאהר נאכדעם וויא מען האט איהם א צווייטען מאל אריינגעלייגט אין חרם). עס איז מעגליך, אז ער איז, אלס 8 יעהריגער אינגעל, שוין געווען אין דער סינאגאגע, ווען מען האט געצוואונגען דעם אונגליקליכען אקאסטא צו טאן תשובה נאך דעם צווייטען חרם. נאר דאס האט איהם דאך ניט אבגעשראקען. נאך ווען ער איז געזעסען אויף דער באנק אין דער ישיבה און האט געלערנט תלמוד צוזאמען מיט זיינע חברים ביי רבי שאול מארטעירא, האבען זיך שוין אין זיין קאפ געדרעהט פרייע געדאנקען און אין זיין הארץ האט זיך אריינגע־גנב'עט צווייפעל, דער פאטער פון קריטיק. וואס ער האט גע־דענקט און געפיהלט, וואס פאר א קאמפף ער האט דורכגעמאכט מיט זיך זעלבסט ביז ער איז אפען ארויס מיט זיין קריטיק געגען דיא ביבעל, דאס ווייס מען ניט, ווייל ער האט ליידער וועגען זיך זעלבסט כמעט גאר ניט געשריעבען און האט וועגען דעם אויך ניט דערצעהלט. ער איז געווען מערקווירדיג בעשיידען, האט ניט געזוכט זיך צו מאכען א נאמען און האט אויסגעמיידעט יעדע זאך, וואס האט איהם געקענט שטערען אין זיינע מחשבות, אין דער אויסאר־ביימונג פון זיין פילאזאפישער סיסטעם. אין דיא בריעף צו זיינע פריינד און געלעהרטע האט ער אויך נאר געשריעבען וועגען פילא־זאפישע און וויסענשאפטליכע פראגען אדער וועגען זיינע ווערק.

זעהר זעלטען האָט ער בעריהרט עפּעס פון זיין פּריוואַטלעבען. זיין בעשיידענהייט איז אזוי וויט געגאנגען, דאָס ער האָט אָנגעזאָגט זיינע פריינד, אז אפילו דיא ווערק, וואָס וועלען ערשיינען נאָך זיין טויט, זאָלען ניט טראָגען זיין נאָמען.

אין איין אָרט פון זיין „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראַקטאַט" בעמערקט ער: „איך שרייב דאָ ניט עטוואָס אזעלכעס וואָס איך האָב ניט איבערגעטראַכט לאנג פריהער. אָבוואָהל אין מיין יוגענד האָט מען מיך געלערנט אָנצונעהמען דיא געוועהנליכע מיינונגען וועגען דיא היילינע שריפטען, בין איך דאָך געצוואונגען געווען זיך אָפּצוזאָגען פון זיי."

יעדענפאלס איז ער שוין צו 20 יאָהר געווען א זעלבסטשטענ־דיגער דענקער און האָט ביי זיך אין קאָפּ געהאט דיא הויפּט־גע־דאנקען פון זיין פילאָזאָפיע. וויא וויט מען קען דערגיין פון זיינע בריעף און פון זיינע ווערק, דאַרף מען אָננעהמען אז דיא ערשטע, וואָס האָבען איהם ארויפגעפיהרט אויף א קריטישען וועג, זיינען גראדע געווען דיא צוויי גרעסטע אידישע דענקערס און פערעהרטע לעהרערס, דער רמב"ם (משה מאימאָניד) און אבן עזרא. זיין אונ־ערזעטליכע שטרעבונג צו קענטשאפט האָט איהם געטריעבען צו שלינגען אלע אידישע ווערק, וועלכע ער האָט נאָר געקענט קריעגען. נאָך אלס אינגעל האָט ער שטודירט דיא ווערק פון רמב"ם און פון אבן־עזרא, וועלכע ווערען נאָך יעצט בעטראכט פון שטרענגע תלמודיסטען פאר אפיקורסישע. דיא חקירות פון רמב"ם צו פערשי־טען דעם אָבגרונד צווישען רעליגיאָן און וויסענשאפט — חקירות וועלכע זיינען מיט דער צייט אָנגענומען געוואָרען פון שפּאנישע און פּאָרטוגעזער אידען אלס א טהייל פון אידישען גלויבען, וואָס מען טאָר ניט קריטיקירען — האָבען אין ספּינאָזא'ס שאַרפען און דענקענדען קאָפּ נאָר ארויסגערופען צווייפעל און קריטיק. דאָרט וואו מאימאָניד האָט זיך געסטארעט צו פערגלעטען א ווידערשפּרוך און צו צייגען דיא ריכטיגקייט פון ביבלישע בעהויפּטונגען, דאָרט האָט

ספינאָזא געפונען בעווייזע פאר זיינע פרייע געדאנקען.*) אין זיין „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראקטאַט" טרעט ספּינאָזא ארויס זעהר שארף געגען מאימאָניד'ס פילאָזאָפיע. אבן־עזרא, וועלכער איז געוועזן דער פרייעסטער דענקער פון זיין צייט און האָט זיך ערלויבט פיעלע פרייהייטען אין זיין פירוש, האָט נאָך מעהר געווירקט אויף ספּינאָזא'ס קריטישע קאָפּ. דיא קריטיק, וועלכע אבן־עזרא האָט געזוכט צו פערדעקען מיט א דונקעלע שפּראך, האָט ספּינאָזא שנעל פערשטאנען.

נאָר ווער עס האָט ניט ארויסגעפיהרט דעם יונגען דענקער אויף א קריטישען וועג, זיכער איז עס, אז ער האָט זיין צווייפעל צו־ערשט אויסגעדריקט אין געוויסע פראגען, וועלכע ער האָט גע־שטעלט זיין געאכטעטען לעהרער, רבי שאול מאָרטעירא. מען זאָגט, אז איהם איז דאן געוועזן פופצעהן יאָהר און אז מאָרטעירא איז שטארק ערשטוינט געוואָרען צו הערען אזעלכע פראגען פון א אינ־געל. ליידער ווייס מען גאָר ניט, וואָס פאר אן אנטוואָרט דער רבי האָט געגעבען דעם שילער. וואהרשיינליך האָט ער איהם אָנגע־זאָגט מעהר ניט צו טראכטען וועגען אזעלכע ענינים און צו גלויבען אין אלעס וואָס דיא חכמים האָבען געזאָגט.

---

*) וועגען דיא לעהרע און אויפטואונגען פון רבי משה מאַימאָ־ניד, וויא אויך וועגען דעם בימערען קאַמפּף, וואָס ער האָט ארויסגע־רופען מיט זיינע שריפטען צווישען אידען, זעהט ב. פייגענבוים'ס „לעבענסבעשרייבונג פון רמב"ם," ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער לייברערי פובלישינג קאָמפּאַניע.

II.

ספינאָזא'ס לאַטיינישער לעהרער און ראָמאַן.

נאָר ארום דער צייט האָט דער יונגער דענקער געקראָגען אַנ־דערע לעהרערס. שטרעבענדיג צו קענען וואָס מעהר, האָט ער אויך אָנגעפאנגען צו לערנען דיא לאַטיינישע שפראַך, וועלכע איז דאַן נויטהווענדיג געווען פאר יעדען געבילדעטען מאַן, דען אַלע פילאָזאָ־פישע און וויסענשאפטליכע ווערק זיינען אין איהר געשריעבען געוואָרען. לאַטיין איז נאָך געווען דיא וועלט־שפּראַך אין 17טען יאָהרהונדערט, און אַלע געבילדעטע אידען האָבען מעהר אָדער ווייניגער געלערנט דיזע שפּראַך. דארום האָט קיינער ניט געשטערט ספינאָזא'ן צו לערנען לאַטיין, ווען ער איז נאָך געווען אין דער ישיבה.

אָבער גראָדע האָט עס געטראָפען, אז זיין לאַטיינישער לעה־רער איז געווען א געוויסער דאָקטאָר וואַן־דען־ענדע, וועלכער איז אויך געווען א פריי־געזאָנענער מאַן. זיינע שילער האָט ער ניט נאָר געלערנט דיא לאַטיינישע גראַמאַטיקע, זאָנדערן האָט זיי אויך בע־קאַנט געמאַכט מיט דיא בעסטע פילאָזאָפישע ווערק פון דיא דענקער, וועלכע האָבען געקעמפפט געגען דעם קאַטאָליציזמוס און דיא פּאַפּסטען אין דער צייט פון רענעסאַנס (דאָס הייסט אויפלע־בונג), ווען דיא גריכישע פילאָזאָפיע האָט אויפגערודערט די מוחות און האָט געפיהרט צו דער רעפאָרמאַציאָן אין 16־טען יאָהרהונ־דערט. ספּעציעל האָט ער איבערגעגעבען זיינע שילער דיא פילאָזאָ־פיע פון דעקארט און דיא ענטדעקונגען וואָס זיינען געמאַכט גע־וואָרן אין וויסענשאפטען. דאָס האָט ער אַלץ געטאָן אין דער שטיל, אז מען זאָל איהם ניט בעשולדיגען אין אפיקורסות, אָבער שליסליך איז מען דאָך דערגאַנגען, אז ער „פערדאַרבט דיא מוחות פון זיינע שילער", און „שטופּט זיי אין דיא נעגעל פון טייוועל", וויא דיא גייסטליכע האָבען עס ערקלערט. דער סוף איז געווען, אז וואַן־דען־

ענדע איז פערשריעען געווארען פאר אן אטעאיסט און אז ער האט געמוזט פערלאזען אמסטערדאם, דען ער איז געבליבען אהן שילער און אהן ברויט.

דיזער פרייער לעהרער האט געהאט א בעזאנדערס גרויסען איינפלוס אויף ספינאזא׳ן. דורך איהם איז דער יונגער דענקער בעקאנט געווארן מיט א נייע וועלט, מיט דיא פילאזאפען און געלעהרטע פון דער ניט־אידישער וועלט, מיט דיא חכמות אומות העולם.

מען האט דערצעהלט, אז ספינאזא האט זיך נאך פערליעבט אין דער איינציגער טאכטער פון זיין לאטיינישען לעהרער. ספינאזא׳ס ערשטע ביאגראפען האבען וועגען דעם איבערגעגעבען א גאנצע ראמאנטישע געשיכטע, און אלע אנדערע האבען עס נאכהער ווידערהאלט (אוערבאך האט זאגאר אנגעשריעבען א ראמאן, אין וועלכע ספינאזא שפיעלט דיא ראלע פון א העלד) מיט איינצעלהייטען, וויא דיזע געלעהרטע טאכטער פון וואן־דען־ענדע האט שליסליך פערווארפען דיא שטילע ליעבע פון דעם ארימען פילאזאף און האט חתונה געהאט מיט א דייטש, אן אנדער שילער פון איהר פאטער, ווייל דער לעצטער האט איהר געשאנקען א ווערטהפאלען האלזבאנד.

אבער אלע ליעבהאבער פון ראמאנען האבען זיך געמוזט אבזאגען פון דיזע געשיכטען, ווען דער האלענדער וואן־בלאטען האט געפונען אין דיא ארכיוון פון אמסטערדאם א ריכטיגען דאקומענט, וועלכער צייגט, אז ווען ספינאזא האט שוין געמוזט פערלאזען אמסטערדאם נאך דעם חרם אויף איהם, איז זיין "געליעבטע" אלט געווען בלויז 12 יאהר. זיא האט חתונה געהאט צו 27 יאהר אין 1671, מיט 6 יאהר פאר דעם פילאזאף׳ס טויט.

עס איז אונמעגליך אנצונעהמען, אז אזא ערנסטער יונגער מאן און טיעפער דענקער, וויא ספינאזא איז געווען, זאל זיך קענען פערליעבען אין א 12־יעהריגע מיידעל. איבערהויפט גראמט זיך גאר ניט ליעבע צו פרויען מיט איהם: ער איז צופיעל געווען פערטיעפט אין זיינע אייגענע געדאנקען, אין זיין פילאזאפיע, און

האָט צופיעל געהאט צו ליידען אי פון א געירש'ענטע קראנקהייט — דיא שווינדזוכט, וועלכע האָט איהם פריהצייטיג אריינגעיאָגט אין קבר — אי פון זיינע פיינד — דיא גרויסע ארמעע פון גייסט־ליכע — אי פון גויט, דען דיזער ערעלער דענקער האָט זיך שטענ־דיג אָפּגעזאָגט פון פּענסיאָנען און פון דער שטיצע פון זיינע פריינד און האָט געלעבט פון זיין אייגענע שווערע און ניט געזונטע ארבייט — דיא ארבייט פון א שלייפער פון אָפּטישע גלעזער.

אין זיין הויפּט־ווערק — „דיא עטיקע" — פּרעדיגט ער גאנץ שטארק, אז מענשען דארפען זעהען צו לעבען אין ריינע פערגעני־גען אויף דער וועלט; אָבער אליין האָט ער עס ניט פּראקטיצירט אין דער איינזאמקייט און ארמוטה, אין וועלכע ער האָט געלעבט. זיינע פערגעניגען זיינען נאָר געווען גייסטיגע, זיין גאנצער גענוס פון לעבען איז בעשטאנען אין ליעבע צו וואהרהייט און וויסענ־שאפט. מיט פרויען האָט ער יערענפאלס קיין פערקעהר געהאט. דאָס גיבען צו אלע זיינע ביאָגראפען.

III.

דעקארט און ספינאָזא.

פון ניט־אידישע דענקערס האָט דעקארט געהאט דעם גרע־סטען איינפלוס אויף ספינאָזא'ן. א געוויסע צייט האָט מען ספינאָזא'ן געהאלטען פאר א קארטעזיאנער (א נאָכפאָלגער פון דעקארט'ס פילאָזאָפיע), אָבוואָהל ער איז גאנץ שנעל ארויסגע־טראָטען געגען פיעלע אויספיהרונגען פון דיזען גענִיאלען פראנצויז, וועלכער ווערט מיט רעכט גערעכענט פאר דעם „פאָטער פון דער נייער פילאָזאָפיע".ביידע האָבען געזוכט דיא וואהרהייט אויף דעם גרונד פון ריינע פערנונפט; ביידע האָבען געזוכט דעם שלי־סעל צו דיא געהיימניסע פון דער נאטור ניט אין נסים און הייליגע ביכער, זאָנדערן אין וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען; ביידע האָ־בען געהאט טיעפע מאטעמאטישע און קריטישע קעפּ.

דעקארט איז געוועזען איינער פון דיא גרעסטע זשעניען פון זיין צייט. ער האָט געשאפען דיא אנאליטישע געאָמעטריע און האָט זעהר פיעל אויפגעטאָן אין דער נאטורוויסענשאפט. זיין פילאָזאָ־פיע האָט ער אָנגעפאנגען מיט א צווייפעל אין אלעס ארום איהם, אום צו האָבען א פרייען גרונד פאר זיינע ווייטערע אויספיהרונגען. נאכדעם וויא ער האָט אָנגעוויזען, אז מען קען צווייפלען אפילו אין דער עקזיסטענץ פון גאָט און אז מען קען פאָלגליך ניט גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון יעדער זאך, האָט ער ערקלערט, אז עפּעס עקזיסטירט דאָך, ווייניגסטענס דער געדאנקען, דען אפילו אין דער צייט, ווען מיר זאָגען, אז מיר צווייפלען, דענקען מיר דאָך. פון דיזען פּונקט, וועלכער איז בעגרינדעט אויף אונזער פערנונפט, אויף אונזער פעהיגקייט צו דענקען, האָט ער שוין געצויגען פיעלע וויכ־טיגע שליסע, וועגען וועלכע מיר קענען דאָ ניט ריידען, דען דאָס וועט אונז צו וויים אראָפּפיהרען פון אונזער ענין.

ספינאָזא האָט ניט נאָר גרינדליך שטודירט דעקארט'ס פילאָ־

זאפיע און איבערגעגעבען איהר אינהאלט אין זיין ערשטע געדרוקטע ווערק „דיא גרונדלאגען פון קארטעזיאניזמוס", זאנדערן איז נאך אוועק פיעל ווייטער און אפענער אין זיין קריטיק. ער האט מיט דאנקבארקייט דערמאנט אן דעם, אז אין דעקארט'ס ווערק האט ער געפונען א קוואל פון אלגעמיינע אויפקלערונג און פון וויסענשאפט; אבער ער איז אין דער ווירקליכקייט קיין מאל ניט געווען א שילער פון דיזען פילאזאף און האט איהם אויך גלייך פון אנפאנג קריטיקירט. אין זיינע ווערק האט ער דייטליך ערקלערט, אין וועלכע פונקטען ער שטימט ניט מיט זיין פארגענגער און געוויסערמאסען לעהרער.

נאך דיזע צוויי גייסטיגע ריזען האבען זיך בעזאנדערס שטארק אונטערשיידעט אין זייערע כאראקטערע. דעקארט האט ניט גע־האט געגוג מוטה ארויסצוטרעטען אפען געגען דיא קירכע. ער האט אויך אויסגעמיידעט צו בעריהרען אזעלכע פונקטען, וועלכע האבען איהם געקענט פערשאפען אונאנגענעהמקייטען און ארויפציהען אויף איהם בעשולדיגונגען אין אפיקורסות און אטהעאיזמוס. אין זיין פורכט פאר דיא פערפאלגונגען פון דער קאטאלישער קירכע איז ער אזוי וויט געגאנגען, אז ער האט ערקלערט, דאס יעדער דארף זיך האלטען אן דער רעליגיאן, אין וועלכער ער איז ערצויגען געווארן.

ספינאזא אבער האט ניט געקענט מאכען אזעלכע פשרות מיט זיין געוויסען. איין מאל האט ער אנערקענט עטוואס פאר ריכטיג, האט ער עס שוין ניט געוועלט און ניט געקענט אומגעהן מיט דריידלעך. זיינע איבערצייגונגען זיינען געווען פאר איהם אזוי טהייער און הייליג, אז ער האט ניט געקענט אפילו איין מינוט האנדלען געגען זיי. „ספינאזא", ערקלערט פראפעסאר גרעטץ גאנץ ריכטיג, „איז געווען אזא פעסטער מאראלישער כאראקטער, וויא א טיעפער דענקער. עס איז געווען אונמעגליך פאר איהם אבצוטהיי־לען טהעאריע פון פראקטיק, צו האלטען אירגענד וואס פאלש אין טהעאריע און דאך אנצונעהמען עס אין דער פראקטיקע אויס פורכט, געוואהנהייט אדער נוצען. ער איז געווען גאנץ אנדערס גע־

שאפען וויא זיין געאכטעטער לעהרער דעקארט. וועלכער האָט צוריקגעהאלטען פון דער קירכע דעם פאקעל פון וואהרהייט וואָס ער האָט אָנגעצונדען, וועלכער האָט געמאכט אַן אונטערשיעד צווישען טהעאָריע און פּראקטיקע, אום אויסצומיידען א צוזאמענשטויס מיט דער קירכע, און וועלכער האָט, צום ביישפּיעל, געמאכט א רייזע צו דער הייליגער מאריע פון לאָרעטא, אום זיין פילאָזאָפישע סיסטעם זאָל האָבען אַן ערפאָלג, טראָץ איהרע אפּיקורס'ישע שטרעבונגען. ספּינאָזא האָט געהאלטען, אז יעדע האנדלונג דאַרף זיין א'ן אמת'ער שפּיגעל פון פערשטאנד. ווען ער האָט מעהר ניט געקענט געפינען וואהרהייט אין דער אידישער רעליגיאָן, האָט ער זיך שוין ניט געקענט צווינגען צו פאָלגען איהרע פאָרשריפטען. ער האָט אויפגעהערט צו געהן אין שול, האָט ניט געהאלטען שבת און יום־טובים און האָט אויך געגעסען טריפה."

IV.

דער חרם.

דער ערשטער אויסווערטיגער צייכען פון ספינאזא'ס אונצופרידענהייט מיט דער אידישער רעליגיאָן און פון זיינע פרייע געדאנקען איז געווען, דאָס ער האָט אויפגעהערט צו געהן אין סינאגאגע. דאָס האָט נאטירליך ניט געקענט פארביי געהן אונבעמערקט. דיא פאָרשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהלה האָבען עס זעהר בעדויערט, ווייל זיי האָבען געהאָפט, אז אזא פעהיגער יונגער מאן וועט מיט דער צייט ווערן א וויכטיגער תלמודיסט און א שטיצער פון דער אידישער רעליגיאָן. דיא רבנים האָבען איהם צוערשט געשטראָפט און געזוכט איינצורעדען מיט גוטען, אז ער זאָל זיין פרום. נאָר באלד האָבען ספינאזא'ס צוויי געוועזענע חברים איבערגעגעבען דיא רבנים, אז ער האָט אין א געשפרעך מיט זיי קריטיקירט דיא ביבעל און געלייקענט געוויסע פונקטען פון דער אידישער רעליגיאָן. דאן האָט מען איהם גלייך גערופען צו א פערהער.

צווישען דיא אויספרעגערס האָבען זיך אויך געפונען זיינע תלמודישע לעהרערס, דיא הויפט־רבנים מאָרטעירא און אבוהב (מנשה בן ישראל איז דאן געווען אין לאָנדאָן), וועלכע האָבען געהאָפט אויף איהם צו ווירקען; נאָר ער האָט ערנסט און מוטהיג נעגעבען אזעלכע אנטוואָרטען, אז מען האָט בעשלאָסען איהם צו געבען א מאָנאט צייט אויף חרטה, זאָנסט וועט מען איהם אריינלייגען אין חרם. אין פערלויף פון דיזען מאָנאט האָט מען איהם פערבאָטען צו האָבען אירגענד וועלכען פערקעהר מיט דיא מיטגלידער פון דער געמיינדע. מען וואָלט געגען איהם גלייך שטרענג געהאנדעלט, ווען דיא פאָרשטעהער פון דער קהלה וואָלטען ניט געוועלט אויסמיידען אזא גרויסען סקאנדאל וויא מיט אקאָסטא.

מען האָט געהאָפט, אז דער יונגער מאן וועט בעסער ווערן, דען

קיינע אנדערע חטאים אויסער זיין פרייען דענקען האָט מען געגען איהם ניט געפונען. ער איז געווען געאַכטעט פאַר זיינע גוטע מדות און עהרליכע אויפפיהרונג. וויטער איז ער אייגענטליך ניט ארויסגעטראָטען אין דער עפענטליכקייט מיט זיינע מיינונגען. מען האָט אויך מורא געהאַט, אז ווען מען וועט איהם פערשטויסען פון דער געמיינדע, וועט ער גאָר איבערגעהען צום קריסטענטהום. דיזע פורכט איז ארויסגערופען געוואָרן דורך דעם, וואָס ער איז ארומגע־גאַנגען מיט אייניגע קריסטליכע פריינדע, בעזאָנדערס מיט מיטגלי־דער פון דער פערפאָלגטער סעקטע מענאָניטען. אזוי וויא מען האָט איהם ניט געלאָזען קומען אין פערקעהר מיט אידען, האָט ער נאַ־טירליך געמוזט זוכען דיא געזעלשאַפט פון פאָרטגעשריטענע קריסטען, בעזאָנדערס אזעלכע, וואָס זיינען פערפאָלגט געוואָרן פאַר זייערע איבערצייגונגען; אָבער ער האָט זיכער קיין מאָל ניט גע־דענקט זיך צו טויפען, דען ער האָט ניט געהאַלטען פון אירגענד וועלכע פאָרמאַלע רעליגיאָן. קריסטענטהום האָט איהם יעדענפאַלס ניט געקענט בעפרידיגען מעהר וויא יודענטהום. נאָר דיא פאָר־שטעהער פון דער אידישער געמיינדע האָבען ניט פערשטאַנען, אז זיי האָבען צו טאָן מיט א גרויסען פרייען דענקער, און האָבען זיך געשראָקען, אז זיי וועלען האָבען א געלערנטען משומד אין זייער שטאָט.

דארום האָבען אייניגע פרובירט איהם אונטערקויפען, אז ער זאָל בלייבען א איד און פון צייט צו צייט זיך ציינגען אין דער סינאַגאָגע. מען האָט איהם דערפאַר פאָרגעשלאָגען א פענסיאָן פון 1000 גולדען, אָבער ער האָט זיך נאַטירליך ענטזאָגט צו פערקויפען זיין געוויסען פאַר געלט. ער האָט ערקלערט, אז ער פערלאַנגט ניט מעהר, וויא פרייהייט צו דענקען און זיך צו פיהרען וויא ער פער־שטעהט און האַלט עס פאַר ריכטיג.

דיא אויפרעגונג צווישען דיא אידען איז דארום געוואָרן אלץ שטאַרקער, און עס האָט זיך געפונען א פאַנאַטיקער, וועלכער האָט בעשלאָסען איהם איינפאַך צו ערמאָרדען, אום צו מאַכען א סוף פון דעם גאַנצען גערודער און פון א געפעהרליכען אפיקורס. איין

נאכט, ווען ספינאָזא איז ארויס פון א טהעאטער, איז איינער פלוצלונג אָנגעפאלען אויף איהם מיט א שפּיעז אין האנד. גליק־ליכערווייזע האָט עס ספינאָזא בעמערקט גענוג אין צייט, אום זיך א דרעה צו טאָן א ביסעל אָן א זייט, זאָ דאָס דער שפּיעז האָט נאָר דורכגעשניטען זיין מאנטעל. דיזען מאנטעל האָט ספינאָזא נאכהער געהאלטען צום אנדענקען. אום אויסצומיידען אַן אנדער מערדערי־שע אטאקע, איז ער דאן אריבערגעפאָהרען צו זיינעם א קריסטלי־כען פריינד, א מיטגליד פון דער פערפאָלגטער סעקטע קאָלעגיאנ־טען, אין א דאָרף ניט ווייט פון אמסטערדאם.

אונטער אזעלכע אומשטענדען האָט מען שוין נאָר ניט געקענט דענקען וועגען שלום אָדער א פשרה. דיא רבנים און אלע פאָר־שטעהער פון דער אמסטערדאמער קהלה האָבען זיך צוזאמענגע־קליבען און האָבען דעם 24 יולי 1656 ארויפגעלייגט דעם גרויסען חרם אויף דעם יונגען פילאָזאָף. דער חרם איז אויסגעשפּראָכען געוואָרען פאר אָן אָפענעם ארון קודש מיט דיא געוועהנליכע צערע־מאָניעס און קללות. דער הויפּט־פּונקט, פאר וואָס מען האָט ספּי־נאָזא'ן ארויפגעלייגט אין חרם, האָט געלויטעט אזוי:

„דער געמיינדע־ראטה איז שוין לאנג דערגאנגען וועגען דיא שלעכטע מיינונגען און האנדלונגען פון ברוך דע ספינאָזא, וועלכע ווערן טעגליך ערגער טראָץ דיא אָנשטרענגונגען איהם איבערצורייי־דען. בעזאָנדערס לערנט ער און פערשפּרייט א שרעקליכע אפּיקורסת, אויף וועלכע גלויבענסווערטהע עדות האָבען אָנגעצייגט אין דער אנוועזענהייט פון דעם אָנגעקלאָגטען“.

אלע אידען, בעזאָנדערס יונגע לייט, האָט מען שטרענג פער־באָטען צו לעזען זיינע שריפטען. דיא פאָרשטעהער האָבען זאָרג־פעלטיג אויפגעפּאַסט, אז זיינע אפּיקורסת זאָל זיך ניט פערשלעפּען צווישען דיא געבילדעטע יונגע אידען; אָבער זיי האָבען זיך אומ־זיסט געשראָקען דערפאר. דען ניט נאָר האָט ספינאָזא זיך אליין צוריקגעהאלטען פון פּראָפּאגאנדירען זיינע אידעען — ער איז אי־בערהויפּט ניט געשאפען געוואָרען צו זיין אַן אגיטאטאָר און א פּאָלקספיהרער — זאָנדערן זעהר ווייניג מענשען פון זיין צייט זיי־

נען אין שטאנד געווען צו דערהויבען זיך צו זיין פילאָזאָפיע און צו וואגען זיין פרייע דענקער. אלע זיינע חברים פון דער ישיבה, אפילו דיא פעהיגסטע פון זיי, זיינען געווען ניט נאָר טרייע תלמודיסטען, זאָנדערן אויך הייסע קאבאליסטען.

מען רעכענט, אז דיא קלאגע אין חרם וועגען ספינאָזאַ'ס „שרעקליכע אפיקורסת" האָט זיך בעצויגען אויף זיין ערשטע שריפט איבער "גאָט, דעם מענש און זיין זעליגקייט". געשריעבענע קאָפּיעס פון דיזער שריפט האָבען צירקולירט צווישען זיינע נעהענטסטע פריינד. ווען ער האָט אָנגעשריעבען דיזען טראקטאט, ווייס מען ניט, נאָר דאָרט זיינען שוין אָנגעגעבען געוואָרן דיא וויכטיגסטע גרונדלאגען פון זיין פילאָזאָפיע, וועלכע ער האָט שפּע־טער סיסטעמאטיש איבערגעגעבען אין זיין הויפּטווערק — „דיא עטיקע".

ווען ער האָט ערהאלטען דיא נאכריכט וועגען דעם חרם, האָט ער עם אויסגעהערט, וויא מען בעהויפּטעט, גאנץ גלייכגילטיג. ער האָט נאָר בעמערקט, אז יעצט איז ער געצוואונגען צו טאָן דאָס, וואָס ער וואָלט סיי וויא סיי געטאָן. ער האָט דערמיט געמיינט, אז ער וועט יעדענפאלס בעקאנט מאכען דורך שריפטען זיינע גע־דאנקען. נאָר ווען דיא פאָרשטעהער פון דער אמסטערדאמער קהלה האָבען זיך געווענדעט צו דיא פערוואלטערס פון דער שטאָט, אז מען זאָל איהם אויף אייביג אויסווייזען פון אמסטערדאם, האָט ער שוין ניט געשוויגען און האָט ארייגעשיקט א פּראָטעסט, אין וועלכען ער האָט זעהר מוטהיג און געשיקט פערטהיידיגט דאָס רעכט פון יעדען בירגער צו האָבען פולע רעליגיעזע פרייהייט, א רעכט, וועלכער איז נאָך דאן געזעצליך אין ערגעץ ניט אנערקענט געווען. אין דיזען פּראָטעסט האָט ער שוין אויסגעדריקט דיא גע־דאנקען וועגען פרייהייט פון קריטיק און רעליגיאָן, וועלכע ער האָט שפּעטער ענטוויקעלט אזוי קרעפטיג אין זיין „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטי־שען טראקטאט". פאר דיזע פרייהייט האָט ער זיך נעלאָזט ארייג־לייגען אין חרם, אָפּזונדערן פון זיינע חברים און אפילו פון זיינע עלטערן און שוועסטער; פאר דיזע פרייהייט האָט ער געליטען זיין

גאנצען לעבען, און פאר דיא פערטהיידיגונג פון דיזער פרייהייט האט ער עס אנגעשריעבען דעם „טעאלאגיקא־פאליטישען טראקטאט“. וועלכער האט ניט אומזיסט אנגעמאכט אזא גערודער אין דער וועלט און האט אויפגערייצט אויף איהם דעם צארן פון אלע גייסטליכע.

דיא שטאט־בעאמטע האבען איבערגעגעבען דיא ביטע פון דער אידישער קהלה צו דער ענטשיידונג פון דיא פראטעסטאנטישע גייסטליכע, ווייל דיא פראגע איז געווען א רעליגיעזע, און דיא לעצטע האבען זיך אויסגעשפראכען צו גונסטען פון דיא מיינונגען פון דיא רבנים. מען וויים ניט זיכער, אויב מען האט ווירקליך בע־שלאסען אויסצו־ווייזען ספינאזא׳ן. מען רעכענט יעדענפאלס, אז דער בעשלוס איז נור געווען גילטיג אויף עטליכע מאנאט, דען ספינאזא איז נאכהער פיעלע מאל געווען אין אמסטערדאם אהן שום שטערונגען.

V.

ספינאָזא'ס איינזאמער לעבען נאָך דעם חרם.

אין דער צייט, ווען מען האָט איהם אריינגעלייגט אין חרם, האָט ספינאָזא, וויא געזאָגט, געוואָהנט ביי א קריסטליכען פריינד אין א דאָרף. דאָרט האָט ער פערבראכט פיער יאָהר און איז נאכהער אריבערגעפאָהרען צוזאמען מיט זיין ווירטה אין דער שטעטעל רהיינבורג, וואו עס איז געווען דער הויפּט־פּונקט פון דער סעקטע קאָלעגיאנטען. אין דיזע צוויי ערטער, וואו ער האָט פערבראכט 8 יאָהר (פון 1656 ביז 1664), האָט ער פאָרטגעזעצט זיינע פילאָזאָפישע שטודיען, ווען נאָר ער האָט געהאט צייט נאָך זיין שווערע ארבייט צו ערנעהרען זיך. נאָך זייענדיג אין אמסטערדאם, האָט ער זיך געלערנט צו שלייפען אָפּטישע גלעזער, אום צו קענען לעבען אונאבהענגיג פון זיין ארבייט. וואָס פאר מיינונגען ער האָט ניט געהאט פון תלמוד, נאָר פון איין תלמודישען פאָרשריפט האָט ער זיכער געהאלטען. נעמליך: אז א געלעהרטער, א למדן דארף קענען עפּעס א מלאכה. דיא שלייפעריי פון גלעזער האָט ספינאָזא הפּנים אויסגעקליבען, ווייל ער האָט זיך שטארק אינטערעסירט מיט פיזיק און ספּעציעל מיט אָפּטיקע. זיינע פריינד פלעגען פערקויפען זיינע געשליפענע גלעזער. אזוי וויא ער איז געוואָרען א קינסטלער אין זיין פאך, איז ניט שווער געווען צו געפינען קונים פאר זיינע גלעזער. ער איז גערעכענט געווען פאר איינעם פון דיא בעסטע אָפּטיקער אין האָלאנד.

ביי טאָג פלעגט ער שלייפען גלעזער און ביי נאכט פלעגט ער לעזען אָדער שרייבען. ער האָט אזוי זיך געלעבט אָרים און איינ־

זאם, אָבער זעהר רוהיג און אויך אונאבהענגיג, וויא אן אמת'ער פי־לאָזאָף. דיא קריסטליכע סעקטאנטען, צווישען וועלכע ער האָט גע־לעבט, זיינען געוועזן זעהר עהרליכע און איינפאכע מענשען. אזוי וויא זיי האָבען אליין געליטען פאר זייערע טיעפע רעליגיעזע אי־בערצייגונגען, זיינען זיי געוועזן טאָלעראנט צו אנדערע. דעם אָרימען און פערפאָלגטען פילאָזאָף האָבען זיי זעהר געאכטעט פאר זיין איינפאכען און עהרליכען לעבען. נאָך ביז יעצט ווערט דיא שמאָלע געסיל, וואו ער האָט געוואָהנט, גערופען „ספינאָזא'ס גאס".

אונטער אזעלכע איינפאכע אומשטענדען האָט ער צייט גע־האט צו לערנען און איבערצוטראכטען דיא פונקטען פון זיין פי־לאָזאָפיע. א טהייל פון זיין פרייע צייט איז פערנומען געוועזן מיט שרייבען בריעף צו זיינע פריינד און שילער און אויך צו געלעהרטע. איינינע פון דיזע בריף צייגען, אז אין אמסטערדאם האָט זיך דאן געפונען א גרופע פון אויפגעקלערטע יונגע לייט, וועלכע האָבען שטודירט פילאָזאָפיע אונטער זיין גייסטיגע לייטונג. ער פלעגט זיי ערקלערן אין בריף פילאָזאָפישע פונקטען און זיי אויך איבערגעבען זיינע אייגענע קריטישע בעטראכטונגען און מיינונגען. פון צייט צו צייט פלעגען איהם בעזוכען איינינע פון זיינע שילער און אויך אויפגעקלערטע מענשען, וועלכע האָבען געהאט א געלעגענהייט פון איהם צו הערען און האָבען געוועלט שליסען מיט איהם בקאנט־שאפט און פערפיהרען מיט איהם א געשפרעך איבער רעליגיאָן און פילאָזאָפיע.

פאר איינינע פון זיינע שילער האָט ער צוזאמענגעשטעלט א קורצען לעהרבוך פון דעקארט'ס פילאָזאָפיע. איין מאָל, ווען ער איז געקומען אויף א קורצע צייט נאָך אמסטערדאם, זיינען איינינע פריינד צו איהם צוגעשטאנען, ער זאָל דיזען לעהרבוך צוגרייטען צום דרוק און לאָזען פערעפענטליכען. ער האָט עס ניט געוואָלט טאָן, נאָר זיי האָבען אָנגעצייגט, אז ווען דיזער בוך וועט געדרוקט ווערן, וועט איהם נאכהער לייכטער זיין צו פערעפענטליכען זיינע פילאָזאָפישע שריפטען. דאָס האָט אויף איהם געווירקט, און אזוי איז ערשינען זיין טראקטאט איבער דעקארט'ס פילאָזאָפיע. דיזער

בוך איז נאכהער איבערזעצט געוואָרן אויף האָלענדיש. אין דער הקדמה, וואָס זיין שילער און פריינד מעיער האָט אָנגעשריעבען, ווערט אויסדריקליך ערקלערט, אז ספינאָזא איז אין פיעלע פונקטען ניט איינפערשטאנדען מיט דעקארט'ן; נאָר אין דעם לעהרבוך זעלבסט צייגט זיך עס ארוים. דאָך האָט מען איהם צוליעב דיזען בוך געהאלטען, וויא עס איז שוין אויבען בעמערקט געוואָרן, פאר א קארטעזיאנער.

VI.

דער טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישער טראַקטאַט.

מיט זיין אייגענע קריטישע ווערק און פרייע מיינונגען איז ער ערשט ארויס פאר דער וועלט אין 1670, ווען עס איז ענדליך פערעפענטליכט געוואָרן זיין בעריהמטער „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישער טראַקטאַט." אָנגעשריבען האָט ער איהם וואהרשיינליך מיט א יאָהר 5 פריהער, ווען ער איז אריבערגעפאָהרען נאָך וואָרבורג ניט ווייט פון האאג. דאָרטען האָבען שוין דיא קריסטען, וועלכע האָבען געהערט צו דער הערשענדער פּראָטעסטאַנטען־קירכע, געקוקט אויף איהם מיט פיינדליכע אויגען. עס האָבען זיך זאָגאר געפונען 53 קריסטליכע פרומאַקעס, וועלכע האָבען אונטערגעשריעבען א פּראָטעסט געגען איהם אלס א גאָטלאָזען מענש. „דיזער ספינאָזא", האָבען זיי גע'מסר'ט, „שטאמט פון אידען, נאָר ער איז אן אטעאיסט, א פיינד פון יעדע רעליגיאָן און איבערהויפּט א שעדליכע און געפעהרליכע פּערזאָן." נאָר אין האָלאנד זיינען דיא צייטען פון אינקוויזיציאָן גליקליכערווייזע געוועזען פאַראיבער, רעליגיעזע פרייהייט איז אלץ מעהר אנערקענט געוואָרן פון דער רעגירונג אונטער דער לייטונג פון אזא עהרליכען און דעמאָקראַטישען שטאאטסמאַן, וויא יאַן־דע־וויטט, וועלכער איז אויך געוועזען פריינדליך צו ספינאָזא'ן; דארום האָט מען איהם דאָך געלאָזט וואָהנען און ארבייטען אין וואָרבורג.

אין דער צייט האָבען האָלאנד און ענגלאנד געפיהרט א מלחמה צוליב זייערע האנדעלס־אינטערעסען. ספינאָזא, וועלכער האָט זעהר ליעב געהאָט האָלאנד און האָט געאכטעט דעם דעמאָקראַטישען

פיהרער יאן־דע־וויטט, האט סימפאטיזירט מיט דיא האלענדער אין זייערע קאמפפען געגען שפאניען, ענגלאנד און פראנקרייך; אבער אין א בריעף צו איינעם פון זיינע פערעהרער דריקט ער זיך אזוי אויס וועגען דיא מלחמה:

„דיזע אלע גערודערס רופען אין מיר ארויס ניט געלעכטער און ניט טרערען, זאנדערן ערנסטע געדאנקען און א שטרעבונג נאכצור־פארשען דיא מענשליכע נאטור. איך האלט ניט פאר מעגליך אפ־צולאכען פון דער מענשליכער נאטור, נאך וויינינער איהר צו בע־קלאגען; דען איך רעכען, אז מענשען, אזוי וויא אלעם אנדערעס, זיינען בלויז א טהייל פון דער נאטור, און איך וויים ניט, וויא אזוי יעדער טהייל פון דער נאטור שטימט מיט איהר גאנצעס און וויא וויים איין טהייל העננט אפ פון דיא אנדערע״.

אין דעם זעלבען בריף גיט ער צו וויסען, אז ער שרייבט א „טעאלאגיקא־פאליטישען טראקטאט״, א ווערק, וועו ער לאכט אפט און ערגערט זיך נאך עפטער אין דער צייט פון שרייבען. ער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דיזער בוך וועט ארויסרופען א שטורם מיט פראטעסטען און גוואלדען אין דער רעליגיעזער וועלט, דארום האט ער ניט אונטערשריעבען זיין נאמען. מען האט זאגאר אנגעגעבען פאלש דעם נאמען פון דעם דרוקער און פון דער שטאט אויף דעם פארדערבלאט. עס האט געהייסען, אז דער „טעאלאגיקא־פאליטי־שער טראקטאט״ איז ארויסגעגעבען געווארן פון העגריך קאנראד אין האמבורג, ווערענד אין דער ווירקליכקייט איז ער געדרוקט געווארן ביי קריסטאף קאנראד אין אמסטערדאם. נאר מען איז באלד דערגאנגען דעם נאמען פון דעם שרייבער, דען ספינאזא האט עס גאר ניט געהאלטען בסוד. ער אליין האט זיך ניט געשראקען אנצוגעבען זיין נאמען. וויא עס ווייזט אויס, האט מען געזוכט אפ־צונארען דיא גייסטליכע, אום זיי זאלען ניט אנפאלען אויף דיא האלענדישע רעגירונג און בעזאנדערס אויף יאן־דע־וויטט, וועלכער האט בעשיצט דעם פרייען פילאזאף.

דער פולער טיטעל פון דיזען בוך האט געלויטעט: „טעאלאגי־קא־פאליטישער טראקטאט — ענטהאלט איינינע בעטראכטונגען,

אין וועלכע עס ווערט בעוויזען, אז פרייהייט פון דענקען קען ער־לויבט ווערן ניט נאָר אָהן שום שאַדען פיר פרומקייט, זאָנדערן קען ניט אונטערדריקט ווערן אָהן געפאהר פיר פרייהייט און פיר פרומקייט".

דיזען בוך האָט ער אָנגעשריעבען מיט הארץ און זאַגאר מיט ליידענשאפט. דער טיעפער דענקער האָט זיך אין פיעלע שטעלען ארויסגעצייגט אלס א הייסער און מוטהיגער פרייהייטס־קעמפפער. ער איז ארוים מיט פייער געגען אלע רעאקציאָנערען און גייסטליכע, וועלכע פערפאָלגען יעדען פרייען געדאנקען און ווילען צווינגען אלע מענשען ניט אנדערש צו גלויבען און צו דענקען וויא זיי. נאכהער האָט ער געזוכט צו צייגען, אז עס איז שעדליך פאר דעם שטאאט צו אונטערדריקען דיא פרייהייט פון געדאנקען און פון וואָרט. דיא געזעצע, האָט ער געזאָגט, וואָס צווינגען מענשען צו ריידען און צו האנדלען געגען זייערע איבערצייגונגען, מוזען נאָר ענטוויקלען פאלשקייט און צבוע'עצטווע און דערמיט אונטערגראָבען דעם פונ־דאמענט פון א ריכטיגע געזעלשאפט.

ריידענדיג וועגען דיא פערפאָלגונגען געגען געוויסע סעקטען, פרעגט ער אין איין אָרט: „איז עס דען ניט אן אונגליק פיר דעם שטאאט, ווען עהרליכע מענשען, וואָס קענען ניט דענקען וויא אנ־דערע און וואָס קענען זיך ניט פערשטעלען, ווערן ארויסגעיאָגט פון לאנד? איז עס ניט אן אונגליק, ווען מענשען, וועלכע זיינען ניט שולדיג אין קיין פערברעכען, אין קיינע שלעכטע האנדלונגען, ווערן ערקלערט פאר פיינדע פון שטאאט און ווערן היינגעריכטעט, און ווען דער עשאפאָט, וואָס דארף זיין א שרעק פאר פערברעכער, ווערט אומגעוואנדעלט אין א טריבונע, פון וועלכער מען גיט דיא בירגער ביישפיעלען פון מוטה און פון ערהאבענע זעלבסטאויפ־אָפפערונג? מענשען, וואָס זיינען זיכער אין זייערע איבערצייגונ־גען, האָבען קיין מורא ניט פאר'ן טויט און בעטען ניט אום גנאדע. זיי האָבען קיינע געוויסענביסען, וועלכע זיינען דער רעזולטאט פון א פערברעכען, און האלטען עס ניט פאר א שטראָף, זאָנדערן פאר אן עהרע און גדולה צו שטארבען פאר א גוטע זאך."

דאָס זיינען ווערטער פון א פייערדיגען רעוואָלוציאָנער; אָבער ניט דערפאַר איז מען אויף איהם אָנגעפאלען מיט א ווילדען צאָרן פון אלע זייטען. מען וואָלט איהם פערגעבען אלע זיינע געוואגטע אויספיהרונגען וועגען דיא נוצען פון פרייהייט פון געוויסען, ווען ער וואָלט אין דער זעלבער צייט ניט קריטיקירט דיא ביבעל זעלבסט און ניט ערקלערט, דאָס ער גלויבט ניט אין נסים, נביאות און געטליכע אָפּפענבארונג. מען האלט איהם מיט רעכט פאר דעם פאָטער פון ביבלישע קריטיק אויף דעם גרונד פון גראמאטיקע און שפראך, דען ער האָט פיעלע פונקטען דער ערשטער אויפגעוויזען און פעסטגעשטעלט. דיא ביבעל האָט ער בעטראכטעט איינפאך אלס א בוך, וועלכער ענטהאלט דיא געשיכטע, גלויבען, מנהגים און געזעצע פון אידען. שטיצענדיג זיך אויף זיין גרינדליכע קענטניס פון לשון קדש און פון דער אידישער ליטעראטור, האָט ער געזוכט צו צייגען, אז אין דער ביבעל געפינען זיך פיעלע פעהלערס פון אי־בערשרייבערס, פיעלע אריינגעשטעלטע און פערדרעהטע פסוקים, און אז דיא הייליגע שריפטען זיינען ניט דיא ארבייט פון זייערע אָנגענומענע פערפאסערס. אפילו דיא עשרת הדברות זיינען ניט פערבליבען אין זייער אָריגינעלער פאָרמע. דערביי האָט ער זיך בע־נוצט מיט פיעלע דונקעלע אָנדייטונגען פון אבן־עזרא, וועלכע זיי־נען קלאָר געוואָרן אין זיין קאָפּ.

מיר קענען זיך דאָ ניט אריינלאָזען אין איינצעלהייטען וועגען ספינאָזא'ס קריטישע נאָכפאָרשונגען, ניט נאָר אזוי ווייל דאָס וועט פערנעהמען צו פיעל פּלאץ, זאָנדערן ווייל אין אונזער צייט האָט מען אויך געמאכט ריזיגע פאָרטשריטע אין קריטישע נאָכפאָרשונ־גען איבער רעליגיאָנען און אלע הייליגע שריפטען. דער „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישער טראקטאט" האָט נאָר א גרויסען היסטאָרישען ווערטה אלס דער אָנפאנג פון א פרייע בעטראכטונג איבער דער ביבעל.

נאָר אין 17טען יאהרהונדערט זיינען דאָס געווען איינפאך רע־וואָלוציאָנערע ערקלערונגען. דיא גייסטליכע האָבען ערקלערט, אז „ספינאָזא האָט געעפענט דיא טירען פון גיהנם און האָט א לאָז גע־טאָן אלע טייוואָלים אויף דיא זינדיגע מענשהייט". עס איז אונ־

ערהערט, עס איז גרויליך, עס איז הימעל־שרייענד, האָבען זיי גע־גוואלדעוועט און געשאָטען פעך און שוועבעל אויף דעם אָרימען פי־לאָזאָף. איינער האָט איהם טיטולירט: „דער פאלשער לעהרער, וואָס איז געבאָרן געוואָרן פיר דעם אונטערגאנג פון רעליגיאָן און שטאאט". אן אנדערער האָט ערקלערט, אז „דער בוך איז פול מיט ענטדעקונגען, וועלכע מען האָט נור געקענט שעפען אין גיהנם." א דריטער האָט געשריעבען: „דיזער גאָטלאָזער שרייבער האָט דער־גרייכט אין זיין חוצפה און אפיקורסת אזוי ווייט, אז ער בעהויפ־טעט, דאָס דיא נביאות זיינען גאָר בעגרינדעט אויף דיא פאלשע איינבילדונגען פון דיא פּראָפעטען, דאָס דיא פּראָפעטען האָבען כלומרשט זיך גענארט, אזוי וויא דיא אפּאָסטאָלען. ביידע, זאָגט ער, האָבען נאָר געשריעבען נאָך זייער נאטירליכען פערשטאנד אָהן אירגענד וועלכע ענטפּלעקונג אָדער הימלישע ארייננמישונג. נאָך מעהר, ער זאָגט, אז זיי האָבען זיך גאָר געסטארעט צוצופאסען דיא רעליגיאָן צו דיא בעגריפע פון זייער צייט און אז דארום האָט יעדער איצט דאָס רעכט צו פערטייטשען דיא הייליגע שריפטען נאָך זיין איינענעם פערשטאנד."

דיא געפּילדערס געגען דעם „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראקט־טאט" זיינען געוואָרען אזוי גרוים אין האָלאנד גופא, אז באלד נאָך דעם שרעקליכען טויט פון יאן־דע־וויטט האָט מען איהם פערבאָטען. עס האָבען זיך אָבער דאָך געפונען א סך לעזערס, זאָ דאָס מען האָט דעם פערבאָטענעם בוך איבערגעדרוקט אין 1673 אונטער אזעלכע אויסגעטראכטע נעמען: „דיא ערשטע זאמלונג פון דיא היסטאָרישע ווערק פון דאניעל געגזיוס," „נייע טהעאָריע פון אלגעמיינע מעדי־צין, פון פראנציסק דע־לא־באָע־סילוואַ." „זאמלונג פון כירורגישע ווערק פון הענריקעץ דע־ווילאקאָרטא, לייב־ארצט פון דיא קעניגע פיליפּ IV און קארל II ". דעם נאָמען פון דעם קעניגליכען לייב־ארצט האָט מען הפנים אויסגעקליבען, אום ספּינאָזא'ס ווערק זאָל מען אויך קענען אריינשמוגלען אין שפאניען.

איינינע פריינדע האָבען געוואָלט אפּדרוקען א האָלענדישע איבערזעצונג פון „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראקטאט," וועלכער

איז געשריעבען געווען וויא אלע אנדערע ווערק פון ספינאָזא אויף לאטייניש; נאָר דער פילאָזאָף, וועלכער האָט דערזעהען, וואָס פאר א גערודער זיין בוך האָט אָנגעמאכט אפילו צווישען געבילדעטע מענשען, האָט געבעטען, אז מען זאָל עס ניט טאָן, ווייל דיא איבערזעצונג וועט זיכער פערבאָטען ווערען. ערשט עטליכע יאָהר נאָך זיין טויט זיינען ערשיענען איבערזעצונגען פון „טעאָלאָגיקאָ־פאָליטישען טראקטאט” אין פראנצויזיש, ענגליש און האָלענדיש.

VII.

עדעלמוטהיגע ענטזאגונג צו זיין פראָפעסאָר אין היידעלבער־ גער אוניווערזיטעט.

ספינאָזא האָט קיינעם ניט געענטפערט. פיעלע אטאקעס אויף דעם „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראקטאט“ זיינען געווען אזוי דום און לעכערליך, דאָס ער האָט זיי אפילו ניט געוואָלט איבערלעזען. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין שווערע ארבייט צו ענדיגען „דיא עטיקע,“ אין וועלכער ער האָט ענטוויקעלט זיין גאנצע פילאָזאָפיע. אין דיזער צייט, ווען אלע גייסטליכע האָבען איהם ביטער אטאקירט און פערלוימדעט און ווען אפילו אייניגע פון זיינע פריהערע פער־ עהרערס זיינען אָבגעשטאנען פון איהם, ווייל זיי האָבען זיך דער־ שראָקען פאר זיין ראדיקאלע קריטיק, איז ער געווים ניט ווייניג ער־ שטוינט געווען, ווען ער האָט ערהאלטען א'ן איינלאדונג אין נאָמען פון דעם זעהר ליבעראלען קורפירסט, קארל לודוויג, וועלכער האָט אונטערשטיצט פילאָזאָפען און געלעהרטע, אָנצונעהמען דיא שטעלע פון א פראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין היידעלבערגער אוניווערזי־ טעט. ער וואָלט פיעלייכט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג, ווען אין דעם איינלאדונגס־בריעף וואָלט ניט געשטאנען פאָלגענדע פראזע: „איהר וועט האָבען פולע פרייהייט צו פילאָזאָפירען, נאָר דער גנעדיגער קורפירסט האָפט, אז איהר וועט זיך ניט בענוצען דערמיט צו צו־ טרייסלען דיא גרונדען פון דער שטאאטס־רעליגיאָן.“

דער עדעלער פילאָזאָף האָט גאנץ גוט פערשטאנען, אז דאָס בע־ דייטעט צו מאכען פשרות מיט זיין געוויסען און ניט ארויסצוזאָ־ גען דיא פולע וואהרהייט, פאר וועלכע ער האָט אזוי שווער גע־ קעמפפט און אזוי פיעל געליטען. ער האָט דארום געשיקט פאָל־ גענדע אנטוואָרט, וועלכע כאראקטעריזירט אם בעסטען דיזען עדעל־ מוטהיגען מאן און פרייען דענקער: „אויב איך וואָלט ווען עס איז געטראכט צו ווערען א פראָפעסאָר אין אירגענד וועלכען אוניווער־

זיטעט, וואָלט איך זיכער ניט געוואונשען א בעסערע שטעלע וויא דער גנעדיגער קורפירסט שלאָגט מיר פאָר, בעזאָנדערס נאָך דעריבער, ווייל מען ערלויבט מיר פילאָזאָפישע פרייהייט. אָבער אזוי וויא איך האָב קיין מאָל ניט געהאט דיא אבזיכט ארויסצוטרעטען אלס עפענטליכער לעהרער, זאָ האָב איך ניט געקענט בעשליסען, וויא פיעל איך האָב ניט נאָכגעטראכט, צו בענוצען זיך מיט אזא גליקליכען צופאל. ערשטענס, דענק איך, אז דיא בעשעפטיגונגען אלס פראָפעסאָר וועלען מיר שטערען אין מיינע וויטערע פילאָזאָפישע ארבייט; צווייטענס, ווייס איך ניט אין וועלכע גרענצען דארף זיך געפינען דיא מיר ערלויבטע פרייהייט צו פילאָזאָפירען, אום ניט ארויסצורופען א פערדאכט אין שטרעבונגען אָנצוגרייפען דיא שטאאטס־רעליגיאָן.

„דיא אורזאכע פון צוויסטיגקייטען וועגען רעליגיעזע פראגען ליעגט געוועהנליך ניט אזוי אין דער הייסקייט פון דעם רעליגיעזען געפיהל, וויא אין פערשיעדענע אייגענאַרטיגע מענשליכע ליידענשאפטען און אויך אין דעם גייסט פון ווידערשפרוך, צוליעב וועלכען אפילו ריכטיגע זאכען ווערן פערדרעהט און פערדאמט. אזוי וויא איך האָב אויספּרובירט אזעלכע אונאנגענעהמליכקייטען אפילו אין מיין איינזאמען לעבען, האָב איך מעהר גרונד צו פירכטען פאר זיי, ווען איך וועל פערנעהמען א הויכע שטעלע.

„דערפון קענט איהר זעהען, האָכגעשעצטער העדר, דאָס ניט דיא האָפנונג אויף א בעסערע לאגע האלט מיך דאָ אָפּ, זאָנדערן בלויז מיין ליעבע צו רוהע, וועלכע איך האָף צו פערזיכערען געוויסערמאסען דורך צוריקהאלטען זיך פון עפענטליכע לעקציעס. דארום בעט איך אכטונגספאָל דעם גנעדיגען קורפירסט, אז ער זאָל אזוי גוט זיין מיך צו בעפרייען פון דער שטעלע, וועלכע ער האָט פאר מיר בעשטימט.“

דיזער בריעף צייגט ניט נאָר, אז ספינאָזא האָט ניט געוואָלט אומבייטען זיין אָרימע פרייהייט אויף א גוט־בעלוינטע אָפיציעלע שטעלע, וואו ער וואָלט זיך געפילט בעשרענקט טראָץ דיא ערלויבניס

צו פֿרעדיגען פרייַ זייַן פילאָזאָפיע, זאָנדערן אויך, אז ער האָט מעהר פֿון אלעם געשעצט א רוהיגען לעבען. אין יענע צייטען, ווען שרייַבערס און פילאָזאָפען האָבען ניט געקענט מאכען א לעבען פֿון זייער פֿעדער און האָבען נאָך געמוזט אָנקומען צו רייכע שעצערס פֿון קונסט און וויסענשאַפטען צו קענען דרוקען זייערע ווערק—אין אזעלכע צייטען האָט מען טאקע בעדארפט זייַן אזא הייליגער מענש וויא ספינאָזא, אום זיך צו ענטזאגען פֿון א שטעלע, וועלכע וואָלט איהם פֿערשאפט כבוד און א לעבען אָהן מאטעריעלע זאָרגען. אנדערע פילאָזאָפען און געלעהרטע וואָלטען זיך אָנגעכאפט אָן אזא שטעלע מיט ביידע הענד. ניט נאָר לייבניץ, וועלכער האָט זיך געחנפ'עט צי פירסטען און גלחים און איז פֿון הויט געקראָכען צו קענען צוזעצען צו זייַן נאָמען (א נאָמען מיט רעכט בעריהמט אין דער וועלט געשיכטע) דעם טיטול באראָן מיט א „פאָן“, וואָלט מיט פֿערגעניגען אָנגענומען צו זייַן פראָפֿעסאָר אין היידעלבערגער אוניווערזיטעט, זאָנדערן אפילו דעקארט.

ווען ספינאָזא האָט צוריקגעוויזען אזא גוטע און עהרענהאפטע שטעלע, האָט ער געוואָהנט אין א פֿענסיאָן ביי אן אלמנה אין האאג. נאָר זיינע מיטעל זיינען געווען אזוי קליין, אז ער האָט באלד געמוזט איבערציהען צו דעם אָרימען מאלער וואן־דער־ספיק, ביי וועמען ער האָט געוואָהנט ביז זייַן טויט.

VIII.

פרעדיגט פערגניגען און לעבט וויא א פרוש.

זיינע נעהענטסטע פריינד האבען דערצעהלט, אז איין מאל איז ער 3 מאנאט כסדר ניט ארויס פון זיין צימער. אום זיך אביסעל צו צערשטרייען און צו בעפרייען זיין מוח פון פילאזאפישע געדאנקען, פלעגט ער ליעב האבען צו בעטראכטען דעם קאמפף פון פליעגען און שפינען אונטער א מיקראסקאפ. מאנכעס מאל פלעגט ער מאלען מיט א בליישטיפט בילדער, בעזאנדערס פארטרעטען פון זיינע פריינד און פון דיא איהם בעקאנטע פאלקס פיהרער. זיינע פאר־טרעטען האבען געהאט אן עהנליכקייט צו דיא אריגינאלען. איין מאל האט ער זיך זעלבסט אבגעמאלען, קוקענדיג אין א שפיגעל, אין דעם קאסטיום פון דעם בעריהמטען נעאפאלטאנישען פישער מאזאניעלא, וועלכער האט אנגעפיהרט א מיאטעזש געגען דעם קעניג און איז ערמארדעט געווארען אין 1647. וואהרשיינליך איז ספינאזא געוועזען זעהר אויפגעלייגט אדער האט גלאט געוואלט מאכען א שפאס, ווען ער האט זיך אזוי אפגעמאלט, דען דיא ראלע פון פייער־דיגען רעוואלוציאנער מאזאניעלא האט נאטירליך ניט געפאסט צו אזא רוהיגען פילאזאף. נאר עס איז מעגליך, אז ער האט סימפאטי־זירט מיט מאזאניעלא, דען ער האט איבערהויפט סימפאטיזירט מיט דעמאקראטישע פאלקספיהרער. אין זיינע געדאנקען איז ער זיכער געוועזען רעוואלוציאנער.

אייניגע פון זיינע פריינד און פערעהרער האבען איהם ניט איין מאל פארגעשלאגען שטיצע, אבער ער האט זיך שטענדיג ענטזאגט, ערקלעהרענדיג, אז ער האט גענוג פון זיין ארבייט. אפילו ווען מען פלעגט איהם איינלאדען צו א גוטען מאהלצייט, פלעגט ער זיך

אָפּזאָגען, אָבוואָהל ער האָט אָפט מעהר ניט געהאט וויא מילכיגע זופּ און א שטיקעל ברויט מיט עטוואס ביער א גאנצען טאָג. ער איז אויך נעגאנגען ארים געקליידעט. זיין חאלאט איז געוועזן אויסגע־טראָגען און אין ערטער אָפּגעריסען.

סימאָן דע־וורים, איינער פון זיינע בעסטע נאָכפאָלגער און טרייעסטע פריינד, האָט זיך ביי איהם געבעטען צו נעהמען א גע־שאנק פון 2000 גולדען, אָבער ער האָט זיך ענטזאגט מיט דער בע־מערקונג, אז ער האָט גענוג וויא פיעל ער ברויכט און אז אזא גרויסע סומע געלד וואָלט איהם נאָר געשטערט צו ארבייטען. דיזער סימאָן דע־וורים איז געשטאָרבען א קורצע צייט נאָכדעם. ער האָט געוואָלט איבערלאָזען זיין גאנצען פערמעגען זיין געאכטעטען לעהרער, אָבער ספּינאָזא האָט איהם געבעטען דאָס ניט צו טאָן און אָנצושרייבען א צוואה אויף דעם נאָמען פון זיין ברודער, דעם געזעצליכען יורש. סימאן דע־וורים האָט איהם געפאָלגט; אָבער אין דער צוואה האָט ער אָנגעשריעבען א פּונקט, אז מען זאָל יעהרליך געבען ספּינאָזא'ן א פּענסיע פון 500 גולדען. דער פילאָזאָף האָט אָנפאנגס זיך ענטזאגט אויך פון דיזער ירושה, אָבוואָהל אין דער צייט האָט ער שוין גאָר קיין כח ניט געהאט צו שלייפען גלאָז און דיא שווינדזוכט האָט איהם אלץ שטארקער געטריבען אין קבר. נאָר דער יורש, וועלכער האָט איהם אויך פערעהרט, איז אזוי צוגעשטאנען אז ער האָט שליסליך אָנגענומען דיא פּענסיע, אָבער נאָכהער האָט ער ערקלערט, אז 500 גולדען איז צופיעל פאר איהם און האָט מעהר ניט גענומען וויא 300 גולדען. ארום דער צייט האָט ער אויך געהאט נאָך א קליינע פּענסיע, וועלכע דער ערעלער יאן־דע־וויטט האָט איהם איבערגע־לאָזען.

דאָס איז געוועזן א גרויסע הילפע פאר איהם אין דיא לעצטע יאָהרען פון זיין לעבען, ווען דיא שווינדזוכט האָט איהם אויסגע־צעהרט, אז ער האָט זיך קוים געקענט האלטען אויף דיא פיס.

אזוי האָט ער זיין גאנצען לעבען געלעבט וויא א פּרוש, אין גרויס דחקות, אָבוואָהל ער האָט גאָר ניט געהאלטען דערפון, אז א מענש דארף זיך קוועלען און אָפּקומען אויף דער וועלט. פארקעהרט,

ער האָט געדריינקט, אז דער מענש דארף זוכען געזונטע פערגעניגען און געניסען פון דער וועלט. אין איין אָרט פון זיין „עטיקע" שרייבט ער וועגען דעם אזוי:

„נאָר א פינסטערער און טרויעריגער אבערגלויבען קען אונז שטערען צו געניסען. מיין מיינונג איז: קיין גאָט און קיינער, אויסער דיא יעניגע וואָס האסען מיך, קען ניט געפינען א פערגעניגען אין מיין שוואכקייט און אין מיינע צרות און רעכענען פאר א גוטע זאך טרערען, שרעק, וויינען א. ז. וו., וועלכע צייגען אָן אויף א שוואכקייט פון דער נשמה. פארקעהרט, וואָס מעהר פערגעניגען מיר ערהאלטען, דערגרייכען מיר אלץ מעהר צו פאָלקאָמענהייט, דאָס הייסט מיר ווערען נויטוועגדיגערווייזע בעטהייליגט אין דער געטליכער נאטור. דארום איז עס דיא אויפגאבע פון א חכם צו בענוצען זיך מיט זאכען און, וויא ווייט מעגליך, זיי צו געניסען, אָבער ניט ביז ווידערווערטיגקייט, דען דאָס איז שוין ניט א גענוס. א ווייזער מאן, זאָג איך, דארף זיך פערזאָרגען און אויפהאלטען מיט אנגענעהמע און מעסיגע שפייז און געטרענק און אויך מיט דעם וואָהלשמעקען פון שעהנע און בליהענדע פלאנצען, מיט שעהנע קליידער, מוזיק, שפיעלען און פיזישע איבונגען, מיט טהעאטער און אַנדערע אזעלכע זאכען, מיט וועלכע יעדערער קען זיך בענוצען אָהן שאָדען פאר אַנדערן. דען דער מענשליכער קערפער איז צוזאממענגעשטעלט פון פיעלע טהיילען מיט א פערשיעדענע נאטור, וועלכע נויטיגען זיך שטענדיג אין נייע און פערשיעדענארטיגע נאהרונג, אום דער קערפער זאָל גלייך זיין פעהיג צו אלעס, וואָס קען ארויסקומען פון זיין נאטור, און פאָלגליך אויך, אום דיא נשמה זאָל פעהיג זיין צו בענעהמען און דערגרייכען פיעלע זאכען."

אין דעם פונקט האָט ספינאָזא ניט געהאלטען פון זיין אייגענער לעהרע; נאָר אין דער פראגע וועגען לעבענסגענוס האָט זיך ביי איהם טהעאָריע אָבגעטהיילט פון פראקטיקע. ער האָט געפּרעדיגט צו לעבען אין פערגעניגען און אליין האָט ער נאָר געליטען, האָט זיך אָבגעזאָגט און געמוזט אָבזאָגען פון דיא געוועהנליכע זאכען אין טאג־טעגליכען לעבען. ער האָט אפילו געמוזט אליין קאָכען, אום צו

קענען דערהאלטען דיא נשמה אין גוף און ניט צו בלייבען א בעל־חוב און צו זיין גלייך, וויא ער האָט א מאָל אליין זיך אויסגעדריקט שפּאסהאפט, צו „א שלאנג וואָס האלט איהר עק אין איהרע אייגענע צעהנער.“

דיא אורזאכע פון דיזען ווידערשפּרוך צווישען טהעאָריע און פּראקטיקע קענען מיר זיך נאָר ערקלערען דורך ספּינאָזא'ס זעלטענע בעשיידענהייט, דורך זיין אָבגעזונדערטקייט פון דער געזעלשאפט (דיא אידען האָבען איהם אָבגעשטויסען פון זיך און צו דיא קריס־טען איז ער ניט צוגעשטאנען, אויסער צו עטליכע איינצעלנע פּער־זאָנען), דורך זיין געוואָהנהייט צו לעבען אין ארמוטה און זיך צו־פריעדען צו שטעלען מיט ווייניג, דורך זיין עדעלען וואונש צו זיין פאָלשטענדיג אונאבהענגיג און צו לעבען נאָר פון דיא פּרוכטען פון זיין ארבייט און בעזאָנדערס דורך זיין ליעבע צו פילאָזאָפיע און וויסענשאפטען. זיין „עטיקע“ צייגט, אז דעם גרעסטען פערגעניגען האָט ער געהאט, ווען ער האָט זיך געקענט פערטיעפען און אָבגע־בען אין גאנצען צו זיינע ערהאבענע געדאנקען וועגען גאָט, נאטור און מענשען. מען קען זאָגען וועגען איהם, אז ער האָט געלעבט אין זיין פילאָזאָפיע.

✱

IX.

ספינאָזאָ'ס פּאָליטישע איבערצייגונגען און טויט.

אין אלע אנדערע הינזיכטען איז ספינאָזא געבליבען טריי ניט נאָר צו זיין אייגענער נאטור, זאָנדערן אויך צו זיינע פילאָזאָפישע און סאָציאל־פּאָליטישע איבערצייגונגען. אין זיין „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראקטאט" האָט ער געפּרעדיגט, אז יעדער בירגער איז פערפּפליכטעט צו קעמפּפען געגען אונרעכט און פאלשקייט מיט אלע מעגליכע געזעצליכע מיטעל, און ער האָט אליין אזוי געהאַנ־דעלט, ווען ער האָט נאָר געהאט א געלעגענהייט דערצו.

אויבען איז שוין אָנגעצייגט געוועז, אז ער האָט העפטיג פּראָ־טעסטירט אין נאָמען פון פרייהייט געגען דעם בעשלוס איהם ארויס־צושיקען פון אמסטערדאם, אזוי איז ער אויך ארויסגעטראָטען פאר זיין רעכט נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער, ווען זיינע שוועסטער האָ־בען זיך ענטזאגט איהם צו געבען א חלק פון דער ירושה אויף דעם גרונד, דאָס דורך דעם חרם האָט ער פערלאָרען אלע בירגערליכע רעכט. מיר ווייסען שוין, אז ער האָט זיך גאנץ ווייניג געקימערט וועגען געלד איבערהויפּט. דיא ירושה פון זיין פאָטער איז אויך געוועז א גאנץ קליינע, און ווען ער האָט געוואונען דעם פּראָצעס, האָט ער גערן אָבגעגעבען אליין זיין חלק צו זיינע שוועסטער. אָבער ער האָט געהאלטען פאר נויטיג אָנצופאנגען א פּראָצעס אויס פּרינ־ציפּ, אום צו בעשטימען דורך א געריכט, אז א חרם איז ניט גילטיג אין פּאָליטישע בירגערליכע אנגעלעגענהייטען. ווען זיינע שוועסטער וואָלטען ניט אָנגעגעבען דעם חרם אלס גרונד, ווארום זיי ווילען איהם ניט געבען א חלק פון דער ירושה, וואָלט ער זיכער קיין מאָל ניט אָנגעפאנגען א פּראָצעס וועגען דעם.

זיין ווירטה, דער עהרליכער מאלער וואן־דער־ספּיק, האָט דער־צעהלט, אז דער פילאָזאָף איז אזוי אויפגערעגט און צוקאָכט געוועז, ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם טראגישען סוף פון זיין

פריינד יאן־דע־וויטט, דאס ער האט געוואלט ארויסלויפען אויף אן עפענטליכען פלאץ אין האאג און אנקלעפען א פראקלאמאציאן גע־גען דיא ווילדע מענגע, וועלכע האט ערמארדעט דעם עדלען שטאאטסמאן. אין דיזער פראקלאמאציאן, וועלכע ער האט אין היי־לענעם און אין דער גרעסטער אויפרעגונג אנגעשריעבען, האט ער דיא מערדערס און דיא פאליטישע געגנערס פון יאן־דע־וויטט גע־רופען „געמיינסטע בארבארען.“ וואן־דער־ספיק האט ערקלערט דעם פילאזאף, אז ער שפּיעלט איינפאך מיט זיין לעבען, וועז ער וועט אנקלעפען דיא פראקלאמאציאן, אבער ספינאזא האט איהם ניט געהערט און האט זיך געאיילט ארויסצוגיין אין גאס. אום איהם אפצוהאלטען פון אזא געפעהרליכען שריט, האט וואן־דער־ספיק איהם איינפאך פערשלאסען אין זיין צימער.

דיא ערמארדונג פון יאן־דע־וויטט איז געוועז אזא ווילדער פער־ברעכען, אז אלע פאלקספריינדע זיינען אויפגעבראכט געווארען. ער איז געוועזן איינער פון דיא עדלסטע מענער פון זיין צייט און א זעהר פעהיגער שטאאטסמאן דערצו. צוואנציג יאהר איז ער געוועזן דער הויפטמיניסטער פון האלאנד און דער פיהרער פון דער רעפוב־ליקאנער פארטיי. אונטער זיין רעגיערונג האט עס האלאנד דער־גרייכט דיא העכסטע שטופע פון איהר מאכט. נאר אין 1672 יאהר איז האלאנד פלוצלונג בעפאלען געווארען פון א גרויסע פראנצויי־זישע ארמעע, וואס דער קעניג לודוויג XIV האט געשיקט צו אונטערדריקען דיא רעפובליק, דעם נעסט פון פרייהייט אין יענער צייט.

דיא האלענדישע רעגיערונג האט קיין צייט געהאט זיך פארצו־בערייטען. דיא פראנצויזישע ארמעע האט דארום מארשירט אהן שטערונגען. יאן־דע־וויטט איז דאן געצוואונגען געוועזן צו נעהמען זיך צו דיפלאמאטישע מיטעל. ער האט אנגעפאנגען צו פערהאנדלען מיט פרינץ קאנדע, דעם קאמאנדיר פון דער פראנצויזישער ארמעע. זיינע פאליטישע געגנער האבען דאן פערשפרייטעט פאלשע קלאנ־גען, אז ער האט פערראטהען דאס פאטערלאנד, און א מענגע פון אנגערייצטע בויאנעס איז אויף איהם אנגעפאלען און האט איהם

דערשלאָגען אויף טויט אין דער צייט, ווען ער איז געפאָהרען בע־זוכען זיין ברודער, וועלכער איז איינגעשפארט געוואָרען אין א גע־פענגניס אויף דער בעשולדיגונג אין האָכפערראטה.

עס האָט ניט פיעל געפעהלט, אז ספינאָזא זעלבסט זאָל האָבען אזא טראגישען סוף, וויא זיין עדעלער פריינד און בעשיצער יאַן־דע־וויטט. אין 1673, אין דער צייט פון דער מלחמה מיט פראנקרייך, האָט ספינאָזא בעקומען א בריעף, אין וועלכען מען האָט איהם איינ־געלאדען צו קומען אין דער הויפטקווארטיר פון פרינץ קאָנדע, וועל־כער האָט געוואָלט איהם זעהען. דער בריעף איז געשריעבען געוואָ־רען פון זיינעם א פריינד, א פאלאָווניק מיט דעם נאָמען סטופּ, וועלכער האָט געדיענט אין דער פראנצויזישער ארמעע. דארום האָט ספינאָזא אָנגענומען דיא איינלאדונג; אָבער עס איז אויך זעהר מעג־ליך, אז זיין רייזע האָט געהאט א פּאָליטישען צוועק.

וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער פראנצויזישער הויפטקוואר־טיר, ווען ספינאָזא איז געקומען, ווייס מען ניט ביז היינטיגען טאָג. וואן־דער־ספיק האָט נאכהער דערצעהלט, אז ספינאָזא האָט איהם איבערגעגעבען, דאָס דעם פרינץ קאָנדע האָט ער ניט געטראָפען און דאָס דער מארשאל לוקסאמבור האָט איהם פאָרגעשלאָגען אין דעם פרינץ'ס נאָמען צו ווידמען א ווערק דעם פראנצויזישען קעניג. דער־פאר האָט מען איהם פערשפּראָכען א לעבענסלענגליכע פענסיע. נאָר אזוי וויא ספינאָזא איז געווען זעהר צוגעבונדען צו זיין פרייען פאטערלאנד און האָט אויך פיינט געהאט דעם פראנצויזישען קעניג, האָט ער זיך דערפון ענטזאגט. נאָך פראנצויזישע בעריכטען, האָט זיך ספינאָזא עטליכע מאָל אונטערהאלטען מיט פרינץ קאָנדע זעלבסט.

נאָר וויא דיא מעשה איז דאָרטען ניט געוועזן, זיכער איז עס, דאָס ווען ספינאָזא איז צוריקגעקומען נאָך האאג, האָט מען גלייך פערשפּרייטעט צווישען פּראָסטען פּאָלק א קלאנג, דאָס ער איז א פערדעטהער און א פראנצויזישער שפּיאָן. אזוי וויא זיין פריינד־שאפט צו יאַן־דע־וויטט איז געווען בעוואוסט, איז דער פערדאכט אויף איהם געוואָרען נאָך גרעסער. דיא געגנער פון יאַן־דע־וויט'ס

פארטיי האָבען וואהרשיינליך אונטערגעהעצט דעם המון געגען דעם פילאָזאָף, און אייניגע האָבען אָנגעפאנגען צו שרייען, אז „מען דארף מאכען א סוף מיט אזא געפעהרליכען מענש.“ וואן־דער־ספּיק האָט זיך ערנסט געשראָקען, אז דיא מענגע וועט זיך אריינרייסען אין זיין הויז און וועט ערמאָרדען ספּינאָזא'ן. אָבער דער פילאָזאָף האָט איהם קאלטבלוטיג בערוהיגט.

„זאָרגט ניט וועגען מיר, האָט ער געזאָגט צו זיין ווירטה. מיר איז זעהר לייכט זיך צו רעכטפערטיגען. פיעלע אָנגעזעהנע בירגער און אייניגע מיטגליעדער פון דער רעגיערונג וויסען, ווארום איך בין געפאָהרען. נאָר ווען עס וועט עטוואָס טרעפען, וויא נאָר דער המון וועט זיך א לאָז טאָן אויף אייער הויז, וועל איך ארויסגיין צו זיי, ווען זיי זאָלען אפילו וועלען מיך אומברייננגען, וויא דעם אונגליקליכען דע־וויטט. איך בין אן עהרליכער רעפּובליקאנער און האָב קיין מאָל ניט געהאט אין זינען עטוואָס אנדערעס אויסער דעם נוצען און דעם נצחון פון מיין פאטערלאנד.“

דאָס צייגט קלאָר, אז ער איז געשיקט געוואָרען פון דער האָ־לענדישער רעגיערונג צום פּרינץ קאָנדע וועגען געוויסע שטאאטס־אנגעלעגענהייטען. וואהרשיינליך האָט דיא רעגיערונג אויך בערו־היגט דאָס פאָלק וועגען ספּינאָזא'ס רייזע, דען מען האָט איהם ניט געריהרט און געלאָזען ענדיגען זיינע יאָהרען אין רוהע.

ניט פיעל איז איהם שוין געבליעבען צו לעבען. זיינע טעג זיינען געווען געצעהלטע, דיא שווינדזוכט האָט אין גאנצען אונטערגעגראָ־בען זיין געזונד טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיך אָבגעהיט וויא וויט ער האָט נאָר געקענט. דער שטויב פון דיא געשליפטע גלאָז האָט זעהר שעדליך געווירקט אויף איהם און פערקירצט זיינע געצעהלטע יאָהרען. אין זיינע בריעף האָט ער ניט איין מאָל דערמאָנט, אז ער ליידעט פון בלוטפערלוסט און פיעבערס, וועלכע זיינען פער־בונדען מיט שווינדזוכט. זיינע פריינד האָבען גוט געוואוסט, אז ער וועט ניט לאנג ליידען אויף דער וועלט. איינער פון זיי האָט אין יאנואר 1677 געשריעבען צו לייבניץ'ן: „איך האָב מורא, אז מיר וועלען באלד פערלירען ספּינאָזא'ן.“ א מאָנאט נאָכדעם איז דער

גרויסער און עדעלער פילאָזאָף אויסגעגאנגען. נאָך מיט א טאָג פאר זיין טויט איז ער ארונטער צו זיינע בעלי־הבתים, אום מיט זיי זיך א ביסעל אונטערהאלטען, וויא ער פלעגט עס אָפט טאָן. אָבער ער האָט זיך שוין געפיהלט זעהר שלעכט, דען ער האָט ארויסגערופען זיין פריינד מעיער פון אמסטערדאם. עטליכע שטונדען נאָך זיין פריינד'ס קומען, דעם 21טען פעברואר 1677, האָט ער ארויסגעלאָזען דעם לעצטען אָטהעם פון זיינע פערצעהרטע לונגען. איינער פון זיינע פיינד האָט געשריעבען, אז „געלעהרטע האָבען געשטריי־טעט, אויב אזא געפעהרליכער אטהעאיסט האָט פערדיענט אזא לייכטען טויט".

מיט עטליכע מאָנאט פאר זיין טויט איז איהם גראדע אויס־געקומען צו זעהען א גרויסען און פרעהליכען יום טוב פון דער אמסטערדאמער געמיינדע, וועלכע האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך. דאָס איז געוועזען דיא ערעפנונג פון דער הערליכער סינאגאָגע, וועלכע דיא פּאָרטוגעזער אידען האָבען אויפגעבויט אלע אינקוויזי־ציאָנען אויף צו להכעיס. מיט הונדערט יאָהר פריהער האָט אין אמסטערדאם קיין איד ניט געטאָרט וואָהנען און דיא אינקוויזי־ציאָן האָט דאָרט געהערשט מיט איהר גאנצע שרעקליכע מאכט. אין 17טען יאהרהונדערט איז שוין אָבער דער פּאָרטשריט געוועזען אזוי גרויס אין האָלאנד, אז פיעלע קריסטען האָבען אנטהייל גענו־מען אין דיא צערעמאָניעס לכבוד דער נייער גרויסער סינאגאָגע.

ספינאָזא האָט געקוקט פון ווייטען אויף דיזע צערעמאָניעס און דיזע שמחה פון דיא אידען אין האָלאנד. וואָס ער האָט גע־פיהלט דערביי, דאָס האָט ער קיינעם ניט געזאָגט. ער איז דאן זעהר פערנומען געוועזען מיט פּאָרבערייטונגען צו דרוקען זיין לעצטע און גרעסטע ווערק, „דיא עטיקע", וועלכע איז ערשינען נאָך זיין טויט און פון וועלכע מיר וועלען ריידען אין נעכסטען קאפּיטעל.

X.

ספינאָזא'ס לעצטע ווערק.

דער קערפּער פון דעם אונשטערבליכען פילאָזאָף איז ערעסטירט געוואָרען פון אַן אַפּטייקער, וועלכער האָט פערלאַנגט עטליכע גולדען פאר דיא רפואות, וואָס מען האָט ביי איהם גענומען אין דער צייט פון ספינאָזא'ס קראַנקהייט. זיין „פערמעגען" איז אויך פערהאַל־טען געוואָרען פאר קליינע חובות. דיזער פערמעגען איז בעשטאַנען פון א בעט, א מיקראָסקאָפּ, א שלייף־אינסטרומענט פאר גלעזער, עטליכע בילדער און ביכער. ווען מען האָט זיי פערקויפט, האָט קוים געקלעקט צו בעצאָהלען זיינע קליינע חובות. זיין שוועסטער האָט זיך גלייך ענטזאַגט פון איהרע רעכטע אויף זיין ירושה, וויל זיא האָט איהם געהאַלטען פאר א פערשאָלטענעם נאָך דעם חרם.

זיינע פריינד האָבען איהם בעערדיגט מיט א שטיקעלע פּאראַד. כמעט אַלע פריידענקער פון דער שטאָט — זייער צאָהל איז אָבער געווען קליין — און 6 קאַרעטען האָבען געפאָלגט נאָך זיין אָרימען ארון. ער איז געשטאָרבען אָרים און איינזאַם וויא ער האָט געלעבט.

אָבער ער האָט איבערגעלאָזען א גייסטיגען אוצר, וועלכער איז ערשט ריכטיג אָבגעשאַצט געוואָרן 200 יאָהר נאָך זיין טויט, ווען דיא גרעסטע געלעהרטע און פערטרעטער פון דיא ציוויליזירטעסטע נאַציאָנען האָבען געפייערט זיין אנדענקען אין האאג, וואו מען האָט איהם אויך געשטעלט א דענקמאַל אין 1880. דיזער אוצר איז בעשטאַנען אין דיא ווערק, וואָס ער האָט געלאָזען. ער האָט אָנ־געזאָגט זייןווירטה וואַן־דער־ספּיק גלייך נאָך זיין טויט איינצופּאַ־קען אין א קאַסטען זיינע מאַנוסקריפּטען און זיי אוועקשיקען צו זיינע פריינד אין אמסטערדאַם. דער עהרליכער מאָלער האָט פּינקט־ליך אויסגעפיהרט דיא בקשה פון דעם אָרימען און פערפאָלגטען פילאָזאָף און זיינע פריינדע האָבען זיי צו ענדע פון דעם זעלבען

אהר פערעפענטליכט נאָר מיט דיא ערשטע בוכשטאבען פון זיין נאָמען, ווייל ער האָט זיי פערבאָטען צו דרוקען זיין פולען נאָמען. דיזע Opera Posthuma (ווערק נאָך'ן טויט) האָבען ענטהאַל־טען: „דיא עטיקע", „דעם פּאָליטישען טראַקטאַט", „דיא גראַמאַ־טיקע פון דער העברעאישער שפּראַך" און זיין קאָרעספּאָנדענץ.

פון דיזע ווערק איז נאָר „דיא עטיקע" געווען געענדיגט. דיא איבעריגע האָבען ענטהאַלטען עטליכע קאַפּיטלעך. דעם „פּאָליטי־שען טראַקטאַט" האָט ספּינאָזאַ אָנגעפאַנגען צו שרייבען אַ קורצע צייט פאַר'ן טויט און האָט נאָר אויסגעדריקט זיינע בעטראַכטונגען איבער מאָנאַרכישע און אַריסטאָקראַטישע רעגירונגען. איבער דע־מאָקראַטישע רעפּובליקען האָט ער צייט געהאַט צו פערצייכנען עט־ליכע פראַזען. נאָר פון זיינע בריעף און פון דיא אויבען־דערמאָנטע פּאָליטישע האַנדלונגען, בעזאָנדערס פון דעם „טעאָלאָגיקאָ־פּאָלי־טישען טראַקטאַט", ווייס מען, אַז ער איז געווען אַן אנהענגער פון אַזאַ רעפּובליק, אין וועלכער דאָס גאַנצע פּאָלק זאָל האָבען אַ דעה.

דעם "דקדוק לשון הקדוש„ האָט ער אָנגעשריבען, ווייל אין דעם „טעאָלאָגיקאָ־פּאָליטישען טראַקטאַט" האָט ער ערקלערט, אַז מען מוז גוט קענען דיא העברעאישע שפּראַך צו זיין אין שטאַנד גרינד־ליך צו פערשטעהען און צו פערטייטשען ריכטיג דיא הייליגע שריפטען. ער האָט עס געהאַלטען פאַר זיין פּפליכט בעקאַנט צו מאַ־כען דיא געלעהרטע מיט לשון קודש. אום צו געבען אַ ריכטיגע איבערזעצונג פון דער ביבעל, וויא ער האָט עס פערשטאַנען, האָט ער אויך אָנגעפאַנגען איהר צו איבערזעצען אין דער האָלענדישער שפּראַך. נאָר ער האָט איין מאָל פערברענט דיזע איבערזעצונג, מען ווייס ניט וואָרום. מען רעכענט, אַז ער האָט עס געטאָן אין איינע פון דיא מינוטען פון פערצווייפלונג. דען דער גרויסער פילאָזאָף איז נאָך אַלעמען אויך געווען אַ מענש.

XI

דיא עטיקע.

אין אלגעמיין האָט ספינאָזא וועניג אָנגעשריעבען. דאָס איז מייסטענס געקומען דערפון, וואָס ער האָט אָבגעגעבען א סך צייט צו זיין ארבייט, אום צו האָבען פון וואָס צו לעבען, און צוליעב דעם, וואָס ער האָט געשריעבען „דיא עטיקע“ אין אזא פאָרמע, אז ער האָט געמוזט זעהר פיעל צייט פערברענגען אין נאָכטראכטען וועגען יעדען וואָרט און אָפט איבערשרייבען זאצען און קאפּיטלעך. מען וויים, אז ער האָט יאָהרענלאנג געארבייט אויף דיזען ווערק, אין וועלכען ער האָט ערקלערט זיין פילאָזאָפיע.

דיזע פאָרמע הייסט דיא געאָמעטרישע. דיא יעניגע, וואָס האָבען געלערנט געאָמעטריע, ווייסען גאנץ גוט, וואָס דאָס מיינט. פאר דיא יעניגע, וואָס זיינען אונבעקאנט מיט געאָמעטריע און איבערהויפּט מיט דעם מאטעמאטישען מעטהאָד, ווערען מיר אין קורצען בעמערקען, אז דאָס מיינט ציהען שליסע פון געוויסע זעלבסטפערשטענדליכע פונקטען, וועלכע מען רופט אקסיאָמען, און פון געוויסע בעשטימונגען. לאָמיר נעהמען אזא אויגענשיינליכע וואהרהייט אָדער אקסיאָמע, וויא, אז „דאָס גאנצע איז מעהר פון זיינעם א טהייל,“ אָדער אז „צוויי זאכען, וואָס זיינען גלייך צו א דריטע, מוזען אויך זיין גלייך איינע צו דיא אנדערע“. דאָס דאַרף מען ניט בעווייזען, דאָס איז זעלבסטפערשטענדליך, אָבער דיא גאנצע געאָמעטריע איז בעגרינדעט אויף עטליכע אזעלכע אקסיאָמען. איין זאץ ציהט זיך פון אן אנדערן, איין בעשטימונג פאָלגט פון אן אנדערע מיט אן אייזערנע לאָגיקע אויף דיא גרונדען פון שטרענגסטען סילאָגיזמוס אָדער דעדוקציאָן (ציהען שליסע פון אלגעמיינע בעגריפע). (*)

(*) וועגען סילאָגיזמוס און דיא מעטהאָדען פון דענקען, זעהט מיין ביאָגראפיע פון „אריסטאָטעל“, אויך ארויסגעגעבען פון דער אינטערנאציאָנאלער לייברערי פּובלישינג קאָמפּאניע.

וויא באלד דיא ערשטע זאצען און בעשטימונגען זיינען נאר ריכטיג, מוז שוין אויך זיין ריכטיג אלעס, וואס עס פאלגט לאגיש דערפון. דיא אויספיהרונגען אין דער געאמעטריע וועגען ליניעס, אבערפלעכען און קערפערס זיינען אונבעשטרייטבאר, זיי פאלגען נויטוועודיגער־ווייזע איינע פון דיא אנדערע, ווייל דיא אקסיאמען, אויף וועלכע מען שטיצט זיך ביי דיזע אויספיהרונגען, זיינען ווירקליך אויגענשיינליך ריכטיג. ווען מען זאל קענען געפינען אין דער אלגעמיינער בעטראכטונג וועגען דיא נאטור און דעם מענש, דאס הייסט אייגענטליך אין דער פילאזאפיע, אזעלכע אקסיאמען וויא אין דער געאמעטריע, דאן קען מען שוין שאפען אזא פילאזאפישע סיסטעם, וואס זאל מוזען אנערקענט ווערן פון יעדען פאר א ריכטיגע און וואס זאל דינען אלס פונדאמענט פון אלע מענשליכע האנדלונגען.

אט אזא פילאזאפישע סיסטעם האט ספינאזא געזוכט און דארום האט ער געשריעבען זיין „עטיקע" (דער ווארט שטאמט פון דעם גריכישען „עטהיקוס". וואס בעדייטעט מאראל; יעצט פערשטעהט מען אונטער דיזען ווארט לעהרען איבער דיא פפליכטען, רעכטע און פיהרונגען פון מענשען) נאך דעם מוסטער פון דער געאמעטריע. שוין זיין בוך איבער דעקארט'ס פילאזאפיע, וואס ער האט צוזאמענגעשטעלט פאר זיינע שילער, וויא מיר ווייסען עס, האט ער אנגעשריעבען אין א געאמעטרישע פארמע; דיא ערשטע שליסע האבען געפאלגט פון דיא אקסיאמען און ערשטע בעשטימונגען, די צווייטע שליסע פון דיא ערשטע א.ז.וו. ספינאזא איז ניט געווען דער ערשטער איינצופיהרען דיא געאמעטרישע פארמע אין דעקארט'ס פילאזאפיע. פיעלע שילער פון דעם פראנצויזישען פילאזאף האבען זיך בענוצט מיט דיזע פארמע, אבער קיינער פון זיי איז ניט אוועק אזוי וויט און גרינדליך וויא ספינאזא, ווייל קיינער פון זיי האט ניט געהאט אזא טיעפע דענקונגס־קראפט און אזא געניאלען קאפ וויא ער.

ספינאזא האט יעדענפאלס פעסט געגלויבט, אז איהם איז ענדליך געלונגען ניט נאר צו שאפען א שטרענג־לאגישע פילאזאפי־

שע סיסטעם, נאָר אויך אזא ריכטיגע און פונדאמענטאלע, אז אלע מוזען איהר אָננעהמען. דארום האָט ער עס אזוי לאנג און שווער געארביים אויף זיין „עטיקע“, איהר איינצושפאנען אין א געאָמעט־רישער פאָרמע. דיזע פאָרמע איז געווען ענג פערבונדען מיט דעם אינהאלט, מיט זיין גאנצען דענקען, דען אָבוואָהל ער האָט גע־זוכט זיך צו שטיצען אויף בעוויזענע פאקטען און וויסענשאפטליכע וואהרהייטען, איז ער דאָך געווען וואָס מען רופט א מעטאפיזיקער. ער האָט זיך ניט געקענט בעפרייען אין גאנצען פון דער אלטער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט געזוכט דיא וואהרהייט ניט אין דער ארו־מיגער נאטור, זאָנדערן אין דעם מענשען זעלבסט, ריכטיגער: אין דעם מענשליכען דענקען.

אום דער לעזער, וואָס איז ניט בעקאנט מיט פילאָזאָפישע ווערק און האָט אויך ניט געלערנט לאָגיקע, זאָל פערשטעהן וואָס מיר מיי־נען דאָ, האלטען מיר פאר נייטיג צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דעם מעטאפיזישען מעטהאָד פון דענקען, וועלכער האָט געהערשט ביז אונזער צייט און וועלכער גנב'עט זיך נאָך יעצט דורך אין פיעלע לעהרען איבער דער נאטור, בעזאָנדערס איבער דעם מענש. דער וואָרט „מעטאפיזיק“ איז א גריכישער און בעדייטעט: זאכען וואָס זיינען אויסערהאלב דיא פיזישע וועלט, אָדער וואָס עקזיסטי־רען נאָר אין דער געדאנקען־וועלט, אין אונזער פערשטאנד. אלע אונזערע אלגעמיינע בעגריפע, וויא אונענדליכקייט, עקזיסטענץ, בעוועגונג, ענדערונג, אורזאכע, צייט, עוויגקייט, אונשטערבליכ־קייט א. ז. וו. האָט מען צוגערעכענט צו מעטאפיזיק, דאָס הייסט צו איבערנאטירליכעס. דיא פסיכאָלאָגיע (לעהרע איבער אונזער גייסט) לערנט אונז יעצט, וויא אזוי דיזע אלגעמיינע בעגריפע ענט־שטעהען און ווערן ענטוויקעלט אין אונזער מארך, נאָר דיא גריכישע פילאָזאָפען, דארונטער אויך אריסטאָטעל, און אלע זייערע נאָכ־פאָלגער אין מיטעלאלטער און אויך טהיילווייז אין דער נייער צייט האָבען דאָס בעטראכטעט פאר אינערליכע א י נ ג ע ב אָ־ר ע נ ע א י ד ע ע ן, וועלכע האָבען קיין שייכות ניט מיט דער אויסערער אָדער פיזישער וועלט.

דיא גרונדלאגען פון ריכטיגען וויסען, פון אמת'ער פילאָזאָפיע האָט מען געזוכט אין דעם מענשען'ס דענקען, אין זיין פערנונפט. אזוי וויא מען וואָלט געקענט אָבטהיילען דיא פיזישע און גייסטיגע נאטור פון מענשען. דיא פיזישע וועלט, האָט מען פילאָזאָפירט, ענדערט זיך, דיא ארומיגע זאכען נעהמען אָן פערשיעדענע פאָרמען, אונזערע חושים נארען אונז, מיר זעהען זאכען אנדערש וויא זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט. דאָך בעגרייפען מיר, אז דיא נאטור איז אונענדליך און אייביג, אז עטוואָס עקזיסטירט דאָך אייביג, טראָץ אלע ענדערונגען, א. ז. וו. מוז דאָך עפעס זיין אין אונז זעלבסט, וואָס פיהרט אונז צו אזעלכע אלגעמיינע בעגריפע, צו אעלכע הויכע אידעען.

אָט דיזען „עפעס" האָט מען פערבונדען מיט גאָט. און דיא מעטאפיזישע פילאָזאָפיע איז ענג צוזאמענגעפלאָכטען געוואָרן מיט טהעאָלאָגיע (חכמת האלהות) און איז געוואָרען דער קוואל, פון וועלכען דיא גלחים האָבען געשעפּט זייער גאנצע חכמה און אלע זייערע בעווייזען פיר דיא עקזיסטענץ פון גאָט, פון דער נשמה א. ז. וו.

אריסטאָטעל האָט געלייגט א ריכטיגען גרונדשטיין פאר אלע מעטאפיזישע פילאָזאָפען אין זיין לעהרע איבער סילאָגיזמוס, דאָס הייסט איבער דיא ארט און וועיזע וויא מיר רעזאָנירען און ציהען שליסע פון אלגעמיינע אידעען און בעהויפטונגען. אין פערלויף פון צוויי טויזענד יאָהר האָט מען נאָר אויף פערשיעדענע ארטען און מיט פערשיעדענע ווערטער איבערגעקייט זיינע אויספיהרונגען. מען האָט זיך געגריבעלט אין זיך זעלבסט, אין דיא זאָגענאנטע „איינגעבאָרענע אידעען", אין דעם אייגענעם גייסט אָדער נשמה, אום צו געפינען א פעסטען גרונד פיר שליסע איבער גאָט, נאטור און מענשען. יעדער האָט פריהער אָנגענומען א געוויסען געדאנקען אלס גרונד פון זיין לעהרע און נאכהער איז ער שוין געגאנגען וויי־טער נאָך דיא געזעצע פון לאָגיק. דיזע ארט דענקען הייסט דער ד ע ד ו ק ט י ו ו ע ר מ ע ט א ד, און דיא מעטאפיזישע פילאָ־זאָפיע האָט זיך כמעט אויסשליסליך געשטיצט אויף איהם.

אָבער דיא אויסערע וועלט ווירקט דאָך אויף אונז, אויף די גייסטיגע וועלט. די פיזישע ה,עלט מיט אלע איהרע ענדערונגען עקזיסטירט דאָך שטענדיג, די חושים מאכען אויף אונז איינדריקע, מיט וועלכע מיר מוזען זיך רעכענען ניט נאָר אין דעם פּראַקטישען לעבען, זאָנדערן אפילו אין דער העכסטער מעטאפיזישער פילאָזאָפיע. וויא שטארק א מעטאפיזיקער זאָל ניט גלויבען, אז דער אלגעמיינער בעגריף פון, צום ביישפיעל, הייסקייט איז אן איינגעבאָרענער אָדער שטאמט פון אן אלוועלטליכע נשמה, פון אן עסענץ, סובסטאנץ, אָדער וויא מען זאָל עס ניט רופען, וועט ער דאָך מוזען צוגעבען, אז אין דער ווירקליכקייט קענען מיר נאָר דאן וויסען, אויב א בעשטימטע זאך איז הייס, ווען מיר ריהרען איהר אָן. נאָך מעהר, ווען אין דער פיזישער נאטור וואָלטען ניט געווען הייסע אָדער קאלטע זאכען, וואָלטען מיר גאָר קיין בעגריף ניט געהאט וועגען הייסקייט אָדער קאלטקייט. דיא מעטאפיזיקער האָבען אזוי ניט געאורטהיילט. אָבער ביי פיעלע זייערע בעטראכטונגען האָבען זיי איינגעזעהען, אז מען קומט אויך צו בעגריפע דורך דיא ווירקונגען פון דער אויסערער וועלט, דורך ערפאהרונג און פּראָבעס. דאָס הייסט מיט אנדערע ווערטער, אז מיר קומען צו געוויסע שליסע און אלגעמיינע געדאנקען דורך א רייהע פון איינצעלנע פאקטען, דורך דיא איינדריקע פון אונזערע חושים. וואָס פאר א פּראָצעס עס קומט פאָר אין אונז, ווען פון איינצעלנע איינדריקע דורך אונזערע חושים קומען מיר צו אלגעמיינע בעגריפע און אידעען, דאָס האָט מען ערשט גרינדליך נאָכגעפאָרשט אין אונזער צייט, ווען דיא וויסענשאפטען איבער דעם מענש האָבען געמאכט ריזיגע פאָרטשריטע, אָבער דיא מעטאפיזיקער האָבען דאָס זעהר ווייניג נאָכגעפאָרשט. יעדענפאלס האָט דיזער מעטאָד פון דענקען נאטירליך שטענדיג עקזיסטירט און מען האָט איהם אויך בענוצט אין דער פילאָזאָפיע. ער הייסט דער אנאליטישער אָדער אינדוקטיווער מעטאָד.

דיא דענקונגס־וועיזע, וועלכע פיהרט אונז פון אלגעמיינע געדאנקען צו איינצעלנע פעלע, הייסט דעדוקציאָן. דיא דענקונגס־וועיזע, וועלכע פיהרט אונז פון איינצעלנע פעלע צו אלגעמיינע געדאנ־

קען, הייסט אינדוקציאָן. זיי האָבען שטענדיג עקזיסטירט צוזאמען אין דעם מענשענס גייסט אוןביידע צוזאמען מאכען זיי אונז פאר דענקענדע בעשעפעניסען. אָבער זאָלאנג מענשען האָבען בעזעסען וויייניג פאקטען וועגען דיא אויסערע נאטור, זאָלאנג זיי האָבען וויי־ניג נאָכגעפאָרשט, געהאט וויייניג ערפאהרונג און געמאכט וויייניג פראָבעס, זיינען זיי מעהר גענייגט געווען צו ציהען שליסע פון זייערע אלגעמיינע בעגריפע, וועלכע זיינען שליסליך געווען דער רעזולטאט פון אינדוקציאָן, וויא מיר ווייסען עס יעצט. בעזאָנ־דערס ווען זיי האָבען געטראכט וועגען דיא נאטור, וועגען דיא אור־זאכען פון דיא ערשיינונגען, וועלכע זיינען נאָך געווען פאר זיי געהיימניסע, האָבען זיי זיך אָנגעכאפט אָן אן אלגעמיינעם בע־גריף אָדער איינפאך אָן אן איינבילדונג און האָבען שוין דערפון גע־צויגען שליסע און אויסגעארבייט מיסטישע (סתרי תורה) און מע־טאפיזישע סיסטעמען. דאָס איז אין אלגעמיין געווען דיא מעטא־פיזישע פילאָזאָפיע, וועלכע האָט זיך הויפטזעכליך געשטיצט אויף דעם דעדוקט־יווען מעטאָד.

מיט דער צייט אָבער, ווען מען האָט מעהר געלערנט דיא נאַ־טור און איהרע געזעצע, ווען מען האָט געקראָגען מעהר ערפאהרונג, ווען מען האָט געמאכט מעהר פּראָבעס און גרינדליכע בעאָבאכטונ־גען און ווען מען האָט אויך איינגעזעהען, אז דיא גאנצע מעטא־פיזישע פילאָזאָפיע דרעהט זיך ארום וויא אין א בעצויבערטען צירקעל און פיהרט שליסליך צו קיין נייען געדאנקען און צו קיינע ניצליכע רעזולטאטען אין פּראַטישען לעבען — האָט מען אלץ מעהר זיך גענומען צום אנאַליטעשען מעטהאָד אויף דעם וויסענשאפט־ליכען וועג.

דער 17טער יאהרהונדערט איז געווען דיא איבערגאנגס־צייט פון מעטאפיזישע דעדוקציאָן צו וויסענשאפטליכע אינדוקציאָן, פון גריבלעריי אין אלטע פילאָזאָפישע ווערק און אין אלגעמיינע גע־דאנקען צו נאָכפאָרשונגען און פּראָבעס אין דער פיזישער וועלט, פון איבערניציוועץ אלטע פילאָזאָפישע סיסטעמען צו א זאמלונג פון פאקטען פיר נייע פילאָזאָפישע סיסטעמען, פון סתרי תורה און

קבלה צו פערנונפט. אָבער די טיעפסטע דענקער, וועלכע האָבען הויך געשעצט די וויסענשאפטליכע נאָכפאָרשונגען און ענטדע־קונגען און וועלכע האָבען זיך געזוכט צו שטיצען אויף פאקטען און דעם אנאליטישען מעטהאָד אין זייערע אויספיהרונגען, האָבען זיך דאָך, וויא געזאָגט, ניט געקענט אין גאנצען אָפרייסען פון די אַלטע מעטאפיזישע פערדרעהעניסען און פון מיסטיציזמוס און האָבען זיך פיעל געשטיצט אויף דעם דעדוקטיווען מעטהאָד.

די בעסטע פאָרמע פון דעם דעדוקטיווען מעטהאָד איז די געאָמעטרישע, ווייל דאן זעהט מען גלייך, וויא איין זאך ציהט זיך פון די אנדערע, וויא מען קומט צו שליסע פון אלגעמיינע געדאנ־קען און אקסיאָמען. דיזער מעטהאָד האָט די גרויסע מעלה, דאָס ווען נאָר דער אָנפאנג איז ריכטיג, דאָס הייסט ווען די ערשטע בעהויפטונגען זיינען ווירקליך אקסיאָמען, מוזען שוין די שליסע זיין ריכטיג, ווען מען דענקט נאָר לאָגיש. די פילאָזאָפישע סיס־טעם, וועלכע איז בעגרינדעט אויף זיי, האָט דאן א פעסטען פונדא־מענט.

אָבער וואו נעהמט מען אקסיאָמען פאר די פילאָזאָפיע אזוי וויא מען האָט עס פאר די געאָמעטריע? אָט דאָ הייבען זיך אָן די שוועריגקייטען, אָט דאָס איז די קלאָץ־קשיה פאר אלע מע־טאפיזישע סיסטעמען. די ערשיינונגען אין דער נאטור הענגען אָפּ פון פערשיעדענע אורזאכען, דער מענשליכער גייסט הענגט אָפּ פון פערשיעדענע אומשטענדען, אלעס ארום אונז איז אזוי צוזאמענגע־פלאָכטען, איין ערשיינונג ווירקט אויף די אנדערע, זייערע אור־זאכען איז אזוי שווער צו בעשטימען, אז מען מוז פריהער לאנג און פאָרזיכטיג נאָכפאָרשען אנאליטיש, אום צו קענען בעשטימען מיט זיכערהייט, אויב אפילו אן אנערקענטער אלגעמיינער בעגריף איז ווירקליך ריכטיג. די גאנצע צרה פון אלע מעטאפיזיקער איז גע־ווען, וואָס זיי האָבען געמאכט בעהויפטונגען, וועלכע מען האָט בע־דארפט בעווייזען, אז זיי זיינען ריכטיג, איידער מען האָט פון זיי געצויגען שליסע. זייערע שליסע האָבען שוין דארום קיין ממשות ניט געהאט, זיי זיינען מייסטענס געווען גייסטיגע שפינגעוועבס ארום איין איינבילדונג.

אלע פילאָזאָפען, אפילו ןיא יעניגע וואָס האָבען זיך געשטיצט אויף דיא גרינדליכסטע וויסענשאַפטליכע נאָכפאָרשונגען און אויף דעם אינדוקטיווען מעטאָד, האָבען מעהר אָדער וועניגער געזינדיגט אויף דעם מעטאפיזישען וועג פון אלגעמיינע בעהויפּטונגען, וועלכע זיי האָבען אָנגענומען פאר אקסיאָמען, אָבער וועלכע זיינען דאָס אין דער ווירקליכקייט גאָר ניט געווען. ספינאָזא איז ניט געווען אן אויסנאהמע אין דיזער בעציהונג. ער האָט אויך געזוכט אָנצוגעבען אַזעלכע „אייביגע וואהרהייטען”, וועלכע עקזיסטירען אויסער־האלב אונז און וועלכע דריקען אוים דיא ריכטיגע עסענץ פון זאַכען. ער האָט ניט געפרעגט, אויב עס עקזיסטירען גאָר אייביגע וואהרהייטען. אין דעם האָט ער געגלויבט, ווייל ער איז נאָך גע־ווען דורכגעדרונגען מיט מעטאפיזישע געדאנקען. יעדענפאלס האָט ער ניט געזוכט פריהער צו בעווייזען, וואָס איז וואהרהייט איבער־הויפּט, אין וואָס זיא דריקט זיך אוים, וויא אזוי זיא קען זיך גאָר געפינען אויסערהאלב דעם מענש. זיינע אויספיהרונגען וועגען דעם, וואָס ער רופט סובסטאנץ און וואָס ער בעטראכט אלס גאָט אָדער, ריכטיגער, אלס געטליכקייט אין דער נאטור, זיינען פול מיט מע־טאפיזישע בעהויפּטונגען און חקירות.

א קורצער בליק אויף דיא גרונדלאגען פון זיין פילאָזאָפישע סיסטעם וועט עס דייטליך ארויסצייגען. ער פאנגט צוערשט אָן מיט דער סובסטאנץ, וועלכע ער בעטראכטעט אלס אן אונענדליכע און בעלעבטע מאטעריע, וואָס בעשטעהט פון אונענדליך־פיעלע צוזאַ־מענגעפלאָכטענע טהיילען, וועלכע ענדערן זיך שטענדיג נאָך נויט־ווענדיגע אייביגע געזעץ. דיא סובסטאנץ בלייבט אימער דיא זעלבע, וויא פיעל דיא זאכען זאָלען זיך ניט אומבייטען, אזוי וויא וואסער, אייז און דאמפף ענטהאלטען שטענדיג דיא עסענץ פון דער וואסער־מאטעריע. דיא פאָרמען פון דער כובסטאנץ האָט ער גערופען מאָ־דוסען. דיא פאָרמען ענדערן זיך, אָבער דיא כובסטאנץ בלייבט אימער דיא זעלבע און איז אויך דיא אימער שאפענדע קראפט. אויסער איהר און איהרע מאָדוסען עקזיסטירט גאָר ניט. זיא איז דיא גאנצע וועלט, דיא שעפּפענדע און דיא געשאפענע נא־

טור אין דער זעלבער צייט. זיא איז אויך גאָט, וועל־
כער איז איהר אורזאכע, איהר אינהאלט. גאָט ליגט אין
יעדער זאך אזוי וויא דיא סובסטאנץ. אלע בעזונדערע זאכען זיינען
נאָר ערשיינונגען, מאָדוסען פון גאָט, וועלכער איז דיא איינינקייט,
אונענדליכקייט און אייביגקייט פון דער וועלט.

גאָט, דיא גאנצע נאטור און דיא סובסטאנץ זיינען איינס און
דאָס זעלבע. יעדע זאך איז א טהייל פון גאָט, אזוי וויא פון דער
סובסטאנץ. גאָט עקזיסטירט ניט אנדערש וויא אין זאכען און מיט
זאכען צוזאמען. דיא לעהרע, אז גאָט איז דיא נאטור און אז אלע
זאכען זיינען א טהייל פון גאָט, איז אייגענטליך א גאנץ אלטע.
אין דער פילאָזאָפיע טראָגט זיא דעם נאָמען פאנטהעאיזמוס (אלל־
גאָטהייט) ; אָבער קיינער האָט איהר ניט ענטוויקעלט אזוי וויט,
ברייט און טיעף וויא ספינאָזא.

פון דיזע מעטאפיזישע בעהויפטונגען ציהט דער טיעפער פי־
לאָזאָף א גאנצע קייט מיט שליסע, פון וועלכע פיעלע זיינען וויסענ־
שאפטליך ריכטיג. דער וויכטיגסטער פון דיזע שליסע איז אז עס איז
ניטאָ קיין צופעליגעס אין דער נאטור, זאָנדערן אלעס קומט פאָר
נאָך אייביגע אונפערענדערליכע געזעצע. קיין זאך קען ניט זיין
אנדערש וויא זיא עקזיסטירט, פאָלגליך איז זיא ניט צופעליג. אזוי
וויא יעדע זאך ענטהאלט אין זיך דיא אייביגע סובסטאנץ, קען זיא
אנדערש ניט זיין וויא זיא איז געשאפען. דאָס וואָס מיר רופען צופע־
ליג, קומט נאָר דערפון, וואָס מיר ווייסען ניט דיא ריכטיגע אור־
זאכען, וואָס מיר זיינען נאָך ניט דערגאנגען דיא נאטור־געזעצע.
דאָס הייסט, מיט אנדערע ווערטער, אז עס גיבט אויך קיינע נסים.

אָבער אָבוואָהל גאָט האנדעלט נאָך אייביגע געזעצע, איז ער
דאָך פריי, דען דיא ריכטיגע פרייהייט בעשטעהט אין דער מעגליכ־
קייט צו האנדלען נאָך אייגענע געזעצע אָהן שום אויסערן צוואנג.
דיא נאטור־געזעצע זיינען אלזאָ דיא נאטור פון גאָט. דארום לייי־
קענט ער אירגענד וועלכע ציעלען אין דער נאטור, וויא אויך גוטס־
קייט און שלעכטעס, אָרדנונג און אונאָרדנונג. עס עקזיסטירט נאָר
אן אונענדליכע רייהע פון ערשיינונגען, וועלכע זיינען ענג פער־

בונדען מיט א קייט פון אורזאכען און פאָלגען און וועלכע ענטשטע־הען פון איין סובסטאַנץ נאָך דיא אייביגע געזעצע פון איהר נאַטור.

דיא מענשליכע בעגריפע פון ציעלען, גוטעס און שלעכטעס, ערקלערט ספינאָזא, ענטשטעהען נאָר פון דעם, וואָס מענשען אור־טהיילען אַלעס נאָך זיך, נאָך זייער שטרעבען צו פערזענליכע נוצען. זיי בילדען זיך איין, אז דיא נאַטור האָט געשאַפען גוטעס אָדער שלעכטעס ספּעציעל פאַר זיי; זיי בילדען זיך איין, אז זיי זיינען דער צענטער פון דער וועלט, אז אימיצער זאָרגט פאַר זיי און זייערע בעקוועמליכקייטען. זיי בילדען זיך איין, אז דיא זון איז געשאַפען געוואָרען צו געבען זיי ליכט און וואַרעמקייט, פלאַנצען און חיות — צו געבען זיי שפּייז; וואַסער — צו צושטעלען זיי א געטראַנק און פיש א. ז. וו. זיי ווייסען, אז דאָס האָבען זיי אליין ניט געמאַכט, דאַרום רעכענען זיי, אז אימיצער האָט דאָס פאַר זיי אָנגעגרייט. אָבער אין דער ווירקליכקייט קימערט זיך גאָר ניט דיא נאַטור וועגען מענשען, זיא האָט פאַר זיי גאָר ניט אָנגעגרייט מעהר וויא פאַר אַלע אַנדערע חיות. זיא איז בלינד און האַנדעלט בלינד נאָך אייביגע געזעצע, וועלכע מענשען דאַרפען לערנען אויסצוגעפינען און צו פערשטעהן.

דיא אונענדליכע סובסטאַנץ האָט אויך אונענדליכע מעלות, וועלכע ער רופט א ט ר י ב ו ט ע ן. מיר קענען נאָר בענעהמען צוויי גרופּען פון דיזע אטריבוטען, נעמליך: פיזישע און גייסטיגע ערשיינונגען. דיא ערשטע רופט ער: אטריבוט פון רוים, דיא צוויי־טע — אטריבוט פון דענקען.

דיזע צוויי אטריבוטען קענען ניט צוזאַמענגעמישט ווערן, אָב־גלייך זיי טרעפען זיך צוזאַמען אין דעם מענשען. זיי אונטערשיידען זיך דערמיט, וואָס פיזישע ערשיינונגען קענען מיר בענעהמען מיט אונזערע חושים און דיא גייסטיגע מיט אונזער פערשטאַנד. ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט קיין זעלבסטערקענטניס (הכרת עצמו), וואָלטען פאַר אונז נאָר עקזיסטירט פיזישע ערשיינונגען.

ספינאָזא'ס אויספיהרונגען וועגען אטריבוטען זיינען זעהר

טיפע און וויכטיגע. מיר קענען זיך ניט אריינלאָזען אין זיי, ניט נאָר ווייל אונזער פּלאַץ איז בעשרענקט, זאָנדערן אויך ווייל אונזער מאמע־לשון איז צו אָרים פאר אזעלכע חקירות און פילאָזאָפישע ענינים. מיר ווילען נאָר בעמערקען, אז ער איז שליסליך געקומען צו ערקלערונגען, וועלכע ווערן יעצט אנערקענט פון דער וויסענ־שאפטליכער פּסיכאָלאָגיע.

דעם מענשען בעטראַכטעט ער אלס א טהייל פון דער סובסטאַנץ מיט איהרע אטריבוטען. ער האלט ניט, אז די נשמה איז עפּעס א בעזונדערע עסענץ, אז זיא עקזיסטירט אָדער קען עקזיסטירען אויסערהאלב דעם קערפּער. אלע אטריבוטען זיינען ענג פערבונדען אין דעם מענשען; דיא אָרדנונג און דיא פערבינדונג פון אידעען, ערקלערט ער, איז דיא זעלבע וויא פון זאכען. דארום קענען מיר גאָר ניט וויסען פון דער נשמה, ווען מיר ווייסען ניט פון קערפּער.

אלע זיינע אויספיהרונגען וועגען דיא מענשליכע נאטור האָט ער נאָר געמאכט, אום צו קומען צום צוועק פון זיין ווערק, נעמליך: צו צייגען דיא מענשען א וועג צום גרעסטען גענוס. דאָס איז דער ריכטיגער עטישער טהייל פון זיין „עטיקע". ער פאָרשט נאָך דיא שטרעבונגען, דיא ליידענשאפטען, דיא מעלות און חסרונות פון מענשען, אום צו געפינען א ריכטיגען אויסוועג, אז זיי זאָלען קענען לעבען אזוי גליקליך, וויא דאָס איז נאָר מעגליך. ער ערקלערט, אז ער בעטראַכטעט דיא מענשליכע האנדלונגען און געפיהלען, אזוי וויא דיא פראגע וואלט געווען וועגען געאָמעטרישע פיגורען. נאָך פיעלע זעהר גרינדליכע בעטראַכטונגען וועגען אונזערע געפיהלען, בעזאָנדערס וועגען פערגניגען און אונפערגניגען, זוכט ער צו צייגען, וויא דער מענש קען זיך און דארף זיך בעהערשען, אום ניט צו בלייבען א שקלאַוו פון זיינע ליידענשאפטען. אין גאנצען קען זיך א מענש ניט בעפרייען פון זיינע ליידענשאפטען. עס איז אונמעגליך, זאָגט ער, אז דער מענש, א טהייל פון דער נאטור, זאָל ניט פאָלגען איהרע געזעצע, אָבער עס בלייבט איהם דאָך דיא פרייהייט אויסצוקלייבען אין זיין אייגענער נאטור דיא געפיהלען, וועלכע זאָלען איהם מאכען בעסער, עהרליכער און גליקליכער. דער לעצטער שלום פון זיינע עטישע אויספיהרונגען איז, אז דער מענש דארף

האנדלען נאָך זיין פערשטאנד און אז זיין פערגניגען דארף זיין אין דער ערקענטניס (הכרה) פון וואהרהייט און אין א בעוואוסטזיין צו בלייבען צוזאמען מיט דער נאטור. פערנינפטיגע ליעבע צו גאָט, ערקלערט ער, איז דער העכסטער גענוס פון א מענש.

אזוי האָט דער גרויסער און עדעלער דענקער אליין געפיהלט. זיין העכסטער גענוס איז טאקי בעשטאנען אין זיין פילאָזאָפיע, וועלכע איז פאר איהם געווען אן ערקענטניס פון וואהרהייט. אָבער וויא פיעל ספינאָזאס גיבט עס אויף דער וועלט? וויא פיעל מענשען קענען איבערהויפט געפינען פערגניגען אין פילאָזאָפיע און זיך בע־גנוגענען מיט גייסטיגען גענוס? ספינאָזא אליין פערשטעהט גאנץ גוט, אז דיא צאָהל פון אזעלכע מענשען איז זעהר קליין, דען ער ענדיגט זיין „עטיקע" מיט דיא ווערטער:

„אויב דער וועג, וואָס פיהרט אונז צום העכסטען גענוס, שיינט אונז זעהר א שווערער, דאָך קען מען איהם געפינען. ער מוז זיין א שווערער, ווייל מען געפינט איהם אזוי זעלטען. ווען דיא רעטונג וואָלט געווען ביי יעדען אונטער דיא הענד און מען וואָלט איהר גע־קענט קריגען אָהן בעזונדערע אָנשטרענגונגען, טאָ וויא וואָלטען מיר כמעט אלע געקענט דאָס פערנאכלעסיגען? אָבער אלעס שעהנעס און גוטעס איז אזוי שווער, וויא זעלטען"

ע נ ד ע.

דיא אינטערנאַציאָנאַלע ביבליאָטהעק.

לעבענסבעשרייבונגען פון בעריהמטע מענער.

וואלטער

אלס מענש און דענקער.

פון

יעקב גאָרדין.

Copyright by the International Library Publishing Company 1903.

דיא אינטערנאַציאנאלע ביבליאטהעק פאבלישינג קאמפאני,
23 דואיין סט., ניו יארק.

.1

וואָלטערס לעבען.

מיר געפינען ניט אין דער וועלט געשיכטע א צווייטען ביישפיעל, א שרייבער זאָל שפיעלען אזא גרויסע ראָללע און זאָל האָבען אזא מערקווירדיגע בעדייטונג, וויא דער בעריהמטער פראנצויזישער שרייבער וואָלטער. ער האָט זיך מיט זיין פעדער אזוי בעריהמט געמאכט, וויא אלכסנדר מוקדון, וויא נאפאָליאָן באנאפארטע און אנדערע גרויסע פעלדהעררן. עס איז נאָך א פראגע, אויב זיי מיט זייערע קאָלאָססאלע ארמעען האָבען געפיהרט אזעלכע זיעגרייכע מלחמות, וויא וואָלטער, אויב זיי האבען איינגענומען אזעלכע פעסטונגען, אויב זיי האָבען געשראָקען זייערע פיינדע, וויא וואָלטער.

וואָלטערס ווערקע זיינען געדרוקט אין זיעבציג וואָליומס. ער האָט געשריעבען וועגען פילאָזאָפיע און פאָליטיק, וועגען נאטור געשיכטע און מאטעמאטיק, איז געוועזען א היסטאָריקער, א דראמען דיכטער, א עפישער און לירישער פאָעט, האָט געשריעבען סאטיריען און נאוועלען, וויסענשאפטליכע טראקטאטען און הומאָריסטישע ערצעהלונגען. זיין ריכטיגער נאָמען איז ניט וואָלטער, נאָר פראנץ מאריא אראָועט. דעם נאמען דע־וואלטער, אָדער פאָן־וואָלטער האָט ער זיך א נאָמען געגעבען שפעטער אום צו ציינען, דאָס ער שטאמט פון אריסטאָקראטישע פאמיליע. אין דער ווירקליכקייט אָבער שטאמט ער ניט פון א גרויסען יחוס. זיין פאָטער איז געוועז א קליין־בירגער. א נאָטאר און א פראקטישער געשעפטס־מאָן, און האָט זעהר ווייניג געהאלטען פון פילאָזאָפי מיט פאָעזי. וויא אַם מיינסטען אללע גרויסע זשעניען דער וועלט, האָט ער אויך געהאט דאָס גליק צו האָבען א מוטער, וועלכע איז געוועזען זעהר א געבילדעטע און, דאָס איז דער עיקר, א גייסטרייכע פרוי. פון איהר האָט ער גע'ירשנט פיעלע פון דיעזע נייגונגען, וועלכע האָבען איהם שפעטער געמאכט גרויס און בעריהמט.

ליידער איז זיין מוטער געשטאָרבען, ווען ער איז געוועזען אלט זיעבען יאָהר און מיט עטליכע יאָהר שפעטער האָט איהם דער פאָ־

טער געשיקט לעהרנען אין א יעזואיטישען קאָללעדזש. דאָ האָט ער געלערענט דיא אלטע קלאסישע שפּראכען און האָט געלעזען דיא קלאסישע פּאָעטען, וועלכע האָבען אין איהם ענטוויקעלט דיא נייגונג צו פּאָעזי, צו מליצה, צו דראמא. דאָ אָבער האָט ער זיך בעקאָנט מיט דער יעזואיטישער סיסטעם פון לעבען.... חנפנן מעכטיגע מענשען, פערראכטען קליינע מענשען. זיין פרום נאָר צווישען פרעמדע, אויסגעלאסען, ציניש צווישען אייגענע. קיין פיעלע קענטניסע און קיין אמת׳ע בילדונג האָט ער פון דער יעזואיטישער שולע ניט ארויסגעטראָגען. וואָלטער אליין זאָגט: „ווען איך בין ארויס פון דער שולע האָב איך געקענט לעטיין און האָב געוואוסט פיעלע אנדערע זאכען, איך האָב נאָר ניט געוואוסט, וואָס מען דארף וויסען". אלס צוועלף־יעהריגער שיללער פון דער יעזואיטען שולע האָט ער זיך בעריהמט געמאכט מיט א געבעטס בריעף, וועלכען ער האָט אָנגעשריעבען אין ווערזען פיר איין אלטען קראנקען סאָלדאט. דיעזער אינוואליד האָט געבעטען ביים קעניג א פּענסיע און אויף אלע זיינע געבעטס־בריעפע האָט ער קיין ענטפער געקראָגען, ביז מי האָט איהם געראטהען ער זאָל זיך ווענדען צו דיא „געלערענטע" תלמידים פון דער יעזואיטען שוללע. וואָלטער האָט איהם אָנגעשריבען א בריעף אין שירים און דער בריעף האָט ארויסגערופען פיעל אויפמערקזאמקייט ביים קעניגליכען האָף און אין פּאריז. ער איז נאָך געוועזען זעהר יונג האָט מען איהם שוין צוגעלאָזט אין דיא סאַלאָנען פון דער העכערער געזעלשאפט, וואו ער פלעגט זעהען לוקסוס, פערדאָרבענהייט, פאלשקייט, און הערען אפּיקורסישע דיסקוסיאָנען, שפּאָט פון רעליגיאָן און אווטאָריטעטען און וואו ער פלעגט באגעגנען מערקווירדיגע מענשען, שארפזיניגע אפּיקורסים און פרייַדענקער.

זעכצעהן יאָהר אלט האָט ער געענדיגט דיא יעזואיטען שולע. זיין פּאָטער האָט ניט געוואָלט וויסען פון זיינע פּאָעזיען און שרייבערייען און האָט געפּאָדערט וואָלטער זאָל אויסערוועהלען א פּראקטישע פּראָפעסיאָן און זאָל מאכען א קאריערע. איהם האָט זיך געוואָלט זיין זון זאָל זיין אן אדוואָקאט און אין 1710 יאָהר איז וואָל־

טער געוואָרען א סטודענט פון א רעכט שולע. דאָ האָט ער זיך בע־קאַנט מיט יונגע לייט, קינדער פון רייכע עלטערן, און אָנשטאָט צו שטודירען פלייסיג דיא תורה פון אדוואָקאטען. האָט ער גען געלעבט א גוטען טאָג. געשריעבען פאסקווילען אין סאטירען און פער־שווענדעט געלד מעהר, וויא פיעל זיין פראקטישער פאָטער האָט געוואָלט. דורך דעם איינפלוס פון זיינע מעכטיגע פריינד איז איהם געלונגען צו קריעגען פאר זיין זון א שטעללע, אלס א פּאזש ביי דעם געזאנדטען אין האָללאנד. וואָלטער איז געקומען קיין האאג האָט זיך באלד בעקאַנט געמאכט מיט דיא פראנצויזישע עמיגראנטען, וועלכע האָבען געוואוינט אין דער שטאָדט, האָט זיך פערליעבט אין איונגע מיידעל און איז דורך זיין ראָמאן פערוויקעלט געוואָ־רען אין פערשיעדענע אינטריגעס. דער געזאנדטער האָט איהם משלח געוועזן צוריק קיין פאריז מיט ניט זעהר א גוטען אטעסטאט. דער פאָטער איז געוועזן אויסער זיך און האָט געצוואונגען זיין זון צו ווערען א שרייבער ביי א פּראָקוראָר. אין דער קאנצעלאריע פונ'ם פּראָקוראָר האָט ער מעהר געטראכט פון דיא פערגעניגענס, וועלכע מי קען געפינען אין אזא שטאָדט וויא פאריז. און אָנשטאָט צו שריי־בען פּראָטאָקאָלען האָט ער געשריעבען סאטיריען, בייסענדיגע און שטעכיגע פאסקווילען אויף דיא גרויסע הערשער און מעכטיגע פּער־זאָנען, מיט דעם פלעגט ער זיך שאפען פיעל פיינדע און פערפאָלגער אָבער דאָס פלעגט איהם מאכען בעריהמט און פּאָפּולער.

אין 1715 יאָהר איז געשטאָרבען דער פראנצויזישער קעניג לודוויג דער פיערצעהנטער און ווייל דער טראָנפאָלגער איז נאָך גע־ווען קלייניעהריג איז דער גערצאָג פיליפּ פון אָרלעאנס געוואָרען רעגענט, אָדער במקום מלך. דיא פערדאָרבענהייט און אויסגעלאסענ־הייט וועלכע זיינען געווען אין לודוויגס צייטען פערבאָרגען אונטער דער מאסקע פון גרויסארטיגען עטיקעט און היפּאָקריטישע מאס־קען, זיינען ארויסגעטראָטען גאנץ אָפפען. אלע זיטליכע צוימען זיי־נען געווען אומגעוואָרפען און פיליפּ פון אָרלעאנס אליין האָט זאָ־גאר ניט געמאכט קיין געהיימנים פון זיינע פערהעלטניסע צו זיין אייגענע טאָכטער.... אין דער צייט איז פאריז פערפלייצט געוואָרען

מיט שמוטציגע פאסקווילען, שטעכיגע סאטיריען און פערשיעדענע הומאָריסטישע פאָעמען. וואָלטער איז געוויס ניט אָבגעשטאנען פון אנדערע, ער האָט אָנגעשריעבען א סאטיריע אויפ'ן רעגענט און מי האָט איהם ארויסגעשיקט פון פאריז. צוויי יאָהר איז איהם געווען פערבאָטען צוריק קעהרען זיך. ער האָט אָנגעשריבען א מליצה בריף אין שעהנע שירים צום רעגענט, האָט אָבגעלייקענט, אז דיא סאטי־ריע, וועלכע מי שרייבט איהם צו, איז ווירקליך געשריעבען פון איהם. און א ראיה, זאָגט וואָלטער, אז ניט איך האָב עס געשריעבען, ווארום עס איז געשריעבען געוואָרען מיט זעהר שלעכטע ווערזען. מי האָט איהם ערלויבט אומקעהרן זיך און דער רעגענט האָט איהם ווידער געשענקט זיין גנאדע. ניט לאנג אָבער האָט וואָלטער גע־לעבט אין שלום מיט'ן קעניגליכען האָף און מיט דיא גרויסע אריס־טאָקראטען. ער האָט ווידער אָנגעשריעבען א סאטיריע. ער האָט געפרובט ווידער אָבלייקענען, אז ער איז דער מחבר, אָבער דאָס איז איהם ניט געלונגען. אן אָפיציער האָט געשפיעלט דיא ראָלע פון א שפיאָן. ער האָט זיך געמאכט גוט פריינד מיט וואָלטער'ן, און וויל וואָלטער האָט זיך ליעב געהאט צו בעריהמען, האָט ער דעם שפיאָן ענטדעקט דעם אמת, ווער דער ריכטיגער פערפאסער פונ'ם פאסקוויל איז. דאָס האָט געפיהרט דערצו, דאָס מי האָט וואָלטערן פערשפארט אין דער באסטיליע, וועלכע האָט אזא טרויעריגע היס־טאָרישע בעריהמטהייט. אין דיעזער פעסטונג איז וואָלטער געזעסען כמעט א יאָהר. נאכדעם האָט מען איהם ווידער ארויסגעשיקט פון פאריז.

עטליכע יאָהר האָט ער אומגעוואנדעלט פון איין אָרט צום אנדערן, פון איין שלאָס צום אנדער'ן, מיט זיין שארפזינן און וויי־ציגען שכל האָט ער זיך אום און אום געשאפען פערעהרער און פיינ־דע. ביסלאך וויז איז דיא שנאה געגען איהם אין קעניגליכען האָף אָבגעקיהלט געוואָרען און ער פלעגט זיך ערלויבען קומען א מאָל אין דער הויפט שטאָדט פון פראנקרייך. אין דער צייט איז ער בע־קאנט געוואָרען אלס א דראמען דיכטער. ער האָט געהאט זעהר פיעל ליעבע צו דער ביהנע און טהעאטער קונסט, פלעגט אליין רע־

זשיסירען זיינע פיעסען, שפּיעלען אין זיי ראָללען. האָט א פּיעסא ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג ניט געהאט קיין ערפאָלג האָט ער זיא ביז דער צווייטער פאָרשטעלונג אזוי געענדערט און אומגעאַר־בייטעט אז זיא פלעגט שוין האָבען דעם גרעסטען ערפאָלג. ער האָט געקענט דיא ביהנע און פערשטאַנען גוט, וואָס דיא „מבינים" פון זיין צייט האָבען געפאָדערט. ניט אומזיסט האָט מען אויף איהם געזאָגט: „וואָלטער מאכט זיינע פּיעסען צווישען דיא פאָרשטעלונ־גען". דער ערפאָלג פון זיינע פּיעסען און היסטאָרישע (עפּישע) פאָ־עמען האָבען איהם צוריק געקעהרט דיא גנאדע פונ'ם גערצאָג פון אָרלעאנס, ער האָט געקריגען מתנות, געלד, א מעדאל און כבוד. דאָס האָט געדויערט ביז ער האָט אָנגעשריעבען א סאטיריע. מי האָט איהם ווידער ארויסגעשיקט פון פאריז און, ווי שטענדיג, האָט ער ווידער געפונען מיטלען צו נושא חן זיין און ווערען בעגנאדיגט. דאס אלעס אָבער האָט איהם ניט געקענט בעפרידיגען. ער האָט שטענדיג געדעכענט, אז ער איז ניט נאָר א גרויסער פּאָעט און דיכטער, נאָר אויך אגעשיקטער שטאאטסמאן און דיפּלאָמאט. ער האָט געוואָלט קריגען איין אנגעזעהענע פּאָליטישע שטעלע. קריגען אזא פּאָסט האָט מען געקענט אין יענער צייט נאָר דורך א געוויסען דיובוא, וועלכער איז געווען מיניסטער און דיא רעכטע האנד פון דעם רעגי־רער. ער איז געווען א פאלשער, אויסגעלאסענער און זעהר פערדאָרבענער מענש. דאָס אָבער האָט ניט געהינדערט וואָלטערן און ער האָט געפונען מיטלען צו ווערען בעקאנט און בעפריינדעט מיט דעם דיובוא. א מאָל, ווען וואָלטער איז געווען איינגעלאדען צו דיובו־א'ס טיש, האָט ער בעמערקט, אז איינער פון דיא אנגעזעהענסטע געסט איז דער זעלבער אָפיציער, וועלכער האָט איהם פער'מסר'ט אזוי פעררעטהעריש און צוליעב וועלכען ער איז געזעסען אין דער שרעקליכער באסטיליע. דאָס האָט איהם זעהר אויפגעבראכט און ער האָט מיט כעס אויסגעשריען: „איך האָב ניט געוואוסט, אז שפּי־אָנען געפינען אן עהרען־פלאַץ ביים טיש פון מיניסטאָרען!" דער אָפיציער האָט וואָלטער'ן אָבגעוואַרט אויף איינע פון דיא פאריזער בריקען און האָט איהם געשלאָגען מכת רצח. עס איז ארויס א סקאנ־

דאל אויף גאנץ פאריז. וואָלטער איז געלאָפען צו אלע מיניסטאָרען און אלע מיליטערישע דעפּארטמענטען און האָט ניט געקענט גע־פינען געגען זיין בעליידיגער קיין דין און קיין דין.

נאָך א מיאוסער סקאנדאל איז ארויס ביי וואָלטערן מיט א גע־וויסען קאוואליר פאָן ראָהאן שאבא. דיזער אריסטאָקראט האָט גע־האלטען פאר איין ערנידערונג מיט זיינע ווייסע הענד שלאָגען א מענשען, וועלכער איז ניט קיין נאָבעלמאן, און איז נאָר א פּאָעט און פילאָזאָף, ער האָט געשיקט זיינע קנעכט זאָלען וואָלטערן שלאָ־גען און ער איז געזעסען אין זיין קארעטע און האָט געקאָמאנדע־וועט וויא אזוי מען זאָל שלאָגען. וואָלטער איז ארויס פון זיך, ער האָט זיך געלערענט פעכטען און האָט ארויסגערופען זיין בעליידי־גער אויף א דועל. דער קאוואליער האָט איהם ניט געענטפערט. וואָל־טער איז אומגעלאָפען וויא א פערסאמטער איבער גאנץ פאריז, האָט געבעטען זיינע מעכטיגע פריינדע זאָלען זיך פאר איהם אָננעהמען, האָט געזוכט הילפע און האָט איבעראל בעגעגענט שפּאָט, חוזק און ערנידערונג. דער גייסטיגער צושטאנד פון דעם אויפגעבראכטען וואָלטער האָט זיך בעוויעזען געפעהרליך פיר דעם שטאָלצען אריס־טאָקראט, מי האָט מורא געהאט, דער פערצווייפעלטער וואָלטער זאָל זיך ניט ערלויבען עטוואס געגען אזא מיוחס. און מי האָט וואָלטער'ן נאָך א מאָהל פערשפּארט אין דער באסטיליע. פון דער באסטיליע האָט מען איהם ארויסגעשיקט פון פראנקרייך און וואָלטער, וועל־כער האָט געהאט פריינדע אין ענגלאנד, איז אוועק געפאָהרען אין דעם איינציגען לאנד, וואו א מענש האָט אין יענער צייט געקאָנט געפינען רעכטע און א געוויסע פרייהייט.

ענגלאנד מיט איהרע אינסטיטוטען און פּאָליטישע איינריכ־טונגען, מיט איהרע געלעהרטע פילאָזאָפען און פריי דענקער, האָט געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף וואָלטערן. פאר איהם האָט זיך געעפענט א נייע וועלט, נייע ערשיינונגען, נייע סאָציאלע פערהעלט־ניסע, נייע פראגען. ענגלאנד איז געווען וואָלטער'ס גרעסטע און בעסטע שולע. דאָ האָט ער זיך גיך בעקאנט מיט דיא בעריהמטעס־טע פאָרשטייער פון דער וויסענשאפטליכער און ליטעראַרישער

וועלט, האָט זיך אויסגעלערענט ענגליש, האָט שטודירט ענגלישע קלאסיקער, האָט געלעזען שעקספּירען אין זיין אָריגינעלע שפּראך און ווען איהם איז ענדליך דורך דיא שתדלנות פון זיינע איינפלוס־רייכע פריינדע ערלויבט געוואָרען קומען צוריק נאָך זיין היימאטה האָט ער געהאט גענוג מאטעריאל, וואָס צו פּאָפּולאריזירען, אימיטי־רען, וועגען וואָס צו דענקען און צו שרייבען. אין 1729 יאָהר האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק נאָך פּאריז, וואו ער האָט געוואוינט אין א פאָרשטאָדט אונטער אן אויסגעטראכטען נאָמען. ער האָט א גע־וויסע צייט זיך געהאלטען וויא א סטאטעק, געשריעבען ערנסטע ווערקע און קיינעם ניט פוגע בכבוד געווען. דאָס האָט אָבער לאנג ניט געקענט דויערן. דיא וועלט בעריהמטע שוישפּיעלערין אנדריענע לעקאוברייער, וועלכע איז א מאָל געווען איינע פון וואָלטערס פיעלע געליעבטע, איז געשטאָרבען און דיא קאטהאָלישע גלחים האָבען ניט ערלויבט זיא בעערדיגען מיט א קריסטליכע לויה, ווייל זיא איז ניט געווען איבריג פרום. וואָלטער האָט וועגען דעם אויפגע־שריעבען א פּאָעמא אין וועלכע ער האָט שוין מכבד געווען דיא קאַ־טוילישע גייסטליכע פאטערס.... נאכדעם האָט ער זיך געמוזט בע־האלטען... זיין ווערק „פילאָזאָפישע בריעף“ — איז אין 1734 יאָהר דורך דיא הענד פון א הענקער פערברענט געוואָרען. ענדליך אום צו פּטור ווערען פון אלע פערפאָלגונגען און אָנגרייפע האָט ער זיך בע־זעצט אין דעם שלאָס פון זיין געלעהרטע געליעבטע דיא מארקיזע דיו שאטעל. ביי איהר אין שלאָס האָט ער פערבראכט כמעט 15 יאָהר. אויף א קורצע צייט פלעגט ער מיט איהר אָדער אליין ארויס־פאָהרען קיין ברוסעל, אָדער האָללאנד און באלד זיך צוריק קעהרען. דאָ אין שלאָס האָט ער אליין און מיט זיין געליעבטע געשריעבען פיעלע ווערקע איבער דיא העכערע מאטעמאטיק, איבער פילאָזאָפיע, געשיכטע און האָט פערפאסט פיעלע דראמא און פּאָעמען.

וואָלטער איז געוואָרען בעריהמט אין גאנץ יעוראָפּא. דער פּריי־סישער קעניג, וועלכער איז בעקאנט אלס פרידריך דער גרויסער, איז געווען איינער פון וואָלטערס טרייעסטע אנהענגער. ער האָט שוין לאנג געבעטען וואָלטער זאָל קומען צו איהם לעבען, אָבער כל

זמן דיא מארקיזע דיו שאטעל האט געלעבט, האט ער ניט געקאנט ערפילען דעם קעניגס ווילען —-זיא האט איהם פשוט ניט געלאזט— ער האט עס נור געקענט טוהן נאך איהר טויט. אין 1750 יאהר איז ער געקומען קיין בערלין, דער קעניג האט איהם געגעבען א וואהנונג אין זיין שלאס, האט איהם געמאכט פאר א קאוואליער, האט איהם בעשטימט 20 טויזענד ליוורען א יאהר געהאלט. זיין נייגונג צו אב־שפאטען, אבלאכען, זיין קנאה, זיינע אינטריגען און פאלעמישע שטרייטיגקייטען, זיין איבערמעסליכע דורשט נאך כבוד און געלד האבען זעהר גיך איבערגעפיהרט דיא גוטע פערהעלטניסע צווישען איהם און דעם קעניג. דער פרעזידענט פון דער בערלינער אקאדעמיע פון וויסענשאפט א געוויסער מאפערטיוס איז געווען זעהר א בעגרענצטער מענש און א פעדאנט. טראץ דעם וואס פרידריך האט איהם געאכטעט, האט וואלטער זעהר פון איהם אבגעלאכט. ער האט דעם וויסענשאפטליכען פרעזידענט אנגערופען מיט'ן נאמען אקא־קיא און האט געמאכט חוזק פון זיין פלאן דורכבויערן דעם קוגעל פון דער ערד דורך און דורך... דאס האט ארויסגערופען א פאלעמיק צווישען איהם און זיין קעניגליכען תלמיד, וועלכער האט זיך אויך געדעכענט פאר אגאנצען קענער (פיעלע פוז דיעזען קעניגליכען קע־נערס ווערקע זיינען געווען בעארבייטעט און רעדאקטירט פון וואל־טערן). אין 1753 יאהר האט וואלטער געמוזט פערלאזען דייטש־לאנד. אויף דער דייטשער גרענעץ האט מען איהם פערהאלטען מיט זיין געפעק און מי האט צוגענומען ביי איהם א שקאטולקע מיט פרידריך'ס מתנות. אבוואהל שפעטער האט זיך וואלטער מיט זיין תלמיד איבערגעבעטען, אבער גוטע אמתע פריינדע וויא פריהער זיי־נען זיי שוין קיין מאל ניט געווען. אומקערען זיך צוריק קיין פאריז האט מען וואלטערן ניט ערלויבט ער האט זיך געקויפט א לאנדגוט (א אימעניע) אויף דער גרענעץ פון שווייצערלאנד און פראנקרייך, וועלכע האט זיך גערופען פערנעי. דא האט ער פערבראכט דיא איב־ריגע צוואנציג יאהר פון זיין לעבען אלס א באראן און א מאגנאט אומגעבען מיט א גאנצע סוויטע פון בעדיענטע, פריינדע, אנהענגער און פערעהרער. דיא גרעסטע לייט פון דער וועלט פלעגען פאהרען

קיין פערנעי, וויא חסידים פאָהרען צו א צדיק. זיין יעהריגער איינ־קונפט איז געוועז איבער 140 טויזענד ליווערען און ער האָט געלעבט וויא א פירשט אין לוקסוס און פערגניגען. דאָ האָט ער געהאט זיין אייגענעם טהעאטער פיר וועלכען ער פלעגט שרייבען שטיק, ער אליין פלעגט זיי אויפפיהרען, ער אליין און זיינע פריינדע פלעגען זיי שפּיעלען. ביז דיא לעצטע מינוטען פון זיין לעבען איז ער געווען טהעטיג, פולל מיט ענערגיע און ענטוזיאזם. ער איז געשטאָרבען אין דער שטאָדט, וואו מען האָט איהם ניט ערלויבט צו לעבען. — אין פּאַריז, אין דעם יאהר 1778, אין דער עלטער פון 84 יאהר. אין דעם יאָהר 1878, אין דעם טאָג פון זיין הונדערט יעהריגען טויט, איז אין פּאַריז געווען זעהר גרויסע און גלענצענדע פעסטליכקייטען. אין דעם יאָהר 1891 האָט מען איהם אין פערנעי געשטעלט א גרוי־סען און מערקווירדיגען מאָנומענט.

מי וואָלט געדאַרפט האָבען פיעל פּלאַץ בלויז צו דערמאָנען דיא נעמען פון אללע זיינע ווערקע. ער האָט פערפאסט איבער פופציג דראמען, קאָמעדיען און טראגעדיען. פון זיינע טראגעדיען זיינען מעהר בעקאנט „זאירע“, „עראפּע“ און „מאהאמעד“, דיא לעצטע איז איבערזעצט פון דעם גרויסען דייטשען דיכטער געטע. פון זיינע גרויסע עפּישע פּאָעמען זיינען מעהר בעריהמט זיין מייסטערווערק „הענריאדא“ און דיא „פוסעל'ן“ אין וועלכע ער מאַכט חוזק פון דער הייליגער שזאנע דארק פון זיינע פיעלע ערצעהלונגען און נאָוועלען זיינען מעהר בעקאנט „קאנדיד“ און „זאדיק“, אין וועלכע ער קריטיזירט דיא רעליגיאָן און דיא סאָציאלע פערהעלטניסע פון דער געזעלשאפט. זיינע פילאָזאָפישע טראקטאטען, זיין פילאָזאָ־פישע ענציקלאָפּעדיע, זיינע היסטאָרישע מאָנאָגראפיען, זיינע אב־האנדלונגען וועגען דער פילאָזאָפיע דער היסטאָריע וועגען רעליגיאָן, און, הויפּטזעכליך, זיינע פּובליציסטישע ארטיקלען האָבען קיין צאָל נים. א גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג האָט זיין קאָרעספּאָנדענץ — ווארום זיינע קאָרעספּאָנדענטען זיינען געווען דיא גרעסטע געלע־רענטע פון זיין צייט, דיא גרעסטע דיכטער און שרייבער, דיא גרעס־טע הערשער און קעניגע.

קיין שרייבער אין דער וועלט האָט ניט נעשפּיעלט אזא גרויסע ראָללע, וויא וואָלטער.

.2

וואָלטער אלם מענש און שרייבער.

וועגען וואָלטער'ן זיין לעבען, זיין טהעטיגקייט, זיין איינפלוס אויף דער ציוויליזרטער וועלט פון 18 יאהרהונדערט און זיינע ווערקע. וועלכע זיינען, וויא מיר האָבען אויבען דערמאָנט געדרוקט אין 70 וואָליומס קען מען און מי דארף שרייבען זעהר פיעל. אין א קליינע בראָשורע איז מעגליך צו געבען וועגען איהם נאָר א קורצע חאראקטעריסטיק.

עס איז געווען א צייט, ווען מי האָט דיא רעאקציאָנערע וועלט געשראָקען מיט וואָלטער'ן, וויא מען שרעקט קליינע קינדער מיט דעם „בוגימען"..... דער נאָמען „וואָלטעריאַנעץ" איז געווען אזא קללה פּונקט וויא איצט ביי דער בורזשואזער וועלט דיא שמות: ניהילסט, סאָציאליסט, אנארכיסט. עס איז ניט שרעקליך! ער איז ניט געווען קיין רעוואָליוציאָנער אין קיין זינען, דיא עקאָנאָמישע פּערהעלטניסע פון זיין צייט האָבען איהם ניט אינטערעסירט אלס א וויכטיגע סאָציאלע פּראָבלעם. אָבוואָהל עס האָבען שוין דאמאָלס עקזיסטירט דיא עקאָנאָמיסטען, וועלכע זיינען אונז בעקאנט אלס פיזיאָקראטען. (דיא דאָזיגע עקאָנאָמיסטען האָבען געלערענט דאָס די רייכקייט פון נאציאָנען בעשטעהט ניט אין גאָלד און זילבער, נאָר אין פּראָדוקטען פון אגריקולטור, דאָס אלע מענשען האָבען דאָס גלייכע רעכטע צו געניסען דיא פריכטע פון זייער ארבייט און דאָס איז אוננאטירליך— לײדיג־געהער זאָלען לעבען א גוטען טאָג און דיא וואָס ארבייטען זאָלען ליידען נויטה). ער איז ניט געווען קיין פּאָליטישער ראדיקאל. ער האָט געמאכט חוזק פון דיא שרייבער, וועלכע האָבען געגלויבט אין א רעפּובליקאנישע פאָרם פון רעגיערונג. פארקעהרט, ער האָט געגלויבט אין דיא נויטווענדיגקייט פון אן אווטאָקראט, ער מוז נאָר זיין א געבילדעטער און „הומאנער

דעספּאָט". וואלטער איז זאָגאר קיין געוועהנליכער דעמאָקראט ניט געוועזן. ער האָט גאנץ אָפּפען געלאכט פון דיא קאנאליען, פון וועלכע עס בעשטעהט דאָס פאָלק, דער פעבעל, דיא פּראָסטע מענשעלאך. שוסטער און דיענסטמיידלאך אויפקלעהרען, זאָגט ער, דאָס איז ניט אונזער זאך, דאָס איז דיא אויפגאַבע פון אַפּאָסטאָלען. עס האַנדעלט זיך ניט אין דעם, זאָגט ער, אונזערע לאקײען פערהינדערען פון צו גיין אין קירכע, הערען דרשות און דאווענען... „מיר וועלען גיך האָבען א נייעם הימעל און א נייע ערד. אָבער ווער? דיא אנשטענדיגע לייט נאָר. וואָס בעטרעפט דיא קאנאליען, דעם פעבעל איז דיא דומ־סטע ערד און דער דומסטער הימעל געראדע דאָס וואָס זיי דארפען. דאָס פאָלק וועט אימער דום און בארבאריש בלייבען. זיי זיינען אָקסען, וועלכע דארפען האָבען א יאָך, א שטאהל און א בינטעל שטרוי".

ער איז אפילו קיין אטעאיסט אויך ניט געוועזן. ער האָט גע־גלויבט אין א פערזענליכען גאָט און האָט זעהר פיעל געשריעבען, אום צו איבערצייגען דיא אונגלויביגע, אז א גאָטט איז א נויטווענ־דיגע זאך. דיא גאנצע וועלט ווייסט זיין בעריהמטע סענטענץ: „אויב עס איז ניטא קיין גאָטט, מוז מען אזעלכען ערפינדען". געבילדעטע מענשען און פילאָזאָפען האָט ער נאך וויא עס איז ערלויבט צו זיין אטעאיסטען, דאָס פאָלק אָבער מוז האָבען א גאָטט, ווייל דאָס איז פראקטיש. דער פּראָסטער מענש זאָל ניט מורא האָבען פאר'ן גיהנם, פאר שמיץ, וועט קיין פאָרם פון רעגיערונג קענען עקזיסטירען און קיין אָרדנונג אין דער געזעלשאפט. מיט דיעזער טעאָריע זיינער האָט ער געהאט פיעל קאָפּ־דרייעניש. ער האָט געגלויבט אין גאָטט אין שכר ועונש, און האָט ניט געגלויבט אין דער אונשטערבליכקייט דער זעעלע. ער האָט געלאכט פון דיא, וואָס גלויבען אז דער מענש האָט ערגעץ וואו א נשמה. פרעגט זיך, אז קיין נשמה איז ניטא און קיין יענע וועלט איז ניטא, וויא אזוי וועלען דיא פויערען און קא־נאליען בעשטראָפט ווערען פאר זייערע חטאים און עברות? אויף זיינע עלטערע יאָהרען, ווען ער איז געוועזן זעהר רייך און האָט גע־לעבט וויא א באראָן, האָט ער אין זיין אימעניע אויפגעבויט אקירכע.

אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעשריעבען: וואלטער האט דאס אויפגעבויט פאר גאטט! פאר זיין שטארבען האט ער ערקלערט אפפען, אז ער וויל שטארבען אין דער הייליגער קריסט־קאטאלישׁ־אפאסטאלישער קירכע. און פאר זיין טויט האט ער אונטערגעשריע־בען א פאפיער, אין וועלכער ער האט זיך ענטזאגט פון אללעס וואס ער האט געשריבען געגען קריסטענטהום. מיט איין ווארט, וואלטער איז אין קיין הינזיכט ניט געווען צו ראדיקאל. נאך פאר איהם און אין זיין צייט זיינען געווען דיינקער, וועלכע האבען א סך ראַ־דיקאלער בעהאנדעלט אללע פראגען פון געזעללשאפטליכען לעבען. פאר ו:אס־זשע פלעגט פאללען אן אימה ופחד אויף דער רעאקציאָ־נערע וועלט, אז מען פלעגט נאר דערמאָנען זיין פערהאסטען נאמען ?

מען זאגט, וואלטער איז געווען א גרויסער קעמפפער פאר דיא פרייהייט דעס ווארטעס, פאר דיעזען קאמפף זיינעם איז ער עט־ליכע מאל געזעסען אין באסטיליע און איז פערטריעבען געווארען פון זיין פאטערלאנד. דאס איז ניט ריכטיג. ער איז ניט געווען קיין בראווער בעוואגטער קעמפפער, ער איז נאר געווען א שרעקלי־כער דעמאגאג. ער האט ניט געהאט קיינע פרינציפען, קיינע סימ־פאטהיען, קיין הייליגטהום. וויא אן אכזר דאט ער פערפאלגט מיט א טייוולישע ענערגיע זיינע אינטערעסען, אהן רחמנות, אהן מיט־לייד, אהן אבשיי. אבער ער איז קיינמאל ניט ארוים אין א'ן אפע־נעם קאמפף געגען דיא, וואס אונטערדריקען און רויבען דיא פריי־הייט. פארקעהרט, זיין גאנצען לעבען איז ער געווען א מחותן מיט קיסרים קעניגע, פירסטען, פרינצען... האט זיך גע'חנפ'עט צו זיי, געשנארעט געלד ביי זיי, געמאכט זיי קאמפלימענטען. ער איז געזעסען אין באסטיליע פאר פאסקווילען און שמוציגע ארטיק־לען, וועלכע ער פלעגט ארויסלאזען אונטער א פרעמדען נאמען.... ער האט קיין מאל ניט געהאט קיין מוט מודה זיין זיך, אז אן ארטיקעל, וועלכער האט אימיצען פון דיא גרויסע בייז געמאכט, איז געווען געשריעבען פון איהם.... ער פלעגט זיך שווערען אז דאס איז א בלבול און שטילערהייט פלעגט ער צו בעקאנטע און בעריהמ־

טע מענשען, צו ליעבהאָבער פון סענזאציאָן און סקאנדאל געבען קאָפּיעס פון זיין שריפט... דאס האָט איהם געמאכט פאר א גע־פעהרליכען מענשען.

אלס מענש איז ער געווען א שרעקליכער עגאָאיסט. דיא מענשען, זאגט ער, זיינען געשאפען צו זיין אָדער איין אמבוס אָדער א האמער. איך וויל בעסער זיין א האמער... ער האָט געקלאפּט וואו ער האָט נור געפונען מעטאל צו שמיעזיען. ער האָט געדענקט נור פיר זיך, האָט ליעב געהאט כבוד, האָט געוואָלט זיין רייך און האָט ניט מקפּיד געווען ווענען מיטלען... ער האָט געמאכט געלד און פיעל געלד, וואָרום ער איז ענדליך געוואָרען א גרויסער עושר, ניט פון שרייבען, נור פון פערשיעדענע אַפערעס, האָט גענעבען געלד אויף פּראָצענט, געהאנדעלט מיט פּאפּיערען, געווען א קאָנ־טראַקטאָר, א פּאָדריאטשיק, א ספּעקולאנט און איז געווען זעהר א קארגער, אָבוואָהל ער האָט ניט געהאט קיין ווייב און ניט קיין קינדער. אויף דער עלטער, ווען ער האָט געלעבט אין זיין פּאלאַץ אין זיין אייגענע אימעניע פערנעו, אויף דעם גרענעץ פון שווייצערלאנד און פראנקרייך, האָט ער געלעבט וויא אללע מאג־נאטען מיט אן אייגענעם טהעאטער, אייגענע פּאָדדאנעס, פערד, וועגען, גלחים און פערעהרער. אין דער צייט פלעגט ער אמאָל זיך ארויסצייגען אויך אלס א בעל צדקה, אבער ווער ווייסט, וועלכע מאָטיווען ער האָט דערביי געהאט. ער איז ניט געווען קיין גוטער מענש. האָט קיין מאָל ניט מוחל געווען, אויב מען האָט איהם פוגע בכבוד געווען. אין פילאָזאָפישע טראַקטאטען, אין פּאָעמען, אין דראמען פלעגט ער געפינען פּלאטץ פיר זיינע פּערזענליכע חשבונות, וויא פון זיינע שונאים נקמה נעהמען, שימפּפען און בע־ליידיגען זיי. ער איז ניט געווען קיין אויפריכטיגער מענש. אין דיא אויגען האָט ער געזאגט אזוי און אונטער דיא אויגען אנדערש. אלס וואָלטער האָט ער גערעדט פון א פּערזאָן אזוי און אונטער אן אויסגעטראכטען נאמען פלעגט ער שרייבען גאָר אנדערש. פריעדריך'ען דעם גרוסען פלעגט ער שרייבען, אז ער איז דער שלמה המלך און אונטער דיא אויגען פלעגט ער איהם רופען אפּפע... דער

רוססישער צאַריצע יעקאַטערינאַ האָט ער געשריעבען אז זיא איז דיא איינציגע „סעמיראַמיס דעס נאָרדענס"... און מיט א קורצע צייט פריהער האָט ער דאסזעלבע געשריעבען דער האלב־ווילדער צאַריצע יעליזאַוועטע... דער עיקר איז געווען ביי איהם נאָר צו קריגען א קאָממישאָן. ווען ער איז געווען ביי פריעדריך'ען אין פּרייסען האָט ער געוואָלט ווערען א געהיימער אגענט פון זיין רעגיערונג און אויסגעפינען פּאָליטישע סעקרעטען... עס האט איהם אבער ניט געגליקט... פריהער האָבען איהם דיא פראַנצויזישע דיפּלאָמאטען ניט געגלויבט און שפּעטער האָט זיך פריעדריך ניט געלאָזט נאַררען. ער האט זיין רבי, וואָלטער'ן, זעהר גוט פערשטאַנען. דיינע ווערקען, האָט פריעדריך געזאגט וואָלטער'ן, פערדיענען מאָנומענטען און דיינע טהאטען פערדיענען קייטען. — „עס איז גוט וואָלטער'ן צו לעזען, אבער ניט צו קענען"... עס איז אין וואָלטערס כאראקטער ניט געלעגען צו פיהלען ווארימע פריינדשאפט און ליבע... פיעלע פרויען האָבען איהם געליבט, פערגעטערט, ער אָבער האָט זיך נאָר אמוזירט... איהם האָט ליעב געהאט דיא בעריהמטע אקטריססע אַנדריענאַ לוקובריער, איהם האָט ליעב געהאט א יונגעס מעדכען וועלכע ער האָט בעגעגענט אין דער פּראָווינץ... ער האָט זיא געבראכט קיין פאריז, צוגעזאגט צו מאַכען זיא פאר א בעריהמטע אקטריסע און ווען ער האָט זיא ניט געדארפט מעהר, האָט ער זיא פערגעסען.. שפּעטער ווען זיא האָט געהייראטהעט מיט א בעריהמטען נאָבעלמאַן, האָט ער זיא ווידער געוואָלט בעגליקען, האָט זיא איהם אבער געהייסען נעהמען דעם וועג... דאס האָט איהם ניט לאַנג פערדראָסען, ער האָט זעהר גיך געפונען אנדערע געליעבטע... דיא איינע פרוי מיט וועלכע ער איז געווען פערבונדען א היבשע צייט איז דיא מארקיזע דו שאטעל.... אין יענע צייטען האָבען די העכערע קלאַסע מענער ניט געהאט ראַגעגען, זייערע פרויען זאָלען האָבען געליעבטע, טרייהייט אין פאַמיליען־לעבען האָט זיך גערעכענט פאר אן אבגעשמאַקטע זאך, וועלכע איז ארויס פון דער מאָדע. וואָלטער איז געווען פיעל יאהרען דער מארקיזעס געליעבטער, ער האָט געלעבט רוהיג אין איהר

שלאָסס מיט אללע בעקוועמליכקייטען... זיא איז ווירקליך געווען א מערקווירדיגע פרוי, קלוג, שעהן און זעהר געבילדעט.... זיא האָט דעם גרויסען וואָלטער געהאלטען אינטער איהר פאַנטאָפעל, דער־פאר האָט ער זיך נעבען איהר אזוי לאנג געהאלטען... דאס טרעפט זיך שטענדיג מיט מענשען, וועלכע האָבען אזעלכע האראקטערס וויא וואָלטער. דאָ איז דער פּלאץ צו בעמערקען, אז ער האָט פער־ביטען זיין ריכטיגען נאָמען אום צו פערלייקענען אז ער שטאמט פון א קליין־בירגערליכע פאמיליע... ער האָט זיך א נאָמען געגעבען פאָן וואָלטער, עס זאָל אויסזעהן גרויסארטיגער און זאָל קלינגען בעססער.

עס איז געווען א צייט, ווען מען האָט וואָלטער'ן גערופען : דער קעניג פון דיא דענקער פון 18טען יאהר־הונדערט. דידעראָ איז געווען א סך א טיעפערער דענקער פון וואָלטער'ן. זשאַן זשאַק רוססאָ איז א סך נעהנטער צוגעגאנגען צו אלע וויכטגע פּראָבלע־מען פון'ם סאָציאלען לעבען. אמת, וואָלטער האָט אויפגעשריבען זיעבציג בענדער. ער איז געווען א פילאָזאָף, א היסטאָריקער, א פּאָעט, א דראמאטורג, א ראָמאַניסט. אָבער פערנעהמט דען וואָל־טער א פּלאץ אין דער פילאָזאָפיע אלס א זעלבסטשטענדיגער פי־לאָזאָף ? האָט ער געשאפען א פילאָזאָפישע סיסטעם ? אין קיין היסטאָריע דער פילאָזאָפיע געפינט איהר ניט וואָלטער'ן צווישען דיא פילאָזאָפען. אפילו זיינע גרעסטע פערעהרער אנערקענען נאָר, אז וואָלטער איז געווען דער געשיקטסטער מענש אין דער וועלט נאָר צו ערקלעהרען און פּאָפּולער מאכען פילאָזאָפישע געדאנקען פון אנדערע. אין אללע זיינע 70 ביכער געפינט מען ניט איין ווערק, וועלכע זאָל איהם אין דער געשיכטע דער ליטעראטור שטע־לען אויף איין פּלאטץ מיט דיא וועלט־בעקאנטע קלאסיקער. ער האָט ניט אויפגעשריעבען קיין „פויסט", קיין „האמלעט", קיין „דאָן קיכאָט". אללע זיינע ווערק האָבען נאָר א היסטאָרישע בע־דייטונג און זעלטען ווען איהר קענט וואָלטער'ן געפינען אין א פּריוואט ביבליאָטהעק.

אלס א היסטאָריקער איז ער בעקאנט נאָר מיט זיינע שבחים,

וועלכע ער האָט געשריעבען וועגען דעם מערדער און בוטשער קארל דעם עלפטען, וועגען דעם אויסגעלאסענעם דעספּאָט און טיראן לודוויג דעם 14טען, וועלכען וואָלטער האָט פארגעטערט. ער האָט געשריעבען דיא געשיכטע פון רוסישען צאר פּעטער, ווייל ער האָט געהאט אן אָרדער און האָט געקראָגען גוט בעצאהלט. ווען זשאן זשאק רוססאָ האָט זיך ערלויבט אויסצודריקען א געדאנק, אז רוססלאנד איז א פינסטערע מאכט, וועלכע דראָהעט דער גאנ־צער ציוויליזרטער יעווראָפּא, איז וואָלטער אויף איהם ארויפגע־פאללען מיט דיא ניעדריגסטע בעליידיגונגען, האָט איהם אנגערו־פען א פליעג, א גאָרנישט, וועלכער וויל פון זיין בוידעם זעהן דיא עראייגניססע פון דער וועלט־געשיכטע. שלאָסער זאגט, אז פון אללע היסטאָרישע ארבייטען פון וואָלטער, איז נאָר זיין געשיכטע פון לודוויג דעם 14טען דיא איינציגע פון וועלכע מען קען זיך ער־לויבען, און דאס מיט א גרויסע פאָרזיכטיגקייט, איינינגע בעמערקונ־גען צו ענטלייהען.

ער האָט אויפגעשריעבען זעהר פיעל דראמען און איינינע קאָמעדיען, וועלכע האָבען אין זיינער צייט געמאכט א שטורם. וואו זיינען זיי איצט? וואו שפּיעלט מען זיי? ווען זיינען זיי בעקאנט? ער אליין האָט זיך געהאלטען פאר א זעהר גרויסען דראמאטורג, האָט געשריבען אין א הויך־פּערקינצעלטען קלאסישען טאָן, נאָך דיא אללע רעגעלען און קאזיאָנע געזעצע פון טראגעדי. פון שעקספּיער'ן האָט ער ניט זעהר שטארק געהאלטען. אָבוואָהל ער האָט צוגעגעבען, אז שעקספּיער איז א זשעני, אָבער זיינע דרא־מען זיינען געשריעבען געוואָרען צו ווילד און בארבאריש. זאָגאר „האמלעט" איז נאָך זיין מיינונג א שטיק וואו איינער ווערט משוגע אין ערשטען אקט, דער צווייטער אין צווייטען אקט, אין דריטען אקט שלאָגט מען זיך און מען טרינקט, נאכדעם גראָבט מען א קבר אויף דער ביהנע, מען שלאָגט זיך און מען פּערגיפּטעט. ווען ער, וואָלטער, וואָלט האָבען א מאכט, זאָגט ער, וואָלט ער שעקס־פּירען ניט ארייגעלאָזט אין פראנקרייך. און דאָך וואס האָט ער אליין געטהאָן? ער האָט אין זיינע דראמען נאָכגעקרימט שעקס־

פירען, האָט געמאכט אן אָטהעללאָ נאָך זיין מוסטער, האָט געווי־ זען שעקספּיערן וויא מען דארף שרייבען ראָמעאָ און דזשוליאָ א. ז. וו. לעסינג האָט געמאכט א תל פון וואָלטער׳ס דראמען אין זיינע קריטישע בריעף וועגען דראמאטורגיע. ער האָט פּשוט איבער־ צייגט אז ער איז א שארלאטאן. וועגען וואָלטער׳ס דראמא „מע־ ראָפּע" ערצעהלט לעסינג, וויא אזוי דאָס שטיק איז גענומען גע־ וואָרען ביי א איטאליענישען שרייבער. וויא אזוי וואָלטער אליין האָט אונטער דעם נאָמען פון אן אויסגעטראכטען לינדעל אויפ־ געשריעבען א פּאסקוויל אויף דעם אָריגינעלען פּערפאסער, האָט איהם געמאכט מיט דער בלאָטע און געצייגט אויף וויפיעל זיין „מעראָפּע" שטייט ניעדריגער פון דעם גרויסען וואָלטער׳ס „מע־ ראפּע". דארויף האָט כלומר׳שט שוין אליין וואָלטער געענטפערט, אז אָבוואָהל דעם איטאליענערס „מעראָפּע" האָט אין זיך גרויסע פּעהלערן, איז דאָך לינדעל ניט אין גאנצען גערעכט. מיט אזעלכע פּאָרטעלען, רעקלאמען און פאלשע פּסעוודאָנימען האָט זיך וואָל־ טער זעהר אָפט בענוצט.

זיינע פּאָעטישע ווערקע זיינען זעהר גלענצענד, קלינגענד אין זעהר א רייכע שארפע שפּראכע, זיי זיינען אבער קאלט, טרוקען און געפיהללאָז, ווארום ער אלליין איז געוועזן א טרוקענער קאל־ טער מענש, אָהן געפיהל און אָהן הארץ. זיינע פּאָעזיען בעריהרען קיינע גרויסע פּראָבלעמען און רעדען ניט צו דער זעעלע פון׳ם מענ־ שען. זיינע ראָמאנען קען מען רעכענען פאר אללעם אין דער וועלט, נאָר ניט פאר בעלעטריסטישע ווערקע. עס איז פּילאָזאָ־ פישע טראקטאטען, סאטירען, קריטיקען, אבער קיינע קונסט־ ווערקע, קיינע ראָמאנען. די פּערזאָנען פון זיינע ערציילונגען זיינען ניט לעבעדיגע מענשען, עס איז מאריאָנעטען, קוקלעס, וועלכע טאנצען אום, ווייל וואָלטער ציהט זיי פאר׳י שטריקעל און צווינגט זיי צו מאכען אלערליי האוואיעס און צו אויסשרייען אזעלכע קלוגע מאָנאָלאָגען און שארפע געדאנקען, וויא זייער בעל הבית וויל. גע־ נומען זיינען זיי אלע ניט פון ריכטיגען לעבען, נאָר פון א פאנטאס־

טישע אויסגעטראכטע מערכענוועלט... דיא ווירקליכקייט, דאָס רעאלע לעבען שפּיעלען קיין ראָללע אין וואָלטעו'ס ראָמאנען.

אין וואָס־זשע שטעקט זיין קראַפט, זיין מאכט, זיין גרויסקייט? וואונדערן זיך שוין מאנכע פון אייך. איהר האָט נאָר געדולד... בעפאָר איך וועל פערענטפערן דיא פראגע, וועט איהר אייך נאָך מעהר וואונדערן.

.3

וואָלטער אלס יודען־פיינד.

דיא היינטיגע אנטיסעמיטען מיט אלע זייערע רייד און שריי־בערייען קענען זיך רעכענען געגען וואָלטער'ן אלס קליינע הינטע־לעך. וואָלטער האָט דיא אידען געביסען מיט גרויסע שארפע און גיפטיגע צייהן. וואו ער האָט נור געקענט, איז דאס געוועז אויף'ן פלאַץ אָדער ניט, איז דאָס געוועז פּאסענד אָדער ניט, אין א פילאָ־זאָפישע אבהאנדלונג, אָדער אין א היסטאָרישע מאָנאָגראפיע, אָדער אין א ראָמאן, אום און אום וואו ער האָט נור געקענט פון דיא אידען אָבלאכען, ערניעדריגען זיי, בעשימפּפען, בעשמוצען, — האָט ער עס ניט פערפעהלט צו טהון פלייסיג און מיט ענערגיע. ער איז אליין געוועזען א געשעפטמאכער און א פראַצענטניק און דיא אידען האָט ער מיט דעם געשטאָכען דיא אויגען. ער אליין האָט ניט געגלויבט אין השארת הנפש און דיא אידען האָט ער גערעכענט פאר א ניעדריגעס בארבארישעס פאָלק ווייל אין זייער ביבעל זאגט מען צו דיא פרומע אידען נאָר עולם הזה און קיין עולם הבא. פון דער ביבעל, וואו ער האָט נאָר געהאט א געלעגענהייט, האָט ער געמאכט חוזק. אין זיין פילאָזאָפישען ווערטער־בוך, ווען ער קומט צום וואָרט „יוד" דערציילט ער אין א היסטאָרישע פאָרמע נאָר זיינע מחלוקות, קריעג און מלחמות. זאָגאר זייער העלדישען קאמפּף פיר זייער פרייהייט מיט דיא רוימער לאכט ער אָב און זאגט קאלטבלוטיג, אז דיא רוימער האָבען פיעלע טויזענדער אידלאך פערקויפט ניט טהייערער פון דעם פרייז, וואָס מען נעהמט פיר אַ

בעשעפעניש, וואס דיא אידען טאָרען ניט עסען. ער דערציילט אַז דיא אידישע פרויען איז פערבאָטען איז דער ביבעל צו ליעגען מיט אייזלען און פערד, עס איז א סימן אז דיא אידישע פרויען זיינען געווען געוואוינט צו אזעלכע דעליקאטעסען. ער מאכט זיך לוסטיג דאריבער וויא טויזענדער אידען זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרען, ווייל אנשטאט „שין" האָבען זיי געזאגט „סין", אָדער ווייל זיי האָבען זיך צוגעריהרט צום ארון קודש א. ז. וו. ער ענדיגט זיין היסטאָרישען איבערבליק מיט דיעזע ווערטער : „דערפון זעהט מען אז דיא אידען זיינען געווען שטענדיג אָדער בראדיאגעס, אָדער רויבער, אָדער קנעכט, אָדער מיאטעזשניקעס. זיי זיינען נאָך איצט וואגאבונדען אויף דער ערד, פעראכטעט פון אלע מענשען און טענה'ן נאָך אלץ אז דיא הימלען, דיא ערד, דיא גאנצע מענשהייט זיינען בעשאפען געוואָרען נאָר פון זייער'ט וועגען". ער בעשולדיגט דיא אידען אין דעם, דאס זיי זיינען געווען קאניבאלען (האָבען געגעסען מענשען-פלייש) און האָבען צו זייער גאָט געבראכט מענשען פאר קרבנות... אין זיין פילאָזאָפישען ווערטער-בוך גיט ער געגוג פלאץ אברהם'ן, דוד המלך, אלע נביאים.. מאנכעס מאָל זעהר שארף און וויציג.. וועגען דעם נביא יחזקאל דערציילט ער, אז גאָט האָט איהם געהייסען נעהרען זיך א געוויסע צייט מיט ברויט, וואס איז בעדעקט מיט מענשליכע... יחזקאל האָט קוים אויסגעבעטען ביי גאָט דיא טובה, אנשטאט מענשליכע... איינקנעטען אין זיין ברויט דעם קויט פון א בהמה... א איד אין אמסטערדאם האט איהם געזאָגט, אז מען דארף עס ניט פערשטעהן בוכשטעבליך, עס איז א פאנטאזיע... אויב עס איז א פאנטאזיע, בעמערקט וואָלטער, יארף מען בעסער לעזען דיא פאנטאזיען פון האָמער, ווירגיל און אָוויד. נאָר ווענען עס געפעלט בעסער דיא פראָפעצייהונג פון א יחזקאל זאָל עסען מיט איהם זיין אָנבייסען...

אלס געשעפטמאכער האָט וואָלטער געהאט צו טהון מיט אידישע סוחרים אין ענגלאנד, אין האָלאנד און דייטשלאנד. דאס געוויס, האָט איהם ניט געקענט מאכען פריינדליכער צו דער גאנצער אידישער נאציאָן. ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן האָט ער

פערטרויעט א קאפּיטאל צו א אידען, א געוויסען מענדעס, מיט וועלכען ער האָט געוואָלט ספּעקולירען בשותפות. מענדעס האָט באנקראָטירט און וואָלטער'ן איז אנגעקומען נאָר א קליינער טהייל פון זיין געלד. אין בערלין האָט ער זיך פארפּלאָנטערט מיט א אידען הירשעל גאָר אין א מיאוסע געשיכטע.... ער האט דורך דעם הירשעל געוואָלט צונויפקויפען פּאפּיערען, וועלכע זיינען פערבאָטען אין פּרייסען. ער האָט דאָס געמוזט טהאָן בשתיקה, זיין פּאטראָן, תלמיד און פערעהרער, פריעדריך דער גרויסער זאָל דאָס ניט וויססען. ער איז דאמאלס געוועזען פריעדריך'ס קאמער־הערר, האָט געקראָגען פון איהם צעהנער טויזענדער א יאהר, האָט געלעבט ביים הויף, געפּאָהרען אין הויף'ס־קארעטען, געגעסען ביים קעניגס טיש און געשפּיעלט א ראָללע פון זעהר א גרויסען פּריץ. מען ווייס ניט, אויב עס איז וואהר אָדער ניט, דער איד הירשעל האָט ער־קלעהרט אז אנדערע אידען, קאָנקורענטען, האָבען אונמיסטען אויפגעהויבען דעם קורס פון דיא פּאפּיערען, איידער ער האָט זיי געקויפט און אז ער האָט דערביי פערלאָרען זיין געלד און אויך וואָלטער'ס געלד... וואָלטער האָט ארויסגענאַרט ביי דעם אידען א סך טהייערע בריליאנטען, כלומרשט מיט'ן צוועק צו קויפען זיי, און האָט עס ניט געוואָלט צוריקגעבען. דערצו האָט ער נאָך גע־פעלשט אן אונטערשריפט פון הירשלען. עס איז ארויס אן עפענט־ליכער סקאנדאל, דער איד האָט דערלאנגט אויף וואָלטער'ן אין געריכט.... פריעדריך האָט פריהער אויך געוואוסט וואס פאר א ניעדריגען כאראקטער וואָלטער האָט, דיעזער סקאנדאל האָט אבער גערויבט דיא לעצטע ביסעל אכטונג וואס דער געקרוינטער תלמיד האָט געהאט צו דעם בעריהמטען רבי'ן. לאָזט צו רוה, האָט פריעד־ריך צו איהם געזאגט, דעם נייעם און דעם אלטען טעסטאמענט. א פילאָזאָף דארף זיין פריהער פון אלץ איין אנשטענדיגער מענש... דיעזער סקאנדאל האָט געפיהרט נאכדעם דערצו, אז צווישען דיזע צוויי גדולים איז ארויס א מחלוקה. וואָלטער, אלס נוקם ונוטר האָט דאס געוויס ניט געקענט פערגעסען. מערקווירדיג איז דאס, דאס וואָלטער'ס פּאפּיערען און דאָקומענטען ביי דיעזען שמוציגען

פראַצעס פון הירשעל און וואָלטער האָט איבערזעצט פון פראנצוי־
זיש אין דייטש דער גרויסער לעססינג, וועלכער איז דאמאלס געווען
א יונגערמאן פון א יאהר עטליכע און צוואנציג, דער זעלבער וואס
האָט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיין „נאטהאן דער ווייזע" . . .
וואָלטער האָט לעססינג'ן ניט געליעבט. לעססינג האָט וואָלטער'ן
שוין דאמאלס פערשטאנען...

א פאָרטוגעזישער איד מיט'ן נאָמען פינטא, איז ארוים נעגען
וואָלטער'ן מיט א פאָלעמישע בראָשורא... דיא פאָרטוגעזישע און
שפּאנישע אידען האָבען זיך דאמאלס גערעכענט פאר דיא אריסטאָ־
קראטען פון אידישען פאָלק און האָבען געקוקט אויף דיא פוילישע
און דייטשע יהודים, וויא דיא יהודים פון דעם
ניו יאָרקער אריסטאָקראטישען קווארטאל קוקען
איצט אויף דיא אידלאך פון דער ניו יאָרקער געהעטאָ. דיזער פינטא
האָט געזאגט, אז דאָס וואס וואָלטער שרייבט קען זיין איז וואהר,
אויב ער מיינט דיא פוילישע און דייטשע אידען, דיא פאָרטוגעזישע
אבער זיינען איידעל־לייט און אריסטאָקראטען... וואָלטער האָט
צוגעגעבען אז פינטא איז גערעכט און ער איז בערייט צו מאכען
איין אויסנאהמע פאר דיא פאָרטוגעזישע אריסטאָקראטען... ער,
האָט בערעכענט, אז ער מאכט דערביי א בעסער געשעפט,
אלס זיין אָפּאָנענט, דער אידישער פערטהיידיגער פינטא...

אין זיינע „בריעף געגען זעקס אידען" גיסט ער ווידער גיפט,
שוועבעל און פעך אויף דיא אידען. ער דערמאָהנט זיי ווידער די
אלטע חטאים און ענדיגט איינעם פון זיינע בריעף מיט דיעזער
פריינדליכער עצה : געגוג אייך צו זיין אנימאלס, וואס קענען נאָר
רעכענען, צייט איהר זאָלט אנהייבען דיינקען... אויב איהר ווילט
געהן קיין פאלעסטינא, זאגט ער אין דיעזע בריעף, געהט אייך גע־
זונדערהייט אין דעם לאנד פון שטיינער און זאמד, וואו גאָט האָט
אייך צוגעזאגט מילך און האָניג און האָט פארגעסען אז מען דארף
ברויט אויך. אבער ווען איהר וועט געהן, בעט איך אייך, לאָזט
אונז איבער עטליכע אידען, ווארום אויב מיר זיינען אין רעליגיאָן

זאכען אזוי נארריש וויא איהר, זייט איהר אין פראגען פון קויפען און פערקויפען א סך קליגער פון אונז...."

וואס דיא אידען קענען מאכען געלד ביים קויפען און פערקויפען, דאס איז געווען דיא איינציגע זאך, וואס ער האט דיא אידען מקנא געוועז.

פאר וואס־זשע רעכענט מען וואלטער'ן פאר א גרויסען מענשען?

4.

וואלטער אלס א־יפקלעהרער.

ניט אין דער געשיכטע פון פילאזאפיע און ניט אין דער געשיכטע פון ליטעראטור דארף מען זוכען וואלטער'ס פלאץ, איהם קומט א בעזונדער קאפיטעל און א גרויסער קאפיטעל אין דער אלגעמיינער וועלט־געשיכטע, וועלכע דערציילט וויא דיא קולטור פון דער מענשהייט האט זיך ענטוויקעלט, וויא אזוי דער גייסט פון דעם מענשען האט זיך עמאנסיפירט פון דעם יאך פון אבערגלויבען און האט זיך בעפרייט פון דיא קייטען פון פאנאטיזמוס. אין דער וועלט־געשיכטע דארף וואלטער פארנעהמעז פלאץ וויא דער רעפארמאטאר מארטין לוטהער און דער קריעגס־פיהרער נאפאלעאן באנעפארטע. ער איז א נאפאלעאן און א לוטהער צוזאמען! וויא נאפאלעאן האט ער מיט זיין פראנצויזישער ארמעע, א ארמעע פון גלענצענדע שריפטען שארפע קריטיקען, גיפטיגע סאטירען, הומאריסטישע כאראקטעריסטיקען, געשריעבען אין דער קלינגענדער רייכער פראנצויזישער שפראכע,—מיט דיעזער ארמעע האט ער איינגענומען דיא גאנצע ציוויליזירטע יעוראפע, אומגעווארפען אלע גרענעצען פון דער אלטער טראדיציאן, ארונטערגעשמיסען הערשענדע מיינונגען און געזעצט אויף דיא טהראנען פון דעם מענשענס אינטילעקטואלען קעניגרייך נייע רעגיערענדע געדאנקען, נייע הערשענדע אנשויאונגען. וויא לוטהער איז ער געוועזן איין רעפארמאטאר. לוטהער האט רעפארמירט יעוראפא דערמיט וואס ער האט אבגענומען דעם אווטאריטעט בייא דעם פאבסט פון רוים. דער איינציגער אווטאריטעט, האט ער געזאגט, איז אין דיא

הימלען.... וואָלטער האָט רעפאָרמירט דיא ציוויליזירטע וועלט דערמיט, וואס ער האט אָבגענומען דעם אווטאָריטעט ביי דיא הימלען, און האָט ערקלעהרט, אז דער איינציגער אווטאָריטעט איז דער מענש אליין. וואָלטער איז ניט געווען קיין פילאָזאָף, ניט קיין פאָעט, ער איז געווען א גרויסער אויפקלעהרער און עמאַנסיפּאַטאָר! א קריעגס־גענעראל אָהן עפּאָלעטען, א רעפאָרמאטאָר אָהן א יארמולקע פון א מאָנאך.

דיא דענקענדע מענשען פון 18טען יאהר־הונדערט האָבען פרייהער פון אלץ אנגעהויבען רעדען פון דעם מענשענס אינטערעסען, שפּעטער שוין האָט מען אָנגעהויבען צו רעדען פון דעם מענשענס רעכטע. דער מענש האָט אין דער אלטער רעאקציאָנערער וועלט ניט געהאט קיין פּערזענליכע אינטערעסען אין דעם לעבען; ער האָט נאָר געלעבט צוליעב גאָטט און זיינע פאָרשטייער.... דאס האָט געפיהרט צו דעם געגענזאץ דאס דיא דענקער פון דעם 18טען יאהר־הונדערט זיינען געווען גרויסע עפּיקוריער, האָבען פּראָפּאגאנדירט דיא אידעע פון אינדיווידועללען גליק און אוטיליטאריזם — פּערזענליכע נוצליכקייט, דערפאר זעהען מיר אז אין 18טען יאהר־הונדערט האָבען פּרינציפּען געשפּיעלט א קליינע ראָללע, דיא הויפּטזאכע איז געווען דער צוועק — ערקלעהרען דעם מענשען זיינע אייגענע אינטערעסען... וואָלטער איז ניט געווען קיין פּרינציפּיעלער מענש! זיין ארבייט איז געווען א נעגאטיווע, ניט קיין פּאָזיטיווע... ער האָט ניט געבויט, ער האָט צושטערט אלטע געביידעס, ער איז געקומען אבלאכען, פּערשפּאָטען, פּערנייגען, קריטיזירען, רייסען דיא דומהייט פאר דיא אויערען און ער האָט עס געטהאָן מיט א מערקווירדיגע ענערגיע זיין גאנצען לעבען, און געלעבט האָט ער דערצו זעהר לאנג. ער איז ניט געווען קיין אידעאליסט, ער האָט ניט פילאָזאָפירט צוליעב דער פילאָזאָפיע, און ניט פּאָעטיזירט צוליעב דער פּאָעזי, ער איז געווען א פּראקטישער ארבייטער, וועלכער האָט געוואָלט קומען אין בעריהרונג מיט דער גאנצער וועלט, אויפקלעהרען יעדען מענשען און רעדען צו יעדען מיט א פערשטענדליכע שפּראכע. אויב איהר ווילט אייך פאָרשטעללען דיא קראפט

און דעם געוואלטיגען איינפלוס פון וואָלטער'ן, נעהמט אללע צייר־טונגען פון דער גאַנצער וועלט, אללע זשורנאלען, וויסענשאפטליכע און פּאָליטישע צייטשריפטען לייגט דאָס אללעס צונויף, זייערע דרוק־מאשינען, ארמעען שרייבער און מיליאָנען מיטארבייטער, פערקערפּערט דאָס אללעס אין איין מענשען — דאָס איז וואָל־טער! ער איינער איז דאמאלס געוועזן דיא גאנצע וועלט־פּרעססע; איהם האָט געלעזען דיא גאנצע ציוויליזירטע וועלט... ער אליין איז געוועזן דער לייטענדער גייסט פון דער עפענטליכער מיינונג פון גאַנץ יעווראָפּא, אין איהם אליין איז געזעסען אַן ארמעע רעפּארטיאָרען— פולל מיט פייער און ענערגיע, אין איהם זיינען געוועזן פערקערפּערט טויזענדער רעדאקטאָרען מיט טאלענט, לאָגיק, פּראקטישע פעהיג־קייט. ער האָט פּאָפּולאריזירט וויססענשאפט מיט איין פּראקטישען ציעל, דער פערדריקטער מענש זאָלל אָנהייבען לעבען מיט זיין שכל, ער האָט געשריען איבער דער גאנצער וועלט און געפאָרדערט גערעכטיגקייט פאר דעם מענש און האָט געלערנט דעם מענשען פארשטעהן זיינע אייגענע אינטערעסען... זיינע שריפטען האָבען דערפאר געהאט א גרויסע בעדייטונג נאָר פאר זיין צייט, זיין טהעט־טיגקייט אבער וועט האָבען א בעדייטונג אימער, זאָ לאנג ביי דער מענשהייט וועט האָבען א בעדייטונג אויפקלעהרונג און פּראָ־גרעסס. וואָלטער האָט געהאט א גוטען קאָפּ, א קלוגען קאָפּ, א שארפען מח און האָט געגלויבט נאָר אין אינטעלעקטועלע טהעטיג־קייט... האָב שכל! זיי ניט קיין נארר! מען דארף ניט גלויבען — מען דארף פערשטעהן! דאָס איז דאָס איינציגע וואָס ער האָט גע־פּרעדיגט אין אלע זיינע זיעבציג ביכער. אלס קלוגער פּראקטישער ארבייטער האָט ער אליין גוט פארשטאנען דיא בעדייטונג פון זיין שרייבען. מיט אזא געפּעק וויא מיין שרייבען, האָט ער גע־זאגט, קומט מען ניט צו דער נאכוועלט.... איינס קען איך זאגען, איך האָב מיינע לעזער ניט געלאנגווייליט... ניין! ער האָט געשריבען לעבעדיג, קלוג, אינטערעסאנט. ער איז געגאנגען גלייך צום פּונקט, גערעדט צו דער זאכע, האָט זיך ניט געפּוילט פיעל מאָל אין פער־שיעדענע פאָרמען איבער'חזר'ן דאָס זעלבע, ביז ער האָ טזיין גע־

דאנק אריינגעהאקט אין דעם לעזער'ס קאָפּ. זיינע דראמען, זיינע ראָמאנען, זיינען ניט געשריעבען צו בלייבען ליטעראַרישע מאָנו־מענטען, זיי זיינען געשריבען געוואָרען מיט דעם זעלבען פּראקטי־שען ציעל; אויפקלערען דעם מענשען, עמאַנסיפּירען זיין גייסט, בעפרייען זיין פערדולטען קאָפּ פון דונקעלהייט און אבערגלויבען. ער האָט זיך בענוצט מיט דיא אללע פאָרמען פון ליטעראַטור נאָר אויפצוקלערען דעם מענשען. וואס געהט אייך אָן דער כאראקטער און דיא פּערזענליכקייט פון דעם לאַמפּאָוושציק, וואס צינדט אָן דיא לאַמפּען ביי נאכט אין דיא גאסען פון שטאדט? איהר ווייסט נאָר, דיא גאסען זיינען בעלייכטעט. וואָלטער איז געוועזן דער גרויסער, מעכטיגער, אונערמיעדליכער לאַמפּאָוושציק פון 18טען יאהר־הונדערט פיר דער גאנצער וועלט, ער האָט געטראַגען ליכט אין אללע ווינקעלאך פון דער מענשהייט און האָט בעלייכטעט דיא אללע נאכט חיות און וואַמפּירען, וועלכע האָבען ביז דאמאלס אין דער פינסטערניס רוהיג געזויגען דעם מענשען'ס בלוט און דעם מענשענס מח... ווייניג וואס ער האָט זיי ענטדעקט און געוויזען, וויא זיי זעהען אוים אין דער ליכטיגקייט, ער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען זיי און געלאכט מיט א דעמאָנישען, טייוולישען, זעהר אָפּט ציינישען געלעכטער, גאנץ יעוראָפּא זאָלל הערען. איהם האָבען געהערט קעניגע און פּאבסטען. קארדינאלען און פּרינצען, גע־בילדעטע לייט און רעגירער, און דורך איהם האָט אויסגעבראָכען דיא רעאקציאָן געגען דער גאנצער אלטער וועלט. ביז איהם האָט מען געשריבען צירליך־מאנירלאך, ער האָט אנגעהויבען רעדען מיט אן אָפענע שפּראכע, ביז איהם האָט מען געגעבען דיא לעזער זיסע קאָנפעקטען, ער האָט זיי געהיילט פון קדחת מיט ביטערע פּיללען. ביז איהם האָט מען געפּרעדיגט קריסטליכען אסקעטיזם, געדאנקען פון ענטזאגונג, פון פאסטען און פון תשובה, ער האָט געלערנט צו זיין אן אפּיקורס (עפּיקור), לעבען א גוטען טאָג און זיין א מענש אויף דער וועלט, ניט א היילינגער אויף יענער וועלט. ער האָט אָפּט וועה געטהאָן, וועו ער האָט געשניטען מיט זיין אנאטאָמישען מעס־סער דיא געשווירען און אבצעססען פון זיינע פּאציענטען — דאס

האָט איהם ניט געארט, ער איז ניט געווען קיין סענטימענטאלער שרייבער. רוססאָ איז געווען א סענטימענטאלער שרייבער, ער האָט געשריעבען מיט זיין זעעלע, — וואָלטער איז געווען א קאלטער ראציאָנאליסט, ער האָט נור געשריעבען מיט זיין לאָגיק און ריזאָן.

זיין אויפגאבע איז ניט געווען צו זיין איין זעלבסטשטענדיגער פילאָזאָף. ער האָט ניט געהאט דיא רוהע און זעבסטבעהערשונג דערצו, מיט דאס בלוט און נערוואָזיטעט פון טויזענד זשורנאליסטען אין זיך האָט ער פאָפולאריזירט דיא געדאנקען פון דיא גרויסע און ראדיקאלע ענגלישע דענקער, הויפטזעכליך לאק און האָט געלערנט דעם מענשען וואס ווייניגער גלויבען און וואס מעהר קענען, וויסען און בעגרייפען.

זיין אויפגאבע איז ניט געווען צו ווער'ען א היסטאָריקער, א ספעציאליסט, ער האָט, אלס פראקטישער ארבייטער ניט געהאט קיין צייט צו פערגראָבען זיך אין היסטאָרישע ארכיווען. ער האָט אבער געלערנט וואס היסטאָריע דארף בעדייטען... היסטאָריע, זאגט ער איז אַ זעקעל מיט „טריקס“ (שפיצלעך), דורך וועלכע מען מאַכט חוזק פון די געשטאָרבענע. היסטאָריע דארף זיין די געשיכטע פון דעם מענשען, זי דארף לערנען יעדען אינדיווידיאום צו זאָגען: האָמאָ סום, — איך בין א מענש! ביז איהם האָבען דיא קאזיאָננע היסטאָריקער דיא גאנצע וועלט-געשיכטע און דעם שיקזאל פון דער מענשהייט צונויפגעבונדען מיט דער ביבעל, מיט דיא הייליגע שריפטען; ער האָט געזעהען וויא נארריש, שעדליך און אונבעגרינדעט אזא טהעאָריע איז און ער האָט מיט א צינישע פרעכהייט אָבגעלאכט און בעשמוצט דעם בוך פון „אָפענבארונג“, האָט געוויזען אללע אומגעלומפערטע און אוננאטירליכע, אללע שוואכע און ניט היסטאָרישע זייטען פון דיא הייליגע שריפטען. ער איז מיט זיין גאנצער זעעלע געווען געגען קריסטענטהום, ער איז געווען איבערצייגט, אז דער שכל פון'ם מענשען וועט זיך ניט בעפרייען ביז וואנען ער וועט ניט בעפרייעט ווערען פון יעזוס קריסטוס מיט זיינע גלחים און קירכען און אזוי וויא דער נייער טעסטאמענט איז געבויעט אויף דעם אלטען, האָט ער הויפטזעכליך געגראָבען זיין אונטערן פונדא-

מענט. ער האָט געוואָלט איבערהאקען דעם אלטען וואורצעל אום דער גאנצער בוים מיט אללע זיינע צווייגען זאָל אומפאלען און ניט פארשטעלען דאס ליכט פון דער שיינענדער זון....

מען דערצעהלט מיר עפּעס פון א גאָטט, זאגט ער, וועלכען מען בעהאלט פון מיר. איך וויל איהם ליעבען און זוך אין איהם מיין פאטער, מען ציינט מיר עפּעס א טיראן, וועלכען איך מוז האססען. ער האָט געשאפפען דיא מענשען אין זיין געשטאלט אום זיי מעהר צו ערניעדריגען. ער האָט אונז געגעבען פערדאָרבענע הערצער, אום צו האָבען דאס רעכט אונז צו שטראָפען. נאָכדעם וויא ער האָט דעם מענשען בעשאפפען נאָך זיין אייגענעם בילד, הויבט ער פּלוצלינג אָן חרטה האָבען נאָך וואס ער האָט עס געטהאָן, אלס אויב דער ווערק־מייסטער האָט פריהער ניט געקענט דיא מאנגלען פון זיין ווערק... ער בעשטראפט די זינדיגע מיט א מבול, קען מען מיינען אז נאָך דער פערפלייצונג וועט ער א ריינערע וועלט ערשאפען. עס הויבט זיך ניט אָן! עס ענטשטעהען רויבער, שקלאפען און טיראנען נאָך ערגער וויא פריהער. וואס וועט ער איצט טהאָן? מיט וועלכע בליצען וועט דיעזער שטרענגער גאָטט בעשטראפען דעם נאָך זינדי־גערען מענשען? הערט וויא דער זעלבער גאָטט, וועלכער האָט דיא עלטערן דערטרונקען פאר זייערע זינד, וויל אליין שטארבען פאר דיא זינד פון זייערע קינדער. עס איז דאָ אן עלענדעס פאָלק, שוואך וואנדעלבאר גענייגט צום אונזיניגען אבערגלויבען, בעזיעגט פון זיינע שכנים, דער שפּאָטט פון אללע נאציאָנען, — דער זונן גאָט־טעס, דאס הייסט גאָט אליין, מאכט זיך פאר א מיטבירגער פון דיעזען פערהאססטען פאָלק. ער לאָזט זיך געבאָרען ווערען פון׳ם לייב פון א יודענע און אונטער איהרע אויגען מאכט ער דורך אללע שוואכהייטען פון קינדער־עלטער. לאנגע יאהרען וואנדערט ער אום וויא א פּראָסטער ניעדריגער ארבייטער און דאן פריידיגט ער דריי יאהר און שטארבט. נאָך זיין טויט קען מען האָפען דאס מיר וועלען שוין ניט ליידען פאר אונזערע זינד. וויים איך! מען בע־שטראפט אונז נאָך ערגער, מען האקט, מען בראָקט, מען רייסט שטיקער־ווייז. וויא? ! גאָטט אליין איז געשטאָרבען אויסצוקויפען

אונזערע זינד און ברענגען אונז איין עוויגע מחילה און דאָס העלפט אויך ניט! דער גאָטט וואס האָט צוליעב אונז פערגאָסען זיין בלוט, פערפאָלגט אונז נאָך אלץ מיט זיין שטראפע? דער גאָטט האלט פיעלע פעלקער אין אונוויססענהייט פון דעם, וואס דער זוהן פון א סטאָליער, דאס הייסט ער אליין איז ערגיץ אין א ווינקעל אין סיריא געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ, כדי מען זאָל דיעזע פעלקער דערפאר וואס זיי האָבען דאס ניט געוואוסט, אויסרייסען און אויס־ראָטטען פון דער וועלט. הער מיך דו גאָטט! איך בין קיין קריסט! איך גלויב ניט אין אזא אונווירדיגען גאָטט! גאָטט דארף ניט אונזער שטענדיגע דיענסט, גאָטט קען מען נאָר בעליידיגען מיט אונגערעכטיגקייט געגען מענשען!

אונגערעכטיגקייט צו א מענשען אין דעם נאָמען פון גאָטט און זוהן, אָדער אין דעם נאָמען פון א שטיקעל האָלץ וועלכעס רופט זיך קרייץ, דאס האָט ער ניט געוואָלט ליידען. דאס האָט איהם געטריעבען מיט אזא פייער צו שרייבען און עקרן מעשים, ווען א געוויססער קאלאס איז פעראורטהיילט געוואָרען צו א שרעקליכען טויט, ווייל זיין זון איז בעגאנגען זעלבסטמאָרד. דער קאלאס איז געווען א פּראָטעסטאנט און דיא קאטאָלישע גלחים האָבען אויס־געטראכט, אז דער פאטער האָט דעם זון ערמאָרדעט, ווייל ער, דער זון, האָט געוואָלט ווערען א קאטאָליק. וואָלטער האָט אויפגעהויבען דיא גאנצע וועלט אויף דיא פיס, בריעף זיינען געשריעבען געוואָ־רען, ארטיקלען זיינען געדרוקט געוואָרען, ביז ער האָט אויסגע־פיהרט זיינס. טויזענדער צייטונגען מיט צוואנציג זאָלאָ'ס ביי דרייפוס געשיכטע וואָלטען ניט געקענט דאס אויפטאָהן, וואס אליין וואָלטער האָט דאמאלס אויפגעטאָהן. אמת, קאלאס איז שוין געווען הינגעריכטעט, ער אָבער האָט נאָר געוואָלט בעווייזען וויא דום דיא אונטאָלעראנטע קירכע איז, וויא בלינד איז איהר פאנא־טיזם און וויא גרויזאם זיינען דיא ריכטער, וועלכע משפט'ן אין'ם נאָמען פון גאָטט דער ליעבע.

וואָלטער האָט אויסגערעכענט, אז נאָר אין 15טען יאהר־הונדערט האָט דאס קריסטענטהום אין נאמען פון קריסט אויס־

געוואָרגען א צעהן מיליאָן מענשען! ער רעכענט אוים דיא מחלוקות פון דיא קריסטליכע סעקטען צווישען זיך, דיא פראָטעס־טאנטען־קעמפפע און זאָ ווייטער און איז איבערצייגט, אז דיא נאַטירליכע ענטוויקלונג פון דער מענשהייט ווערט פון קריסטענטהום פערהאַלטען, פערהינדערט און דאס דיא ערשטע אויפגאַבע פון פילאָזאָפען, דענקער און קעניגע, איז אָבצושאפען דיעזע מיאוסע אינ־פאמע זאך. דאס איז געווען זיין הויפּט שטרעבונג, דיא איינ־ציגע ציעל פון זיין טהעטיגקייט. אין זיינע בריעף צו אינטימע תלמידים און פערעהרער און זייערע בריעף צו איהם איז אויף דער לעצטער שורה געשטאנען ראשי תיבותן: עקר ל'אינף (Ecr. l'inf.) עס איז צווישען זיי געווען אזוי וויא א פערשווערונג, א הייליגער געבאָט, א מאָטטאָ אין לעבען. עס האָט געהייסען:

ECRASEZ L'INFAME

אויסרייסען, פערניכטען, אויסראָטטען פון דער וועלט דאס איינ־פאמע, דאס פינסטערע, דאס אונטאָלעראנטע, דאס בלוטדורשטיגע, וועלכעס רופט זיך מיט דעם נאמען קריסטענטהום. ניט אומזיסט האָבען איהם אללע פאָרשטעהער פון פינסטערנים אזוי געהאסט און אזוי מורא געהאט פאר איהם. ער איז געווען א גרויסע מאכט, צווישען זיינע תלמידים און פערעהרער זיינען געווען קעניגע און הערשער!

וואָלטער איז געשטאָרבען אין פאריז. וואוהין ער איז געקומען נאָך זיין לאנגען גלות. מיט ענטהוזיאזמוס האָט מען איהם אויפגע־נומען, דיא אקאדעמיע האָט איהם געקרוינט, דאמען האָבען געקושט זיינע הענד, דאס פאָלק האָט געשריען: דאס איז דער, וואס האט בעשיצט קאללאס! דער 84 יאהר אלטער וואָלטער האָט ניט געקענט איבערטראָגען דיא אויפרעגונג און ער איז געשטאָרבען. אָבוואָהל ער איז געשטאָרבען נאָך אללע דינים פון קריסטליכען גלויבען, האָ־בען דיא גלחים איהם דאָך ניט געוואָלט בעגראָבען. מען האָט שטי־לערהייט ארויסגעפיהרט זיין קערפּער און בעגראָבען אין מאָנאַ־סטיר. מיט עלף יאָהר שפּעטער האָט מען זיין קערפּער געבראכט אין פאריז און מיט זעהר גרויסע צערעמאָניעס און פערעהרונג בע־

גראָבען אין א קירכע, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען צו א אנטעאָן פון בעריהמטע מענשען. מיט 29 יאהר שפּעטער האָבען יא גלחים זיין קערפּער און זיין געגנערס קערפּער, זשאן זשאק רוסאָ'ס בעגראָבען אין א גרוב אונטערן קלויסטער. אין דער יולי רעוואָלוציאָן האָט מען זייערע ביינער צוריק אויסגעגראָבען און אומגעקעהרט אויף זייערע פריהערדיגע פּלעצער.. דיא גלחים האָבען אָבער זייערע דם שונאים בעגאָסען מיט קאלך און פון זיי איז קיין שריד ופליט ניט געבליעבען. וואָלטערס קערפּער האָט דיא קריסטליכע קירכע געקענט פערניכטען, זיא איז אָבער ניט אימשטאנדע צו פערניכטען זיין אויפקלעהרענדען גייסט און אויסמעקען זיין קריעגס־סיגנאל:

ECRASEZ L'INFAME

רב סעדיה גאון

דער ערשטער אידישער רעליגיאָנס-פילאָזאָף

זיין לעבען, ווערקען און שריפטען.

נאָך פערשיעדענע קוועלען בעארבייטעט.

פון

מ. ווייערניק.

ערשטער קאפיטעל.

אידען מיט טויזענד יאָהר צוריק.

אידישקייט איז מיט טויזענד יאָהר צוריק שוין אויך געווען אן אַלטע רעליגיאָן און דיא אידען זיינען דאַן שוין געווען פון א לאנגע צייט אין גלות. אָבער דיא לאַגע פון דיא אידען, אזוי וויא דיא לאגע פון דיא לענדער, אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט, איז דאַן געווען גאַנץ אַנדערס וויא איצטער. אידען האָבען אויך געהאט אַנדערע מיטעלפונקטען, און דיא ענטוויקלונג פון גייסטיגען און מאטעריעלען אידישען לעבען האָט דאַן ערהייבט א הויכע שטופע אין געגענדען, וועלכע האָבען שפּעטער פערלאָרען זייער גאַנצע וויכטיגקייט. דאַנע־גען זיינען דיא איצטיגע וויכטיגע אידישע מיטעלפונקטען, דאס הייסט דיא אייראָפּעאישע, ערשט געשטאַנען אויף א גאַנץ ניעדריגע שטופע אָדער האבען זיך נאָך גאָר ניט אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען. מען וויים אז עס זיינען אין יענע צייטען געווען אידען אין שפּאניען, איטאַליען, אין דיא איצטיגע דייטשלאַנד און פראנקרייך און אין פלעצער וועלכע זיינען איצטער א טהייל פון אייראָפּעאישע טירקיי אָדער פון רוסלאנד. אָבער מען וויים במעט מעהר ניט וויא דאָס, אז זיי האָבען עקזיסטירט. דיא רייכע האָבען געהאנדעלט מיט שקלאַפען אָדער זיינען געווען געלד־פערלייהער, דיא אָרעמע האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט אָדער מיט מלאכות און מיט קליין־האנדעל.

אידען האָבען זיך דאַן אין פיעלע הינזיכטען וועניגער אונטער־שיידעט פון קריסטען וויא מיט יאהרהונדערטע שפּעטער, ווען די קריסטליכע קירך האט דורכגעפיהרט איהר פּלאַן אָפּצושיידען די.. קריסטען פון דיא ניט־קריסטען. דיא געשיכטע פון דיא אידען אין אייראָפּא פון יענער צייט בעשטעהט מייסטענטהיילס פון בעשריי־בונגען פון דעם שיקזאַל פון איינצעלנע פּערזאָנען אָדער געמיינ־דען. אויף איין פּלאַץ האָט מען געמאַכט איין איבערפאַל אויף אידען און פון אן אנדער פּלאַץ האט מען זיי פעריאָגט; דאָ האָבען זיי עטוואס געמעגט טהאָן און דאָרטען האבען זיי ניט געטאָרט. דאָ האט א איד זיך ערוואָרבען רייכטהום און דאָרטען — א הויכעס אמט. אָבער דיא פינסטערניס אין וועלכע אייראָפּא איז דאַן געווען פערוויקעלט, בעזאָנדערס ווען דיא לעצטע ליכט־שטראַהלען פון דיא פּעריאָדע פון קאַרל דעם גרויסען (געשטאָרבען 814) זיינען פערשוואונ־דען, האט געמאַכט אַן אַלגעמיינעס אָדער צוזאַמענהיינגענדעס אידישעס לעבען אונמעגליך. דיא צאַהל פון אידען אין גאַנץ אייראָפּא איז דאַן וואַהרשיינליך געווען קלענער וויא דיא איצטיגע צאָהל אידען אין דער שטאָדט ניו־יאָרק. זיי זיינען געווען צו־וואָרפען אין לענדער, וועלכע זיינען געווען פיעל מעהר פרעמד איינע פון דיא אנדערע וויא אין איצ־טיגע צייטען. דארום ווייס מען פון זיי כמעט ניט מעהר וויא דעם פאקט, אז זיי האבען דאָרט געלעבט.

דער גרויסער אידישער מיטעלפּונקט איז נאָך דאַן געווען יענער טהייל פון דער וועלט, פון וועלכען זיי האָבען געשטאַמט—אזיען. ארץ ישראל איז אָבער ניט מעהר געווען א אידישעס לאַנד און האָט גע־האט נור א גאַנץ קליינע אונבעדייטענדע אידישע בעפעלקערונג זייט דער ביצאַנטישער (גריכיש־רוימישער) קייזער הערַאקליוס האט אין יאָהר 628 פון דאָרטען צום לעצטען מאָל פערטריעבען דיא אידען צוזאַמען מיט זייערע פריינד און בעשיצער: דיא פערזיער. דער פּלאַץ וואו אידען זיינען געווען אַם מייסטען אין צאָהל און וואו זיי האָבען ערדייכט דיא העכסטע גייסטיגע און מאַטעריעלע שטופע פון יענער צייט איז געווען בבל. אידען האָבען זיך דאָרטען געפונען אין גרויסע מאַסען זייט דעם ערשטען גלות דורך נבוכדנצר (586 יאָהר פאר דיא

איצטיגע צייטרעכנונג). ווען דאס אראבישע פאלק האט זיך אויפגע־וועקט צו א נייעם לעבען אונטער מחמד און זיינע נאכפאלגער און ווען דיא הערשאפט פון איסלאם האט זיך פערשפרייט איבערן פאר־דערסטען טהייל פון אזיען, איבער נארד אפריקא און איבער דיא שפאנישע האלב־אינזעל אין אייראפא, איז בבל געווארען א מיטעל פונקט פון מאכט און פון אויפקלערונג. דיא גרויסע אידישע בעפעל־קערונג, וועלבע האט מיט דיא נייע הערשאפט זיך צימליך גוט פער־טראגען, האט אנגענומען אראביש אלס איהר מוטערשפראך און האט זיך ביסלאך־ווייז אנגעפאנגען צו בעטהייליגען אין דיא פאליטישע און גייסטיגע בעוועגונגען פון דיא אראבער. ווען דער גרויסער קאליף הרון־אל־רשיד (געשטארבען אין 809) האט געמאכט דיא שטאדט בגדד (דיא שטאדט בבל פון תלמוד) זיין הויפשטאדט, פאר דיא שעהנסטע און וויכטיגסטע שטאדט פון דיא דעמאלטיגע ציוויליזירטע וועלט, איז עס געווען נאטירליך אז דיא דארטיגע אידען זאלען דער־פון אויך פראפיטירען.

עס האט ביי דיא אידען פון בבל זיך נאך געהאט אנגעהאל־טען א לעצטער צייכען פון אונאבהענגיגקייט אדער זעלבסט־רעגירונג; דאס איז געווען דאס אמט פון ריש גלותא (עקסילארך), וועל־כער איז אנערקענט געווארן פון דער רעגירונג אלס דער אידישער פירסט און וועלכער האט געהאט דיא הויפט דעה איבער אידען אין אלע זייערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען. דאס אמט איז אימער געהאלטען געווארען אין דיא זעלבע פאמיליע, וועלבע האט אפגע־שטאמט פון דינאסטיע פון דוד המלך, אבער דיא ארדנונג פון ירושה איז נים געווען פעסטגעזעצט און דיא אידישע בעפעלקערונג אונטער דיא פיהרערשאפט פון דיא גאונים, אדער דיא פארשטעהער פון דיא צוויי גרויסע ישיבות פון סורא און פומבדיתא, האבען אפט בעשטימט וועלכער מיטגליעד פון יענער דינאסטיע זאל ווערן א ריש גלותא. פון זיין זייט האט דער ריש גלותא געהאט צו זאגען, ווער עס זאל ווערען א גאון אין דיעזע ישיבות, און דיעזע ביידע עמטער, דאס הייסט דאס אמט פון גאון, אין וועלכען עס איז געלעגען דיא קירכליכע אדער גייסטליכע מאכט, און דאס אמט פון ריש גלותא

אין וועלכען עס איז געלעגען די וועלטליכע אָדער פּאָליטישע מאכט, האָבען זיך ביז א געוויסען גראַד קאָנצענטרירט איינעם דעם אנדערען.

עס איז געווען אונפערמיידליך, אז דאָס וואס עס פּאסירט איבעראל אונטער אזעלכע אומשטענדע זאָל דאָ אויך פּאָרקומען, נעמליך א צוזאמענשטויס צווישען די וועלטליכע און די גייסטליכע מאכט. אזא קולטור־קאמפּף ביי אידען אין בבל האָט נאטירליך געקענט זיין נור א בעשריינקטער, ווייל דער ריש גלותא איז נאָך אלעמען געווען אן אונטערטהאן פון קאליף אָדער אמת'ען הערשער פון לאנד. די גייסטליכע מאכט פון יודענטהום איז אויך קיין מאָל ניט געווען שטארק אָרגאניזירט, און די גאונים, אָבגלייך מען האָט זיי רעספּעקטירט און געפאָלגט זייערע ענטשיידונגען אין דינים, האָ־בען ניט געהאט אזא אבסאָלוטע מאכט אפילו אין רעליגיעזע אנ־געלעגענהייטען, וויא, צום ביישפּיעל, דער פּאבסט האָט שפּעטער געקראָגען אין דער קאטהאָלישער קירכע.

די אויטהאָריטעט פון תלמוד איז נאָך ניט געווען אזוי אנער־קענט ביי אידען אין יענע צייטען, וויא זיא איז עס געוואָרען שפּעטער. מען האָט דעם תלמוד אם מייסטען געלערנט אויסווענדיג אין ישיבות, און וואס ווייטער פון דעם מיטעלפּונקט, זיינען אלץ די צאהל פון תלמידי חכמים געווען קלענער. עס איז אמת, אז אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָהר פאר דער צייט וועגען וועלכע מיר שרייבען דאָ, האָט זיך די הערשאפט פון תלמוד פערשפּרייט אונ־טער די אידען אומעדום, וואו די הערשאפט פון איסלאַם אָדער תורה פון מחמד האָט זיך פערשפּרייט, אָבער אין בבל גופא איז דער תלמוד גראדע אָפּגעשוואכט געוואָרען. די אראבישע אידען, וועלכע זיינען געשטיגען אין צאהל און אין איינפלוס זייט די אראבער זיינען געוואָרען די הערשער, זיינען געווען גאנץ קנאָפּע אידען און זיינען מעהר בעאיינפלוסט געוואָרען פון אראבישע קולטור און פון די מחמד'אנישע בעוועגונגען וויא פון יודענטהום.

עס איז דערפאר געווען נאטירליך, אז די בעוועגונג פון די נייע אראבישע סעקטע, וועלכע האָט זיך ערקלערט געגען די „סוננאה" אָדער מחמד'אנישע תורה שבעל פה, זאָל געפינען אן אָפּקלאנג אונ־

טער אידען, און דאס עס זאָלען זיך געפינען אידען, וועלכע האָבען בעהויפּטעט, אַז מען דאַרף זיך נור האַלטען אָן דעם וואָרט אָדער ריינעם פּשט פון דער תּורה, פּונקט וויא דיא נייע אַראַבישע סעקטע האָט זיך געהאַלטען אָן דעם בוכשטאַב פון קאָראַן. אַזוי האָבען דיא אידישע פיהרער פון דיא סעקטען אָדער פאַלשע משיחים שריני (אונגעפעהר אין יאָהר 720) אין אבו איסא פון איספּאַהאַן אין פּערזיען (אונגעפעהר אין 749) זיך אָפען ערקלערט געגען דעם תּלמוד און געגען דיא גאַנצע תּורה שבעל פּה וויא מען האָט איהר געלערנט אין דיא ישיבות פון בבל. דיא אמת'ע שפּאַלטונג איז געקומען עטוואָס שפּעטער, אונגעפעהר אין 760, ווען ענן בן דוד, פון דיא פאַמיליע פון ריש גלותא, האָט צוזאַמענגענומען אַלע געגנער פון תּלמוד און און פון דיא ישיבות און האָט געגרינדעט דיא סעקטע, פון וועלכע עס זיינען שפּעטער אַרויס דיא בני מקרא אָדער קראים, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג.

דער קאַמפּף צווישען דיא רבנים און דיא קראים, וויא מען האָט ביידע זייט דאָן אָנגערופען, איז געווען א רעליגיעזער פון ביידע זייטען. דיא גאונים פון סורא און פּומבדיתא, וועלכע זיינען דאַמאַלס געווען ברידער, האָבען ניט צוגעלאָזען, אַז ענן זאָל ווערען ריש גלותא אויף דעם פּלאַץ פון זיין פעטער שלמה און האָבען אויסגעפיהרט, אַז ענן'ס אינגערער ברודער חנניא האָט געקראָגען דעם אמט. ענן איז דערפאַר אַרויס געגען דיא ישיבות און געגען תּלמוד, און האָט אַזוי וויא דיא „שיאיטען" אָדער געגנער פון דיא מחמד'אַנישע „סוננאה" געפּרעדיגט, אַז דער עיקר איז דער תּנ"ך אליין. זיין בעוועגונג, וועלכע האָט אין אָנפאַנג געפונען זעהר פיעלע אַנהענגער און האָט זיך שטאַרק פערשפּרייט אונטער זיינע נאָכפאָלגער, האָט געבראַכט אין דער מאָדע צו שטודירען דיא שפּראַך און דיא גראַמאַטיק פון תּנ"ך, און דער אמת'ער אָנפאַנג פון דקדוק און מסורה שטאַמט פון יענע צייטען. אין דיא ערשטע 150 אָדער 200 יאהר נאָך איהר גרינדונג, דאס הייסט ביז דער צייט, ווען רב סעדיה גאון איז ערשיענען, איז דיא סעקטע פון קראים געוואָרן גרויס און מעכטיג, מיט א ליטעראַטור, וועלכע האָט געהאַט דיא קראַפט און דיא

ענערגיע פון א יונגע בעוועגונג. דיא רבנים אָדער דיא אנהענגער פון אלטען תלמודישען יודענטהום האָבען זיך געהאלטען אָן דיא טראַדיציאָנען פון דיא ישיבות; דיא גאונים אלס זייערע פערטרעטער האָבען ניט געוואָלט אָדער ניט געקענט זיך ארייגלאָזען אין א ליטעראַרישען קאמפף מיט דיא קראים. דערצו איז דער קאמפף צווישען דיא גאונים און דיא ראשי גלותא געוואָרן וואָס ווייטער שטארקער ביז עס איז געקומען צו אן עפענטליכען אויסברוך.

צווייטער קאפיטעל.

דער קאמפף מיט דיא ראשי גלותא פאר רב סעדיה גאון.

וואס מעהר דיא הערשאפט פון דיא קאליפען איז בעפעסטיגט געווארען אלץ פאנאטישער זיינען זיי געווארען אין רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען און אלץ טיראנישער אין פאליטישע אנגעלעגענהייטען. עס איז נאטירליך, אז אונטער אזעלכע אומשטענדע זאלען דיא אונאבהענגיגקייט פון דיא אידען און דיא וויכטיגקייט פון דעם אמט פון דעם ריש גלותא אימער מעהר אבגעשוואכט ווערען. ביטערע שטרייטיגקייטען וועגען אינערליכע אנגעלעגענהייטען, וועלכע זיינען אימער א סימן פון שוואכקייט, האבען זיך אנגעפאנגען צו בעוויזען אין לאגער פון דיא רבנישע אידען, און דאס האט זייער לאגע נאך ערגער געמאכט. אזוי פריה וויא אונטער דער רעגיערונג פון קאליף אל־מאגין וועלכער האט געהערשט אין דיא יאהרען 813—33 איז ווידער פארגעקומען א מחלוקה וועגען דיא ערנענונג פון א ריש גלותא. דיעזער קאליף, וועלכער איז געוועזן א ליבעראלער מענש און איז אויך אפט בעלעסטיגט געווארען מיט עהנליכע מחלוקות צווישען זיינע קריסטליכע אונטערטהאנען, איז געוועזן גענייגט צו לאזען דיא ניט־מחמדנער אין זיינע פראווינצען האנדלען וויא זיי ווילען. ער האט ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג, אז יעדערע צעהן אידען מעגען זיך ערוועהלען א ריש גלותא און יעדערע צעהן קריסטען אן ערצבישאף. דאס האט

די אידישע בעלי מחלוקה א ביסעל אויסגעניכטערט און מען האט זיך צום סוף געאייניגט אויף אן איינציגען קאנדידאט פאר ריש גלותא; דאך האט דער נייער אידעשער פירסט ניט געקענט מעהר האבען די מאכט און דעם איינפלוס וויא זיינע פארגענגער.

אבער מיט הונדערט יאהר שפעטער האבען די קאליפען און זייערע וויזירען שוין מעהר געוואוסט די טיראנישע מנהגים צו זיך לאזען בעאיינפלוסען פון מתנות, פון חניפות און אנדערע עהנליכע מיטלען. דער גאון פון די אינגערע ישיבה פון פומבדיתא מר כהן צדק. וועלכער האט בעקליידעט דאס אמט פון יאהר 917 ביז 936, האט געהאט זיינע פריינדע אין בגדד און האט דורך זייער מאכט געזוכט צו מאכען זיין ישיבה וויכטיגער וויא די עלטערע ישיבה פון סורא, וועלכע איז שטענדיג געווען די הויפטשטיצע פון ריש גלותא. ווען עס איז ארויס א קריעג צווישען מר כהן צדק גאון און עוקבא, דעם דאמאלינען ריש גלותא, האבען דעם ערשטען׳ס פריינד אויסגעפיהרט ביי דעם דאמאלינען קאליף אל-מוכת-אדיר, אדער ריכטיגער געזאגט ביי זיין וויזיר איבן פוראט, אז עוקבא איז פערטריעבען געווארען פון בגדד אין דאס אמט פון ריש גלותא איז פאר א קורצע צייט געבליעבען ניט בעזעצט.

עוקבא איז געווען א מאן מיט אראבישע בילדונג אין האט געשריעבען שיינע ליעדער אין דיעזער שפראך. די אראבער האבען געשעצט פאעזיע זעהר הויך, און א גוטע פאעמע האט אפט איינעם גליקליך געמאכט דאמאלס, אזוי וויא א וויכטיגע ערפינדונג אדער א גרויסעס ווערק מאכען איינעם גרויס אין איצטיגע צייטען. ווען דער קאליף אל-מוכת-אדיר איז אמאל געקומען אין דער שטאדט קערנאנשאה, וואו עוקבא איז פערשיקט געווארן, האט איהם דער געוועזענער ריש גלותא צוגעשיקט אזעלכע שיינע לויב-ליעדער, אז דער קאליף האט איהם ענדליך צוריק געמאכט פאר ריש גלותא. אבער די גנאדע פון א טיראן קען ניט האבען א ווערטה פאר א לאנגע צייט. מר כהן צדק׳ס פארטי האט אין קורצען ווידער געוואונען די אויבערהאנד, און דער ריש גלותא איז דיעזעס מאל פערטריעבען געווארן אויף אימער. עוקבא איז אוועק נאך קיירואן אין נארד אפריקא,

וואו דיא אידען האבען איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און דער גאון פון פומבדיתא האט געזוכט אויסצופיהרען, אז עס זאל איבער־הויפט קיין אנדער ריש גלותא אויף זיין פלאץ ניט נאמינירט ווערען.

דיא אידישע בעפעלקערונג איז אבער נאך געווען טריי צו דיא פאמיליע פון מלכות בית דוד און האט געוואלט האבען א פירסט, וואס האט אין זיך פערקערפערט דעם לעצטען סימן פון אידישע אונאבהענגיגקייט. דער גאון פון דיא עלטערע ישיבה פון סורא, רב יעקב בר׳ נטרונאי, וועלכער האט פריהער ניט געוואגט זיך צו שטע־לען געגען דעם שטארקען און פעהיגען מר כהן צדק האט דורך דיא פארדערונג פון דיא עפענטליכע מיינונג געפאסט מוטה און האט אויסגעקליבען דוד בן זכאי, א קרוב פון עוקבא, פאר ריש גלותא. דער נייער פירסט איז אויך געווען רייך און פעהיג, און דער קאמפף צווישען אזעלכע צוויי פעסטע כאראקטערע וויא ער און מר כהן צדק איז געפיהרט געווארען מיט גרויס ביטערקייט עטליכע יאהר נאך אנאנד.

פריהער האט מר כהן צדק ניט אנערקענט דוד בן זכאי, אבער דער לעצטער האט זיך דאך בעהויפטעט און ווען ער האט זיך גע־פיהלט גענוג בעפעסטיגט אין זיין שטעלונג, האט ער אראפגעזעצט דעם גאון פון פומבדיתא און געמאכט אויף זיין פלאץ אן אנדער גאון מיט דעם נאמען רב מבשר. אזוי האט מען זיך ארומגעריסען אייניגע יאהר ביז אן עהרווירדיגער אלטער מאן, דער בלינדער ניסי נהרוני, האט געמאכט שלום צווישעןביידע צדדים. מר כהן צדק איז צוריק געווארען גאון פון פומבדיתא און ער האט דערביי אנערקענט דוד בן זכאי אלס ריש גלותא. דער שלום צווישען דיא ישיבה און דעם פירסט, וואס איז געשלאסען געווארען אין יאהר 921 האט אנגעהאל־טען אונגעפעהר זיבען יאהר, ביז דער צייט וואס א נ׳יער גאון האט געדראפט אויסגעקליבען ווערען פאר דיא ישיבה פון סורא.

דוד בן זכאי האט געוואלט פערשטארקען זיין אייגענע מאכט און אפשוואכען דעם איינפלוס פון כהן צדק דורך דעם, וואס ער וועט מאכען א בעריהמטען מאן צום גאון פון דיא עלטערע, אבער פער־נאכלעסיגטע ישיבה. ער האט אויך געגלויבט דאס א פרעמדער מאן

פון א ווייטעס לאנד, אחן רייכע פריינד און אחן אנהענגער, וועט זיך בעסער לאזען געברויכען אלס א ווערקצייג אין זיינע הענד. ער האט דארום געמאכט דיא ערשטע אויסנאהמע זייט דיא ישיבות האבען עקזיסטירט אויסצוקלייבען א ראש ישיבה פון דער פרעמדר, איינעם וועלכער האט אליין ניט געלערנט אין דיא ישיבות און וועלכער האט זיי וואהרשיינליך פריהער אפילו ניט אנגעזעהן. דיעזער פרעמדער געלעהרטער וועמען דוד בן זכאי האט אראבגעבראכט און געמאכט צום גאון פון סורא איז געוועזן דער ערשטער גייסטיגער ריעז אין דיא נאך תלמודישע אידישע ליטעראטור, ר ב ס ע ד י ה ב ן י ו ס ף א ל־פ א י ו מ י פון עגיפטען.

דריטער קאַפּיטעל.

רב סעדיה גאון.

ווער רבֿ סעדיה גאון איז געווען, פון וואנען ער האָט געשטאַמט און וויא ער האָט פערבראַכט זיין יוגענד אָדער זיינע שפּעטערע יאָהרען ביז ער איז געקומען נאָך בבל איבערצונעהמען דעם הויכען אמט אלס גאון פון סורא, בלייבט אונז צום גרעסטען טהייל אונבעקאַנט. מען האָט אין יענע צייטען פיעל ווייניגער געשריעבען וויא איצטער, און א גרויסער טהייל פון דעם וואָס מען האָט געשריעבען איז פערלאָרען געגאַנגען. מען ווייס דאס ער איז געבאָרן אין יאהר 892 און איז דארום אלט געווען 36 יאָהר ווען ער איז געקומען נאָך בבל. פון זיין ביי־נאָמען אל־פאיומי רעד־בענט מען, אַז ער האָט געשטאַמט פון פאַיום, דיא אמאָליגע שטאדט פּיתום אין מצרים, אבּגלייך שפּעטער האָט מען איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער איז גאָר געווען פון א קליינעם פלאַץ מיט דעם נאָמען דלאַץ אין דיא אומגעגענד פון פאַיום. דיא זעלבע געגנער, וועלכער האבען איהם אַפילו ניט פערגונען דעם יחוס וואס ער איז געבארען געוואָרען אין א וויכטיגע שטאָדט, האָבען אויך אויף איהם געזאָגט, אַז ער שטאַמט גאָר ניט פון אידען און דאָס זיין פאָטער איז געווען א גר. *) ער אליין

*) דיעזע בעשולדיגונג און דער חרם געגען איהם געפינען זיך אין פינפ־טען טהייל פון דר. הארקאַווי׳ס „זכרון לראשונים״, וועלכער טראגט דער טיטעל „זכרון הגאון רב סעדיה אלפיומי וספריו״. סט. פעטערסבורג 1891.

האָט אויף דעם געענפערט אז ער שטאמט פון שלה בן יהודה, און עס איז טעגליך אז עס האָט געהערשט אזא טראדיציאָן אין זיין פאמיליע.

עבענזאָ װעניג װייס מען פון זיין ערציהונג, בעזאָנדערס װאו ער האָט זיך ערװאָרבען דיא גרױסע תלמודישע קענטניסע אזוי װייט פון דיא איינציגע מיטעל פונקטען פון תלמוד־שטודיום אין בבל. מען גלױבט אז א געװיסע עראינערונג אין איין אלטעס װערק בעװייזט, דאָס א געלעהרטער מיט דעם נאָמען דוד הבבלי אלמקמץ איז געװעזן זיין לעהרער, אָבער עס איז ניט קלאר בעשטימט, אין װעלכע צייט דיעזער דוד האָט געלעבט, און עס איז פון דעם פלאַץ װאו זיי װערען ביידע דערמאָנט שװער צו פערשטעהן, אויב ער איז געװעזן זיין לעהרער אָדער זיין שילער. מען װייס אויך אז רב סעדיה האָט קאָרעספאָנדירט מיט דעם בעריהמטען דאָקטאָר און פילאָזאָף יצחק הישראלי פון קיירואן אין אפריקא, װעלכער איז געװעזן מיט 43 יאָהר עלטער פאר איהם און האָט איהם איבערגעלעבט. אבער, אבגלייך מיר װייסען ניט װאו און װיא ער האָט געלערנט, איז עס זיבער אז ער איז געװעזן אנערקענט אלס א גרױסער געלעהרטער אונטער אידען און אונטער ניט־אידען. זיין גרױסקייט אלס אידישער געלעהרטער איז אלגעמיין בעװאוסט. דר. שלמה מונק פון פאריז, דער נאָכפאָלגער פון ערנעסט רענאן אלס פראָפעסאָר אין קאָלעזש דע פראַנס, װעלבער איז געװעזן א זעלטענער בקי אין אראבישע ליטעראטור, האָט געפונען דאס א גרױסער אראבישער געלעהטער און היסטאָריקער מיט דעם נאמען מאסודי, װעלבער האָט געלעבט פון 885 ביז 956 דאס הייסט טאַקי אין יענער צייט, דערמאָנט רב סעדיה'ן אין זיינע װערקע און לױבט איהם זעהר שטארק. *)

רב סעדיה איז געװעזן דער ערשטער רבני'שער, געלעהרטער פון װעמען מען װייס, אז ער האָט גרינדליך שטודירט דיא גאנצע קראישע ליטעראַ־

*) זעה מונק'ס Notice sur Saadiah אין ניינטען באנד פון ס. קאהענ'ס פראנצעזישע אױסגאבע פון תנ"ך, פאריז 1838, זייטע 78, ביידע, רב סעדיה און מאסודי װערען בעהאנדעלט אין שפעציעלע ארטיקלען אין אלע װיכטיגע ענציקלאָפעדיעס, װיא צום ביישפיעל אין דיא „ענציקלאָפעדיא בריטאַניקא".

טור און האָט זיי אַנגעפאַנגען צו בעקעמפּפען אויפ'ן ליטעראַרישען פעלד. זיין אַראַבישעס ווערק געגען ענן, דעם גרינדער פון דיא קראים, איז פון איהם געשריעבען געוואָרען, ווען ער איז אַלט געווען 23 יאָהר, דאָס הייסט אַ לאַנגע צייט איידער ער איז געקומען נאָך בבל. דאָס ווערק אַליין איז מיט דער צייט פערלאָרען געגאַנגען, אָבער עס איז קיין צווייפעל ניט אַז זיא האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק און דאָס אידען האָבען זיך געפרעהט אַז עס איז ענדליך אויפגעשטאַנען אַ מאַן, וועלכער קען בעשטעהן געגען דיא קראים'שע שרייבער.

מיר קענען דיעזע ווירקונג אַם בעסטען זעהן אין דיא שריפטען פון דיא קראים אַליין. סהל בן מצליח, סלמון בן ירוחם (אויף וועמען אַנדערע זאָגען, אַז ער איז אויך געווען איינער פון רב סעדיה'ס לעהרער) און אַנדערער בעריהמטע קראים פון יענעם דור און פון דיא דורות גלייך נאָכדעם, בעשעפטיגען זיך אַזוי שטאַרק מיט דער פערזאָן און מיט דיא טענות פון רב סעדיה, דאָס מען זעהט אַז זיי פיהלען זיין געוויכט און דאָס זיי פערשטעהען, אַז אויב זיי קענען ניט אָפּלייקענען אָדער מבטל זיין וואָס ער זאָגט, בלייבען זיי דיא שוואַכערע זייט. עס פערשטעהט זיך, דאָס מען איז דאמאָ־ס ניט געווען וועניגער פערזענליך אין אַזעלכע שטרייטיגקייטען וויא מען איז איצטער, און דאָס דיא פערזאָן פון רב סעדיה ווערט פון יענע שרייבער ניט פערשוינט. ער ווערט בעשולדיגט און בעליידיגט אויף פערשיעדענע אַרטען. דאָך האָבען דיא דייגקענדע קראים, מינדעסטענס דער אויבענדערמאָנטער סהל בן מצליח, צוגעגעבען אַז זיי געפעלט בעסער דיא שריפטליכע בעקעמפּפונג פון רב סעדיה וויא דיא מסירות און דיא פערפאָלגונגען פון דיא רבנישע אידען ביז זיין צייט.*) מען מעג פאָרבייגעהענדיג בעמערקען, אַז דיא פערפאָלגונגען האָבען אויף דיא קראים

*) „דיעזער וועג (רב סעדיה'ס צו פיהרען וכוחים) — שרייבט סהל — איז בעסער וויא דיא ערשטע פלעגען פריהער טהאָן מיט אונז. ווען זיי פלעגען קומען צו דיא בעאַמטע מסר'ן און אַרויסצולייגען שטראָף פון גאָלד און זילבער און לייגען אין חרם און שילטען מיט האַס און פיינדשאַפט.—סהל בן מצליח אין זיין ווערק תוכחת מגולה, וועלכעס איז איבערגעדרוקט אין שמחה פינסקער'ס, „לקוטי קדמוניות" וויען 1860, זייטע 33.

געהאט דיא זעלבע ווירקונג, וואס זיי האבען אימער אויף רעליגיעזע סעקטען, דאס הייסט זיי האבען געהאָלפען צו פערשטארקען און פערגרעסערן דיא צאהל פון זייערע אנהענגער. אבער פון דיא צייטען פון רב סעדיה האבען דיא קראים אנגעפאנגען צו ווערען שוואכער און זיינען צום סוף געזונקען אזוי טיעף און זיך אזוי דערווייטערט פון כלל ישראל, אז דער קליינער הייפעלע פון זיי, וואס עקזיסטירט נאך הייטע, ווערט כמעט גאר מעהר ניט אנערקענט אלס אידען. עס איז קיין צווייפעל, אז דער גרויסער גייסט פון רב סעדיה האט געהאָלפען אריבער ציהען דאס געוויכט אויף דיא זייטע פון רבנישען יודענטהום אין דער צייט, וועןביידע טיילען זיינען געווען נעהענטער איינער צום אנדערען אין צאהל און איינפלוס וויא זיי זיינען געוואָרען שפעטער.

מיר וייסען פון רב סעדיה'ס פערזענליכקייט נור פון דער צייט, ווען ער איז געקומען נאך בבל, דאס הייסט ווען זיין גרויסקייט איז שוין געווען אזוי אנערקענט, אז ער איז ערוועהלט געוואָרען פאר דעם גייסטיגען פאָרשטעהער פון דיא אידען פון זיין צייט. מען דערצעהלט, אז דער בלינדער אלטער מאן וועלכער האט פריהער שלום געמאכט צווישען מר כהן צדק און דוד בן זכאי, האט שפעטער געראטהען דעם לעצטען ער זאָל ניט מאַכען רב סעדיה צום גאון פון סורא. נסי נהרוני האט וואהרשיינליך געהערט פון רב סעדיה'ס כאראקטער און האט געוואָרנט דעם ריש גלותא, אז דער פרעמדער עגיפטישער געלעהרטער וועט זיך ניט לאָזען בייגען און וועט זיין נאך א געפעהרליכערער געגנער אין פאל פון א קאמפף, וויא דער גאון פון פומבדיתא. דוד בן זכאי האט אבער אום יעדען פרייז געוואָלט ערניעדריגען זיין אלטען געגנער, און מיט דער זיכערהייט, וואס גע'ירשנטע מאכט גיט אפט צו דיא, וועלכע בעזיצען עס, האט ער זיך ניט געקימערט וועגען וואס עס וועט זיין שפעטער, אזוי לאנג וויא דאס העלפט איהם אויסצופיהרען זיינע איצטיגע פלענער.

רב סעדיה איז געקומען, און זיין גרויסקייט האט געמאכט דעם איינדרוק וואס דוד בן זכאי האט געהאפט. דער נייער גאון איז געווען דער פעהיגסטער און גרעסטער פון אלע גאונים פאר איהם און נאך איהם און ער האט מיט זיינע פערשיעדענארטיגע גייסטיגע בעגאבונ־

גען און מיט זיינע אומפּאַסענדע קענטניסע באַלד פערדונקעלט דיא אינגערע ישיבה. מר כהן צדק און פומבדיתא זיינען כמעט און גאַנצען פערגעסען געוואָרען, און סורא האָט אויפגעבליהט און איז צוריק געוואָרען דער גרויסער מיטעלפונקט פון תלמודישען יודענטהום. דער זיעג פון ריש גלותא איז געווען פאָלשטענדיג, אָבער ניט אויף אַ לאַנגע צייט. דעם בלינדען מאַנ׳ס מיינונג וועגען דעם מוטה און דיא דרייסטיגקייט פון נייעם גאון איז געווען ריכטיג. רב סעדיה, אזוי וויא יעדער פּיאָניער וועלכער ברעכט דורך אַ נייעם וועג אויף אַ געוויסען פעלד פון טהעטיגקייט, האט ניט געוואוסט פון מורא און איז געווען בערייט זיך צו שטעלען אין דיא גרעסטע סכנות פאַר דאָס, וואָס ער האָט געגלויבט צו זיין רעכט. עס איז דארום געווען כמעט אונפער־מיידליך, דאָס אזא מאַן וויא ער זאָל קענען לאַנג שטימען מיט אַ הערשזיכטיגען און אייפערזיכטיגען מאַן, וויא דער ריש גלותא. אַ נייער ביטערער קאַמפף צווישען דיא נייסטיגע און וועלטליכע מאַכט אין יודענטהום האָט לאַנג ניט געקענט אויסבלייבען און ער האָט אָנגע־פאַנגען אזוי שנעל וויא עס האָט זיך דערצו געמאַכט דיא ערשטע גינסטיגע געלעגענהייט.

פיערטער קאפיטעל.

לעצטער קאמפף צווישען גאון און ריש גלותא.

דיא מחלוקה איז ארויסגעקומען אין פינפטען יאהר נאך רב סעדיה'ס אנקומען אין בבל. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אן אפמאך איבער א ירושה. דער פסק דין האט געדארפט זיין אונטער־צייכענט פון ריש גלותא און פון גאון. דוד בן זכאי האט אבגעגע־בען זיין ענטשיידונג און האט אריבערגעשיקט דעם דאקומענט צו רב סעדיה, ער זאל איהם בעשטעטיגען. רב סעדיה האט געגלויבט, אז דער ריש גלותא האט ענטשיעדען ניט ריכטיג און האט ניט געוואלט אונטערשרייבען. דוד בן זכאי האט איהם געוואלט דערצו צווינגען און מען האט דערצעהלט, אז דער זוהן אדער פערטרעטער פון ריש גלותא האט זאגאר געוואגט אויפצוהויבען א האנד אויף דעם בעריהמטען גאון און איז פאר זיין חוצפה שווער פערלעצט געווארען פון רב סעדיה'ס תלמידים, וועלכע זיינען געוועזן דערביי. דאס איז גע־וועזן דער פונק, פון וועלכען דאס פייער פון קריעג האט זיך אנגע־צונדען, און דיא געוועהנליכע וואפען פון מסירות, חרם און פערפאל־גונגען זיינען אנגעווענדעט געווארען פוןביידע זייטען. דוד בן זכאי, דער היימישער פירסט איז נאטירליך געוועזן דער שטארקערער אין אזא פאל, און דער אויסלענדישער געלעהרטער האט זיך געמוזט צוריק־ציהען. ער האט פערבראכט פיער יאהר ווייט פון דער ישיבה, וואהר־שיינליך אין בגדד. עס איז שווער צו זאגען בעשטימט, אויב ער איז

טאָקי געווען אין לעבענסגעפאהר און האָט זיך געמוטט בעהאַלטען, מען זאָל ניט וויסען וואו ער איז, אָדער ער האָט איינפאַך זיך ניט געקענט האַלטען אן דער שפּיצע פון דער ישיבה און האָט דארום געלעבט אין צוריקגעצויגענהייט, דאס הייסט אַלס פּריוואט מאַן. יעדענפאלס זיינען דיעזע פיער יאהר געווען דיא פּרוכטבארסטע פון רב סעדיה׳ס לעבען, און שפּעטערע דורות האָבען גענאָסען פון זיינע געצוואונגענע צוריקגעצויגענהייט, ווייל אין דיעזע פיער יאהר האט ער פערפאַסט דיא מייסטע פון זיינע ווערקע, דורך וועלכע ער איז גע־בליעבען בעריהמט ביז היינטיגען טאָג.

אָבער אָבגלייך רב סעדיה איז געווען אַ פרעמדער, האָבען איהם אויך ניט געפעהלט קיין פריינדע און פערטהיידיגער. ער איז אויך ניט געווען דער מאַן זיך צו לאָזען לייכט ארונטערוואַרפען. ער האָט דיא ערשטע זאַך ערקלערט דוד בן זכאי אַלס אויס ריש גלותא און האָט אויף זיין פּלאַץ נאָמינירט אַ געוויסען יאשיה האסמאַן.ביידע זייטען האָבען אַפּעלירט צום קאַליף אל־מוכת-אדיר, וועלכער האָט געוואָלט אויסהערען ביידע זייטען. אין אָנפאַנג איז עס גאָר ניט געווען אזוי זיכער, דאס דוד בן זכאי וועט בעזיעגען דעם גאון. נור ווען דיעזער קאַליף איז ערמאָרדעט געוואָרן (אָקטאָבער 932) און דער אָרעמער קאהיר האט נע׳ירש׳נט זיין טראָהן, האָבען דיא פריינד פון אַלטען ריש גלותא געקראָגען דיא אויבערהאַנד. אין דיא זעלבע צייט וואס רב סעדיה האָט געמוטט פערלאָזען דיא ישיבה, איז דער ריש גלותא האסמאַן פערטריעבען געוואָרן פון זיין אַמט און איז שפּעטער געשטאָרבען אין כאראַססאַן.

אין פערלויף פון פיער יאהר האָט זיך אָבער אַלעס געענדערט. אויף דעם פּלאַץ פון גרויזאַמען און געלדגייציגען קאהיר איז ארויף אויף דעם טהראָן פון דיא קאַליפען אַ גערעכטער מאַן מיט דעם נאָמען אבראַדהי, און זיין גרויס־וויזיר עלי אבן־איסא האָט זיך געוויע־זען געניינט צו רב סעדיה׳ס זייט. דיא אידישע בעפעלקערונג אַליין האט זיך אויך וואס ווייטער אַלץ מעהר געשטעלט אויף דער זייט פון דעם גאון. עס האט דארום נור געפעהלט אַ געלעגענהייט ארויס־צובריינגען איין אַלגעמיינע פאָדערונג, אז רב סעדיה זאָל צוריק קריעגען

זיין שטעללע. דיא געלעגענהייט איז באלד געקומען, ווען צוויי אידען, וועלכע האָבען געהאט א שטרייטיגקייט, האָבען אויסגעקליעבען אלס בוררים אָדער אָפּמאכער איינער דוד בן זכאי און א צווייטער — רב סעדיה. דער ריש גלותא איז איבער דעם אזוי בייז געוואָרן, דאס ער האט אָנגעשטעלט דורך זיינע לייטע צו מאכען א פּערזענליכען אנגריף אויף דעם מאן, וועלכער האָט געוואגט אויסצוקלייבען דעם גאון.

דיא אויפרעגונג איז געוואָרן זעהר גרויס, און איינפלוסרייכע מיטגליעדער פון דער אידישער געמיינדע האָבען צוגעגעבען, אז דער קריעג איז אוועק א ביסעל צו וויט. מען האָט זיך אָנגעפאנגען צו לייגען אויף א שלום און מען האָט פריהער איבערגערעדט איינעם פון דיא הויפּט אנהענגער פון דוד בן זכאי און דאן אויך איהם אליין צו שליעסען פריעדען. עס איז דאן געווען נאנץ לייכט צו געווינען דעם שוואכערען און קליגערען רב סעדיה פאר דעם פּלאן פון אַן אָפּמאך און דיא גרויסע מחלוקה איז געוואָרן געענדיגט.

דיא אידישע געמיינדע פון בגדד איז געוועזן מלא שמחה, ווען דיא נייעס פון שלום איז פערברייטעט געוואָרן. א טהייל האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם גאון און א טהייל אָן דעם ריש גלותא, ווען דיא צוויי ביטערע געגנער זיינען ארויס איינער געגען אנדערן זיך צו בעגעגנען אלס פריינד. ווען זיי זיינען זיך צוזאמענגעקומען, האָבען זיי זיך אומארמט און געשלאָסען א נייע און אייביגע פריינדשאפט. רב סעדיה האט פערבראכט איינינע טעג אלס גאסט אין הויז פון ריש גלותא און איז דאן צוריק געקומען אלס ראש ישיבה נאָך סורא.*) עס איז געווים, אז דער גאון האָט זיך געוויסענהאפט גע־האלטען אן דיא נייע בעדינגונגען און איז געבליעבען טריי צום ריש גלותא און זיין פאמיליע אזוי לאנג וויא ער האָט געלעבט. ווען דוד בן זכאי איז געשטאָרבען אין 940, איז זיין זוהן יהודה געוואָרן ריש

*) אזוי ווערט געוועהנליך אנגעגעבען אין דיא מייסטע געשיכטליכע ווערק איבער דיעזע פעריאָדע און מיר האָבען עס דארום דאָ אויך אָנגענומען, אָבגלייך עס איז דאָ א סברא, אז רב סעדיה האט ניט צוריק געקריעגען דעם אמט נאָך דער שליסונג פון פריעדען.

גלותא דורך דיא אַנשטרענגונג פון רב סעדיה. יהודה איז געשטאָרבען זיעבען מאָנאַט שפּעטער און האָט איבערגעלאָזען א צוועלף־יאהריגען זאָהן, וועמען רב סעדיה האט אדאָפּטירט און גענומען ערציהען ביז ער וועט קענען איבערנעהמען דאס אַמט אלס פירסט פון גלות.

אָבער דיא אומשטענדען פון דער צייט האָבען געבראכט דערצו, אז דיא אידען האָבען ניט מעהר געקענט האָבען דעם נחת פון האָבען איינעם, וואס זאָל אפילו טראָגען דעם פּוסטען טיטעל פון פירסט. צום טהייל איז אין דעם שולדיג געוועזן דיא פערשטאַרקטע מאכט און דער פאַנאַטיזמוס פון דיא מחמדאנער, צום טהייל אויך דיא שלעכטע אויפפיהרונג פון דיא ראשי גלותא זעלבער, און דיא אַרט און וויזע וויא זיי האבען מיסברויכט זייער מאכט. דער מאַן, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען צו פערנעהמען דעם אַמט פון ריש גלותא ביז דער אייניקעל פון דוד בן זכאי וועט אויפוואקסען, איז אומגע־בראכט געוואָרן אויף א בעשולדיגונג, אז ער האָט בעליידיגט דעם נאָמען פון מחמד. דער לעצטער פּרינץ פון דיא קעניגליכע פאַמיליע פון דוד איז, שפּעטער ערמאָרדעט געוואָרן פון פאנאטישע מחמדאנער אין זיין קאָרעטע אויף א גאַס אין בגדד, און דאס אַמט פון ריש גלותא איז אונטערגעגאַנגען. אָבער רב סעדיה האט ניט דערלעבט צו זעהן דיעזען טרויעריגען סוף.

דיא פערפאָלגונגען און אויפרעגונגען פון דער צייט פון מחלוקת האבען אונטערגראָבען זיין געזונדהייט און איהם געמאַכט מעלאַנכאָ־ליש אָדער מרה שחורה׳דיג. דיא ישיבה פון סורא האָט, וויא מען דיינקט, אונטער איהם צוריק געקראָגען איהר אלטען גלאַנץ, אָבער ער אליין איז ניט מעהר געקומען צו זיך. רב סעדיה איז געשטאָרבען אין יאהר 942, ווען ער איז אַלט געוועזן נור 50 יאהר, און דער בעריכט דאס ער איז געשטאָרבען פון מרה שחורה, בערעכטיגט צו גלויבען, אז ער איז וואהרשיינליך געוועזן קראַנק א לייגגערע צייט פאר זיין טויט. ער האט געלאָזען א זוהן מיט דעם נאָמען דוסא, וועלכער איז געוועזן א תלמודיסט און א וועלטליכער געלעהרטער, אָבער אויס אורזאַכען, וועלכע זיינען אונז ניט בעקאַנט, איז ער ניט געוואָרן דער נאכפאָלגער פון זיין גרויסען פאטער. דיא ישיבה פון

סורא איז נאָך רב סעדיה'ס טויט אַזוי אָבגעשוואכט געוואָרן דורך דעם איינפלוס פון דעם רייכען אבן־כרגדא, וועלכער האָט זיך געשטעלט אן דער שפּיצע פון דיא אינגערע ישיבה פון פּומבדיתא, דאָס זיא איז אין קורצען אונטערגעגאַנגען. זעקס יאהר נאָך רב סעדיה'ס טויט איז דער לעצטער ראש ישיבה פון סורא פון דאָרטען אַוועק, און דיא אַנשטאַלט, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן פון רב אָדער אבא אריכא מיט 700 יאהר פריהער, איז אויף אימער געשלאָסען געוואָרן.

דיא אידען פון סורא האבען געמאַכט אַ לעצטען פערזוך ווידער צו ערעפנען דיא אַלטע ישיבה, נאָר דאס האט געהאַט דעם מערק־ווירדיגען און גאַנץ אונערוואַרטעטען רעזולטאַט פון אונטערגראָבען דיא גאונות אין גאַנצען און פערפלאַנצען דעם תלמוד און דערמיט דעם מיטעלפּונקט פון יודענטהום אין אייראָפּא. דאס איז געקומען דורך דעם, וואס דיא פיער יונגע תלמידי חכמים, וועלכע זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן פון סורא אין אַנדערע לענדער צו זאַמלען נדבות פאַר דיא ערעפנונג פון דער ישיבה, זיינען אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון ים רויבער און זיינען פערקויפט געוואָרן אלס שקלאַפען אין פערשיעדענע פּלעצער. דיא פערקויפטע זיינען אויסגעלייזט און בעפרייט געוואָרן פון דיא אידישע געמיינדען אין דיא לענדער, וואו מען האָט זיי געבראַכט, וויא עס איז געווען דער מנהג אין דאַמאָליגע צייטען. דיעזע בעפרייטע משולחים האבען דאַן אליין געגרינדעט ישיבות, און זיי זיינען געווען דיא דירעקטע אורזאַכע פון דער פערשפּרייטונג פון תלמודישע קענטניסע אין פערשיעדענע געגענדען, בעזאָנדערס אין שפּאַניען, וועלכע איז מיט דער צייט געוואָרן דיא הויפּט קוועללע פון אידישע געלעהרזאַמקייט, אַזוי וויא בבל איז פריהער געווען

פינפטער קאפיטעל.

רב סעדיה'ס ווערקע און זיין בעדייטונג.

דיא אידען, דאָס הייסט דיא רבנישע אידען, האבען ביז רב סעדיה כמעט ניט געהאט קיין אנדער ליטעראטור, וויא דיא הייליגע אָדער רעליגיעזע. אויסער דעם תנ"ך, דעם תלמוד און געוויסע מדרשים און ספרים וועגען דינים וויא דיא „הלכות פסוקות" און „הלכות גדולות" אָדער געמישטע פון דינים און אגדות, וויא רב אחאי גאון'ס „שאלתות", בעזיצען מיר וועניג נעמען פון ווערק און נאָך וועניגער ווערקע, וואָס זיינען פערפאסט געוואָרן פאר דער צייט פון רב סעדיה. פון סיסטעמאטיש־וויסענשאפטליכע ביכער, דורך וועלכע אידען זאָלען בעקאנט ווערען מיט דיא געדאנקען פון דיא ניט אידישע וועלט, איז ביז דאמאָלס כמעט קיין זכר ניטאָ. רב סעדיה ערשיינט פאר אונז אלס דער ערשטער גרויסער אידישער און וועלטליכער געלעהר־טער, וועלכער וויל פעראייניגען אמונה און השכלה, וועלכער וויל פון איין זייט בעפעסטיגען דיא אידישע רעליגיאָן אויפ'ן תלמודישען גאנג און איהר פערטהיידיגען געגען אינווענינגסטע און אויסזייטיגע אנגריי־פער; און פון אנדער זייט איהר פרובירען געבען א וויסענשאפטליכע פאָרם, אויסארבייטען א אידישע פילאָזאָפיע און אריינברייגען אונ־טער אידען דיא גראמאטיק, דיא פאָעזיע, דיא דיינקונגס־ארט און דיא שטרעבונגען פון דיא קולטיווירטע אראבער, אונטער וועלכע זיי האבען געוואוינט. פון דיזען שטאנדפונקט ערשיינט ער פאר אונז אלס

א קעמפפער און אויפטהוער אויף דעם ליטעראַרישען פעלד, וואו ער זוכט פערשיעדענע מיטלען צו עררייכען דעמזעלבען צוועק. זיינע נים וויכטיגע ווערקע, אָדער אַזעלכע, אין וועלכע ער האָט נור נאכ־געמאכט אנדערע, קריעגען דאדורך א ווערטה איבער דיא אַלגעמיינע טענדענץ פון זיינע שריפטען, ווייל אין אַלע צוזאמען זעהט מען דעם פּלאַן פון זיין ארבייט, זיין אנשטרענגונג צו שאפען א ליטעראַטור און צו מאכען א וועג פאר שפעטערע דיינקער צו געהן אויף דעמ־זעלבען וועג.

דאס אידישע לעבען איז אזוי ענג פערבונדען מיט דער תורה, דאס יעדער, וועלכער וויל מאכען איין איינדרוק אָדער איין ענדערונג אויף דעם אינערליכען לעבען פון אידען, מוז אָנפאנגען פון דער תורה. אַן איבערזעצונג פון חומש איז שטענדיג דיא בעסטע און לייכטעסטע מעטהאָדע בעקאנט צו מאכען דעם אידען מיט א נייע שפראך, ווייל דאס איז א בוך, וועלכען יעדער איד האָט געלערנט, און וועלכען דיא מייסטע זיינען נאָך איצטער און זיינען געוויס געוועזען אין אמאָליגע צייטען כמעט קלאָר אויף אויסווענינ. עס איז דערפאר געוועזען גאנץ נאַטירליך, אז א מאן וויא רב סעדיה זאָל איבערזעצען דעם חומש אויף אראַביש. מען גלויבט, אז ער האָט אויך איבערזעצט גאנץ תנ״ך, אָבער מיר וויסען נור פון איבערזעצונגען פון חומש, פון ישעיה (געדרוקט), תהלים, משלי און א טהייל פון איוב. ער האָט אָבער זיך געמוהט שאפען דיא נייטיגע געצייג, מיט וועלכע ער זאָל קענען דיעזע ארבייט דורכפיהרען, און מיר געפינען איהם דארום אַלס דעם ערשטען גראַמאַטיקער אָדער בעל דקדוק פון דיא העבּרעאישע שפראך.

ער איז דער פערפאסער פון א „בוך דער שפראכע״ (כתאב אללנה: ספר לשון עברי), א ווערטער־בוך (אגרון, אָדער ספר פתרונים), א בוך איבער סינטאקס אָדער צוזאמענשטעלונג פון זעטצע (צחות) און א בוך איבער דיא ווערטער וועלכע זיינען נור איינמאָל דער־מאָנט אין תנ״ך.

אין זיין איבערזעצונג האַלט ער זיך נים אזוי שטרענג צו דעם טעקסט וויא שפּעטערע איבערזעצער. ער ערלויבט זיך אָפט א לייכטע ענדערונג צו געבען א קלערערען בעגריף פון אָריגינאַל. צו דיעזען

טהייל פון זיין ארבייט געהערען אויף דיא פירושים, וואָס ער האָט געמאכט צחאַמען מיט דיא איבערזעצונגען.ביידע זיינען באַראַקטעריזירט דורך אַ פרייהייט און אָן אנערקענונג פון תלמודישע ערקלערונגען, וועלכע זיינען געציעלט אַלס אַ געגענזאַץ צו דיא שקלאַפעריי צום וואָרט, פון וועלכע דיא קראים האָבען זיך קיינמאָל נים געוואַגט צו בעפרייען.

נאָך אינטערעסאַנטער זיינען וואהרשיינליך געוועזן זיינע פּאָלעמישע אָדער שטרייט־שריפטען, פון וועלכע אַלע זיינען ליידער פערלאָרען געגאַנגען. מיר ווייסען דאַרום פון זיי נור דיא נעמען וועלכע זיינען דערמאָנט אין זיינע איינענע אָדער אין פרעמדע שריפטען. דער איינפלוס פון זיינע שריפטען געגען דיא קראים איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז דורך זיי איז ער אַליין גרויס געוואָרן, און דיא סעקטע האָט זיך פון זיין אַנגריף נים געקענט ערהוילען און איז זייט דאַן שטענדיג געזונקען. עס זיינען בעקאַנט דיא נעמען פון זיעבען ווערקע, וועלכע ער האָט געשריעבען געגען דיא קראים. איינינע פון זיי זיינען געציעלט געגען דיא פערזאָנען, וויא דאַס ווערק געגען ענן אָדער געגען אבן סקוויאה, און אַנדערע געגען איינצעלנע דינים אָדער מנהגים, וויא צום ביישפּיעל, דיא איינפיהרונג פון דיא קראים נים אָנצוציגדען קיין ליכט פרייטאָג־צו־נאַכט.*)

אָבער ער האָט אויך געהאַט אַנדערע געגנער וויא דיא קראים. ער אַליין דערמאָנט אַ ווערק, וואָס ער האָט געשריעבען געגען דעם אפיקורס אָדער פריי־גייסט חוי אל־בלכי, וועלכער האָט אין יענער צייט שוין געוואַגט אָנצוגרייפען דיא גלויבווירדיגקייט פון דיא נסים, וואָס זיינען דערמאָנט אין חומש, און האָט למשל געזאָגט, דאָס דער מן וואָס דיא אידען האָבען געגעסען אין דער מדבר, איז געוועזן אַזאַ סאָרט פּלאַנצונג אָדער גראָז, דאַס דיא אידען זיינען אריבער דעם דעם ים סוף אין דער צייט פון עבבע אָדער ווען דאַס וואַסער פון

*) דיעזעס ווערק איז דערמאָנט אין אבן עזרא׳ס פירוש אויף חומש. אין דיעם פּסוק לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת (שמות ל״ה ג׳) וועלבען דיא קראים נעהמען אָן בוכשטעפליך אַז מען טאָר אין גאַנצען ניט לאָזען ברענען קיין פייער.

ים האלט אָפּ דורך נאַטירליכע אורזאַכען א. ז. וו. דיזער חוי האָט אויך פערפאַסט איין איבערזעצונג פון חומש מיט א פּירוש נאָך זיינע אפּיקורס'שע אידעען, און מען האָט אין פיעלע אידישע חדרים אָדער שוהלען פון יענער צייט געלערנט דיזע אפּיקורסות' ביז זיי זיינען פערדרענגט געוואָרן פון רב סעדיה'ס פּירוש און איבערזעצונג. מען האָט אין אָנפאַנג געמיינט, אַז חוי אל-בלבי (פון דיא שטאָדט בּלך), וועלכער ווערט פון זיינע געגנער אָפּט גערופען „הכלבי", האָט גע־הערט צו דיא קראים, אָבער איצטער איז עס כמעט פעסטגעשטעלט, אַז ער איז געווען פון דיא רבנישע אידען און האָט געלעבט אין ניינטען יאָהרהונדערט, מיט א דור אָדער צוויי דורות פאַר רב סעדיה.

דאָס הויפּט ווערק פון רב סעדיה וועלכע איז ניט פאַרלוירען גע־גאַנגען אויף וועלכע זיין גרויסקייט רוהט איז דער „ספר האמונות והדעות", דאָס ערשטע אידישע רעליגיאָנס-פילאָזאָפישעס ווערק און איינע פון דיא בעסטע, וועלכע זיינען איבער דיזען געגענשטאַנד גע־שריעבען געוואָרען. אין דיזעס ווערק האָט רב סעדיה פּרובירט ער־קלערען דעם יודענטהום פילאָזאָפיש און סיסטעמאַטיש, צו געבען שכל'דיגע ערקלערונגען אויף אַלעס וואָס לאָזט זיך ערקלערען און צו בעקעמפּפען אַלערליי אידישע און ניט-אידישע געגנער, מאַנכעס מאָל מיט לאָגיק און מאַנכעס מאָל מיט אמונה. דאָס ווערק איז פילייכט ניט עכט פילאָזאָפיש נאָך דעם היינטיגען בעגריף, אבער עס איז קיין צווייפעל, אַז רב סעדיה איז געשטאַנען אויף דיא העכסטע שטופע פון זיין צייט און האָט געוויעזען גרויסע פעהיגקייטען אין בעהאַנדלען דיזען געגענשטאַנד פון זיין רעליגיעזען שטאַנדפּונקט. דאָס ווערק איז פערפאַסט געוואָרען אין אראַביש און איז זייט דאַן צוויי מאָל איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש. טהיילען זיינען איבערזעצט געוואָרען אין לאַטיין, אין ענג־ליש (לאָנדאָן 1707) אין דייטש און וואַהרשיינליך אויך אין אַנדערע שפּראַכען. אלט-מאָדישע אידישע מחברים און אַלע מאָדערנע געלעהרטע, וועלכע אינטערעסירען זיך אין רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע אָדער אין איהר געשיכטע, שטודירען דיזעס ווערק נאָך אין איצטיגע צייטען.

איין אנדער וויכטיגעס ווערק פון רב סעדיה, פון וועלכע עס געפינען זיך א פּאָר געשריעבענע קאָפּיעס אין דיא ביבליאָטעקען פון

אָקספּאָרד און מינכען, איז זיין פּירוש אויף „ספר יצירה“. עס האָבען זיך אין יענער צייט אָנגעפאַנגען אונטער אידען צו פערשפּרייטען מיסטיקער אָדער בעלי סודות, וועלכע האבען געזוכט צו ערקלערען אלעס על פּי סוד. דאָס מערקווירדיגע ווערק, ספר יצירה, איז ביי זיי געווען איינע פון דיא הויפּט שטיצען, אויף וואָס זייערע טהעאָריען זיינען געגרינדעט געוואָרען. רב סעדיה האָט געזוכט דעם „ספר יצירה“ צו ערקלערען פון א פילאָזאָפּישען שטאַנדפּונקט אין האָט זיין פּירוש געשריעבען אין אראַביש אלס א געגנער פון קבלה. שפּעטער ווען דיא לעהרען פון קבלה זיינען אונטער אידען מעהר פערברייטעט געוואָרען און דיא בעלי קבלה האבען געקראָגען מעהר איינפלוס, איז רב סעדיה׳ס נאמען שוין געווען אזי גרויס און הייליג דאָס מען האָט איהם ניט גע־וואגט אָנצוגרייפען. זיי האָבען זיך בעסער גענומען צו דעם לייכטען און איינפאַכען מיטעל פון אָפּלייקענען אז ער איז געווען זייער געגנער, און אזוי וויא זיין אראבישער פּירוש אויף ספר יצירה איז געבליעבען כמעט אונבעקאַנט, האָט מען אנגעהאנגען זיין נאמען אָן א פּירוש וואָס איז געשריעבען אין זין פון דיא קאַבאַליסטען.

דאָס איז דער „פּירוש רב סעדיה גאון“, וועלכער איז געדרוקט אין פיעלע אויסגאַבען פון ספר יצירה און וועלכער איז פערפאַסט גע־וואָרען מינדעסטענס צוויי הונדערט יאָהר נאָך זיין טויט. דער פּרוש אויף דברי הימים, וועלכער איז געדרוקט אין פיעלע אויסגאַבען פון תנ״ך אלס פּירוש רב סעדיה גאון“ איז אויך ניט פון איהם. אַנדערע האבען אויף אַרויפגעשטעלט זיין נאמען אויף א „ספר הגורלות“ און אויף אַנדערע ווערקע, וועלבע ער האָט קיינמאָל ניט געשריעבען. עס איז אמאָל געווען שטארק אין דער מאָדע אָנצוטשעפּען שפּעטערע שריפ־טען אָן גרויסע דענקער פון פריהערינגע צייטען, אָדער צו ציטירען פון ווערקע וואָס האָבען ניט עקזיסטירט. דער גרעסטער בריה אויף אויס־קלערען מחברים און ספרים איז געווען ר׳ משה בטריל, דער פערפאַ־סער פון א פּירוש אויף ספר יצירה, און מען איז בערעכטיגט צו דיינ־קען אז דער ספר, „אבן הפּילוסופים לרב סעדיה גאון“ וואָס ער דער־מאָנט, האָט אויך עקזיסטירט נור אין זיין איינבילדונג.

אם ענדע דארפען דערמאָנט ווערען זיינע ווערק אלס גאון, דאס הייסט אָלס פאָרשטעהער פון רעליגיעזען יודענטהום פון זיין צייט. אָבער אויך אויף דיעזען פעלד געהערט ער צו דיא פאָרטשריטליכע. ער האָט געזוכט בעקאַנט צו מאַכען דעם גרויסען עולם מיט א טהייל פון דעם וואָס האָט געהערט צו דיא אַריסטאָקראטיע פון געלערנטע. ער האָט דארום איבערזעצט דיא משנה אויף אראביש און געמאַכט צו איהר א פירוש אויף אראביש, ברייננענדיג דערמיט דיא גרונדלאַגע פון תלמודישען יודענטהום נעהענטער צום פאָלק. אייניגע פון זיינע תשובות אויף פראַגען וועגען דינים, געפינען זיך אין זאמלונגען פון תשובות הגאונים. א קאָפּיע פון א „סידור רב סעדיה גאון“ געפינט זיך אין דיא באָדלייאַן לייברערי אין אָקספאָרד, און עס זיינען אויך דאָ פון איהם שירים, פיוטים און אנדערע קליינע שריפטען, וועלכע דיענען נור צו בעווייזען זיין טהעטיגקייט און דיא פערשיעדענארטיגקייט פון זיין טאַלענט.

דיא גרויסקייט פון רב סעדיה שטייגט אין וויכטיגקייט, ווען מען בעטראַכטעט דיא גייסטיג אונפרוכטבארע צייט אין וועלכע ער האָט געלעבט אונטער אידען. דיא צייט פון דיא גאונים איז איינער פון דיא אָרעמסטע אין דער אידישער געשיכטע, דיא פרייע ענטוויקלונג פון דיא צייטען פון תלמוד האָט דאַמאָלסט אויפגעהערט, און דיא ישיבות פון בבל האָבען ניט מעהר געקענט בעאיינפלוסען דעם גייסטיגען לעבען פון אידען אָדער צופריעדען שטעלען דיא שטרעבונג פון מענשען מיט פעהיגקייטען. דיא אראבישע בילדונג פון איין זייט און דיא קראים׳שע נייע וועגען פון אנדער זייט האָבען אוועקגעצויגען פיעלע אידען פון רבנישען יודענטהום. עס איז נייטיג געוועזען צו ווייזען, אז א איד מוז ניט אָפּפאַללען פון יודענטהום אָדער פון תלמוד, ווען ער לערנט זיך אויס אראביש, דאָס ער קען נאַכטהאָן דיא מחמדנער און דאָך בלייבען א פרומער איד, און דאָס ער קען האָבען אין אייגענע פילאָזאָפיע וועלכע שטעהט אזוי הויך וויא דיא פרעמדע.

אַלע ווערקע פון רב סעדיה ווייזען אויף דעם פּלאַן צו שאַפען א אידעשע קולטור אָדער אזוי צו פערפאָלקאָמענען און ערקלערען דיא אידישע קולטור, אז זיא זאָל קענען בעשטעהן נעגען דיא אראבישע און איתר מיט דער צייט איבערלעבען. אין איהם איז פערקערפערט דער

פערזוך, וואס אידען האבען איינינע מאל געמאכט, האלב ווילענדיג, האלב ניט־ווילענדיג, זיך צו־צופאסען צו דיא קולטור פון דיא פעלקער, אונטער וועלכער זיי לעבען, און דאך בלייבען ביז א געוויסען גראד אבגעזונדערט. אין איהם שפיעגעלט זיך אב דיא פעראייניגונג פון תורה און חכמה, פון רעליגיאן אין פילאזאפיע, פון אידישע גאונות און וועלטליכע געלעהרזאמקייט, וועלכע האט מעגליך געמאכט די אידען זיך צו בעטייליגען אין אלע גרויסע גייסטיגע בעוועגונגען פון דער וועלט און דאך בלייבען אידען. אזעלכע מענשען האבען געהאלפען מאכען דיא אידישע געשיכטע פאר א קיצור און א פירוש פון דיא גאנצע וועלט געשיכטע פאר דיא לעצטע צוויי טויזענד יאהר און זייער נאמען וועט אימער בלייבען איינע פון דיא גרעסטע, וועלכע זיינען איהר פער־צייכענט.

לעבענסבעשרייבונגען פון בעריהמטע מעננער

דער ווילנער גאון

(ר׳ אליהו בן שלמה זלמן)

דער גייסטיגער פיהרער פון מתנגדים

פון פרץ וויערניק

Copyright, 1906
By The International Library Publishing Co

דער ווילנער גאון.

1.

ליטא און איהרע אידען אין 18־טען יאהרהונדערט.

ליטא איז געוועזן אין גאנצען אונאבהענגיג אלס א גרויס־פירסטענטהום (וועליקא קניאזשעסטווא) פאר זיך ביז זיא איז געווארען נעהענטער פערבונדען מיט פוילען דורך דיא חתונה פון איהר קניאז יאגועללא מיט דיא יונגע פוילישע קעניגין העדווינא אין יאהר 1300. זייט דאן האט זיא צייטענווייז געהאט א בעזונדערען הערשער און צייטענווייז געהערט צום פוילישען קעניג ביז דיא „לובלינסקע יוניאן“ אין יאהר 1569, ווען ליטא איז אויף אימער פעראייניגט געווארען מיט פוילען און איז געווארען א טהייל פון דיא פוילישע מלוכה. זייט דאן זיינעןביידע לענדער צוזאמען געזונקען טיעפער און טיעפער, ביז דער צייט וואס פוילען איז אונטערגעגאנגען.

אין אנפאנג פון 18טען יאהרהונדערט, איז דאס לאנד שוין געשטאנען אויף א זעהר ניעדעריגע שטופע, אבגלייך מען האט נאך אפשר דאן ניט געקענט פאראויסזעהן דיא קאטאסטראפע פון „ראזביאר“ אדער צוטהיילונג פון פוילען. ליטא האט אין יענע צייטען געליטען פון רוסיש־שוועדישען קריעג, פון מגפות און פון הונגער־יאהרען, אבער נאך מעהר וויא אלעם האט זיא מיט גאנץ פוילען געליטען פון א רעגיערונג־פארם און א געזעלשאפטליכע ארגאניזאציאן, וועלכע איז וואהרשיינליך געוועזן דיא ערגסטע אין אייראפא אין דיא מאדערנע צייטען.

פוילען איז געוועזן האלב מאנארכיע, האלב רעפובליק. דער קעניג איז ערוועהלט געווארען אויפ'ן גאנצען לעבען, אבער ער האט געהאט זעהר א קליינע דעה. דיא גרויסע מאסען פון

פאָלק, דאָס הייסט די בויערן, האָבען געלעבט אין דעם צו־שטאַנד פון האַלב־שקלאַפעריי אָדער „פּאַנסציזנע" און האָבען ניט געהאַט די מינדעסטע דעה איבער זיך אַליין אָדער איבער דאָס לאַנד וואָס זיי האָבען בעאַרבייט. די אמת'ע הערשער זיינען געווען די גרויסע פּריצים, וועלכע זיינען צום גרעסטען טהייל געווען פער'שיכור'ט און צולאָזען, פאַלש צו זייער קעניג, פאַלש צו זייער פאַטערלאַנד און האָבען אפילו ניט געהאַט געניג שכל צו פערשטעהן זייערע אייגענע אינטערעסען. פון מענשליכע רעכטע האָט מען ניט געהאַט דעם קלענסטען בעגריף.

דער „שליאַכציץ" אָדער גאַנץ קליינער פּריץ פלעגט שמיר־סען די בויערן, דער קליינער פּריץ פלעגט שמייסען די שליאַכ־ציצעם און די גרויסע פּריצים האָבען געטהאָן וואָס זיי האָבען געוואָלט מיט די קליינע פּריצים. דאָך איז עס ניט געוועזען קיין געזעצליכער שטאַרק אָרגאַניזירטער דעספּאָטיזם, ווייל אנשטאָט די געוועהנליכע מענשען־רעכטע וואָס יעדער האָט אין אַ לאַנד, וואו עס הערשט פרייהייט, אָדער אנשטאָט דעם כלל, אז קיינער האָט קיין בעשטימטע רעכט אין אַ טיראַנישע לאַנד, האָט אין פּוילען יעדע קלאַס און יעדע שטאָדט געהאַט פערשיעדענע פּריווילעגיען אָדער ספּעציעלע זכיות. דאָס לעבען איז דאָרט געווען איין שטענדיגע מלחמה צווישען די „יורזדי־קים" (יוריזדיקציאָנען), ווייל אויף יעדען שריט האָט זיך דעם'ס זכות צוזאַמענגעשטויסען מיט יענעם'ס. דער „מאַגיסטראַט" אָדער שטאָדט־הערשאַפט האָט געהאַט בעזונדערע רעכטע, וועל־כע האָבען זיך געוועהנליך ניט איינגעשטימט מיט די רעכטע פון „וואָיעוואָד" אָדער פערטרעטער פון די לאַנדעס־רעגיערונג. זיי פלעגען זיך שטענדיג ארומרייסען צווישען זיך און מיט די גרויסע לאַנד־אייגענטהימער און די בישאָפס וועלכע האָבען בעהערשט די ריעזיגע קירכען־גיטער. אין מאַנכע גרעסערע שטעדט, וויא צום ביישפּיעל, אין ווילנא, איז די שטאָדט גע־ווען צוטהיילט אונטער דיעזע דריי מינים הערשאַפטען, און וואָס מען האָט געמעגט טהאָן אין איין גאַס האָט מען ניט געטאָרט אין די צווייטע. איינער, וועלכער איז אין שטאָדט פער'משפט געוואָרען צו אַ שווערע שטראָף, האָט אונטער געוויסע אומשטענ־

דע געקענט בענוצען דיא פריוויליגיע זיך אריבער־צו־כאפען אין איין אנדער „יורזדיקי“ אין א פארשטאדט און דארטען לעבען אונגעשטערט יאהרען און יאהרען.

דיא אידען אין ליטא האבען א מאל געהאט כמעט גלייכע רעכטע מיט קריסטען, אבער אונטער פוילישע הערשאפט האבען זיי געלעבט אזוי וויא דיא איבריגע אידען פון פוילען, דאס הייסט אויך אלס א בעזונדערע קלאס מיט בעזונדערע פריווילעגיען אדער רעכטע. עס פערשטעהט זיך, אז אין דיא צייטען פון ארעמקייט, עלענד און אונטערגאנג, ווען אונעהרליכקייט און פערראטה האבען פערדארבען אלעס פון אינוועניג און ווען פיינדע פון דרויסען האבען געהאלפען בריינגען נעהענטער דיא פערניכטונג, האט מען זיך ניט פיעל אומגעקוקט אויף דיא אידישע רעכטע. דאך איז נאך ביי אידען דאן געבליעבען א טהייל פון זייערע אמאליגע זעלבסטשטענדיגקייט, אזוי וויא עס איז נאך ביי פוילען אין גאנצען געבליעבען א טהייל פון איהרע אמאליגע פרייהייט. דיא אידישע געמיינדען האבען זיך כמעט אליין רעגיערט אזוי ווייט וויא עס האט אנבעלאנגט צו ציוויל־זאכען אדער דיני ממונות צווישען אידען אונטער זיך. דער רב און דיא דיינים זיינען געווען דיא ריכטער. זיי האבען געהאט דיא געזעצליכע מאכט דורכצופיהרען זייערע ענטשיידונגען. דער איינציגער איד האט געמוזט, אין אלעם וואס האט געהאט א שייכות מיט אידישע עסקים אדער מיט צאהלען פאדאטקעס א. ז. וו. טהאן, וואס „קהל“ אדער דיא פארשטעהער פון געמיינדע האבען געהייסען, ווייל דיא רעגיערונג פלעגט ארויפלייגען איהרע אבגאבען אויף דיא געמיינדע בכלל און האט זיך ניט געקימערט וויא דיא פארשטעהער וועלען דאס געלד אויפמאנען פון יעדען אידען בעזונדער. דיא ארגאניזאציאן פון קהל איז זאגאר פערשטארקט געווארען דורך דעם וואס דיא אידען בכלל זיינען אין דיא ערגערע צייטען געווארען נאך מעהר אפגעזונדערט פון קריסטען, וויא זיי זיינען געווען אין דיא פריהערע בעסערע צייטען.

ווען דיא געשעפטען זיינען געגאנגען שלעכט, אינדוסטריען זיינען אבגעשוואכט געווארען און דיא בעפעלקערונגען פון שטעדט זיינען געווארען קלענער, איז דיא אידישע לאגע נאטיר־

ליך געוואָרען וואָס ווייטער ערגער. עס איז אַלץ געוואָרען שווע־
רער פאַר אידען צו ווערען גרויס אָדער צו מאַכען אַ קאַריערע
צווישען קריסטען, בעזאָנדערס ווייל די גייסטליכע, הויפּטזעכ־
ליך די יעזואיטען, האָבען בעהערשט דעם גייסטיגען לעבען פון
די קלאַסען, אונטער וועלכע אַ איד האָט זיך געקענט אַרויפ־
אַרבייטען. עס איז פאַר דעם אידען דאַן נור געבליעבען צו זוכען
כבוד אָדער אויסצייכנונג אין זיין אייגענעם געמיינדע־לעבען,
צו ווערען אַ פיהרער אָדער אַ פאַרשטעהער פון זיין קהלה.

דער מעכטיגסטער און זעהר אָפט אויך דער רייכסטער
מאַן אין דער קהלה איז דאַן געווען דער רב. די גרעסטע רבנים
און די גרעסטע ראשי הקהל זיינען געווען די פערטרעטער אין
דעם „ועד ארבע ארצות“, אַ כאַרט אידישער קאָנגרעס, וועלכער
האָט געפיהרט די אַנגעלעגענהייטען פון אַלע אידישע געמיינדען
אין פוילען. דער איינציגער וועג צו קומען צו די רבנות אָדער
אפילו צו אַנדערע הויכע עמטער אין קהל אָדער אין די „ועדים“
איז געווען צו זיין אַ גרויסער למדן, ווייל ניט נור שאלות פון
טרפה און כשר, זאָנדערן אויך פּראַקטישע פראַגען און משפּטים
זיינען ענטשיעדען געוואָרען נאָך די דינים פון שלחן ערוך און
זיינע מפרשים. דאַמאַלס איז פאַר אַ אידישען אינגעל טאַקי ניט
געווען קיין בעסערער תכלית, וויא צו ווערען אַ גרויסער למדן
און פון יענע צייטען שטאַמט עס, וואָס יעדער פאָטער און יעדע
מוטער האָט געוואָלט דעם זוהן מאַכען פאַר אַ רב אָדער פאַר אַ
גדול בתורה. דאָס איז געווען די העכסטע שטופע פון מאַכט
און עהרע, וואָס אַ איד האָט דאַן געקענט ערהייכען.

אָבער די אידישע הערשאַפט איז געבראָכען געוואָרען
נאָך שנעלער וויא די פּוילישע. ווען עס איז געקומען די „זאַק־
סען־צייט“, דאָס הייסט די צייט פון די לעצטע קעניגע פון
פוילען, האָט מען אָנגעפאַנגען צו פיהלען, אַז דאָס לאַנד געהט
אונטער און מען האָט זיך גענומען איינצופיהרען פערשיעדענע
רעפאָרמען, אָדער ענדערונגען און פערבעסערונגען. מען האָט ביי
די פּריצים צוגענומען אַ גאַנץ קליינקען טהייל פון זייער
הערשאַפט און ביי די אידען כמעט גאָר אין גאַנצען. דער „ועד
ארבע ארצות“ איז אונטערדריקט געוואָרען פון לעצטען קעניג

פון פוילען, סטאניסלאוו פאניאטאווסקי אין אנפאנג פון זיין רעגיערונג (אין 1764). דיא אידען פון ליטא און פוילען האבען דאדורך פערלארען דיא סארט סענטראל־רעגיערונג, וואס האט איבער זיי געהערשט, מאנכעסמאל ציעמליך שטרענג, אונגעפעהר צוויי הונדערט יאהר. יעדע געמיינדע איז געווארען מעהר פריי צו טהאן, וואס איהר געפעלט און אזוי וויא דיא גרויסע מאכט פון „ועד" איז אפגעשטארבען, האבען זיך איינצעלנע פערזאנען אנגעפאנגען מעהר ארויסצוזעהן און צו האבען א גרעסערע בע־דייטונג.

2.

דאָס חסידות און דער גאון.

מען מוז דיעזע פעריאָדע און דיא ענדערונגען אין אידישען געמיינדע לעבען, וואָס זיינען דאָן פאָרגעקומען, גוט פערשטעהן, צו קענען בעגרייפען דעם גרויסען איינפלוס, וואָס דער ווילנער גאון האָט געהאַט אויף דיא אידען פון דער ליטא אין זיין צייט און פאר וואָס זיין אנדענקען איז פערהייליגט געוואָרען אונטער דיא פרומע קלאַסען ביז היינטיגען טאָג.

ווען מען שרייבט דיא ביאָגראַפיע פון א גרויסען מאַן, פאַלט מען זעהר אָפט אריין אין דעם טעות צו מיינען, אז ער איז פון אָנפאַנג אָן געווען אזוי גרויס, וויא ער איז געוואָרען צום סוף פון זיין קאריערע, און דער טעות פיהרט אָפט צו נארישע געשיכטען וועגען יענעם׳ם גרויסקייט אַלס קינד אָדער וועגען נסים וואָס האָבען געטראָפען מיט זיינע עלטערן נאָך איידער ער איז געבאָרען געוואָרען. אין אמת אָבער ערדייכט דער גרויסער מאַן זעלטען דיא העכסטע שטופע פון זיין גרויסקייט ביז ער קומט אין מיטעלע יאָהרען אָדער אויף דער עלטער. עס נעהמט צעהנדליגע יאָהרען זיך ארויפצוארבייטען און צו ווערען אנערקענט. דיא געלעגענהייטען מוזען קומען, און דיא גרויסע פון עלטערן דור מוזען אויסשטארבען איידער איינער ווערט אָנגענומען אַלס דער גרעסטער אין זיין ספעציאַליטעט. דאָס פאסירט אָם מייסטען ערשט, ווען ער האָט שוין גרויע האָר. עס איז ניט איבערטריעבען צו זאָגען, דאָס פון נײַנציג פּראָצענט פון דיא גרויסע מענשען פון דער וועלט וואָלט וועלט גאר נישט געבליעבען, ווען מען זאָל אראָפּשניידען דיא לעצטע צוואנציג יאָהר פון זייער לעבען. דיא געשיכטע פון זייערע אינגערע יאָהרען איז נור דערפאר אינטערעסאנט, ווייל עס וויזט דיא ענטוויקלונג פון א גרויסען גייסט איידער ער ווערט צייטיג, און דיא פעהיגקייטען וואָס עס איז נייטיג צו האָבען מען זאָל זיך פאסען צו פערנעהמען א וויכטיגען פּלאַץ, ווען עס מאכט זיך דיא געלעגענהייט צו ערפיללען א גרויסע פליכט אָדער אויסצופיהרען א וויכטיגע אויפגאַבע.

„דיא זאקסען־צייט האט געמאכט דאס חסידות" האט ערקלעהרט א פעהיגער שרייבער *), און מען קען זאגען, אז ביז א געוויסען גראד האט דאס חסידות געמאכט דעם גאון. ווען ר' ישראל בעל שם טוב איז געשטארבען אין 1760**) האט ער נ׳ט געהאט דעם קלענסטען בעגריף, אז עס וועט באלד אין זיין נאמען געגרינדעט ווערען א נייע סעקטע. ווען דער „ועד" וואלט ניט בטל געווארען מיט פיער יאהר שפעטער, וואלט ר' בער מעזריטשער, דער נאכפאלגער פון בעל שם, אויף קיין פאל ניט געקענט אנפאנגען צו פיהרען זיין ראלע אלס „גוטער איד" און געווינען איינפלוס און הערשאפט אויף צעהנדליגע טויזענד פרומע אידען אין פוילען.

א קערפערשאפט מיט דיא אויטאריטעט און דיא מאכט פון „ועד ארבע ארצות" וואלט דיא גאנצע זאך אונטערדריקט, און געגען איהר האבען איינצעלנע פערזאנען גאר נישט געקענט אויספיהרען. אבער איצטער איז ניט געווען קיין הינדערנים אין וועג פון דיא ענטהוזיאסטען צו פערשפרייטען זייער לעהרע. דיא פיאנירען פון חסידות, דיא צעהנדליגע תלמידים פון ר' בער, אונטער וועלכע עס האבען זיך געפונען גרויסע גאונים אין לערנען וויא ר' פנחס הורוויץ (דער פערפאסער פון „הפלאה", געשטארבען אלס רב אין פראנקפורט אם מאין אין 1812), אזעלכע בעריהמטע צדיקים וויא דער „ספאלער זיידע" און ר' פנחס קאריצער און אזעלכע פייערדיגע רעדנער וויא דער „מוכיח" (ר' אהרן פון קארלין, געשטארבען 1771) און דער קאזניצער מגיד, האבען געוואונען נייע אנהענגער דורך זייער ענטהוזיאזם און אויפריכטיגקייט. יעדע געמיינדע האט איצטער געקענט זארגען נור פיר זיך, און עס איז געווען זעהר שווער פאר אידען פון פערשיעדענע שטעדט זיך צוזאמען־צו־ריידען, בעזאנדערס

---

*) וויסבערג, „דיא נוי־העברעאישע אויפקלערונגס־ליטעראטור אין גאליציען", לייפציג און וויען, 1898.

**) זעה דיא לעבענס־בעשרייבונג פון „בעל שם טוב", ארויסגעגעבען פון דיא אינטערנאציאנאלע לייברערי פובל. קאמפ.

נאכדעם וויא דיא אונגוויסענדע מאסען אידען אין פאדאליען, וואהלין, הויך־פוילען און גאליציען האבען זיך כמעט אין גאנצען אנגעשלאסען אן דיא חסידים, און עס האבען אויך ניט געפעהלט לומדים און רייכע בעלי בתים, וועלכע זאלען מיט זיי סימפאטיזירען.

דער ערשטער חרם געגען חסידות וואס איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1772, האט זיי געהאלפען נאך שטארקער צו ווערן, ניט קוקענדיג דארויף וואס פיעלע אבערגלויבישע מענשען האבען געמיינט, אז דער חרם איז געווען דיא אורזאכע פון דעם טויט פון ר' בער מעזריטשער, וועלכער איז געשטארבען יענעם יאהר. עס איז איין אלטער און אייביגער כלל, אז א פארטיי אדער א סעקטע וועלכע האט ערנסטע אנהענגער קען ניט אונטערדריקט ווערען דורך פערפאלגונגען.

דיא אידען פון דער ליטא וועלכע זיינען דאמאלס אויך שוין געווען מעהר געלערנט אין אידישע זאכען וויא דיא אידען פון אנדערע טהיילען פוילען און רוסלאנד, און זיינען געוועהנליך פון דער נאטור מעהר שארפזיניג, מעהר קאלטבלוטיג און וועניגער ענטהוזיאסטיש, האבען זיך פון אנפאנג אן ניט אנגעכאפט שטארק אן חסידות. דער גאנצער שטראם פון חסידות איז געווען א סארט פראטעסט געגען דעם אידישען גייסט וואס האט ערדרייכט זיין העכסטען פונקט פון ענטוויקלונג אין דער ליטא, געגען דיא טרוקענקייט פון דיא פלפולים, געגען פינקטליכקייט אין דינים און מנהגים און געגען דיא סארט פרומקייט אהן בעגייסטערונג און אהן געפיהל וואס איז ענטוויקעלט געווארען דורך דיא פאלשטענדיגע אבגעשלאסענקייט פון דיא אידען אין זיעבצעהנטען און אכצעהנטען יאהרהונדערט. דיא ליטווישע אידען זיינען דערפאר אי פון דער נאטור און אי דורך דיא אומשטענדע פון זייער ערציהונג געווען דיא פאסענדסטע לייטע אנצופאנגען דעם קאמפף געגען דיא חסידים, און ווילנא, דיא ירושלים פון ליטא, וועלכע איז שוין דאן אויך געווען א מיטעלפונקט פון לומדות און פון עטוואס ליבעראלע אידען, איז געווען דער ריכטיגער פלאץ פאר דעם הויפטקווארטיער, פון וואנען אזא מלחמה זאל געפיהרט ווערען.

עס איז אָבער געווען נאָך אַ ספּעציעלע אורזאַכע, פאַר וואָס דיא הויפּטפיגור פון דיא מתנגדישע זייט אין יענעם קאַמפּף זאָל זיך גראָדע דאָרטען ענטוויקלען. דיעזע אורזאַכע איז געווען דיא מחלוקה, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ווילנא אין יאָהר 1778 און איז בעקאַנט אַלס „דעם רב'ס קריעג".

דיא פּוילישע רעגיערונג האָט מבטל געווען נור דעם „ועד" אָדער דיא אויבערהערשאַפט פון קאָנגרעס פון רבנים און מנהיגים אָדער פיהרערס איבער אַלע אידישע געמיינדען צוזאַמען. דיא מאַכט פון דער קהלה פון יעדער שטאָדט בעזונדער איז געבליעבען וויא פריהער. אָבער אַלעס האָט זיך געהאַלטען אין אויפלעזען און צושמעלצען אין יענע צייטען, און עס איז געווען נאַטירליך, אַז דיא אָרגאַניזאַציאָן פון קהל אַליין זאָל אויך ניט זיין אַזוי שטאַרק וויא פריהער. דיא איינצעלהייטען פון דעם רב'ס קריעג און וויא אַזוי ער איז ענטשטאַנדען, האָבען וועניג שייכות מיט דער לעבענסבעשרייבונג פון גאון, אָבער דער פּרינציפּ וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט, האָט געהאַט אַ וויכטיגע בעדייטונג פאַר דיא גאַנצע עפּאָכע.

עס איז געווען אַ קאַמפּף צווישען דעם רב און דיא רייכע בעלי בתים פון שטאָדט איבער דער פראַגע, אויב דיא „גייסטליכע" אָדער דיא „וועלטליכע" מאַכט זאָל האָבען דיא דעה אין אַנגעלעגענהייטען פון קהל. דער קאַמפּף איז געפיהרט געוואָרען מיט גרוים ביטערנים, און עס האָבען ניט געפעהלט קיין מסירות און בלבולים, דורך וועלכע פיעלע פאַמיליען זיינען פעראומגליקט געוואָרען. פיעלע קריסטען האָבען זעהר גוט פערשטאַנען דיא נאַטור פון דיא שטרייטיגקייטען און האָבען זיך ביז אַ געוויסען גראַד אויך אין איהר בעטהייליגט. עס איז העכסט אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז פירשט ראַדזיוויל, דער „וואָיעוואָד" אָדער פערטרעטער פון דער קעניגליכע רעגיערונג אין ווילנא, האָט געהאַלטען מיט קהל, אין דער צייט וואָס דער בישאָף מאַסאַלסקי האָט געהאַלטען מיט דעם רב. דער סוף פון קריעג איז געווען, אַז קהל האָט מנצח געווען דיא רבנות, און ווילנא האָט קיין רב ביז היינטיגען טאָג. אָבער דיא מאַכט פון קהל איז אויך אָפּגעשוואַכט געוואָרען דורך דיא גרויסע מינאָריטעט וועלכע האָט געהאַלטען

מיט׳ן רב, און דיא סארט אנארכיע וואס האט געהערשט אין דיא געמיינדע אנגעלעגענהייטען פון ווילנא זייט 1778, האט געמאכט אז מען האט דארטען אויפגעהערט צו רעספעקטירען דיא אויטא־ריטעטען, וועלכע פלעגען זאנסט הערשען דורך דיא קראפט פון זייער אמט. דאס איז געווען ־יא ריכטיגע צייט ווען א פריוואט מאן האט געקענט געווינען איינפלוס און אנערקענונג.

דיא אידען אין ווילנא האבען ניט געהאט קיין אנערקענטען רב און קיין אנערקענטען קהל אדער „פרנסים". עס האט זיי גע־פעהלט א גייסטיגער פיהרער, צו וועמען זיך צו ווענדען אין צייט פון ספק און פון שוויריגקייט. זיי האבען דארום אויף א נאטירלי־כען וועג, זיך גאר ניט צוזאמענריידענדיג, אנגעהויבען צו פער־לאזען זיך אויף דעם גרעסטען למדן און דעם גרעסטען צדיק פון שטאדט, אויף א הויך־געאכטעטען מאן, וועלכער איז נימ געווען קיין רב און ניט קיין קהל׳ס־מאן אדער פרנס — אויף ר׳ אליהו בן שלמה זלמן פון ווילנא. און אזוי וויא גאנץ ליטא האט געקוקט אויף ווילנא, איז דיעזער ר׳ אליהו אין א קורצע צייט אנערקענט געווארען פאר דעם פארשטעהער פון דיא אידען פון ליטא.

3.

דעם גאון'ס יונגע יאָהרען.

דער ווילנער גאון איז געבאָרען געוואָרן אין ווילנא דעם ער־שטען טאָג פסח אין יאָהר 1720 (ת"פ). זיין פאָטער איז געוועזן ר' שלמה זלמן, א איד א גרויסער למדן און א יחסן, איין אור־אייניקעל פון ר' משה קרעמער, וועלכער איז געוועזן רב פון ווילנא אין דיא צווייטע העלפט פון 17טען יאָהרהונדערט און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1688. דורך זיין הייראטה איז ר' שלמה זלמן געוועזן פערבונדען מיט דיא פאַמיליע פון ר' משה רבקש פון ווילנא, דער מחבר פון „באר הגולה" אויף שלחן ערוך, וועלכער איז אנטלאָפען פון ווילנא נאָך אמסטערדאם אין דער צייט פון דעם איבערפאַל פון דיא קאזאקען אין 1655. דיעזער ר' משה רבקש האָט איבערגעלאָזען א „קרן קיימת" א געוויסע סומע געלד, מיט וועלכע מען זאָל אונטערשטיצען אָרעמע אידען, וועל־כע לערנען תורה און האָבען קיין אנדער בעשעפטיגונג. אזוי וויא דיעזע בעדינגונגען האָבען זיך גוט געפּאַסט אויף ר' שלמה זלמן, און ער איז נאָך דערצו געוועזן א מיטגליעד פון דער פאַמיליע פון ר' משה רבקש, האָט ער דיעזע אונטערשטיצונג געקראָגען און האָט געלעבט אין אָרעמקייט. אלעס וואָס מען ווייס פון דעם גאון'ס מוטער איז, דאָס זיא האָט געהייסען טריינע און האָט געשטאַמט פון סעליץ, נעבען בריסק, און דאָס זיא האָט געלעבט וואהרשיינליך איבער ניינציג יאָהר (זיין פאָטער איז געשטאָר־בען אין 1758).

אליהו איז געוועזן דער בכור פון זיינע עלטערן און האָט געוויעזען זעלטענע גייסטיגע פעהיגקייטען פון קינדהייט אָן. עס ווערט אויך דערמאָנט דאָס ער איז געוועזן איין זעהר שיינעס גע־זונדעס קינד, וועלכעס איז אין יענע צייטען אונטער אידען אין דער ליטא געוועזן כמעט אזא זעלטענהייט וויא א גאונישער קאָפּ. ווען מען בערעכענט, דאָס דער גאון האָט דעם ערשטען טהייל פון זיין לעבען געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, דאָס ער האָט שטענדיג געלערנט פון צוואנציג ביז צוויי און צוואנציג שטונדען

אין מעת לעת און האט דאך געלעבט לייגגער וויא 77 יאהר, קען מען אליין קומען צו דער איבערצייגונג, דאס זיין גרויסער גייסט האט געמוזט וואוינען אין זעהר א שטארקען קערפער.

צו זיעבען יאהר האט ער געזאגט פאר א גרויסען עולם אין ווילנער שול א „פלפול" אדער לומדות'ע דרשה וואס זיין פאטער האט איהם אויסגעלערנט. אזא פעהיגקייט האט נאטיר־ליך צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דיא פארשטעהער פון שטאדט, און דער דאמאלדיגער רב פון ווילנא, ר' יהושע העשל (איין אייניקעל פון דעם בעריהמטען ר' העשל פון קראקוי) האט געלאזט צו זיך ברייגגען דעם וואונדערבארען איינגעל און האט איהם פערהערט צו זעהן, אויב ער האט ווירקליך פערשטא־נען, וואס ער האט געזאגט. דער רב איז איבערראשט געווארען פון דיא קלארקייט פון דעם יונגען אליהו'ס פערשטאנד און פון דיא שארפע און ריכטיגע אנטווארטען, וואס ער האט פון איהם געקריעגען. מיט א יאהר שפעטער האט ר' אברהם קאצענעלענ־בויגען, דער רב פון בריסק, אויף א בעזוך אין ווילנא, געהערט פון דעם זעלטען געראטענעם איינגעל און האט ביי דעם פאטער גע'פועל'ט איהם מיטצונעהמען אין קיידאן, וואו ר' אברהם'ס ברודער, ר' דוד, איז דאן געוועזען דער רב. דארטען האט אליהו א קורצע צייט געלערנט ביי דעם מחבר פון „פני משה" און וויא ווייט מען ווייס, האט ער זייט דאן ניט געהאט קיין אנדער רבי'ן. זיין שארפזין און זיין זעלטענער זכרון האבען איהם ערמעגליכט גאנץ יונג אנצופאנגען צו לערנען אליין. עס איז נור בעוואוסט, דאס א געוויסער ר' ליב, וועלכער איז שפעטער געווארען רב אין משעבעזאוויץ און א ר' חיים, וועלכער איז שפעטער געוועזען א מגיד אין ווילנא, זיינען געוועזען זיינע חברים.

אין יענע צייטען פלעגט מען ביי אידען הייראטהען זעהר יונג, און עס איז געוועזען נאטירליך, דאס עס זאל זיך באלד גע־פינען א שידוך פאר אזא בעריהמטען „עלוי". עס איז ניט בעַ־קאנט, וויא אלט דער גאון איז געוועזען צו דער חתונה, אבער עס איז זעהר מעגליך אז ער איז געווארען א חתן טאקי אין דעם יאהר וואס ער איז אלס אכט יעהריגער איינגעל אנגעקומען אין קיידאן. זיין שווער איז געוועזען א קיידאנער נגיד מיט דעם נאמען

ר׳ יהודא ליב, פון וועמען מען ווייס ווייטער גאר נישט. אזוי וויא עס איז אבער בעוואוסט, דאס דער גאון האט אלס יונגער פערהייראטהער מאן געלעבט אין ווילנא אין גרויס דחקות, מוז מען אננעהמען דאס זיין שוויעגער־פאטער איז פריה געשטאר־בען אדער ער איז „ארונטער פון מעמד" און איז געווארען ארעם, וויא עס פלעגט אימער טרעפען מיט פארצייטיגע נגידים, וועלכע האבען געפיהרט זייערע געשעפטען אין גרויס אונארדנונג און קיינמאל ניט געוואוסט פון רעכנונג אדער מעטהאדע אין גע־שעפט.

אלעס וואס מען ווייס פון דעם גאון׳ס לעבען אין דיא נעקסטע 25 יאהר, איז, דאס ער איז אין דער צייט, ווען ער איז אלט געווען א יאהר צוואנציג, אוועק „אפריכטען גלות", דאס הייסט פאהרען אויף רייזען. מען דערצעהלט פיעלע וואונדער־בארע מעשיות פון דיזע רייזע און מען זאגט אויך אויף איהם, אזוי וויא מען האט געזאגט כמעט אויף יעדען בעריהמטען צדיק פון אלע צייטען, אז ער האט זיך געקליעבען צו פאהרען נאך ארץ ישראל. אבער דיא איינצעלנע פאקטען פון זיין רייזע, וועל־כע זיינען בעוואוסט אלס זיכער איז, דאס ער איז געווען „אין פוילען, ליסא און בערלין" און דאס ער איז צוריקגעקומען, ווען ער איז געווען אונגעפעהר 25 יאהר אלט.

ער איז שוין דאן ניט מעהר געווען קיין וואונדער־קינד, זאנדערן א איד א גרויסער למדן און א פרומער אין א שטאדט וואו עס זיינען געווען פיעלע גרויסע לומדים און פיעלע צדיקים. עס איז דארום קיין וואונדער, דאס מען האט איהם דאמאלס נאך ניט בעטראכטעט אלס איין אויסנאהמס־מענש, וועלכער דארף בעהאנדעלט ווערען אנדערש וויא אנדערע. דיא פאר־שטעהער פון שטאדט האבען געשיקט עטליכע בעלי בתים איהם נאך אמאל פערהערען אין לומדות און ערשט ווען זיי זיינען איבערצייגט געווארען, אז ער איז איין אמת׳ער גדול, האט מען בעשטימט איהם צו געבען א געוויסע „קצבה", דאס הייסט א קליינע סומע יעדע וואך, ער זאל האבען פון וואנען צו לעבען און זאל קענען זיצען און לערנען.

עס ווערט דערצעהלט, אז דער שמש, וועלכער האט איהם

גערארפט ברייננגען דיא „קצבה“, האט דאס געלד אנגעפאנגען ארפצופלאזען צו זיך און דאס דער גאון און זיין פאמיליע האבען דורך דיעזע רויבעריי געליטען הונגער. אבער ער האט ניט דער־צעהלט, ער האט געוואוסט אז ווען דיא זאך זאל ענטדעקט ווערן, וועט דער שמש — אויך אן ארעמער איד — פערליערען זיין שטעלע און בליבען אהן ברויט, און ער האט דארום ליעבער געליטען און געשוויעגען, ביז דער שמש איז קראנק געווארען און האט אויפ'ן טויטען־בעט זיך מודה געווען אין דיא גנבה. דיעזע עדעלמוטהיגקייט פון ר' אליהו, וועלכער האט ליעבער געליטען הונגער איידער צו פער'מסר'ן איין אונעהרליכען בעאמטען פון קהל, גיט א גוטען בעגריעף פון זיין כאראקטער און האט אויך געווים דאן געהאלפען אויף איהם ארויפצוציהען דיא אויפמערק־זאמקייט פון דער ווילנער געמיינדע.

א צווייטער אינטערעסאנטער פאקט פון דיזען סארט איז, דאס דער גאון וועלכער איז געווען א בכור, איז ניט צופריעדען געווען מיט דעם „פדיון הבן“ וואס זיין פאטער האט געמאכט א חודש נאך זיין געבורט, און האט זיך אלס ערוואקסענער מענש אליין נאך אמאל אויסגעלייזט ביי איין אנדער כהן. עס ווערען אויף דעם אנגעגעבען פערשיעדענע אורזאכען, וועלכע האבען צו טהאן מיט דינים; אבער דיא ריכטיגע אורזאכע איז וואהרשיינ־ליך די, וועלכע ווערט אנגעגעבען פון זיין לעצטען ביאגראפער *). דער גאון, אלס עהרליכער אויפריכטיגער מענש, איז איינפאך ניט צופריעדען געוועזן, וואס זיין פאטער האט איהם אויסגע־לייזט „כמנהג העולם“ (וויא עס איז דיא פיהרונג פון דער וועלט), דאס הייסט, אז מען גיט דעם כהן דאס געלד אויף א ווייל, און דערנאך שיינקט ער עס אוועק צוריק, און ביידע וויסען פאר־אויס, אז ער וועט דאס געלד צוריק אוועקגעבען. דער גאון האט פערלאנגט, אז דיא אויסלייזונג זאל זיין א ריכטיגע, וויא דיא תורה פאדערט, און ער האט דארום אליין זיך אויסגעלייזט נאך אמאל דורך דעם, וואס ער האט דעם כהן טאקי אוועקגעגעבען דאס געלד אויף איין אמת און עס ניט מעהר צוריק אפגענומען.

---

*) יצקן, „רבנו אליהו מווילנא“, ווארשוי, 1900.

4.

זיינע מיטעלע יאָהרען און דער בריעף פון ר' יונתן אייבשיץ.

אין יענע צייטען האָבען דיא מייסטע אידישע גדולים זיך בעשעפטיגט מיט שטודירען דיא געהיימע פאַנטאַסטישע „וויסענשאַפט“ אָדער פילאָזאָפיע, וועלכע איז בעקאַנט אַלס ק ב ל ה. דיא בעלי קבלה ווערען איינגעטהיילט אין צוויי טהיילען, דיא וועלכע לערנען „קבלה עיונית“ אָדער טהעאָרעטישע קבלה, און דיא וועלכע מאַכען פון איהר געברויך אַלס „קבלה מעשית“ אָדער פראַקטישע קבלה. דיא קבלה אַלס טהעאָריע זוכט צו ערקלעהרען דיא שייכות פון דער וועלט צו גאָט און וויא אזוי דיא כחות און אייגענשאַפטען פון גאָט ווייזען זיך ארויס אין דער נאַטור. דיא פראַקטישע קבלה איז אַ סיסטעם, וויא אַזוי דיעזע סודות זאָלען אָנגעווענדעט ווערען צו בעווייזען פערשיעדענע וואונדער, בעזאָנדערס צו פערטרייבען שדים און רוחות און צו היילען פערשיעדענע מינים קראַנקהייטען דורך סגולות און קמיעות. דער ווילנער גאון האט זיך, וויא ווייט מען ווייס, קיינמאָל ניט בעשעפטיגט מיט פראַקטישע קבלה, און דיא מעשה, אז ער האָט בעשאַפען אַ „גולם“, איז וואהרשיינליך אויסגעקלעהרט געוואָרען ערשט נאָך זיין טויט, ווען דיא איינבילדונג פון פאָלק האָט איהם אָנגעפאַנגען אָנצוהייגען אַלערליי וואונדערגעשיכטען, וואָס מען פלעגט פריהער דערציילען וועגען אַנדערע גרויסע מענער. אָבער ער האָט זיך שטאַרק בעשעפטיגט מיט שטודירען דעם „זוהר“ און אַנדערע ספרי קבלה, און זיין קלאָהרער, קריטישער גייסט האָט בענומען דיא טהעאָריע פון דיעזען סאָרט רעליגיאָנספילאָזאָפיע בעסער און גרינדליכער, וויא פיעלע אַנדערע, וועלכע האָבען זיך מיט איהר בעשעפטיגט.

קבלה איז א געהיימע לעהרע, דאס הייסט מען האט איהר קיינמאָל ניט געלערנט אין ישיבות אדער אין דער עפענטליכקייט, זאָנדערן יעדער פאר זיך אדער איינער פון אנדערן אונטער פיער

אויגען. פראַגען פון קבלה האבען ניט אינטערעסירט דיא אידישע מאַסען אויסער און וויא וויט זיי האבען געהאַט א בעציהונג אויף דיא אמונה און דיא קראַפט פון קמיעות. נור אין מיטען פון אַכצעהנטען יאהרהונדערט איז דיא אידישע וועלט אויפגעקאַכט געוואָרען דורך א מחלוקה וועגען קבלה און קמיעות, אין וועלכע דיא מייסטע רבנים און געמיינדען פון דייטשלאַנד, פוילען און דיא ארומיגע לענדער האבען זיך בעטהייליגט. דאס איז געווען דער קאַמפף צווישען ר׳ יונתן אייבשיץ אדער ר׳ יונתן פּרעגער, וועלכער איז געווען אַנערקענט אַלס דער גרעסטער למדן אָדער תלמודיסט פון יענער צייט, און זיין געגנער ר׳ יעקב עמדן, וועלכער האט איהם בעשולדיגט, אז ער גלויבט אין דעם פאַלשען משיח, שבתי צבי, וואָס האָט מיט הונדערט יאָהר פריהער געשפּיעלט זיין ראָליע אַלס ערלייזער פון אידען און איז צום סוף געוואָרען א מחמרנער*).

ר׳ יעקב עמדען האט געפונען אין קמיעות, וועלכע ר׳ יונתן האט ארויסגעגעבען, בוכשטאַבען וואס האבען זיך געלאָזט ערקלערען אַלס רמזים אדער אנדייטונגען אויף שבתי צבי, און דיא שטרייטיגקייטען האבען געמאַכט אזוי פיעל אויפזעהן, אז דער קעניג פון דענעמארק האט זיך אין איהר אריינגעמישט צו מאַכען שלום אין דער געמיינדע פון אַלטאָנא, וועלכע איז געווען אונטער זיין הערשאַפט. ר׳ יונתן האט געזוכט צו בעווייזען, אז עס איז אין זיינע קמיעות ניטאָ קיין אפּיקורסות און ער האט געזוכט דיא צושטימונג פון יעדען „מקובל“ אָדער ספּעציאַליסט אין קבלה, וועמענס נאמען ער האט נור געקענט ערפאַהרען. דער גאון איז אויף זיינע רייזען אין דייטשלאַנד בעקאַנט געוואָרען מיט אַנדערע וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט מיט קבלה און אזוי האט זיך ר׳ יונתן פון איהם דערוואוסט און האט איהם געשריעבען א בריעף, בעטענדיג א בעשטעטיגונג און א רעכטפערטיגונג. אין 1755 איז ערשיענען ר׳ יונתן׳ס פערטהיידיגונגס־שריפט „לוחות העדות“ א זאַמלונג פון צושריפטען פון אַלערליי רבנים

---

*) זעה דיא לעבענסבעשרייבונג פון שבתי צבי, ארויסגעגעבען פון דער אינט. לייברערי פּובלישינג קאָמפּאַניע.

און גדולים און מקובלים, וועלכע האבען ערקלערט ר׳ יונתן אלס גערעכט. אונטער דיעזע בריעף געפינט זיך אויך דער איינער פון ר׳ אליהו מווילנא, וועלכער איז דאן געוועזן 35 יאהר אלט, און דיזעס איז דאס ערשטע מאהל וואס ער איז דערמאנט אין א פרעמדען ספר. דיא גרויסע שבחים וואס ר׳ יונתן שרייבט אויף זיין יונגען פערטהיידיגער און דער פאקט, דאס דער גרויסער רב פון אלטאנא־האמבורג־וואנזבעק האט געפאדערט א פערטהיידיגונג פון אזא ווייטען פלאץ, וויא ווילנא, האט פיעל פערגרעסערט דעם נאמען פון ר׳ אליהו און ער איז זייט דאן אנערקענט געוואָרען אלס א בעריהמטער מענש.

אויסער דיעזען צופאל, וועלכער שטעלט איהם פלוצלונג פאר אלס א בעריהמטער גדול אין ווייטע לענדער, אבגלייך ווען ער איז צוריק געקומען פון דיא רייזע, וועלכע האט איהם פער־שאפט דיא בעריהמטקייט, האט מען איהם אין ווילנא פערהערט צו ענטשיידען, אויב ער פערדיענט אונטערשטיצונג, — ווייס מען וועניג פון זיינע מיטעלע יאהרען וויא פון זיין יוגענד. מען קען זיך פארשטעלען אז נאכדעם וויא ר׳ יונתן אייבשיץ האט בעשטע־טיגט זיין גרויסקייט, איז זיין לאגע וואהרשיינליך פערבעסערט געוואָרען און דאס ער האט פערבראכט זיין צייט אין לערנען און פרומקייט. זיין פלייסיגקייט אין לערנען איז געווען כמעט איבער־נאטירליך. ער האט זעלטען געשלאָפען מעהר ווי צוויי שטונדען א נאכט. זיין שארפער גייסט און זיין זעלטענער זכרון האבען איהם געדיענט אלעס צו בעגרייפען און אלעס צו געדיינקען, ער האט אזוי דורך דיא פיעלע יאהרען וואס ער האט געלערנט אָהן אויפ־הער עררייכט דיא שטופע פון דיא גרעסטע רבנישע קענטנים אונטער דיא אידען פון זיין צייט. אויסער לומדות און קבלה האט ער אויך געלערנט מאטהעמאטיק און געהאט אן אלגעמיינעם בעגריעף פון דיא וועלטליכע וויסענשאפטען, וויא מען האט זיי געקענט קריגען פון אידישע ספרים אין זיין צייט. ער האט ערמוטהיגט ר׳ ברוך שקלאָווער (דעם איבערזעצער פון אייקלידעס מאטהעמאטישע ווערק אויף לשון קודש) צו איבערזעצען אויך אנדערע ווערקע איבער וויסענשאפטליכע געגענשטענדע. דער חשק צו לערנען און צו וויסען, וועלכער הערשט אונטער ליטווי־

שע אידען פיליכט מעהר וויא ביי אלע אנדערע, האט זיך אין איהם אויסגעדריקט אַם שטאַרקסטען, און אָבגלייך מיר געפינען איהם שפּעטער אַלס א ביטערען געגנער פון השכלה אדער אייראָ־פּעאישע בילדונג אונטער אידען, ווייל ער האט מורא געהאַט— און פון זיין שטאַנדפּונקט איז ער געווען גערעכט — אז דאס וועט שאַדען זייער אידישקייט, איז ער געווען דער פריינד פון וויסען און קענטנים אַזוי ווייט, וויא זיי האבען קיין שלעכטען איינפלוס אויף דער אמונה און האט געוואָלט אז אידען זאָלען אַלעס וויסען וויא עס פּאַסט פאר איין „עם חכם ונבון“.

דער גרעסטער למדן אונטער אידען אין דער ליטא אין יענער צייט איז געווען ר׳ אריה ליב בר׳ אשר. וועלכער איז בע־קאַנט דורך דעם נאמען פון זיין בעריהמטען ספר „שאגת אריה“, און מען דערצעהלט, אז ער איז דער מאַן, וועלכער האט דער ערשטער בעצייכענט ר׳ אליהו פון ווילנא מיט דעם טיטעל „גאון“ דער „שאגת אריה“ האט געהאַט זעהר א שטירמישע קאַריערע און איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען מינסק (וואו ער איז געווען א רב) און גאַנץ פּוילען אין 1765, ווען ער איז שוין געווען א מאַן פון 70 יאהר. ער איז דאַן געווען א קורצע צייט אין ווילנא און הערענדיג פון ר׳ אליהו׳ס גרויסקייט, איז ער אריין צו איהם און האט איהם געפרעגט א זעהר שווערע קשיא. ר׳ אליהו האט איהם גלייך אויפגעקלערט דיא קשיא אַזוי ריכטיג פערענטפערט, אַז ר׳ ליב האט ארויסגעהענדיג געזאָגט: „ער איז איין אמת׳ער גאון“ און דער נאמען גאון איז איהם פערבליעבען זייט דאמאלס ביז אויף היינטיגען טאָג.

אנפאנג פון קאמפף געגען חסידות און דעם רב'ס קריעג.

עס איז שוין אויבען דערמאנט געווארען, אז דאס חסידות האט זיך אנגעפאנגען צו פערשפרייטען אונטער די אידען פון פוילען נאכדעם וויא דער „ועד ארבע ארצות“ אדער די הערשאפט פון די פעראייניגטע אידישע געמיינדען איז בטל געווארען אין 1764. אין פערלויף פון אכט יאהר איז די בעוועגונג געווארען אזוי גרויס, דאס די פיהרערס פון אידישקייט פון יענער צייט האבען איהר אנגעפאנגען צו בעקעמפפען. דער אנגריף איז געמאכט געווארען אין דעם פונקט, וואו די חסידים זיינען געווען שוואכער וויא אומעדום, דאס הייסט אין ליטא און אין איהר הויפט שטאדט ווילנא. אין יאהר 1772 האט מען אין ווילנא מחרים געווען די חסידים צום ערשטען מאל, און פון דעם גאנץ קורצען בעריכט וואס איז אונז פון יענעם חרם געבליעבען, ווייסען מיר דאס דער גאון האט שוין דאן געשפיעלט א וויכטיגע ראלע און דאס ער איז בעטראכטעט געווארען אלס די וויכטיגסטע פערזאן אין דיזע אלטע געמיינדע, וועלכע איז פול געווען מיט גדולים און מיוחסים. דער חרם האט געוויס געמאכט א גרויסע ווירקונג אויף די פרומע אידען פון דער ליטא, און די חסידים אליין האבען זיך געוויס אויך דערשראקען ווען זייער פיהרער ר' בער פון מעזעריטש איז געשטארבען ווייניגער וויא א יאהר נאך דעם חרם. דאס איינציגע „שטיבעל“ אדער חסידישע קלויז וואס עס איז געווען אין ווילנא, איז געשלאסען געווארע, און עס האט די נעקסטע צעהן אדער פופצעהן יאהר אויסגעזעהען, אז די לומדים און פרומע אידען פון ליטא, אונטער די פיהרערשאפט פון זייער אנערקענטען גרעסטען מאן, דעם ווילנער גאון, האבען פערטריעבען די נייע סעקטע פון יענע פראווינץ.

אין ענדע פון יאהר 1777 האט זיך אנגעפאנגען „דעם רמב"ם'ס קריעג“, און די איינצעלנע פערזאן, וועלכע איז אפיציעל געווען אנערקענט אלס פארשטעהער פון שטאדט, און דער־

מיט העכער אלס דער גאון, איז אזוי גוט וויא פערשוואונדען פון דער סצענע. עס איז דא אורזאכען צו גלויבען, אז דער לעצ־טער רב פון ווילנא, ר׳ שמואל בן אביגדור, איז ניט געווען אזא גרויסער גדול. וויא א ווילנער רב האט געדארפט זיין אין יענע צייטען, און דאס ער האט דיא הויכע שטעלע געקראגען דורך דעם איינפלוס פון זיין רייכען שוויעגער־פאטער. ווען דיא מחלוקה איז געווארען זעהר ערביטערט, האט דער רב זיך צוריק־געצויגען אין דיא פארשטאדט אנטעקאליע, וועלכע איז געלעגען אונטער דיא „יורזדיקי" פון בישאף וואס האט זיך פאר איהם אנגענומען. אבגלייך ר׳ שמואל האט זיך גערופען ווילנער רב ביז זיין טוידט (1791), איז אבער זיין צוריקציהונג געווים געווען א זיעג פאר׳ן „קהל" וועלכער האט זיך פון אנפאנג אן ארויסגע־וויזען אלס שטארקער.

וויא עס שיינט, האט דער גאון זיך ניט געמישט אין דיזער מחלוקה און איז געבליעבען וויא פריהער אין זיין צוריקגעצויגענ־הייט, וואו ער האט זיך נור בעשעפטיגט מיט לערנען אזוי וויא אימער. דאך איז עס זיכער, אז דיא אנהענגער פון רב האבען איהם בעטראכטעט אלס זייער געגנער, אדער מינדעסטענס ניט אלס זייער פריינד. דער רוסישער פארשער פראפעסאר בערשאד־סקי*) דערמאנט, דאס אין יענעם קאמפף האט דעם רב׳ס זייט געשיקט א „דאנאס" אדער מסירה, אז ווילנער קהל צאהלט 1400 גילדען א יאהר און גיט דערצו פיעלע מתנות און א פרייע דירה צו א געוויסען „אליה חסיד", אבגלייך ער האט קיין אמט אין דער געמיינדע און טהוט גאר נישט פאר דעם געלד וואס ער קריעגט. דיזער פאקט איז זעהר אינטערעסאנט, ווייל ער ווייזט אויך, דאס צוזאמען מיט דיא אנערקענונג פון זיין גרויסקייט און מיט דעם טיטעל גאון איז אויך געקומען א גרויסע פערבעסערונג אין זיין מאטעריעלער לאגע. אנשטאט דיא דחקות פון דיא אינגערע יאה־ר׳ען האט ער איצטער געלעבט אין גרויס הרחבה. מען דערצעהלט זיך נאך איצטער אין ווילנא, דאס אויף זיינע עלטערע יאהרען פלעגען זיינע קינדער „געהען אין דימענטען". געלד איז אין יענע

*) „ליטאווסקי יעווריי", זייטע 50, סט. פעטערסבורג, 1883.

צייטען געוועזען שרעקליך טהייער, און דיא ארעמקייט פון דיא בעפעלקערונג בכלל און פון אידען בפרט איז געוועזען זעהר גרויס. איין איינגאהמע פון 1400 גילדען א יאהר איז דארום דאן געוועזען אזוי גרויס אין פערגלייך מיט דעם געוועהנליכען פערדיענסט אדער איינקונפט פון בעלי בתים אדער לומדים, וויא איין איינ־נאהמע פון צעהנדליגע טויזענד דאלאר א יאהר איז אין ניו יארק. זיי איז געוועזען גענוג צו לעבען גרויסארטיג, צו טהיילען צדקה און וואהרשיינליך אויך אמאל צו אונטערשטיצען דיא ארעמערע פון דיא תלמידים, וועלכע האבען זיך שטענדיג ביי איהם געפונען.

איינער פון דיעזע תלמידים, וועלכער האט שפעטער מעהר פון אלעמען אויפגעטהאן צו פערשפרייטען אונטער אידען דעם גאון'ס נאמען און זיינע מעטהאדען אין לערנען, איז שוין דאן געוועזען ביי איהם איין אפטער בעזוכער. דיזער תלמיד איז געוועזען ר' חיים בן יצחק פון וואלאזין. א רייכער געוואנט־הענדלער אדער טוך־הענדלער פון יענע קליינע שטעדטעל. ר' חיים איז געבארען געווארען אין 1749. ווען ער איז אלט געוועזען 15 יאהר, האט ער געלערנט ביי דעם „שאגת אריה", וועלכער איז אויבען שוין דער־מאנט געווארען. ווען ער איז אלט געווארען 25 יאהר, האט ר' חיים דערהערט פון דעם גאון'ס גרויסקייט, און אבגלייך ער איז שוין דאן אליין געוועזען א בעריהמטער למדן, איז ער געקומען צום גאון זעהען, אויב ער קען פון איהם ניט לערנען עטוואס מעהר. ר' חיים אליין דערצעהלט וויא אזוי דער גאון האט איהם שנעל איבערצייגט, אז אלעס וואס ער האט ביז איצטער געלערנט, האט כמעט קיין ווערטה און ער האט מיט איהם אנגעפאנגען צו לער־נען פון דאס ניי חומש, תנ"ך, דקדוק, משניות און גמרא מיט דיא קלארקייט און גרינדליכקייט, וועלכע האט כאראקטעריזירט דעם גאון'ס סיסטעם אין לערנען.

שפעטער איז דיעזער ר' חיים, וועלכער איז בעקאנט אונ־טער אידען אלס ר' חיים וואלאזינער, פון אלעמען אנערקענט גע־ווארען אלס דער גרעסטער פון דעם גאון'ס תלמידים, און ביז א געוויסען גראד אלס זיין נאכפאלגער. זעקס יאהר נאך דעם גאון'ס טוידט האט ר' חיים געגרינדעט אין וואלאזין דיא בעריהמטע ישיבה, וועלכע האט עקסיסטירט אונגעפעהר נייינציג יאהר. אין

דיזער ישיבה, פון וועלכע ר׳ חיים אליין איז געווען דער פאָר־שטעהער פון 1803 ביז זיין טוידט אין 1821, האט מען געלערנט וויא דער גאון פלעגט לערנען, דאס הייסט זיך קימערנדיג נור פאר דיא אמת׳ע מיינונג פון תלמוד, אָהן פלפולים, אָהן איבעריגע פשט׳לאך און אָהן טומלענים פון גענארטע חריפות. דיא פאָר־שטעהער פון דער ישיבה וועלכע זיינען אויך געווען רבנים פון וואָלאָזין, זיינען ביז אונזער צייט געווען אָהן אויסנאהמע מיט־גליעדער פון ר׳ חיים׳ס פאמיליע, און דער איצטיגער רב פון וואָ־לאָזין, וועלכער האט וויעדער אין א קליינעם פאָרמאט געעפענט דיא ישיבה, וואס דיא רוסישע רעגיערונג האט געשלאָסען מיט צוועלף יאָהר צוריק, איז איין איידעם פון ר׳ אליעזר יצחק שפירא וועלכער איז געווען אן איידעם פון ר׳ חיים׳ס זאָהן און נאכ־פאָלגער, דעם בעריהמטען ר׳ איצילע וואָלאָזינער.

6.

אויטאָ־דע־פע פון צוויי פערשיעדענע ספרים.

עס זיינען דאמאלס געווען אין ליטא און פוילען פינסטערע פאַנאַטישע צייטען, און דיא מטהאָדע פון קעמפפען מיט ביטערקייט און זוכען צו פערניכטען א געגנער מיט אלערליי מיטלען, וועלכע הערשט נאָך איצטער אויך אונטער אידען און קריסטען פון דיא סלאַווישע לענדער מעהר, וויא אונטער דיא, וועלכע זיינען מעהר ענטוויקעלט, איז דאמאלס געווען דיא איינציגע מעטהאָדע, פון וועלכע מען האָט געוואוסט אין א שטרייטיגקייט. מען דארף זיך דערפאַר ניט וואונדערן, ווען עס זיינען דאָן פאָרגעקומען זאכען, וואס נאָך אונזער איצטיגען בעגריף איז עס צו ווילד און צו פאַנאַטיש, ווייל אונטער דיא דאמאלדיגע אומשטענדע האט עס אויסגעזעהען ריכטיג און נאַטירליך, און דאס וואס קען מאַכען אויפקאָכען דיא בלוט פון א ליבעראַלען מענשען אין אמעריקא אין אנפאַנג פון צוואַנציגסטען יאהרהונדערט, איז צום ענדע פון אכצעהנטען יאהרהונדערט אין ליטא בעטראַכטעט געוואָרען גאַנץ גלייכגילטיג אדער גאר אלס א זעהר גלייכע זאך.

עס איז נויטיג דיזעס צו האָבען אין זינען איידער מען ערלויבט זיך צו געבען אן אורטהייל איבער דיא זעהר שטרענגע האַנדלונגען פון דער ווילנער געמיינדע, מיט דעם גאון אן דער שפיצע, אין דיא לעצטע אכצעהן — צוואַנציג יאָהר פון זיין לעבען, דאס הייסט אין דער צייט, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע און איז אנערקענט געווען אלס דער גרעסטער איד אין ליטא. דיא פרומע אידען האבען דאמאלס דאָרטען געהאַט א דאָבעלטען קאַמפף: פון איין זייט געגען דאס חסידות, וועלכע האט פערפיהרט איהרע אנהענגער אין נייע וועגען, פון וועלכע מען האט ניט געקענט וויסען וואו עס איז דיא ענדע, און פון אנדערען זייט געגען דיא „בערלינער השכלה“, וועלכע האט אנגעפאַנגען צו מאַכען אן איינדרוק אויף יענע צייטען.

מיר זעהען איצטער איין, אז דיא מורא פאר חסידות איז

געוועזן און אומזיסטע, אבער דאמאלס האט מען עס ניט געקענט איינזעהען. מיט הונדערט יאהר פריהער האט דער פאלשער משיח שבתי צבי דורך פערשפרייטען קבלה אונטער דיא אידישע מאסען פערפיהרט א גרויסע טהייל פון זיי צום מחמדנישען גלויבען. אין זייער צייט גופא האט יוסף פראנק, דורך דיא זעלבע מיטלען, פערפיהרט פיעלע פוילישע און פאראליער אידען צום קריסטענטהום, און עס איז נאטירליך געוועזן שווער פאראויסצוזעהען אז דיא חסידים וועלען אויך ניט אוועק צו וויט און דאס זיי וועלען בלייבען פרומע און געטרייע אידען. פון אנדערן זייט איז דיא מורא פון פרומע אידען פאר השכלה געוועזן זעהר גוט בעגרינדעט. א גרויסע טהייל פון דיא אידען אין דייטשלאנד האבען זיך ווירקליך אויסגע'שמד'ט אין דיא ערשטע 50 יאהר נאך דעם אנפאנג פון דער השכלה בעוועגונג, און דיא פרומע אידען וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען איהר גלייך פון אנפאנג, האבען דערמיט געוויעזען, אז זייער בליק אין דיא צוקונפט איז ריכטיגער וויא דער בליק פון אזעלכע לייטע וויא מענדעלזאהן און נפתלי הירץ וויזל, וועלכע האבען געהאפט אז מען קען פעראייניגען שטרענגע פרומקייט מיט אייראפעאישע קולטור.

דער גאון און זיינע אנהענגער, אלס פערטרעטער פון פארצייטיגען יודענטהום, האבען געקעמפפט געגען ביידע ריכטונגען, און ווען מען איז געקומען קורץ אין אנדערע מיטלען, האט מען געקעמפפט מיט — פייער. דער ספר „תולדות יעקב יוסף“ פון ר' יעקב יוסף פון פולנאה, א תלמיד פון בעל שם טוב, איז פערברענט געווארען אין ווילנא אויפן שול־הויף מיט גרויס פאראד. דאס איז געוועזן א סארט אידישער „אויטא־דע־פע“, דורך וועלכען מען האט פער'משפט דיא אידעען און פרינציפען פון חסידות. אין אפאר יאהר שפעטער, אונגעפעהר אין 1784, איז אויף דעמזעלבען פלאץ און מיט דיזעלבע צערעמאניע פערברענט געווארען דער ערשטער השכלה־ספר אין דיא העברעאישע שפראך. דער „דברי שלום ואמת“ פון נפתלי הירץ וויזל.

עס איז קיין צווייפעל, אז דער גאון האט צו דיעזע ביידע ליטעראירשע הינריכטונגען מסכים געוועזן, ווייל זיין איינפלוס איז שוין דאמאלס געוועזן אזוי גרויס, אז אהן זיין צושטימונג

וואָלט עס ניט געקענט געטהאָן ווערען. דיא חסידים פון דער ליטא און דיא געגענדען ארום ליטא האבען דאן שוין גוט גע־וואוסט, אז דער גאון איז זייערהויפט־געגנער. עס זיינען דאָ בע־ווייזע, אז אין בערלין האט מען אויך געוואוסט פון זיין קאמפף געגען דעם פלאן צו בילדען אידען אויף'ן קריסטליכען אופן און דאס ער איז איינער פון דיא דריי רבנים, וועלכע נפתלי הירץ וויזל האט דערמאָנט אלס דיא הויפט־געגנער פון דיא פלענער, וואס ער האט ענטוויקעלט אין „דברי שלום ואמת*).

דיעזער פאקט איז אזוי ווענינ בעקאנט דאס פיעלע משכילים האבען פערדעכענט דעם גאון אלס א משכיל אדער אלס א פריינד פון מאָדערנע השכלה. זייער טעות קומט ערשטענס דערפון, ווייל יעדען ווילט זיך אנהענגען זיינע אייגענע אידעען אָן א גרויסען מאן, וועמען'ס נאמען עס ווערט שטארק פערעהרט פון דיא מאסען. צווייטענס איז דיא השכלה, בעזאָנדערס אין פוילען און זיד־רוסלאנד, אין אנפאנג אויך געוועזען הויפטזעכליך א קאמפף געגען חסידות, און עס איז נאטירליך, אז דיא משכילים זאָלען דיינקען, אז דער גאון האט אין זיין קאמפף געגען דיא נייע סעקטע זיך געוויעזען אלס איינער פון זיי. דער אמת איז אבער, דאס דער גאון האט געזוכט צו אונטערדריקען חסידות פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט אלס א גרויסער צדיק, און דאס דיא בעוועגונג פון דער בערלינער השכלה איז איהם געוועזען וואהר־שיינליך נאך מעהר פערהאסט, וויא דיא פיהרונגען פון דיא נאכ־פאָלגער פון ר' ישראל בעל שם טוב.

---

*) מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע און וויסענשאפט דעס יודענ־טהומס, באנד 19, זייטע 80—478, און באנד 20, זייטע 68—465.

7.

דער גאון און דער „רב“.

דיא ערשטע חסידישע רבנים פון דער ליטא, וויא דער אוי־בען־דערמאָנטער ר׳ אהרן קארלינער און זיין זוהן ר׳ אשר (דער פאָטער פון ר׳ אהר׳לע קארלינער, וועלכער איז געשטאָרבען אין 1872), ר׳ חייקעל פון אמדור און ר׳ מרדכי פון לעכוויץ, זיינען ניט געווען אַנדערש וויא דיא רבנים פון אַנדערסוואו און האבען אונטער דיא ליטווישע אידען ניט געקענט האבען קיין גרויסע מאַסע אנהענגער. דער ערשטער אנגריף אויף דיא חסידישע בע־וועגונג האט דערפאר אויך געהאַט א געוויסען ערפאָלג. דיא „שטיבעל“ אין ווילנא איז געשלאָסען געוואָרען, און דער גאון האט זיך צוריקגעצויגען צו זיין לערנען און האט וואהרשיינ־ליך גערעכענט, אז דיא חסידים וועלען מעהר ניט אויפהויבען א קאָפּ אין דעם געגענד וואו ער האט אן איינפלוס. אבער עס איז אויפגעשטאַנען א פיהרער אונטער דיא חסידים, וועלכער האט זיך בעסער וויא אַלע אַנדערע פון פריהער געטויגט צו פערברייי־טען דיא נייע לעהרע אין ליטא, און זיין ערפאָלג איז אויך גע־ווען גרעסער און געהאַט א גרעסערע ווירקונג אויף דיא גאַנצע בעוועגונג.

דיעזער מאַן איז געווען ר׳ שניאור זלמן פון לאדי, מאָהלי־ווער גובערניע, וועלכער איז בעקאַנט אלס דער „רב“ אדער פער־פאַסער פון חסידישען שלחן ערוך. ער איז געווען דער גרעסטער קאָפּ־מענש, וועלכען דיא גאַנצע חסידישע בעוועגונג האט ארויס־געבראַכט, און אויסער זיין גאונות אין לערנען, מיט וועלכע ער איז געווען גלייך צו דיא גרעסטע אין זיין צייט, איז ער אויך גע־ווען אן אָריגינעלער דיינקער און א טהעמיגער מענש. ער האט גע־מאַכט ענדערונגען אין חסידות און האט צוריק אריינגעבראַכט לערנען אין דער מאָדע. זיינע נאכפאָלגער, וועלכע טראָגען דעם נאמען „חב״ד“ אדער חב״ד׳ניקעס (חב״ד איז דיא ראשי תיבות אדער אנפאַנג־בוכשטאַבען פון חכמה, בינה, דעה) זיינען נאָך ביז

היינט מעהר לומדים און געלעהרטע וויא אלע אנדערע סארטען חסידים.

אין זיינע קבלה שריפטען, בעזאנדערס אין זיין ספר „תניא“ געפינט זיך כמעט דיא זעלבע אנזיכט איבער גאט און דער וועלט, וויא אין דיא ווערקע פון ברוך ספינאזא, און ער איז אויסגעצייי־כענט פון אלע אנדערע שרייבער איבער קבלה און חסידות דורך דיא קלארקייט פון זיינע געדאנקען און דיא לייכטקייט, מיט וועלכע מען קען פערשטעהן וואס ער וויל זאגען. אין פראקטישען לעבען האט ער זיך אינטערעסירט מיט דער אידישער לאגע, מעהר וויא אלע רבנים פון זיין צייט. עס איז בעקאנט דאס ער איז צוויי מאל געזעסען אין פעטרא־פאוולאווסקע קריעפאסט אין סט. פע־טערסבורג, איינמאל דורך א מסירה פון דיא מתנגדים און איינ־מאל פאר דיא „חוצפה“ פון פאהרען נאך סט. פעטערסבורג עט־וואס אויסווירקען לטובת הכלל. דעם טאג, ווען ער איז בע־פרייט געווארען צום ערשטען מאל (י"ט כסלו תקנ"ט—1798) איז געבליעבען ביז היינט א יום טוב ביי חסידים. דעם צווייטען מאל איז ער ארויס פריי דורך דעם אלגעמיינעם מאניפעסט, ווען אלעקסאנדער דער 1טער איז ארויף אויפ'ן רוסישען טראהן.

ווען דער קאמפף געגען חסידות האט זיך צום צווייטען מאהל פאנאנדער געברענט אין יאהר 1781, איז שוין ר' שניאור זלמן געווען דער אנערקענטער פיהרער פון דער אנדערער זייט, און ער האט אויך געזוכט צו טהאן וואס קיין אנדער חסידושער פיהרער האט ניט געטהאן פאר איהם אדער נאך איהם, דאס הייסט: זיך אויסצוטענה'ן מיט זיינע געגנער און זעהן אויב עס איז ניט מעגליך צו מאכען שלום. עס איז בעוואוסט, דאס ר' שניאור זלמן איז אליין געקומען אין ווילנא צו האבען א וכוח מיט דעם גאון, אבער ער איז צו איהם ניט צוגעלאזען געווארען. שפעטער האט דער זעלבער ר' שניאור זלמן געשריעבען א בריעף, אין וועלכען ער בעקלאגט זיך פאר וואס דער גאון האט איהם ניט געגעבען קיין געלעגענהייט צו ערקלעהרען דיא טהעאריע פון חסידות און צו פערענטפערן אלע טענות, וואס מען האט צו זיי. ער האט אויך אויפגעפאדערט דעם גאון, דאס אויב ע־

וויל איהם ניט אויסהערען פּערזענליך, זאָל ער אויסשרייבען זיינע טענות געגען חסידות און ער, ר׳ שניאור זלמן, וועט אויף דעם שרייבען אַן ענטפער, און מען זאָל ביידען׳ס שריפטען פּאַנאַנדערשיקען צו אַלע אידישע גדולים און רבנים אין אַלע לענדער און זיך פערלאָזען אויף זייער ענטשיידונג.

דיעזער בריעף, וועלכער איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין ספר „מצרף העבודה“ (און אין יצקן׳ס ביאָגראַפיע פון גאון, זייטע 77—74) איז אַ זעהר אינטערעסאַנטער היסטאָרישער דאָקומענט פון אַ פעריאָדע, איבער וועלכער עס איז ניט פיעל געשריעבען געוואָרען. עס שטעלט אונז פאַר דעם „רב“ אַלס אַ מענש מיט גערעכטע פאָדערונגען, וועלכער איז בערייט צו דיסקוטירען מיט׳ן מויל אָדער מיט׳ן פעדער, ווען מען זאָל נור איהם וועלען אויסהערען און אויפהערען צו פערפאָלגען איהם און זיינע אנהענגער. דער גאון, אַלס געלעהרטער, וועלכער איז אָבגעזונדערט פון דער וועלט, ערשיינט אַלס שטרייגער קאָנסערוואַטיווער פערטרעטער פון אַלטען יודענטהום, וועלכער האַלט עס פאַר אַ פערברעכען צו האָבען נייע געדאַנקען אפילו וועגען פרומקייט און שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, אַז איינער וועלכער שטימט ניט מיט איהם זאָל קענען זיין גערעכט. אין דעם בריעף גיט ר׳ שניאור זלמן אויך דיפּלאָמאַטיש אַנצוהערענים, אַז דעם גאון׳ס גרויסקייט איז בעשרענקט נור אויף ליטא, וואו קיינער וועט זיך איהם ניט שטעלען ענטגעגען, אָבער „אין טערקיי, איטאַליען, דאָס גרעסטע טהייל פון דייטשלאַנד און גרויס־פוילען און קליין־פוילען“ איז זיין אויטאָריטעט ניט אַנערקענט.

אָבער דיזער בריעף און אַלע אַנדערע אנשטרענגונגען פון „רב“ צו קומען צו אַ פערשטענדיגונג האָבען ניט געהאָלפען, און דער קאַמפף געגען חסידות איז געפיהרט געוואָרען מיט גרויס ביטערקייט אַזוי לאַנג וויא דער גאון האָט געלעבט. אין 1796 האָבען דיא חסידים פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער גאון האָט חרטה געהאַט אויף אַלעס; וואָס ער האָט געגען זיי געזאָגט, און האָט געשיקט אַ „פדיון“ צו ר׳ חייקעל אמדורער. אַ בלינדער מאַן וועלכער האָט זיך אויסגעגעבען אַלס דעם גאון׳ס זוהן, איז

ארומגעפאָהרען און געזאָגט אַז זיין פאטער האָט „תשובה געטאָן", און דיעזעס האָט אַרויסגעבראכט נאָך אַ בריעף פון גאון, וועל־כער איז שוין דאן געוועזן 76 יאָהר אַלט. דיעזער בריעף (דאַ־טירט ווילנא ר"ח סיון תקנ"ו) פאָדערט אויף אָפען, מען זאָל דיא חסידים „פערפאָלגען מיט אַלע מיני רדיפות וויא וויט אידישע מאכט גרייכט" און דערציילט, אַז צוויי לייטע זיינען אַרויסגע־שיקט געוואָרען איבער גאַנץ ליטא דיעזעס בעקאַנט צו מאַכען. ווען מען האָט שפּעטער בעהויפּטעט, אַז דער בריעף פון גאון איז אַ פאַלשער, און דיא פאָרשטעהער פון מינסק האָבען זיך ערקלעהרט בערייט צו פערפאָלגען דיא חסידים, אויב מען זאָל זיי נור פערזיכערן, אַז דער גאון הייסט עס, האָט ער מוצאי יום כפור תקנ"ז געשריעבען געגען זיי נאָך אַ שטרענגערן בריעף, אין וועלכען ער רעכענט אויס זייערע עבירות און הייסט, אַז מען זאָל זיי רודף'ן וויא וויט עס איז נור מעגליך. דיעזע בריעף מאַכען אויף דעם לעזער קיין זעהר גוטען איינדרוק, און ווען מען פערגלייכט זיי מיט דעם אויבען־דערמאָנטען בריעף פון ר' שניאור זלמן לאַדיער, זעהט מען קלאָהר, אַז דער פיהרער פון דיא חסידים איז געוועזן מעהר וועלטמענש, מעהר טאָלעראַנט און אויך אַ פיעל פעהיגערער שרייבער.

8.

דעם גאון׳ס פאמיליע. זיין איינפלוס און זיינע ספרים.

דער ווילנער גאון איז געשטארבען דעם דריטען טאג חול המועד סכות תקנ״ח (1797), ווען ער איז אלט געווען 77 יאהר מיט זעקס מאנאט. ער האט איבערגעלאזען צוויי זיהן: ר׳ יהודה ליב פון סערהיי, וועלכער איז געשטארבען אין 1816, און ר׳ אברהם פון ווילנא, וועלכער איז געשטארבען אין 1809. פון דעם ערשטען ווייס מען זעהר ווייניג, אבער דער צווייטער איז בעריהמט אלס דער ערשטער וועלכער האט געשריעבען א קריטיש - היסטארישע אבהאנדלונג איבער דיא מדרשים (אין זיין אויסגאבע פון ספר „אגדת בראשית״, ווילנא 1802) נאך לאנג איידער דיא מאדערנע געלעהרטע האבען אנגעפאנגען אזעלכע געגענשטענדע צו בעהאנדלען פון א וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט. עס איז אויך בעוואוסט דאס דער גאון האט געהאט צוויי איידעמס, איינער ר׳ פייוועל, דער רב פון דובראוונע און דער צווייטער ר׳ משה פון פינסק, וועלכער האט געבראכט אין ארדנונג אייניגע ווערקע פון גאון און זיי פערפערטיגט צום דרוק. אבער דיא נעמען פון זיינע טעכטער זיינען ניט בעקאנט, ווייל אין יענע צייטען ווען קיינער האט זיך ניט אינטערעסירט אין געשיכטע איז ביי יענע קלאסע אידען, אונטער וועלכע ער האט געלעבט און געווירקט, ניט געווען דיא מאדע זיך צו אינטערעסירען אין אזעלכע ביאגראפישע איינצעלהייטען. דערצו איז זיין פאמיליע נישט געבליבען בעריהמט, דאס הייסט עס זיינען פון איהר ניט ארויס קיין גרויסע מענשען, וועלכע זאלען פארמעזען דעם גלאנץ פון זייער יחוס און דורך דעם פעראינטערעסירען דיא אידישע וועלט אין דער פאמיליע בכלל. איין אייניקעל מיט דעם נאמען אליהו פינקעל איז געווען א לעהרער אין זשיטאמירער ראבינער שול, אבער ער האט זיך דארטען אויך זעהר ווייניג בעריהמט געמאכט.

אבגלייך דער קאמפף געגען חסידות אין דער ליטא איז ניט געווען קיין פאלשטענדיגער ערפאלג און עס זיינען נאך היינט אויך דארטען דא צעהנדליגע טויזענד חסידים, ווערט עס אנערקענט, אז דער גרויסער איינפלוס פון דעם גאון׳ס פערזענ־ליכקייט האט געהאלפען, דאס ליטא זאל בכלל בלייבען א מתנגדישער געגענד. ער אליין האט געהאט זעהר ווייניג תלמידים ניט מעהר וויא צוועלף אדער פופצעהן, אבער דיזע תלמידים וועלכע זיינען געווען פול מיט בעגייסטערונג פאר זייער גרויסען לעהרער, האבען געארבייטעט מיט אלע כחות צו פערשפרייטען זיין נאמען און זיינע מעטהאדען אין לערנען און האבען איהם פערשאפט מאסען אנהענגער און בעוואונדערער, וועלכע האבען איהם אליין קיין מאהל ניט געקענט.

זיין מעטהאדע איז געווען ניט איין אריגינעלע ערפינ־דונג, זאנדערן א צוריקקעהר צו דיא אלטע צייטען ווען מען האט געלערנט צו פערשטעהען, ניט זיך מפלפל צו זיין; ווען מען האט געלערנט גוט חומש און תנ״ך, איידער מען האט אנגעפאנ־גען גמרא, און ווען מען האט זיך אינטערעסירט פאר וועלטליכע וויסענשאפט מיט דעם צוועק בעסער צו פערשטעהען דיא ווי־סענשאפטליכע פראגען, וועלכע ווערן בעהאנדעלט אין אידישע דינים. דער גאון איז געווען דער איינציגער אונטער דיא רבנישע געלעהרטע אין זיין צייט, וועלכער האט געהאט א ציעמליך גר־מען בעגריף פון מאטהעמאטיק, אסטראנאמיע און ביבלישע גע־אגראפיע, אבגלייך ער איז אין קיינע פון דיזע וויסענשאפטען ניט געווען קיין ספעציאליסט. דיא בעהויפטונג אז ער האט געקענט „אלע שבע חכמות“, מוז צוגעשריבען ווערן צו זיינע ענטהוזיאסטישע בעוואונדערער פון א געוויסען סארט, אזוי וויא מען מוז צושטעלען אויף דעם חשבון פון איין אנדער סארט פון זיינע בעוואונדערער דיא געשיכטע, אז ער האט בעשאפען א „גולם“ אדער דאס ער האט אין זיין ווערק איבער אסטראנא־מיע (וועלכעס איז פערלארען געווארען) קלאהר בעוויזען אז דיא וועלט איז פיער עקיג.

זיין בעקאנטשאפט מיט וויסענשאפט, זיין קריטישער

בליק וועלכער האָט אָפּט בעוויעזען, אַז שווערע קשיות ווערען בטל דורך דיא ענדערונג פון אַ וואָרט אָדער אַ בוכשטאַב אין אַלטע תלמודישע ספרים, זיין פאַרליעבע פאַר תנ״ך און דקדוק האָבען פעראורזאַכט אַז אויפגעקלעהרטע און פאָרשריטליכע אידען פון רוסלאנד זאָלען אויך פון איהם האַלטען מעהר וויא פון יעדען אַנדערן גאון און צדיק פון דיא לעצטע עטליכע הונדערט יאָהר. זיין אויסעראָרדענטליכע פרומקייט און דיא אויפריכטיגקייט, מיט וועלכע ער האָט בעקעמפּפט דיא חסידים פון איין זייט און דיא אַפּיקורסים פון אנדערן זייט, האָבען בייגעטראָגען ער זאָל פערגעטערט ווערען פון דיא מאַסען. אלס דער אַנערקענטער גרעסטער למדן פון זיין צייט אין דער ליטא — און צום סוף פון זיינע יאָהרען כמעט איבעראַל — האָבען דיא רבנים און לומדים געהאָלפען פערברייטען זיין נאמען און איהם מאַכען בעריהמט. אַלע קלאַסען אידען זיינען אויף דיעזען אופן פעראייניגט געוואָרען איהם צו האַלטען גרויס און דיא צאָהל מענשען אונטער רבנים אָדער משכילים, וועלכע האָבען ביז היינט געוואגט אָבצולייקענען זיין גרויסקייט איז אַזוי קליין, דאָס עס איז ניטאָ קיין אורזאַכע זיי צו דערמאָנען. ווען דער קאַמפּף פון פרומע אידען געגען חסידות האָט אויפגעהערט, דאָס הייסט ווען מען האָט איינגעזעהען, אַז דיא חסידים בלייבען טרייע אידען, האָבען ביידע זייטען אָנגעפאנגען אַנצוערקענען דיא גרויסקייט פון ביידע פיהרער פון יענע שטורמישע פעריאָדע. מתנגדים האָבען אָנגעפאנגען איינצוזעהען אַז ר׳ שניאור זלמן לאַדיער איז געוועזען אַ גרויסער גייסט, און חסידים זיינען געוואָרען מעהר בערייט צוצוגעבען, אַז דער ווילנער גאון איז געוועזען איינער פון דיא גדולים פון אידען.

דעם גאון׳ס גרויסער איינפלוס איז דורכאויס אַ פערזענליכער, ניט אַ ליטעראַרישער. זיין אַנדענקען לעבט אין דיא אַנעקדאָטען, וואָס מען דערצעהלט וועגען איהם, און דיא שבחים וואָס מען געפינט אויף איהם אין אנדערנס ווערקע, און אין דיא איבערצייגונג, אַז ער האָט פיעלעס אויפגעטאָהן דורך זיין קעמפּפען און שטרעבען פאַר דעם נוצען פון יודענטהום, וויא ער

האט עס בעגריפען. משכילים בעוואונדערן דעם געלעהרטען, לומדים דעם גאון, קלאהרע קעפ דעם בעל פשט און דעם קריטי־קער, און פרומע אידען דעם גרויסען צדיק. אלע לויבען איהם, אבער כמעט קיינער לערנט אדער לייענט ניט זיינע ספרים.

עס איז גאר א פראגע, אויב מען קען זאגען, אז דער גאון האט געמאכט ספרים אזוי וויא מיר פערשטעהען עס אין גע־וויינליכען זינן. ער האט אליין זעהר וויניג געשריעבען, און מען גלויבט אז אין דעם וויכטיגסטען טהייל פון זיין לעבען, דאס הייסט זייט ער איז אלט געווארען פיערציג יאהר, האט ער איבערהויפט גאר נישט געשריבען. דאס גרעסטע טהייל פון דיא ספרים וואס טראגען זיין נאמען, זיינען פערפאסט געווארען פון זיינע תלמידים, וועלכע האבען ביי זיך פערצייכענט יעדעס ווארט, וואס זיי פלעגען פון איהם הערען. ער איז געוועזען א לער־נער, ניט א שרייבער, און דער איינציגער טהייל פון זיינע שריפטען, וועלכע האבען א גרויסען ליטערארישען ווערטה, זיי־נען דיא „הגהות“ אדער קורצע בעמערקונגען, וואס ער האט אנגעשריעבען אויף דיא ברעגעס פון דיא בלעטער און דיא ספרים, וועלכע ער פלעגט לערנען.

גרויסע ווערקע זיינען אנגעשריעבען געווארען דיעזע הגהות צו ערקלעהרען און ארויסצובריינגען דיא מיינונג וועלכע ער האט מייסטענס אויסגעדריקט צו קורץ און אפט אונפער־שטענדליך. ווען מען לעזט דיא אונקלאהרע, „געמאטערטע“ שפראך, אין וועלכער זיינע בריעף זיינען געשריעבען, קען מען בעגרייפען, וויא אזוי אזא טיעפזיניגער קריטיקער און קלאהרער קאפ וויא ער, האט געמוזט איינזעהן אז איהם פעהלען דיא פע־היגקייטען צו שרייבען גרויסע ווערקע, וועלכע זאלען אנגענו־מען ווערען ביי דיא אידישע מאסען אדער אפילו אונטער ספיצ־יאליסטען. דיא גאונישע איינפעלע, דיא גרינדליכע ערקלעה־רונגען און דיא אומפאסענדע כללים, וואס דיא תלמידים האָ־בען פון איהם געהערט מינדליך, זיינען אויך אפט פון זיי אומ־געענדערט אדער פערגרייזט געווארען. מען מוז דארום צוגעבען אז דיא ספרים וועלכע טראגען אויף זיך דעם גאון'ס נאמען

קענען נור געבען א גאנץ קליינעם בעגריף פון זיין אמת'ע גרויסקייט.

דעם גאון'ס גרויסקייט בעשטעהט אין דעם וואס ער איז געוועזן, ניט אין דעם וואס ער האט געטהאן. א ליסט פון זיינע תלמידים אדער פון דיא ספרים וואס טראגען זיין נאמען אדער פון דיא פאקטען אין קאמפף געגען חסידות וועט גי:ער העלפען צו פערדונקלען וויא צו בעלייכטען זיין ריעזיגע פערזענליכקייט. ער איז געוועזן א זשעניע אדער גאונישער קאפ מיט דיא פלייסינקייט און דיא אויפריכטיגקייט פון איין אמת'ן געלעהרטען. ער האט עררייכט דיא העכסטע שטופע, וואס א איד אין דער ליטא האט אין אכצעהנטען יאהר־הונדערט געקענט עררייכען, און האט געהאט אזא געוואלטיגען איינפלוס אויף זיין צייט, אז ער פערנעהמט איצטער איין ארט אין דיא געדאנקען פון מיליאנען אידען. אזוי לאנג וויא דער סארט רעליגיעזער און גייסטיגער לעבען, פון וועלכען ער איז געווען דיא פערקערפערונג, ווערט געשעצט אונטער אידען, אזוי לאנג וועט געהאלטען ווערן אין עהרע דער נאמען פון דעם ווילנער גאון — דעם גרעסטען למדן פון ליטא, און וואהרשיינליך פון אלע סלאווישע לענדער אין דער צייט איידער אידען האבען זיך דארטען געקענט אויבצייכנען אנדערסוואו, וויא אונטער זייערע אייגענע גלויבענסברידער.

ע נ ד ע.

קאטאלאג
פון דער
אינטערנאַציאָנאַלער ביבליאָטהעק פערלאַג קאָמפּ.

פרייז.

פיליפּ קראַנץ, קולטור געשיכטע, 3 בענדער, 1000 זייטען, 100 בילדער, שיין געבונדען, פרייז יעדער באַנד.........75 ס.

" " דיא געשיכטע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָן, 3 טהיילען אין איין באַנד, שיין געבונדען..................75 "

" " יציאת מצרים, מיט איין קארטע פון מצרים..........15 "

" " אַריסטאָטעל, זיין ביאָגראַפיע......10 "

" " וואָס הייסט נאַציאָן — זיינען אידען אַ נאַציאָן?..........10 "

י. גאָרדין, גאָט, מענש און טייוועל, דראמע אין 4 אקטען..........25 "

" " וואָלטער, זיין ביאָגראַפיע..........10 "

דר. קאַספּע, מעכאַניקע, נאָך סיר אייזאַק ניוטאָן 10 "

" " אַסטראָנאָמיע " " " 15 "

" " אָנפאַנג פון כעמיע..............15 "

פרייז.

מ. באראנאוו, דער מענש און דיא נאטור........10 "

ל. טאלסטאי, פּאַטריאָטיזמוס און רעגירונג, 05 "

" " דער איינציגער מיטעל..........05 "

ביידע בראָשורען איבערזעצט פון מ. קאטץ.

מאקסים גארקי, ערציילונגען, איבערזעצט פון ח. אלעקסאנדראָוו.......................15 "

ח. אלעקסאנדראוו, טאָלסטאָי, זיין ביאָגראפיע 10 "

ב. פייגענבוים, רמב״ם, זיין ביאָגראפיע.............10 "

מ. וויערניק, רב סעדיה גאון, זיין ביאָגראפיע...10 "

מ. פרומקין, ר׳ ישראל בעל שם טוב, זיין ביאָגראפיע..........................10 "

מאררים ראזענפעלד, געזאַמעלטע ליעדער פון מאָררים ראָזענפעלד, 337 זייטען, אילוס-טרירט, שעהן געבונדען, פרייז...............$1.00

פיליפּ קראַנץ, אַמעריקאַ פאַר קאָלומבוס, א קולטורגעשיכטליכע נאכפארשונג, 169 זייטען מיט 44 צייכנונגען, שיין געבונדען, פרייז..................50 ס.

פ. וויערניק, דער ווילנער גאון, זיין ביאָגראפיע 10 "

ד. מ. הערמאלין, יצחק בער לעווינזאָהן, זיין ביאָגראפיע.. .... 15 "

פרייז

פיליפ קראַנץ, ברוך ספינאָזא, זיין לעבען און זיין פילאָזאָפיע ....15 ס.

"	"	שבתי צבי, זיין ביאָגראַפיע.....15 "
"	"	יאָזעפוס פלאוויוס, זיין ביאָגראַפיע 15 "
"	"	בר־כוכבא, זיין ביאָגראַפיע........15 "
"	"	מאַהאָמעד " " ...... .15 "
"	"	דון יצחק אַבּרבּנל און זיינע זיהן, 15 "
"	"	דיא פאַמיליע ראָטהשילד....15 "
"	"	מעיערבּעער, זיין ביאָגראַפיע.....15 "
"	"	לעססינג און מענדעלססאָהן, זייערע לעבענס, שריפטען און טהעטיגקייט. שיין געבונדען............50 "

צו בעקומען ביי:

The International Library Pub. Co.,
23 Duane St., New York, U. S. A.

TRADES COUNCIL 20

ליעוו טאלסטאי

זיין לעבען און ליטעראַרישע טהעטיגקייט

פון

ח. אַלעקסאַנדראָוו.

ליעוו טאָלסטאָי.

On est de son siècle et de sa race, même quand on réagit contre son siècle et sa race.

דער מענש פערבלייבט אַ גליעד פון זיין צייט און פון זיין ראַסע אפילו דאַן, ווען ער קעמפפט געגען זיין צייט און געגען זיין ראַסע. (ערנעסט רענאַן).

גראַף ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי פערנעהמט א גאַנץ בעזונדערען פּלאַץ אין דער מאָדערנער געשיכטע. חוץ דעם, וואָס ער איז אַ געניאַלער קינסטלער און האָט געמאַכט רייך די וועלט־ליטע־ראַטור מיט אונשטערבליכע ווערק, איז ער נאָך א גרויסער מאָראַל־פּרעדיגער מיט אַ טיעפען ערנסט און פעסטע איבערצייגונגען. אויף דער ערד איז זיכער ניט פערבליעבען איין ווינקעל, מעהר אָדער וועניגער בעלויכטען מיט די שטראַהלען פון בילדונג, וואו מען זאָל ניט וויסען און שעטצען טאָלסטאָי'ס נאָמען, וואו מען זאָל ניט לייענען און בעוואונ־דערן זיינע ווערק. דאָס פּערזענליכע לעבען פון גרויסען שרייבער, זיין פּערזוך זיך אָבצוזאָגען פון דער וועלט מיט איהרע פריידען און מאַטעריעלע בעקוועמליכקייטען, און צו פיהרען א גאַנץ נייעם לעבען,— א לעבען, וואָס זאָל זיין אויפגעבויט אויף דעם פונדאַמענט פון מענשען־ליעבע, יושר און אחדות; א לעבען, וואָס זאָל איינשטימען מיט די נאַטירליכע פאָדערונגען פון דעם מענשען'ס הארצען און

פערשטאנד; א לעבען, וואָס זיין תמצית זאָל זיין דער אייבינער שטרעבען צום אמת, און סוף כל סוף דיא הייסע, אָפענע, ניט פערשטעלטע איבערגעבענהייט צו זיינע אידעאַלען, וואָס ער ווערט ניט מיעד צו פערטהיידיגען, — אָט דאָס אַלץ האָט אויפגעהויבען טאָלסטאָי׳ס נאָמען ביז דיא העכסטע מדרגות פון מענשליכער בעריהמטקייט.

טאָלסטאָי פיהרט זיין יחוס פון אַן אַלטער און רייכער משפחה, וואס האט געשפּיעלט אַ וויכטינע ראָליע אין דער רוסישער געשיכטע. וויא עס איז פערשריעבען אין אַן אַלטען רוסישען פּנקס, איז דער ערשטער טאָלסטאָי נעקומען צו פאָהרען קיין רוסלאַנד אין 1353. דאָס איז געווען אַ דייטש מיט׳ן נאָמען אינדריס. ער האָט זיך בעזעצט אין טשערניגאָוו מיט דיא זיהן, האָט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַווענעם גלויבען און פון איהם שטאַמט דאָס אָב דיא פאַמיליע, וואָס האָט נעגעבען רוסלאַנד אַ סך פּראָמינענטע מענער. דעם שרייבער׳ס זיידע איז געווען אַ רייכער פּאָמיעשטשיק, וועלכער האָט האָלט געהאט צו לעבען אַ גוטען טאָג און האט אין אַ קורצע צייט גע׳פּטר׳ט זיין גרויסען פערמעגען. וויא ברייט ער האָט זיך געפיהרט, קען מען זעהן דערפון, אַז דיא וועש זיינע פלעגט ער אָוועקשיקען וואַשען קיין האָלאַנד אין ספּעציעלע וואַגענס! אין טאָלסטאָי׳ס ראָמאַן „קריעג און פריעדען" געפינט מען זיין בילד אין דער פּערזאָן פון איליא ראָסטאָוו. דער זוהן זיינער ניקאָלאַי אילאיטש—דעם שרייבער׳ס פאָטער — האָט געדיענט אין דער גוואַרדיע, האָט אַנטהייל גענומען אין דעם רוסיש-פראַנצויזישען קריעג פון 1812 און איז ארויס פון דיענסט נאכדעם, וויא דער קריעג האט זיך געענדיגט. אין דיא יונגע יאהרען האט ער אויך וויא זיין פאָטער, האָלט געהאט צו לעבען א גוטען טאָג און האָט פערשפּיעלט אין קאָרטען א מאסע געלד. דיא דאָזיגע תאוה צום שפּיעלען איז אריבער בירושה צום שרייבער, וועלכער האָט פערבראכט ניט ווענינ צייט אין קארטען-שפּיעל אפילו דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען גוט בעוואוסט אין דער ליטעראטור. דיא תאוה איז ביי איהם פערבליעבען נאָך ביז יעצט, און זיא דריקט זיך אויס אין דעם אימפּעט, מיט וועלכען ער גיט זיך אָב צום ענגלישען שפּיעל לאָן-טענים. ווען ניקאָלאַי אילאיטש האָט געמאכט א תכלית

פון זיין פערמעגען, האט ער חתונה געהאט מיט דער פירסטין וואָל־קאָנסקאיא, וועלכע איז געווען זעהר רייך, אָבער ניט יונג און ניט שעהן. זיא איז אויך אָבגעמאָלט אין ראָמאַן „קריעג און פריעדען“ אין דער פּערזאָן פון מאַריא וואָלכאָנסקאיא. צוזאמען מיט איהר פאָטער, אַן אַלטער גענעראַל פון יעקאטערינא׳ס צייטען מיט א הארטען, דעספּאָטישען כאראקטער, זיינען זיי געווען בטבע שטארקע מענשען, טריי צו זייערע פּרינציפּען, און פון זיי האָט דאָס דער שרייבער גע׳ירש׳נט דיא בעסטע מעלות פון זיין כאראקטער.

ליעוו ניקאָלאיעוויטש איז געבאָרען געוואָרען דעם 28 אווגוסט 1828 אין דאָרף יאסנאיא פּאָליאנא, טולסקער גובערניע. זיין מוטער האָט ער פערלאָרען, ווען עס איז איהם נאָך קיין צוויי יאָהר ניט געווען, דיא ערציהונג פון דיא קינדער (חוץ דעם שרייבער זיינען געבליבען דריי זיהן און איין טאָכטער) האָט איבערגענומען זייערע א ווייטע קרובה מיט׳ן נאָמען יערגאָלסקאיא. אין 1837 האָט זיך דיא גאנצע געזינד אריבערגעקליבען אין מאָסקווע, ווייל דער עלטערער זוהן האָט בעדארפט אָנקומען אין אוניווערזיטעט. אָבער קורץ נאכדעם איז פּלוצלונג געשטאָרבען דער פאָטער, איבערלאָזענדיג א סך חובות, און דיא דריי איינגערע קינדער האָבען זיך אריבערגעקליבען צוריק אהיים — אין יאסנאיא. דיא יתומים האָבען זיך דאָ געהאָדעוועט אונטער דער השגחה פון זייער טאנטע, דיא גרעפין אָסטען־סאקען. אין 1840 איז דיא גרעפין געשטאָרבען, און דיא קינדער האָט מען אָבגעפיהרט אין קאזאן צו אנאנדער טאנטע יושקאָווא, זייער פאָטער׳ס א שוועסטער. ביי דיא יושקאָוו׳ס האָט מען געלעבט בפּרייט, זאט און פריילין. וויכטיגער פון אלע אנדערע זאכען האָט מען אין שטוב געהאלטען גוטע מאניערען און דעם אויסערליכען גלאנץ — ריידען פראנצויז וויא וואסער, קענען טאנצען, אָבגעבען דאמען־רעכט. „מיין גוטע מומינקע,“ דערציילט טאָלסטאָי, „האָט ניט געהאט אויף דער נשמה קיין איינציגען פלעק, און פון דעסטוועגען פלעגט זיא אייביג טענה׳ן, אז זיא וויל איך זאָל אריינטרעטען אין ליעבעס־בעציהונגען מיט אַן אשת איש, מיט אזא, פערשטעהט זיך, וואס געהערט צו

דער בעסטער געזעלשאפט; ביי איהר איז אויסגעקומען, אז נאר בעציהונגען מיט אזא מין פרוי קען מיך מאכען פאר א מענשען".

אין דער דאזיגער צייט פון זיין לעבען האט טאלסטאי געהאט אויסצושטעהן א גרויסען אינערליכען קאמפף, דעם ערשטען ערנסטען קאמפף מיט געוויסע נייגונגען פון זיין נאטור. פון איין זייט האט זיך איהם געוואלט שפיעלען א ראלע אין דער פיינער געזעלשאפט, אום צופריעדען צו שטעלען דעם געפיהל פון זעלבסטליעבע, וואס איז געוועזען אין איהם שטארק ענטוויקעלט. ער איז אפילו געווען ניט קיין שיינער, ניט קיין פלינקער און זעהר א שעמעדיגער (דאס האט ער געקראגען בירושה פון זיין מוטער), אבער דערפאר האט ער געהאט אין זיך א סך אנדערע מעלות, און מיט זיי האט ער זיכער געקאנט האבען אין דער געזעלשאפט אן ערפאלג. פון דער אנדערער זייט איז אין זיין נשמה אנגעגאנגען א שווערע ארבייט, וואס ער האט געדארפט פאר איהר אנשטרענגען אלע זיינע גייסטיגע און מאראלישע בחות: ער האט געזוכט אויסצוארבייטען פאר זיך א בעשטימטען מאראלישען אידעאל. און אין דער צייט, וואס זיינע ברידער און חברים האבען פערבראכט טעג און נעכט אין אלערהאנד הוליאנקעס, נאכ'ן שטיינער פון רייכע און טיטולירטע מענשען, זיינען ביי איהם דיא גדאנקען געווען פערנומען מיט דיא וויכטיגסטע פראגען פון מענשליכען לעבען— דאס זיינען געווען דיא פראגען פון גליק, טויט, גאט, ליעבע, אייביגקייט, אבער א בעשטימטען ענטפער, וואס זאל איהם בריינגען מנוחת הנפש, האט ער ניט געקענט געפינען, אין דער פועל יוצא איז געווען אז ביי איהם האט זיך פון דעמאלט אן אויסגעארבייט דיא געוואהנהייט צו גריבלען, צו זיין פערטהאן אין זיך, אין דיא אייגענע געדאנקען, אין דעם אייגענעם געוויסען. און דיא דאזיגע געוואהנהייט איז ביים שרייבער פערבליעבען עד היום. דיא דאמאלסדיגע פלאגענים פון זיין נשמה האט טאלסטאי בעשריעבען אין ארטעניעוו'ס און נעכליודאוו'ס שטרעבונגען צו א גוטען ריינעם לעבען (דאס זיינ' דיאען העלדען פון זיין ערצעהלונג „דיא יונגע יאהרען".

אין 1843 איז טאלסטאי אנגעקומען אין קאזאנער אוניווערסיטעט. ער איז דעמאלט אלט געווען ניט מעהר פון 13 יאהר, קיין

גרויסער קענער איז ער ניט געווען. אבער פאר דיא אוניווערסיטעט אין קאזאן האט מען א סך ניט נעדארפט קענען, בפרט ווען מען איז רייך און מען טראגט דעם טיטעל פון א גראף. דער טעמפעל פון וויסענשאפט האט זיך געפונען אין יענער צייט אין זעהר א קלע־גליכער לאגע. דיא פראפעסארען, מיט א פאאר אויסנאהמען, זיינען געווען ענטוועדער אויסלענדער, וועלכע האבען פערשטאנען גאנץ ווענינ רוסיש, אדער גרויסע עם־הארצים, קאריערימטען, וועלכע האבען ניט געהאט קיין שום שייכות צו דער היילינער וויסענשאפט. אין דער אוניווערסיטעט איז טאלסטאי אבגעווען 4 יאהר: צוויי יאהר האט ער שטודירט דיא אריענטאלישע שפראכען און דיא אנדערע צוויי יאהר — יוריספרודענץ. אבער געלערענט האט ער זיך שלעכט און אין אוניווערזיטעט פלעגט ער זיין זעהר א זעלטענער גאסט. און 1847, ווען טאלסטאי האט געזאלט אריבערגעהן אויפ'ן דריטען קורס פון יוריסטישען פאקולטעט, האט ער אין גאנצען פערלאזען דיא אוניווער־זיטעט און זיך בעזעצט אין יאסנאיא פאליאנא.

מען קען פרעגען, וויא קומט דאס, אז א מענש מיט אזעלכע מערקווירדיגע גייסטיגע פעהיגקייטען, וויא טאלסטאי, האט ניט גע־קענט דורכמאכען דעם געוועגליכען קורס אין אוניווערזיטעט? איינער פון דיא בעסטע רוסישע קריטיקער, סערגיי ווענגעראוו, ערקלערט עס אויף אזא'ן אופן. „טאלסטאי", זאגט ער, „איז איינער פון דיא אמת'ע גרויסע חכמים, וויל זעלטען ווער עס קען נאך אזוי טיעף אריינדרינ־גען אין דעם צוועק און דיא בעדייטונג פון מענשליכען לעבען. אבער אין דער זעלביגער צייט איז ער ניט אימשטאנד צו דיינקען אויף א וויסענשאפטליכען וועג, ד. ה. זיין געדאנק איז ניט דיסציפלינירט. אין וויסענשאפטליכע פארשונגען איז ביי איהם טהייער נאר דער צוועק, און ניט דער וועג גופא, וואס האט געבראכט צום געווינשטען צוועק. און פון דער וויסענשאפט פארדערט ער מחמת דעם גאר ניט דאס, וואס מען קען פון איהר פארדערן אונטער געוויסע בעדינגונגען. פון דעם אסטראנאם, למשל, וויל ער, אז יענער זאל איהם ווייזען, וויא אזוי דיא מענשהייט קען קומען צו א גליקליכען לעבען, און דער פילאזאפיע ווארפט ער אויף, פאר וואס מען בעקומט ניט פון איהר

דיא זעלביגע מאטעריעלע נוצען וויא פון דיא מאטעמאטישע וויסענשאפ־טען.״ עס איז דארום קיין חידוש ניט, וואס טאָלסטאָי האט ניט גע־קאנט פערדייען דיא טרוקענע וויסענשאפטליכע ענינים, וואס דיא אוני־ווערזיטעט האט געגעבען דיא יונגע סטודענטען.

וואס דער שרייבער האט געטהאָן אין יאסנאיא פאָליאנא, איז לייכט צו זעהן פון איינער פון זיינע ערצעהלונגען „דער פריה־מאָרגען פון א פּאָמיעשטשיק.״ דער העלד פון דער ערצעהלונג פירסט נעכליודאָוו קומט אין דאָרף מיט דיא בעסטע אבזיכטען און וויל גליקליך מאכען דיא פויערים פון זיין מאיאָנטיק. נעכליודאָוו (ד. ה. טאָלסטאָי) דערזעהט אָבער באלד, אז דיא טובות פון פּריץ, זיי מעגען זיין גאנץ ערנסט, וועלען קיין ברעקעל נוץ ניט ברייגגען, כל זמן עס וועט ניט אבגעשאפט ווערען דיא פּאנשטשיזנע (לייב־אייגענטהום), וואס האט פערפּעסטעט דעם גאנצען רוסישען לעבען מיט איהר אונמאָראַלישען איינפלוס. טאָלסטאָי איז דארום א הייסער געגנער פון דער פּאנשט־שיזנע און פערזוכט צו ערלייכטערן דיא לאגע פון זיינע פּויערים. עס איז מעגליך, אז אויף דיא שטאַרקע און אריגינעלע נאטור פון דעם שרייבער האָבען ניט געווירקט דיא דעמאָקראטישע שטרעבונגען פון דיא פיערציגער יאָהרען, ווען עס האט זיך אנגעפאנגען א מעכטיגער פּראָטעסט געגען דיא שקלאַפען־קייטען פון מיליאָנען מוזשיקעס. אזוי וויא שפּעטער, אין זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט, איז ער דאָ אויך זיך געגאנגען מיט זיין אייגענעם וועג. דער איינציגער שרייבער, וועל־כער האט אויף איהם שטארק געווירקט א יענער צייט, איז געווען דער בעריהמטער פראנצויזישער פילאָזאָף פון 18־טען יאהרהונדערט — זשאַן זשאַק רוסאָ. ער האט איבערהויפּט א סך איבערגענומען פון רוסאָ, וועלכער האט געהאסט דיא ציוויליזאציאָן און געפּרעדיגט אין זיינע ווערק, אז גליקליך קען דער מענש זיין נאָר דאמאלט, ווען ער וועט זיך אומקעהרען צום לעבען פון דיא ערשטע מענשען, ווען ער וועט שטעהן וואס נעהנטער צו דער מוטער־נאַטור. ביי טאָלסטאָי׳ען איז פון אייביג אָן געווען א מין שנאה צום לעבען פון דיא גרויסע שטעדט, צום קולטור־לעבען, אפשר דערפאר, וואס ער האט אייגענטליך

כמעט אלע זיינע יונגע יאָהרען פערבראכט אין דער פרישער געזונדער לופט פון דאָרף.

אין 1848 פאהרט טאָלסטאָי אַוועק אין פעטערסבורג, אום צו האַלטען עקזאַמען אויף „קאַנדידאַט פּראַוו“ (א טיטעל, וואס מען בעקומט ביים ענדיגען אוניווערזיטעט). צוויי עקזאַמענס האָט ער מיט מזל אויסגעהאַלטען, אָבער דיא געשיכטע איז איהם גיך געוואָרען אי־בערדריסיג, און ער איז אַוועק צוריק אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ צו זיינע פעלדער און וועלדער. דאָרט איז ער אבגעוועזען א יאָהר פיער. צוויי־טענוויים פלעגט ער מאכען א נסיעה נאָך מאָסקווא, וואו ער האָט געזעהן צו לעבען א גוטען טאָג און האָט א סך געשפּיעלט אין קאָר־טען. אין 1851 האָט ער פערשפּיעלט אין קאָרטען א גרויסע סומע געלד און האָט מחמת דעם געמוזט פערקלענערען דיא הוצאות. זיין עלטערער ברודער ניקאָלאַי, וועלכער האָט געדיענט אין קאַווקאַז, האָט איהם גענומען איינרעדען צו ווערען אן אָפיציער. טאָלסטאָי האָט זיך געלאָזט איינרעדען און איז אַוועק נאָך קאַווקאַז, וואו ער איז אריין אין מילי־טערדיענסט. זיין רעגימענט איז געשטאַנען ביים טייך טערעק הינ־טער קיזליאַר, אין א שיינער פּאָעטישער געגענד, און זיין צייט האָט ער מייסטענס פערבראַכט אויפ׳ן געיעג אין דער געזעלשאַפט פון פּראָסטע קאַזאַקען. א גוטען בעגריף פון טאָלסטאָי׳ס לעבען אין קאַווקאַז. און פון זיין אינערליכען קאַמפּף אין יענער צייט קען מען בעקומען, ווען מען זאָל מיט קאָפּ לעזען זיין ערצעהלונג „דיא קאָזאַקען“, אן ערצעה־לונג, וואס ווערט גערעכענט צווישען דיא גרעסטע ווערק פון דער רוסי־שער ליטעראַטור. דאס איז יעדענפאַלס דאס ערשטע ווערק, וואו דער פערטרעטער פון פּראָסטען פאָלק, דער מוזשיק, ווערט אבגעמאָלט אזוי וויא ער זעהט אויס אין דער אמת׳ען, אָהן שום ראָמאַנטישע צאַצקעס. דער העלד פון דער ערציילונג איז א יונגער אָפיציער אָלענין (דאָס איז טאָלסטאָי זעלבסט). אָלענין וויל זיך אבשאָקלען פון דער שטאַדטישער ציוויליזאַציאָן מיט איהרע ליגענס און פאַלשער מאָראַל און וויל אָנהויבען א נייעם לעבען אויפ׳ן שוים פון דער שיינער, פרישער, אייביג־בליהענדער נאַטור. אין איהם רעדט אויך דאס געוויסען: דען ווען ער האָט זיך ארומגעדרעהט אין דער פיינער געזעלשאַפט, האָט

ער פיעל געזינדיגט געגען דיא שטרענגע פאָרדערונגען פון דער אמת'ער מאָראַל! אין דיא נייע אומשטענדען ווערט אָלענין נאָך אַנאַנדער מענש. ער בעשליסט ביי זיך, אַז דעם מענשענ'ס גליק ליעגט אין דער ארבייט לטובת הכלל, און ער גיט זיך א נדר צו לעבען ניט פאר זיך, נאָר פאר דעם צווייטען. אָלענין פיהרט אבער ניט דורך זיין איידעלען בעשלוס. ער דערזעהט זעהר גיך, אַז האבען געוויסע מיינונגען איז איין זאך און וועלען זיי דורכפיהרען אין פראַקטישען לעבען — איז ווי־דער אנאַנדער זאך. און ער גיט אויף זיינע שיינע אידעאַלען און קעהרט זיך אום צו דער ציוויליזאציאָן, פון וועלכער ער איז פריער אנטלאָפען.

עס איז אינטערעסאנט, אַז אין דער דאָזיגער ערצעהלונג, וואס ער האָט אָנגעשריעבען אין 1852, געפינען מיר שוין דיא זעלבינע הייסע פראגען און דעם זעלבינען ענטפער אויף זיי, וואס מען טרעפט אין זיינע לעצטע ווערק. זיין מעכטיגער פראָטעסט געגען דיא פאָרמען פון איצ־טיגען שטאָדטישען לעבען איז אַלזאָ אויסגעוואקסען פון א זריעה, וואס איז שטענדיג געלעגען אין דער שרייבער'ס נאטור.

אין קאַווקאַז האָט טאָלסטאָי אָנגעפאַנגען זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט. און 1852 האָט ער אוועקגעשיקט צו דעם פעטער־בורגער זשורנאַל „סאָווּרעמעניק" זייז ערשטלינג: „דיא קינדערישע יאָהרען". דער רעדאַקטאָר פון דיזען זשורנאַל איז דאַמאַלט געווען דער בעריהמטער פאָעט נעקראַסאָוו. מיט זיין געניטען אויג האָט ער תיכף דערזעהן, דאס ער האָט צו טהאָן ניט מיט א געוויינליכען טאַלענט. ער האָט אנגעשריעבען טאָלסטאָי'ן א פריינדליכען בריעף, און דאס האָט צוגעגעבען א סך מוטה דעם יונגען שרייבער. ער האָט זיך פעסט גענומען צו דער פען, און אין דעם זעלבינגען יאָהר זיינען געוועזן אב־געדרוקט אין „סאָווּרעמעניק" זיינע ערצעהלונגען „דער פריהמאָרגען פון א פאָמיעשטשיק", „דער איבערפאַל" און „דיא קאָזאַקען".

דיא ערשטע ערצעהלונג, וואס טאָלסטאָי האָט אונטער געצייי־כענט מיט זיינע ראשי תיבות ל. נ. ט., האָט געהאַט אַן אונערוואַר־טעטען ערפאָלג. דעם שרייבער האָט מען אוועקגעשטעלט אין איין רייהע מיט דיא דאַמאַלסדיגע בעסטע פערטרעטער פון דער רוסישער ליטעראַטור, וויא: טורגעניעוו, גאָנטשאַראָוו, גריגאָראָוויטש, אָס־

טראָווסקי. דיא קריטיקער — דער עיקר טשערנישעווסקי — האבען גע־פונען אין טאָלסטאָי'ס ערצעהלונג א טיעפע פסיכאָלאָגיע און א מערק־ווירדיג — רעאליסטישע בעשרייבונג פון דעם ווירקליכען לעבען מיט ערנסטע אבזיכטען אין אָהן שום גראָבהייטען.

אין קאווקאז איז טאָלסטאָי פערבליעבען צוויי יאָהר. ער האָט זיך בעטייליגט אין א סך שלאַכטען און ניט איין מאָל האָט ער גע־שטעלט אין ריזיקע זיין לעבען. ווען עס האָט זיך אָנגעפאנגען (ענדע 1853) סעוואסטאָפּאָלער מלחמה, איז טאָלסטאָי אריבער אין דער ארמעע, וואס האָט זיך געפונען אויפ'ן שלאַכט־פעלד. ער האט זיך געשלאָגען אין דיא רייהען פון דיזער ארמעע און האט פערדיענט דעם נאמען פון א בראווען אָפיציער. דיא סכנות און צרות, וואָס דיא העלדישע פערטהיידיגער פון סעוואסטאָפּאָל זיינען אויסגעשטאנען אין דער בעלאַגערטער שטאָדט, האט טאָלסטאָי בעשריעבען אין דריי ערצעה־לונגען אונטער'ן נאמען „סעוואסטאָפּאָל“. דיא ערשטע פון זיי „סע־וואסטאָפּאָל אין דעצעמבער 1854“ איז ערשיענען אין „סאוורעמעניק“ און האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק אויף דיא לעזער. טאָלס־טאָי'ס נאמען איז בעקאנט געווארען איבער גאַנץ רוסלאַנד, און זיין שם פון א שרייבער, וועלכער איז בכח צו שאפען גרויסע ווערק, איז איין מאָל פאר אלע מאָל אנערקענט געווארען פון דיא קריטיקער.

אין זיינע ערצעהלונגען פון „סעוואסטאָפּאָל“ איז טאָלסטאָי ארויס, קען מען זאָגען, דער ערשטער אין דער וועלט־ליטעראטור, מיט א קאַלטען, ניכטערען, אונפּאַרטייאישען אנאליז (צוגליעדערונג) פון דעם לעבען אויפ'ן שלאַכט־פעלד. ער האט בעוויעזען, אז אויב אימיצער איז א העלד אין א געוויסען מאָמענט, איז נאָך דערפון ניט געדרונגען אז ער איז דוקא אלע מאָל א העלד. א מינוט פאר דער „העלדיש־קייט“ און א מינוט נאָכדעם איז דער העלד א פּראָסטער בשר ודם — א גוטער מענש אויב ער איז פריהער געווען גוט, און א שלעכטער אויב ער איז פריהער געווען שלעכט. א העלד איז ער געווארען צוליעב דיא אומשטענדען, און ווען דיא אומשטענדען וואלטען געווען אנדערע, וואלט דער זעלביגער מענש, דער העלד, פיעלייכט בעגאַנגען א מיאוס'ע לומפּעריי. אָבער אין דער זעלביגער צייט האט טאָלסטאָי אין זיינע ער־

צעהלונגען בעוויזען א ביישפיעל פון א העלדישקייט, וואס רייסט ניט דיא אויגען, וואס קריכט ניט פאראויס; דאָס איז דיא העלדישקייט פון פראסטען רוסישען סאלדאט, וועלכער פרעגט קיין קשיות ניט און טהוט דאס, וואס מען דארף טהאָן. אָט אין יענער צייט האט דאס טאָלסטאָי געהאט דיא געלעגענהייט נעהענטער בעקאַנט צו ווערען מיט דיא זעלטענע מעלות פון א פראסטען מענשעלע, דעם רוסישען פויער; ער האט איהם האָלט געקראָגען, און דיא דאָזיגע ווארעמע ליעבע איז ביי איהם פערבליעבען אויפ'ן גאנצען לעבען.

אין אויגוסט 1855 איז טאָלסטאָי געקומען צופאהרען קיין פעטערס־בורג, וואו מען האט איהם זעהר היים אויפגענומען: ערשטענס, וויא איינעם פון דיא העלדישע פערטהיידיגער פון סעוואסטאָפאָל און צוויי־טענס, וויא א בעריהמטען שרייבער. פאר איהם זיינען ברייט גע־עפענט געווארען דיא סאלאָנען פון דער הויכער געזעלשאפט און דיא בעסטע ליטעראַרישע קרייזען. ער איז געווארען בעקאַנט מיט דיא העלסטע שטערן פון ליטעראַרישען הימעל אין דער רעדאקציאָן פון „סאָווריעמעניק", דעם גייסטיגען צענטער פון פעטערסבורג און אויך פון גאַנץ רוסלאַנד אין יענער צייט. נעהענטער פון אלעמען איז ער בעקאַנט געווארען מיט טורגעניעוון, און דיא פריינדשאפט פון דיא צוויי גרויסע רוסישע שרייבער האט אנגעהאלטען יאהרען־לאַנג.

טאָלסטאָי איז אין דער צייט געוועזען יונג, רייך, פול מיט לעבען. חוץ דעם איז ער נאָר וואס געקומען פון סעוואסטאָפאָל, וואו ער האט איבערגעלעבט אזוי פיעל סכנות. וואס איז דער חידוש. אז ער האט זיך אבגעגעבען אין פעטערסבורג צו אלערהאנד פערגניגענס און הוליאנ־קעס? טאָג און נאכט האט מען געשכור'ט, געשפיעלט אין קארטען, זיך געחבר'ט מיט ציגיינער, אבער וויא געוויינליך האט איהם גע־נומען גיך עקלען פון דעם סאָרט לעבען. וויא ער האט זיך שפעטער מתודה געוועזען „האט איהם געעקעלט אי פון זיך אליין אי פון דיא ארומיגע מענשען." מיט דיא שרייבער פון „סאָווריעמעניק" זיינען ביי איהם אויך גיך ארויס ביטערע סכסוכים. ער האט ניט געקאנט אזוי וויא דיא איבעריגע געפינען קיין מנוחת הנפש אין דעם בעוואוסטזיין, וואס ער איז א „גרויסער קינסטלער". דאס אליין, האט ער גע'טענה'ט,

בעפרייט נאך ניט דעם מענשען פון א שטרעבונג צו ווערען וואס בעסער און וואס ריינער און אבצוגעבען זיינע כחות לטובת הכלל איבער דעם ענין האט מען געפיהרט לאנגע און הייסע דעבאטען, און טאלסטאי, וועלכער איז געווען בטבע אן אפענער מענש, האט זיך איבערגעקריעגט כמעט מיט אלעמען. אין 1857 האט ער פערלאזען פעטערסבורג און איז אבגעפארען קיין אויסלאנד.

טאלסטאי האט בעזוכט דייטשלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד, איטאליען, די שווייץ און אין אלגעמיין האט די נסיעה ניט געמאכט קיין גרויסען איינדרוק אויף איהם. מיט זיין אייגענשאפט פאנאנדער צוברעקלען אלץ, וואס ער זעהט ארום זיך, איז ער גיך געקומען צום שלום, אז פון וועסט־אייראפא דארף זיך רוסלאנד קיין שום מוסר ניט אראבנעהמען. די מערקווירדיגע ענטוויקלונג פון דער וויסענשאפט און אינדוסטריע האט איהם ניט פערבלענדט די אויגען, דען צוזאמען מיט דער העכסטער קולטור האט ער דערזעהן א סך ארעמקייט, אונוויסענהייט, גראבהייט, אונמענשליכקייט, פאנאטיזמוס. אין זיין ערצעהלונג „ליוצערן", וואס געהערט צו דער דאזיגער צייט, קען מען זעהן, וויא אזוי טאלסטאי האט דעמאלט געקוקט אויף דעם אייראפאישען פראגרעס. דער העלד פון דער ערצעהלונג, פירסט נעכליודאוו, פערשרייבט אין זיין טאגעבוך, אז דעם 7־טען יוני 1857 האט פאסירט אין ליוצערן א זאך, וואס איז ווערטה פערצייכענט צו ווערען מיט פייערדיגע אותיות אין דער וועלט געשיכטע. וואס איז דאס אזוינס געווען? פאר'ן האטעל שווייצערהאף, וואו עס שטעהען איין די רייכסטע געסט, האט א רייזענדער זינגער, א בעטלער, א האלב שעה געזונגען ליעדלעך און געשפיעלט אויף א גיטאר. ביז הונדערט מענשען האבען זיך צוגעהערט צו זיין זינגען און שפיעלען. דער זינגער האט דריי מאל געבעטען א נדבה, אבער קיינער האט זיך ניט גענרמען פארן טייסטער, און א פאאר פוסט־און־פאסניקעס האבען נאך געמאכט שפאס פון דעם בעטלער. נעכליודאוו טהוט זיך א פרעג: וויא אזוי קומט דאס, אז אט דיזע ענטוויקעלטע מענשען ווערבע זיינען קאפאבל — אויף זייערע מיטינגען, אין די פארלאמענטען און חברות — זיך מוסר נפש זיין פאר איטליכען עהר־

ליבען אינטערעס, אז אַט דיא דאָזיגע מענשען זאָלען ניט געפינען ביי זיך אין הארצען א מענשליכען געפיהל, ווען מען דארף טהאָן פער־זענליך א קליינע טובה א קליינעם מענשעלע ? וואָס-זשע בלייבט פון דיא פראזען איבער ציוויליזאציאן און גלייכהייט, מיט וועלכע מען פערשרייט דיא וועלט ?

אין דעם פראָטעסט-געשריי פון פירסט נעכליודאָוו הערט זיך שוין דער טאָלסטאָי, וועלכער האט פערלאָרען דיא אמונה אין פּראָ־גרעס און איז ארויף אויפ׳ן וועג פון מאָראלישער אויסבעסערונג פון זיין פערזאָן. טריט ביי טריט קומט ער צום שלוס, אז דיא ישועה פאר דיא מענשהייט ליעגט אין דער ארבייט פון יחיד, פון יעדען איינציגען מענשען באזונדער, וועלכער מוז אנשטרענגען זיינע כחות צו דערגרייכען דיא העכסטע מדרגה פון מאָראלישער ענטוויקלונג. דיא ארביים פון כלל איז ניט ווערטה, נאך זיין מיינונג, אן אויסגעבלאָזענע איי.

אין אויסלאנד האט דעם שרייבער אינטערעסירט מעהר פון אלע אנדערע זאכען פאָלקס-בילדונג און אויך דיא איינריכטונגען פאר דיא פערבעסערונג פון דעם ארבייטער׳ס לאגע. דיא פראגע פון פאָלקס-בילדונג האט ער שטודירט דער עיקר אין דייטשלאנד. ער איז דאָרטען בעקאנט געוואָרען מיט׳ן בעריהמטען שרייבער בערטאָלד אועּרבאך, פון וועמען ער האט שטארק געהאלטען פאר יענעם׳ס פאָלקס-ערצעהלונגען. אין פראנקרייך איז ביי איהם אויף דיא הענד געשטאָרבען פון שווינדזוכט אין 1860 זיין עלטערער ברודער ניקאָלאַי, זעהר א בעגאבטער מענש, און דיזער טויט האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף איהם. ער האט דאס שפעטער בעשריעבען אין זיין ראָמאן „אננא קארענינא“ אין דעם טויט פון לעווין׳ס ברודער ניקאָלאַי.

טאָלסטאָי איז געקומען צוריק אין רוסלאנד שוין נאכדעם, וויא דיא פויערים זיינען בעפרייט געוואָרען פון פּאַנשטשיזנע. ער איז געוואָרען א מיראָוואָי פּאָסרעדניק, ד. ה. א ריכטער, אויסצוגלייכען דיא סכסוכים איבער פערשיעדענע ענינים פון לאנד-ווירטשאפט צווי־שען דיא פּריצים און דיא נאָר וואס בעפרייטע פויערים. טאָלסטאָי איז דאָ וואהרשיינליך בעאיינפלוסט געוואָרען פון דיא דעמאָקראטישע אידעען, וואס האבען אין דיא זעכציגער יאָהרען געהערשט אין דער

געבילדעטער קלאַסע. אויפ׳ן פּראָסטען מענשען האָט מען דעמאָלט געקוקט וויא אויף אַן אינגערען ברודער, און דיא אינטעליגענציע האָט זיך אָבגעגעבען מיט דיא ריינע אבזיכטען אויסצובילדען דיא אונוויסענדע פּויערים, אויפצוהויבען זייער גייסטיגען און מאָראַלישען צושטאַנד. אין דיא שטעדט האָט מען געעפענט זאָנטאַג שוהלען, וואו אַרביי־טער און אַנדערע פּערנומענע מענשען פון דיא אָרעמע קלאַססען — יונגע און אַלטע, פרויען און מענער — האָבען געהאַט דיא מעגליכקייט זיך צו לערנען אָהן שכר לימוד. עס קען אָבער אויך זיין, אַז אין זיין אַרבייט פאַר׳ן פאָלק איז טאָלסטאָי ניט בעאיינפלוסט געוואָרען פון דעם אַלגעמיינעם דעמאָקראַטישען גייסט. ער איז ניט פון דעם סאָרט מענשען, וואָס לאָזען זיך לייכט בעאיינפלוסען, און וואָס ער האָט ניט געטהאָן, האָט געטראָגען אויף זיך דיא חתימה פון זעלבסט־שטענדיגקייט, פון אָריגינעלען דענקען.

אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ האָט טאָלסטאָי געגרינדעט אַ שוהלע פאַר דיא קינדער פון דיא פּויערים. פון אַלע אַנדערע שוהלען אויף דער וועלט האָט זיא זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס טאָלסטאָי האָט אין איהר ניט איינגעפיהרט קיין שום דיסציפּלין; איטליכער תּלמיד האָט געטהאָן, וואָס ער האָט געוואָלט, און געזעסען, וואו און וויא אזוי עס האָט זיך איהם געגלוסט; חוץ דעם איז ניט געוועזן קיין שום פּראָגראַם און קיין שום מעטהאָדע, ד. ה. קיין שום אַנערקענטע דרכים, וויא אזוי צו לערנען דיא קינדער. דיא איינציגע אויפגאַבע פון דיא לעהרער איז בעשטאַנען אין דעם, אַז תּלמידים זאָלען ניט גענִיצען, זיצענדיג אין קלאַסס. טאָלסטאָי אַליין איז געוועזן דער פיהר־רער פון לימוד, און דיא קינדער האָבען זיך גוט געלערענט. אין 1862 האָט טאָלסטאָי אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען אַ פּעדאַגאָגישען זשורנאַל, ד. ה. אַ צייטשריפט איבער דיא ענינים פון בילדונג און קינדער־ערציהונג. דער זשורנאַל האָט געהייסען „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ“ און מעהר פון אַלעמען האָט אין איהם געשריעבען נאַטירליך טאָל־סטאָי אַליין. דיא אַרטיקלען, וואו דער שרייבער רעדט איבער זיין שוהלע און בעריהרט פּעדאַגאָגישע פראַגען בכלל, פערנעהמען אַ גאַנצעם בוך. אין דיא דאָזיגע אַרטיקלען סטאַרעוועט זיך טאָלסטאָי

צו בעווייזען, אז דער פראָסטער פאָלק האָט גאַנץ וועניג געגאָסען פון פראָגרעס, ד. ה. פון דיא אַלע פאָרטשריטע, וואָס בילדונג, וויסענשאַפט, קונסט און טעכניק האָבען געמאַכט און מאַכען. פון דעם פראָגרעס געניסען נאָר דיא העכערע קלאַסען, און דיא רעזולטאַטען פון פראָגרעס נוצען זיי אויס מיט'ן איינציגען צוועק אויסצוזייגען פון דעם פראָסטען פאָלק זיין ביסעל בלוט. עס איז מערקווירדיג, אז דיא ראַדיקאַלע קריטיקער פון יענער צייט האָבען איהם געהאַלטען פאַר א „קאָנסערוואַטאָר", ד. ה. פאַר א מענשען מיט אַלט־פריינקישע געדאַנקען און שטרעבונגען, און פאַר א געגנער פון רעפאָרמען. דאָס איז געקומען דערפון, וואָס טאָלסטאָי האָט צו שטאַרק אָנגעגריפען דעם אייראָפּעאישען פראָגרעס, און אין דיא זעכציגער יאהר איז דער פראָגרעס פון וועסט־אייראָפּא געווען אן אָבגאָט ביי דער רוסישער אינטעליגענציע.

צווישען דיא קונסטווערק, וואָס טאָלסטאָי האָט געשאַנקען דער רוסישער ליטעראַטור אין דיעזער צייט, געפינען זיך אמת'ע פערל, צום ביישפּיעל: „דער שנעע־שטורם", „דיא צוויי הוזאַרען", דיא „דריי מיתות" „כאָלסטאָמיער" (דיא געשיכטע פון א פערד). א ביסעל שוואכער איז זיין ערשטער ראָמאַן „פאַמיליען־גליק". אין די „דריי מיתות" ווערט דורכגעפיהרט, מערקווירדיג רעאַליסטיש, א פערגלייך צווישען דעם, וויא אזוי עס שטאַרבט אוועק א רייכע פּריצ'טע, אן אָרעמער בעל־עגלה און א בוים. דיא פריצ'טע ראַנגעלט זיך מיט דער ביטערער נויטוועגדיגקייט צו שטאַרבען אין דער טיעפסטער פערצווייפלונג; דער פויער זעגענט זיך אָב מיט דער וועלט רוהיג און איינפאַך, און צום סוף ווערט בעשריעבען אין פּרעכטיגע פארבען דער טויט פון א בוים, וואָס מען האָט אָרונטערגעהאַקט צו שטעלען א מצבה פאַר'ן בעל־עגלה.

אין 1862 האָט טאָלסטאָי חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון א מאָסקווער דאָקטאָר, סאָפיא אנדרעיעווגא בערס, אין וועלכע ער איז געווען פאַרדעם פערליעבט גאַנצע דריי יאָהר. זיא איז אַלט געווען צו דער חתונה 17 יאהר, און ער איז געווען מיט 16 יאהר עלטער פון איהר. אין זיין ראָמאַן „פאַמיליען־גליק" וויל טאָלסטאָי

בעווייזען, אז ווען דער מאַן איז א סך עלטער פון דער פרוי, קען דיא פּאָאר פּאָלק ניט זיין גליקליך. אויב דיא פרוי זאָל אין אָנפאַנג אפילו יע האָלט האָבען דעם מאַן, וועט זיא פריהער אָדער שפּעטער אָבגעקיהלט ווערען און זיך פערליעבען אין א יונגען, נאָך ניט קיין „אָבגעלעבטען“. אין זיין אייגענעם פאַמיליען־לעבען איז דאס גראָד געווען ניט אזוי, און טאָלסטאָי מיט זיין פרוי שטעלען פאָר, פון דעם ערשטען טאָג נאָך דער חתונה, דיא גליקליכסטע פּאָאר פּאָלק, וואס דיא וועלט האט ווען עס איז געזעהן. אין דער געביל־דעטער, אויפגעקלערטער און פיין־ערצויגענער סאָפיא אנדרעיעווגא האט דער שרייבער געפונען א טרייען פריינד און א קלוגען חבר, אָהן וועמען ער קען זיך כמעט ניט בעגעהן סיי אין פּראַקטישע עסקים, סיי אין ליטעראַרישע. פּונקט וויא איהר בעריהמטער מאַן, איז זיא אויך א שטאַרקע, זעלבסטשטענדיגע נאַטור, און האָט זיך איהרע אייגענע מיינונגען איבער פערשיעדענע וועלט־זאכען. הגם איהרע מיינונגען מעגען זיין גאַנץ אָפּט דער היפוך פון איהר מאַן׳ס, פון דעסט־וועגען הערשט אין זייער הויז שלום ושלוה. טאָלסטאָי׳ס פרוי איז איהם בעהילפיג אין דער ארבייט דערמיט, וואָס זיא שרייבט איבער זיינע כתבים איידער זיי געהען אין דרוק, און מאַכט דיא קאָרעקטורען. גאַנץ אָפּט קומט איהר אויס איין כתב איבערצושרייבען עטליכע מאָל, וועיל טאָלסטאָי האָט א טבע צו מאַכען פערבעסערונגען אין זיינע ווערק גאָר אָהן א סוף, וויא לאַנג זיי געפינען זיך נאָך אין דרוק.

נאָך טאָלסטאָי׳ס חתונה פאַנגט זיך אָן דיא גליקליכסטע צייט פון זיין לעבען. ער האָט אַלץ, וואָס א בשר ודם קען זיך נאָר וויג־שען: רייכקייט, פאַמיליען־גליק און א שם פון איינעם פון דיא גרעסטע שרייבער ניט נאָר אין דער רוסישער ליטעראַטור גופא, אויך חוץ לארץ. און אין דער צייט דערגרייכט טאַקי זיין טאַלענט דיא העכסטע מדרגות פון ענטוויקלונג.

אין 1864 האָט זיך אָנגעהויבען צו דרוקען אין זשורנאַל „רוסקי וויעסטניק“ זיין ראָמאַן „קריעג און פריעדען“. אין 1869 איז דער ראָמאַן ארויס פון דרוק אין א בעזונדערען בוך אין 5 בענדער. דיא

קריטיקער פון דער גאַנצער וועלט האַלטען דעם דאָזיגען ראָמאַן פאַר דאָס גרעסטע און ערהאַבענסטע ווערק פון דעם סאָרט אין דער נייע־אייראָפּעאישער ליטעראַטור. עס ווערען דאָרט אָבגעמאָלט אַלע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט — פון קיסרים ביז פּראָסטע סאָלדאַטען און פּויערים. אין אַ העלען שיין טרעט ארויס אין ראָמאַן דאָס לעבען פון דער רוסישער געזעלשאַפט אין אָנפאַנג פון 19טען יאַהרהונדערט. דער קינסטלער בעשרייבט מיט זיין מעכטיגער פּען ניט נאָר וויכטיגע היסטאָרישע פּאַסירונגען פון דער שטורעמדיגער נאַפּאָלעאָן־צייט, וויא למשל דיא שלאַכטען פון לייפּציג און באָראָדינאַ, דיא מאָסקאָווער שרפה וכדומה, אויך ערשיינונגען פון אַלטעגליכען לעבען אין פערשיעדענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע קרייזען. פאַר'ן לעזער געהען דורך וויא אין אַ פּאַנאָראַמע הונדערטע לעבעדיגע מענשען מיט זייער אינערליכער וועלט, מיט זייערע ליידען און פריידען, געפיהלען און ליידענשאַפטען; הונדערטע סצענען און בילדער, וואָס מאַכען אַזאַ טיעפען איינדרוק, דאס זיי מוזען אויף אייביג פערבלייבען אין זכרון.

עס איז מערקווירדיג, אַז דיא פערטרעטער פון פּראָסטען פאָלק, וועלכע טאָלסטאָי פיהרט ארויס אין זיין ראָמאַן, זיינען מאָראַליש אַ סך שטאַרקער פון דיא פּריצים און געבילדעטע. דעם סאָלדאַט פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו מיט זיין געזונדען פערשטאַנד, וואַרעמען הארצען און ריינער נשמה, וועלכער געהט שטאַרבען מיט דער רוהיגקייט פון אַ סאָקראַט, אהן בעריהמערייען, אהן אַ געמאַכטער העלדישקייט, שטעלט אַוועק טאָלסטאָי פאַר אַ מוסטער פון חכמה און צניעות. דער געבילדעטער פּיער איז בעצויבערט פון קאַראַטאַיעוו'ס וועלט־אַנשויאונג און אונטער יענעם'ס איינפלוס ווערט ער גאָר אַנאַנדער מענש. אַזוי וויא אין „דיא קאַזאַקען“ וויל דאָ טאָלסטאָי בעווייזען, אַז דיא ישועה פאַר'ן אינטעלעגענטען מענשען ליעגט אין נעהענטערע פערבינדונגען מיט'ן פּראַסטען פאלק.

דיא אידעע, דער הויפּט געדאַנק פון ראָמאַן, איז אַזאַ: דער גאַנג פון דער וועלט־געשיכטע הייננט ניט אָב פון דעם ווילען אָדער דיא פֿייהיגקייטען פון איינצעלנע פּערזאָנען: דיא ראָליע פון אַ נאַפּאָ־

לעאָן איז ניט גרעסער פון דער ראַליע פון א פיגור אויפ'ן שאך־
ברעטעל ; א היסטאָרישע פּאַסירונג שפּיעלט זיך אָב נאָר דאַן, ווען
עס טרעפט זיך צונויף דער ווילען פון אַלע מענשען, וועלכע נעהמען
אַנטהייל אין דער פּאַסירונג. וויא מיר זעהען, האלט טאָלסטאָי פון
דעם, אז אויפ'ן גאנג פון דער וועלט־געשיכטע ווירקען געוויסע געהיימע
קרעפטען, מיט אנדערע ווערטער פון א מין היסטאָרישען פאטאַליז־
מוס. אין דיזע גדאַנקען הערען זיך שוין דיא ערשטע קלאנגען פון
זיין שפּעטערדיגער תורה, אין וועלכער איינער פון דיא געבאָטען איז:
זאלסט מקבל באהבה זיין שלעכטס.

נאָכדעם וויא „קריעג און פריעדען" איז ארויס פון דרוק, האט
זיך טאָלסטאָי ווידער אבגעגעבען צו זיין פריהערדיגער טהעטיגקייט
פון א פאלקס־לעהרער און האט אנגעשריעבען אַן „אלף־בית" און קליינע
ביכלעך פאר'ן פאלק צום לעזען. אין 1873 האט ער אנגעפאנגען צו
שרייבען זיין צווייטען גרויסען ראמאן „אננא קארענינא", וואס איז גע־
ווען אבגעדרוקט אין „רוסקי וויעסטניק" אין 1875 און 1876.

אין דער צייט איז פארגעקומען א געוואלדיגע איבערקעהרעניס
אין טאָלסטאָי'ס גדאנקען, און פון א בעלעטריסט, ד. ה. א שרייבער
פון ערצעהלונגען און ראמאנען, ווערט ער א פּערפאסער פון רעלי־
גיעז־פילאזאפישע ביכער. דיא אייביגע קשיות: וואס איז לעבען?
וואס איז דער זין פון לעבען? וואס איז גליק? גאָט? וכדומה. קשיות,
וואס האבען נאך געפּלאָגט דעם שרייבער אין זיינע אינגסטע יאהרען
און זיינען פארגעשטעלט אין דער פּסיכאלאָגיע פון דיא העלדען פון
זיינע ערשטע ערציילונגען — אָלענין און נעכליודאָוו, אָט דיא קשיות
האבען יעצט געגומען פאָרדערן ביי איהם א קלארען תירוץ, אָהן דריי־
דלעך, אָהן פּשרות, און טאקי באַלד אויפ'ן אָרט. אין דעם גייסטי־
גען לעבען פון שרייבער האט אויסגעבראכען א קריזיס. טאָלסטאָי דער־
צעהלט אין זיין „וידוי", אז אייב א כישוף־מאכערין וואלט ביי איהם
דערמאָנט געפרעגט, וואס ער וויל, וואלט ער ניט געוואוסט, וואס צו
ענטפערן. ער איז געווען געזונד, שטארק, רייך, בעריהמט, געליעבט
אין דער אייגענער פאמיליע און בעוואונדערט אין דער ברייטער וועלט,
און ניט קוקענדיג אויף דעם האט ער פערלארען דיא לוסט צו לעבען,

ווייל ער האט זיך ניט געקענט קלאר מאכען דעם צוועק און דיא בעדייטונג פון זיין עקזיסטענץ. „נו, גוט", האט ער גענומען טראכטען: „אט וועסטו האבען 6000 דעסיאטין ערד. 300 פערד; וואס־זשע וועט זיין דער סוף? אט וועסטו זיין מעהר בעריהמט וויא גאָגאָל, פושקין, מאָליער, שעקספיר; נו, איז וואס וועט ארויס דערפון? דיא קינדער ערציהען — צו וואס? דאס פאלק פיהרען צו א רוהיגען זאַטען לעבען — וואס דארף דאס זיין מיין דאגה?...

בקיצור טאָלסטאָי האט גענומען פיהלען, אז דער פונדאמענט, אויף וועלכען ער איז ביז אהער פעסט געשטאנען, האט זיך אונטער־געבראכען אונטער זיינע פיס, אז דיא אינטערעסען, מיט וועלכע ער האט ביז אהער געלעבט, זיינען געלם געווארען. ער ווייס ניט, צו וואס ער דארף שרייבען, ארבייטען, לערנען, און דיא פראזען, וואס ער הערט פון דיא ארומיגע איבער דיא נויטוועגדינקייט צו ארבייטען, קענען איהם מעהר ניט צופריעדען שטעלען. עס איז קיין חידוש ניט, וואס ער פאנגט אָן צו קלערען פון זעלבסטמאָרד. „איך פרעג בעהאַלטען פון זיך אליין דיא שפּריקעל", דערצעהלט טאָלסטאָי, „ווייל איך האב מורא געהאט, אז ווען איך פערבלייב איינער אליין ביי זיך אין צימער, זאל איך זיך ניט אויפהענגען"...

וויא אזוי לאזט זיך ערקלערען דיעזע איבעקעהרעניש אין טאָלס־טאָי'ס גייסטיגען לעבען? דיא מעשה איז, אז אין דער צייט האט טאָלסטאָי שוין געהאט אלץ, צו וואס ער האט ווען עס איז געשטרעבט. ער איז פשוט געווארען איבערזעטיגט מיט דיא טייערע מתנות פון זיין גוטען מזל. און נאך א זאך, ביטערע געדאנקען האבען דאך איי־גענטליך געבראדזעט ביי איהם אין קאָפּ יאהרען־לאנג, אָבער אין דער צייט, ווען דאס הארץ האט געקלאפט מיט טויזענד מעכטיגע געפיה־לען, זיינען דיא דאזיגע געדאנקען געווען פערדרוקט, פערשטעלט. יעצט, אויף דער עלטער, ווען דאס הארץ האט זיך אבגעקיהלט, און עס איז שוין מעהר ניט געבליבען צו וואס צו שטרעבען, זיינען דיא געדאנקען ארויס פון פערבאָרגענעם ווינקעל, וואו זיי זיינען ביז אהער געלעגען, און האבען זיך אויסגעגאסען אין שארפע קשיות. טאָלסטאָי האט גענו־מען קווימירען דעם חשבון פון זיין לאנגען לעבען, פון זיין ארבייט.

און וואס האט זיך ארויסגעוויזען? צווישען דעםווירקליכען לעבען און דיא אידעאלען ליעגט א טיעפער אבגרונד; דיא געטער, צו וועלכע ער האט ביז אהער מתפלל געווען, ד. ה. ציוויליזאציאן, פראָגרעס, קונסט, — געטער, וואס ער האט געירשנ'ט פון דעם פריהערדיגען דור, זיינען ניט ווערטה געווען אין זיינע אויגען קיין אויסגעריבענע מטבעה. אדרבא. ער האט גערעכענט, אז דאס זיינען געווען ניט מעהר ווי הילצערנע אויסגעפוצטע געטשקעס, וואס דיא רייכע און געבילדעטע בענוצען זיך מיט זיי צו בעראבעווען דיא ארעמע און אונוויסענדע. ביים שרייבער אין דער נשמה איז געווארען א פוסטקייט, דיא אלטע געטער האט ער געוואָלט וואס גיכער אומבייטען אויף נייע...טאָלסטאָי האט דערביי גאָר ניט געשאנעוועט, און אין מיסטקאסטען זיינען גע־פלויגען אלע צווייגען פון וויסענשאפט, פון אטראנאָמיע ביז מעדי־צין און כעמיע. ביי דעם שרייבער איז אויסגעקומען, אז אזוי וויא דיא מאסע פון מיליאנען פויערים בעגעהט זיך אָהן דעם, דארום דארף מען דאס ניט האבען אויף דער וועלט. פון וואנען נעהמט דאס רוסיש'ע פאָלק זיין וויסען? נאר פון אײן קוואל — דאס זיינען דיא הייליגע ספרים. דארום קען ער, טאָלסטאָי, אויך געפינען א תירוץ אויף זיינע קשיות אין דעם זעלביגען קוואל. און מיט א מין פיעבער האָט ער זיך א וואָרף געטהאן אין טעאָלאָגישע חקירות. ער האָט גע־נומען שמועסען מיט גלחים אין מאָנאכען, איז געגאנגען צו דיא זקנים אין א געוויסען קלויסטער, האָט געלייענט פערשיעדענע ווערק וועגען גאָט און רעליגיאָן, האָט אויסגעשטודירט דיא אלט־גריכישע שפּראַך און לשון קודש, אום ער זאָל זיין בכח צו לייענען דיא ביבעל אין דיא שפּראכען, אין וועלכע זיי זיינען געווען אנגעשריעבען. פון דיא אלע עקספּערימענטען איז ער געקומען צום שלום, אז אזוי לעבען, וויא פריהער קען ער שוין מעהר ניט. ער האָט דארום אויסגעטהאָן זיינע אייראָפּע־אישע מלבושים און גענומען טראָגען קליידער פון א פּראָסטען רוסישען פויער. ער האָט אויפגעהערט צו עסען פלייש, זיך אבגעזאָגט פון זיין גרויסען פערמעגען, פון דיא רעכטע אויף זיינע ליטעראַרישע ווערק, און אנגעהויבען צו ארבייטען אין פעלד מיט אלע פויערים צוגלייך. נאָך זיין מיינונג נאָך וועט דיא גאולה קומען, ווען איטליכער מענש

וועט זיך סטאַרעווען צו ווערען גוט און פֿרום, באַזונדער, פֿאַר זיך. דאַרום לייקענט ער דאָס אָב אַלע פֿאָרמען פֿון שטאַאַט, פֿון רעליגיאָן, פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען, אַפֿילו פֿון פֿאַמיליען־לעבען (למשל, אין „קרייצער סאָנאַטאַ"). פֿאַר אַ גרונד—פּרינציפּ פֿון זיין תורה האַלט ער: ניט צו בעקעמפֿפֿען שלעכטס מיט געוואַלט.

טאָלסטאָי נעהמט אָן, אַז אויב דיא מענשהייט וויל זיין גליק־ליך, דאַרף זיא זיך אומקעהרען צום פּראָסטען לעבען, צום לעבען אויפֿ'ן שויס פֿון דער מוטער־נאַטור.

עס איז, פֿערשטעהט זיך, ניט שלעכט צו לעבען און אַרבייטען אין דער פֿרישער לופֿט פֿון דיא וועלדער און פֿעלדער. אָבער קענען דען אַלע אַוועקגעהן אין דאָרף? לאָמיר שוין צוגעבען אויף אַ רגע, אַז יע, און אַז אין אַ שיינעם פֿריה־מאָרגען וועלען מיר פֿערברענען דיא גאַנצע מאַטעריעלע קולטור, וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרען אין לאַנגע דורות פֿון שווערער, בלוטיגער אַרבייט, און וועלען ווערען מיט מזל אַקערבויער. וואָס וועט זיין דער סוף? דער סוף וועט זיין, אַז טריט ביי טריט וועט ווידער בעשאַפֿען ווערען דיא זעלביגע קולטור, וואָס מיר האָבען פֿריהער חרוב געמאַכט מיט דיא אייגענע הענד. פֿאַר וואָס וועט דאָס זיין אַזוי? אָט פֿאַר וואָס. ביי דעם מענשען אין דער נשמה ליעגט אַ מעכטיגער געפֿיהל פֿון אונצופֿרידענהייט מיט זיין געגענוועהרטיגען קולטורעלען צושטאַנד, ד. ה. וויא גוט עס זאָל ניט זיין דעם מענשען, זוכט ער אַלץ בעסערס. דער דאָזיגער געפֿיהל איז געבאָרען געוואָרען צוזאַמען מיט'ן מענשען און אָהן דעם וואָלט איי־גענטליך ניט געווען אויף דער וועלט קיין שום פּראָגרעס, קיין שום פֿאָרטשריט. דער געפֿיהל פֿון אונצופֿרידענהייט טרייבט דאָס דעם מענשען צו אַ העכערער שטופֿע פֿון ענטוויקלונג, צו אַ פֿערבעסערונג פֿון זיינע אומשטענדען, און אָט דער געפֿיהל וועט דאָס מאַכען אַ תל פֿון טאָלסטאָי'ס אידעאַל, ווען דיא מענשהייט זאָל איהם דורכ־פֿיהרען.

דער פּרינציפּ „ניט צו בעקעמפֿפֿען שלעכטס מיט געוואַלט" איז אויך ניט קיין גלייכע זאַך. פּראָסט גערעדט הייסט דאָס: זיך לאָזען קריכען אויפֿ'ן קאָפּ. וואָס הייסט אייגענטליך געוואַלט? דאָס, וואָס

מען טהוט דעם צוויטען געגען זיין ווילען. א דיינקענדער מענש וועט, פערשטעהט זיך, זעהן איבערצוריידען דעם רשע מיט גוטען, מיט ראיות, מיט ארגומענטען. אבער שטעלט זיך פאַר, אז א מענש איז שטארק צוהיצט, ד, ה. געפינט זיך אין אזא גייסטיגען צושטאנד, אז ער איז ניט בכח צו פערשטעהן, וואס מען וויל פון איהם- האבען, און ער וואַרפט זיך אויף אייך מיט א מעסער. וואס דאַרפט איהר טהאָן ? זיך לאָזען דערשטעכען ? א גרויסע חכמה וואָלט דאס טאקי געווען. און ביי טאָלסטאָי׳ען קומט אוים, אז מען דארף זיך יע לאָזען דערשטע־כען, ווייל זיך ראַנגלען מיט׳ן אנגרייפער הייסט דאָך צו בעקעמפפען שלעכטס מיט געוואלט...

זיין פּרינציפּ האָט טאָלסטאָי גענומען פון דיא רעליגיעזע ספרים, וואס שטאַמען פון מזרח-לענדער. עס איז אינטערעסאַנט צו פערגליי־כען טאָלסטאָי׳ס פּרינציפּ מיט א מערקווירדיגען געשפּרעך, וואס מיר געפינען אין א הייליגען ספר פון דיא בודהיסטען (בודהיזמוס איז דיא אמונה פון דעם גרעסטען טהייל אזיאטען). דעם געשפּרעך פיהרט בודהא אליין מיט זיין בעסטען תּלמיד פּורנא.

„וואס וועסטו טהאָן, זאָג מיר, פּורנא״, פרעגט בודהא, „ווען מענשען וועלען דיך זידלען, מאַכען פון דיר אש און רויך, שילטען, בעליידיגען ?״

„איך וועל ביי זיך טראַכטען בשעת מעשה״, ענטפערט פּורנא :

„אוי, ס׳ארא גוט, ווייך הארץ זיי האבען, דאס זיי שלאָגען מיך ניט.

„וואס וועסטו אבער טהאָן, ווען זיי וועלען דיך שלאָגען ?

„איך וועל טראַכטען ביי זיך : וויא גוט זיי זיינען, דאס זיי נעה־מען בייא מיר ניט אוועק אין גאנצען מיין לעבען.

„און וואס וועסטו זאָגען, ווען זיי וועלען ביי דיר אבנעהמען דיין לעבען ?״

„איך וועל זיי בענטשען דערפאַר, וואָס זיי האבען מיך מיט וועי־ניג יסורים בעפרייט פון זינדיגען גוף...

און טאָלסטאָי מיט זיינע תּלמידים ווערען על כל פּנים נתפּעל פון דער דאָזיגער שקלאַפען-מאָראל, וויא דער דייטשער פילאָזאָף ניטצשע רופט דאס אָן גאַנץ ריכטיג.

טאָלסטאָי׳ס נייע וועלט־אַנשויאונג האט זיך אויסגעדריקט אין „אננא קאַרעניגאַ“. דיא העלדען קענען צוטהיילט ווערען אין צוויי קלאַסען: איינע שטעהען אויפ׳ן דרך הישר, דיא אַנדערע זיינען פערבלאָנזעטע נשמות. דיא ערשטע זיינען צוגעבונדען צו דער ערד, צו זייערע פאַמיליען־אינטערעסען (קאָנסטאַנטין לעווין, דיא געזינד פון פירסט שטשערבאַצקי, סוויאַזשסקי), דיא צווייטע זיינען כמעט אין גאַנצען אָבגעגעבען צו דיא תאוות און פערגניגענס פון עולם הזה. טאָלסטאָי מאָלט דיא טיפען פון דער צווייטער קלאַססע ניט מיט קיין פריינדליכע פאַרבען: אַננאַ קאַרעניגאַ — איז אַן אשת איש און אנטלויפט פון מאַן און איהר קינד צו א יונגען און שיינעם אָפיציער; קאַרענין, איהר מאַן, איז אַ טעמפּע מאַשין מיט קעלבענע אויגען און וועניג שכל; פירסט סטעפאַן אָבלאָנסקי — אַ גאָרנישט און א גרויסער הולטיי, נאַרט זיין ווייב, פערפיהרט אַ נייע ליובקע אַלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג און בריינגט אוים זיין פערמעגען; ניקאָלאַי לעווין — א שיכור; פירסט ווראָנסקי — אַ בעל־זנות, ביי ועמען עס איז גאָר אַ קלייניגקייט צו מאַכען א תל פון דעם צווייטענס פאַמיליען־לעבען, און אַזוי ווייטער. דיא ערשטע פיהרען אַ ריינעם מאָראַלישען לעבען, על פי רוב אין דאָרף, און זיינען גליקליך, דיא צווייטע האָבען כמעט אַלע א פינסטער׳ען סוף (לעווין — דער שיכור שטאַרבט אַוועק, אַננאַ — דיא אשת איש געהמט זיך דעם לעבען). נאָך איין זאך איז אינטערעסאַנט אין דעם ראָמאַן. קאָנסטאַנטין לעווין לעבט איבער דיא זעלביגע מאָראַלישע קריזים, וואָס טאָלסטאָי גופא און געפינט אַן אויסוועג פון זיין פלאָגענים אין אַ טהעטיגער אַרבייט אויפ׳ן שוים פון דער מוטער־נאַטור, אין דער ־אַליע פון א גוטהערציגען און מענשען־פריינדליכען לאַנדבעזיצער.

נאָכ׳ן ראָמאַן „אַננאַ קאַרעניגאַ“, וואס ווערט געהאַלטען פאַר אַ ציערונג אין דער וועלט־ליטעראַטור, הויבט זיך אָן אַ נייע פעריאָדע אין טאָלסטאָי׳ס ליטעראַרישער טהעטיגקייט. ער שרייבט על פי רוב אַרטיקלען, ביכער פאַר׳ן פאָלק און פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע טראַקטאַטען. צייטענווייס קעהרט ער זיך אום צו דער שיינער קונסט, צו ערצעהלונגען, אָבער זיי זיינען כמעט אַלע מיט אַ טענדענץ, ד. ה. דער

שרייבער בענוצט זיך מיט דער בעלעטריסטישער פאָרמע צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון זיינע געדאַנקען, פון זיין נייער וועלט-אַנשויאונג. אין די קונסט-ווערק, וואָס טאָלסטאָי האָט געשאַנקען דער וועלט פאַר די לעצטע 25 יאָהר, הערט זיך דער מאָראַל-פּרעדיגער, דער בעל-דרשן כמעט אַזוי שטאַרק, און צייטענווייס אפילו שטאַרקער, ווי דער קינסטלער, דער מאַלער פון טיפען און בילדער פון לעבען. צו דער דאָזיגער צייט פון טאָלסטאָי'ס טהעטיגקייט געהערען: די פאָלקס-דראַמא „די מאַכט פון דער פינסטערנים", דריי ערצעהלונגען: „איוואַן איליטש'עס טויט", „דער בעל הבית און דער אַרבייטער", „קרייצער סאָנאַטא", דער ראָמאַן „תחית המתים" און דער טראַקטאַט „וואָס איז קונסט?"

אין „קרייצער סאָנאַטא" האָט זיך טאָלסטאָי אַרויסגעוויזען פאַר אַ געגנער פון פאַמיליען-לעבען. דער העקר פון דער ערצעהלונג איז פּאָזדנישעוו, אַ רייכער און געבילדעטער פּריץ. אין די יונגע יאָהרען לעבט ער אַ גוטען טאָג, פערליערט די אונשולד און דערנאָך, ווען ער האָט חתונה מיט אַן אונשולדיגער מיידעל, מיינט ער, אַז זי האָלט אין זינען נאָר איין זאַך: ווי אַזוי איהם אָבצונאַרען. די פּאָאַר פּאָלק לעבט ווי אַ הונד מיט אַ קאַץ. מען קריעגט זיך, מען רייסט זיך אַרום כמעט פון דער ערשטער וואָך נאָך דער חתונה. דער לעצטער מאַנסביל, וואָס וועקט אויף אין פּאָזדנישעוו'ען אייפער-זוכט, איז אַ מוזיקער, מיט וועמען די פרוי זיינע האָט האָלט צו שפּיעלען זאַלבאַנאַנד—ער—אויפ'ן פידעל, זי אויף דער פּיאַנא. איין מאָל שפּעט אין אָבענד קומט פּאָזדנישעוו אַהיים און געפינט זיין פרוי צוזאַמען מיט'ן מוזיקער. ער וואַרפט זיך אַרויף אויף איהר ווי אַ ווילדע חיה און הרג'עט זי אוועק.

פּאָזדנישעוו זאָגט — און מיט זיין מויל רעדט דאָך טאָלסטאָי,—אַז אין דעם צרה'דיגען פאַמיליען-לעבען פון דער געבילדעטער קלאַסע איז שולדיג די ערציהונג. די יונגע לייט הולטייעווען פאַר דער חתונה, ווי פיעל זיי קענען נאָר אַריינכאַפּען. אַלע ווייסען דערפון און קיינער האַלט דאָס ניט פאַר מיאוס, אונמאָראַליש, ניט נאָרמאַל. אדרבא.

ווען א יונגער מאַן וויל פערבלייבען א פּרוש, מאַכט מען פון איהם א געלעבטער.

טאָלסטאָי זאָגט דאָ איינענטליך קיין נייעס ניט. דיא פראַגע, וואָס ער בעריהרט, איז א ברענענדיגע פראַגע. דער בעריהמטער נאָרוועגישער שרייבער ביערנסאָן רעדט וועגען דעם איז זיין דראַמע „דיא הענדשקע". דיא העלדין זאָגט זיך אָב חתונה צו האבען מיט איהר חתן, ווען זיא דערוויסט זיך, אַז ער האָט שוין געלעבט מיט אנאַנדער פרוי. וויא אזוי קען מען דאָ געהאָלפען ווערען? נאָר אויף איין וועג: יונג חתונה האָבען, ד. ה. אין דיא יאָהרען, ווען עס וועקען זיך אויף דיא געשלעכטליכע אינסטינקטען. אָבער ביי היינטיגע צייטען איז פאַר'ן מאַנספּארשוין גאָר אונמעגליך חתונה צו האָבען פאַר 28—30 יאָהר צוליעב דיא עקאָנאָמישע אומשטענדען. דיא פראַגע, צום אונגליק, בלייבט דאָרום ניט קיין פערענטפערטע.

אָבער טאָלסטאָי וויל דאָך פערענטפערן דיא פראַגע. זיין עצה איז נאָר אין גאַנצען ניט צו פערקעהרען מיט פרויען! א גוטען ביי־שפּיעל פון טאָלסטאָי'ס ארגומענטען קען געבען אזא מין געשפּרעך אין „קרייצער סאָנאַטא".

פּאָזדנישעוו זאָגט איינעם, אַז דער געשלעכטליכער פערקעהר איז געגען דיא נאַטור, און דאָרום מוז ער אָבגעשאַפט ווערען.

„וואָס רעדט איהר", ענטפערט איהם יענער: „דיא מענשהייט וואָלט דאָך דעמאָלט אונטערגעגאַנגען?

„און צו וואָס דאַרפט איהר האָבען דיא מענשהייט?" פרעגט פּאָזדנישעוו.

„וואָס הייסט צו וואָס? מיר וואָלטען דאָך דעמאָלט ניט געווען אויף דער וועלט.

„און צו וואָס דאַרפען מיר זיין אויף דער וועלט?

„וואָס הייסט צו וואָס? צו לעבען.

„צו וואָס דאַרפען מיר לעבען? שאָפּענהויער, גאַרטמאַן (דייטשע פילאָזאָפען) און אַלע בודהיסטען זאָגען, אַז דיא בעסטע זאַך איז פאַר'ן מענשען — ניט צו לעבען.... אי, וואָס מיט דער אָבשאַפונג פון געשלעכטליכען פערקעהר וועט זיך ענדיגען דיא וועלט, נו, וואָס איז

דער געוואַלד אַזוי גרויס? אַלץ איינס דאַרף זיך דאָך ווען עס איז ענדיגען דיא וועלט. אי דיא תורה זאָגט דאָס, אי דיא וויסענשאַפט. וואָס אַרט אייך, אַז דיא וועלט וועט זיך יעצט ענדיגען?...

טאָלסטאָי וויל על כל פנים נאָר ניט וויסען, אַז געשלעכטליכע ליעבע איז אַן איינגעבאָרענער אינסטינקט. אַזוי וויא הונגער איז דער אינסטינקט פון זעלבסט-ערהאַלטונג אין דער איינענער פּערזאָן, איז ליעבע דער אינסטינקט פון זעלבסט-ערהאַלטונג אין געשלעכט. אין אַ לעבעדיגען מענשען מוזען דיאביידע אינסטינקטען בעפריעדיגט ווערען, און ווען זיי ווערען נאָר האַלב בעפריעדיגט, ווערט דער אָרגאַניזמוס פערקריפּעלט.

אַ מערקווירדיג-שטאַרקע ערצעהלונג איז „איוואַן אילאַיטש'עס טויט". מען מעג אריינרעכענען צווישען טאָלסטאָי'ס גרעסטע ווערק. דאָרט ווערט איבערגעגעבען אין קינסטליכע רעאַליסטישע בילדער דער גייסטיגער צושטאַנד פון אַ געבילדעטען מענשען, וועל-כער האַלט ביים שטאַרבען, ביז דיא לעצטע מינוט, ווען דער טויט בעפרייט איהם פון זיינע שרעקליכע יסורים. אין דער ערצעהלונג ווערט אַרויסגעשטעלט דער עגאָאיזמוס פון דער געבילדעטער קלאַסע, און דער טיעפער געפיהל פון רחמנות צום צווייטען, צום קראַנקען, וואָס מען טרעפט אין פּראָסטע מענשען, אין רוסישען פאָלק. פון דיא אַלע מענשען, וועלכע געפינען זיך אַרום איוואַן אילאַיטש אין דער צייט פון זיין קראַנקהייט — זיין ווייב, זיינע קינדער, זיינע חברים, דיא דאָקטוירים, — האָט אויף איהם אין דער אמת'ען רחמנות נאָר איי-נער, און דאָס איז דער משרת פון הויז געראַסים, אַ מוזשיק, ניט לאַנג נעקומען פון דאָרף. טאָלסטאָי וויל דאָ בעווייזען דיא ריכטיג-קייט פון זיין בעהויפּטונג, אַז אין דעם ענין פון מאָראַל שטעהט דער דאָרף-מענש אַ סך העכער פון דעם שטאָדטישען מענש, וועלכער צאַפּעלט זיך אין אַ נעץ פון אייביגע ליגענס און ווערט אין איהם דערשטיקט.

דיא פאָלקס-דראַמע „דיא מאַכט פון דער פינסטערניס" איז איינע פון דיא גרעסטע דראַמאַטישע ווערק, וואָס מען קען געפינען אין דער וועלט-ליטעראַטור. דער גרעסטער קריטיקער געאָרג בראַנדעס

רעבענט, אז דאס איז טאָלסטאָי׳ס מייסטערווערק. איהר גרויסע בעדייטונג, זאגט דער קריטיקער, בעשטעהט אין דעם, דאס זי בע־ריהרט א גאנץ נייע וועלט — די וועלט פון דער אונוויסענדער רו־סישער מאסע. דער שרייבער מאכט דאָ אויך א פערזוך צו דרשנ׳ען זיינע בעליעבטע אידעען, און אין די ווערטער פון אלטען אקים הערט זיך טאָלסטאָי׳ס שנאה צום שטאדטישען לעבען און צו דער קולטור. מיט א זעלטענער קראפט ווערט אבגעמאלט אין דער דראַ־מאַ דאס לעבען פון דאָרף, די געוואלטיגע אונוויסענהייט פון די פויערים, זייערע אבערגלויבענס, זייערע פאָראורטהיילע. די מאכט פון פינסטערנים האלט אין איהרע אייזערנע לאפּעס מיליאנען לע־בעדיגע מענשען און דערביי געפינט זיך ניט קיין איין מענש, וואס זאל א ביסעל אבשוואכען די שרעקליכע מאכט. טאָלסטאָי וועקט אין אונז דעם געפיהל פון רחמנות און ליעבע צו די ארעמע פינסטערע נשמות און וויל אונז געבען צו פערשטעהן, אז די הייליגסטע פפליכט פון דער געבילדעטער קלאסע ליעגט אין פערשפּרייטען ביל־דונג אין דער מאסע. א קוואל פון הייסער ליעבע צו די פינסטערע, פערבלאָנזעטע נשמות שפּריצט פון יעדער שורה. דער סאָלדאט מיט־ריטש זאגט אין איין ארט: „איהר, פרויען פון דאָרף... ווער לערנט אייך? וואס זעהט איהר? וואס הערט איהר? מעהר ניט ווי פאַס־קודסטווע... ווי־זשע זאלט איהר אליין ניט ווערען אומריין?... מי־ליאנען אזעלכע ווי איהר האָט רוסלאנד. און אלע זייט איהר ווי בלינדע קראָטען, וואס לעבען אין דר׳ערד. איהר זעהט גאר ניט און הערט גאָר ניט. דער מוזשיק דערוויסט זיך נאך פון עפּיס — אין קאבאק, אין טורמע, אין סאָלדאטען. און די פרוי פון דאָרף? פויזעט ווי א בלינדער הינטעל... און ווער קען צו אייך וואס האָבען? ווער לערנט אייך? נאר דער מוזשיק, ווען ער איז שיכור, לערנט אייך מיט די לייצעס... אָט אין דעם בעשטעהט אייער גאנצע תורה...

א ביטערער אמת ליעגט אין די ווערטער פון אלטען מיטריטש און טאָלסטאָי האָט אבגעגעבען א גרויסען טהייל פון זיין לעבען אויפ־

צועפּענען דיא אויגען דיא „בלינדע הינטלעך“, אי מיט זיינע ביכלעך פאר׳ן פאָלק, אי מיט זיין טהעטיגקייט פון א פאָלקס-לעהרער אין זיין שולע פון יאסנאיא פּאָליאנא.

אין 1900 איז ארויס פון דרוק טאָלסטאָי׳ס לעצטער ראָמאן „תחית המתים“, וועלכער איז שפּעטער דראמאטיזירט געוואָרען (אויך אין אידיש אין אמעריקא). אין דעם געניאלען ווערק פון אלט-גראָען זקן איז צו בעוואונדערן דיא יוגענדליכע פרישקייט פון געפיהל, דיא מערקווירדיגע מאכט אָבצומאָלען לעבעדיגע מענשען, וויא זיי שטעהן און געהן, מיט אלע זייערע מעלות און חסרונות, תאוות און ליידענ־שאפטען. אזוי וויא אין זיינע פריהערדיגע ווערק שטעלט ארויס דער שרייבער דיא שרעקליכע פאלשקייט, וואס דרינגט דורך דיא האנד־לונגען פון קולטור-מענשען, דער עיקר פון דער הויכער געזעלשאפט. צום ערשטען מאָל אין דער רוסישער ליטעראטור געפינען מיר אין דעם ראָמאן א בעשרייבונג פון דעם לעבען פון פּאָליטישע פערברע־כער. מיט גרויס קונסט שטעלט פאר טאָלסטאָי דיא פערהאנדלונ־גען אין געריכט, בעשריבען מיט אלע פּיטשיוועקעס, מיט דער געוועג־ליכער פסיכאָלאָגישער פּינקטליכקייט פון דעם טיעפען קענער פון מענשליכען הארצען.

אין „תחית המתים“ ליעגט א שטארקע טענדענץ. דיא געגנער פון טאָלסטאָי—דעם מאָראליסט געפינען אין דעם ראָמאן א סך חסרונות. קודם כל געפעהלט זיי ניט, וואס דער העלד פירסט נעכליודאָוו ווארפט פון זיך אראב דיא לאסט פון דיא אלטעגליכע לעבענס-אינ־טערעסען און געהט טהאָן תשובה איבער א „קלייניגקייט“, פון וועל־כער קיינער קען זיך גאָר ניט בעהיטען היינטיגע צייטען; אויב אלען זאָלען נאָר טהאָן נעכליודאָוו׳ען, טענה׳ן זיי, וועט דיא וועלט קיין וועלט ניט זיין; און דורך דעם, וואס דער העלד איז א פארעווער בעל־תשובה, קומט ארויס זיין געשטאלט צו בלייך, צו טהעאָרעטיש, עפּיס גאָר ניט וויא קיין לעבעדיגע. חוץ דעם זעהען זיי ניט איין, פאר וואס טאָלסטאָי איז אזוי שטארק אין כעס אויף דיא פיינע געזעלשאפט, וועלכע ער ברענט וויא אויפ׳ן פייער מיט זיין סאטירישער פּען. דעם ־ריטען חסרון געפינען טאָלסטאָי׳ס געגנער אין דעם, וואס דיא העלדין,

א געוועזענע פּראָסטיטוטקע (א גאס־מיידעל), ווערט ארויסגעשטעלט מיט אן איידעלען כאראַקטער און איבערהויפט מיט מעהר ריינע און ווארעמע מענשליכע געפיהלען, וויא דיא פרויען פון דיא העכע קלאַסען. זיי ערקלערען, אז דעם שרייבער'ס מערקווירדיגע קונסט פון א בעלעטריסט האט א סך צו ליידען דורך דעם, וואס ער פלעגט אריין אין זיינע ווערק טהעארעטישע פראגען און וואס ער ניצט זיא אויסמיט'ן איינציגען צוועק צו פערשפרייטען זיינע רעליגיעזע און סאָציאלע אידעען.

אין דעם ראָמאן ווערט איבערגעגעבען, וויא אזוי א רייכער און געבילדעטער יונגער מאן מיט א פירסטליכען טיטעל איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, ד. ה. זיין נשמה האט זיך אויסגעלייטערט, איז ריין געוואָרען פון דעם גאנצען שמוץ, מיט וועלכען זיא איז געווען בעפלעקט אין דעם אלטעגליכען לעבען פון דער קולטורעלער געזעלשאפט. פירסט דמיטרי נעכליודאוו איז ניט ערגער פון דער גאנצער וועלט, און ווען ער פערפיהרט דיא אונשולדיגע קאטיושא מאסלאָווא, א יתומה, וועלכע האט זיך אויסגעהאדעוועט אין דאָרף ביי זיינע קרובים, טראַכט ער ניט בשעת מעשה פון דיא שרעקליכע אחריות, וואס ער נעהמט אויף זיין געוויסען. ער גיט דער פערפיהרטער מיידעל הונדערט רובעל און מיינט, אז ער איז דערמיט פּטור געוואָרען פון דער פעראַנטוואָרטליכקייט פאר דיא רעה, וואס ער האט געטאָן א לעבעדיגען מענשען. ער וויל זיך אָבקויפען מיט געלד. ער זעהט, אז אלע טהוען אזוי, און ער קען ניט זיין בעסער פון דיא איבעריגע. אָבער דער יום הדין איז נאָהענט. נעכליודאָוו'ען קומט א מאָל אויס צו זיין איינער פון דיא געשוואָרענע אין א פּראָצעס פון א פּראָסטיטוטקע, וואס ווערט בעשולדיגט אין דעם, אז זיא האט פערסמ'ט א סוחר, מיט וועמען זיא האט געהולטעוועט. אין דער פּראָסטיטוטקע דערקענט נעכליודאוו דיא פערפיהרטע קאטיושא, און דיא בעגעגעניס מאכט אויף איהם אזא טיעפען איינדרוק, דאס ער בעשליסט צו טהאָן תשובה און פערגלעטען זיין שווערע שולד געגען דער מיידעל. ווען זיא ווערט פערמשפּט צו פיער יאָהר קאטאָרזשנע ארבייט, פאהרט ער איהר נאָך אין סיביר, וואו ער האָט בדעה מיט איהר חתונה צו

האבען, אבער קאטושא נעהמט ניט אן זיין קרבן און האט חתונה מיט'ן פאליטישען פערברעכער סימאנסאן, וועמען זיא בעגעגענט אויפ'ן וועג קיין סיביר. נעכליודאוו קען אבער שוין מעהר ניט לעבען אזוי וויא ביז אהער, ד. ה. אין א נעץ פון אייביגע ליגענס. ער געפינט דיא בעדייטונג פון לעבען נאר אין ארבייט פאר'ן צווייטען, לטובת הכלל.

אין דעם ראמאן געהען פארביי פאר אונזערע אויגען אלע קלאסען פון דער רוסישער געזעלשאפט: גובערנאטארס, גענעראלען, פראקורארען, ריכטער, סענאטארען, טשינאווניקעס, פויערים, סאלדאטען, ארעסטאנטען, קאטארזשניקעס. יעדער איינציגער מיט זיינע כאראקטערציגע, מיט זיין אייגענער גייסטיגער וועלטעל, וואו דער גרויסער קינסטלער פערטיעפט זיך ביז'ן דעק. דער ראמאן האט אנגעמאכט א רושם אין דער גאנצער וועלט אין איז אין א קורצע צייט איבערזעצט געווארען כמעט אין אלע שפראכען.

אין זיין טראקטאט „וואס איז קונסט?" בעוויזט טאלסטאי, אז ער איז ניט קיין גרויסער חסיד פון דער שיינער קונסט. ער דריקט אוים דעם געדאנק, אז „וואס מעהר מיר גיבען זיך אב צו שיינקייט, געהען מיר אוועק אלץ ווייטער פון דעם אמת", און דארום האלט ער ניט שטארק פון דיא גרעסטע קינסטלער אין מאלעריי, מוזיק, ליטעראטור, וויא למשל: דאנטע, ראפאעל, גהעטע, שעקספיר, בעטהאווען. אויף דעם זעלביגען גרונד איז טאלסטאי קאפאבל אבצולייקענען דיא בעדייטונג פון זיינע ערשטע ווערק, ד. ה. פון דיא יעניגע, וואס ער האט אנגעשריעבען פאר דער קריזיס אין זיין גייסטיגען לעבען אין דיא זיעבעציגער יאהרען. ער רעכענט, אז דיא ווערק פון דער לעצטער פעריאדע פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט האבען א גרעסערע בעדייטונג פון דיא ערשטע, בלויז צוליעב דעם, וואס ער האט דורך זיי געפרעדיגט זיינע אידעען.

פון דיא וויכטיגסטע פאסירונגען אין טאלסטאי'ס לעבען פאר דיא לעצטע צייט קען מען דערמאנען דעם חרם אויף איהם און דעם 50־יעהריגען יובילעום פון זיין ליטעראַרישער טהעטיגקייט. דער חרם איז ארוס פון הייליגען סינאד דעם 20־טען פעברואר 1901. דער סינאד האט פערעפענטליכט אן ערקלערונג, אז אזוי וויא טאלסטאי

אנערקענט נים דיא לעהרע פון דער פראוואָסלאַוונער קירכע, בכן ווערט ער פון איהר פערשטויסען ביז וואנען ער וועט נים תשובה טהאָן.

דער יובילעום פון געניאלען שרייבער איז געפייערט געוואָרן אין 1902. פון דער גאנצער וועלט האָט ער געקראגען בעגריסונגס־דעפע־שען, וואו מען האָט איהם געוואונשען צו זיין געזונד און שטארק און קענען אויסנוצען זיין מעכטיגען טאלענט פאר דער זעלביגער וויכטיגער ארבייט, מיט וועלכער ער האָט 50 יאָהר כסדר געדיענט דער מענשהייט.

טאָלסטאָי'ס ווערק זיינען איבערזעצט כמעט אין אלע לעבעדיגע שפראכען. איבער דעם שרייבער גופא און זיינע ווערק זיינען אנגע־שריעבען ארטיקלען און ביכער, וואָס מען רעכענט אין דיא טויזענדער.